STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00158

# VI NEKHTN GESHEN

Yosl Cohen

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by J. Justin & Harriet R. Rothschild*
*in honor of*
*the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



# יאָסל קאָהן



ארויסגעגעבן פון

אַ גרופּע טרייד יוניאָן פירער

ניו-יאָרק

1953

# VI NECHTHEN GESHEN

## As It Happened Yesterday

*Copyright* 1953 *by*
YOSL COHEN
2950 Ocean Ave., Brooklyn 35, N. Y.

שער־בלאַט און צייכענונגען פון נאָטע קאָזלאָווסקי

הויפּט־פֿאַרקויף:

משה שמואל שקליאַרסקי

10 מאָנראָו סטריט, ניו־יאָרק 2, נ. י.

*Sole Distributor:*

MORRIS S. SKLARSKY

10 Monroe St., New York 2, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

***Printed in the U. S. A. by***

**SHULSINGER BROS. LINOTYPING AND PUBLISHING CO.**

**21 EAST 4TH STREET, NEW YORK, N. Y.**

253

## אַ דאַנק די טוער פון בוך־קאָמיטעט:

יוסף ברעסלאָוו, לואיס גאלאק און יוסף דאָרפמאַן
וועמענס איבערגעבנקייט האָט מעגלעך געמאַכט
די אַרויסגעבונג פון בוך.

## אַ באַזונדער דאַנק:

דוד דובינסקי, יעקב פּאָטאָפּסקי, לואיס האָלענדער, איזידאָר נאַגלער, לואיס סטאלבערג, גדליה רובין, ישראל האָראָוויץ, הענרי גרינבערג, בענדזשאַמין קאַפּלאַן, לואיס נעלסאָן, סאַשאַ זימערמאַן, חיים בעקער, נאַטאַניעל מינקאָף, הענרי שווארץ, לואיס בלאק און פיליפ לובלינער, פאַר זייער פריינטשאַפט און הילף וואָס זיי האָבן געגעבן פאַר דעם בוך.

דאָס בוך — אין אָנדענקונג פון מיינע פעטערס, מומעס און שוועסטער-קינדער: דבורה סאָפער, ישראל משה סאָפער און זיין משפחה.

מיישקע פּרוזשאַנסקי און זיין משפּחה.

חיה שרה פּרוזשאַנסקי און אירע צוויי טעכטער — פאַניע און שיינקע.

יענטע לעווין, איר מאַן יאַנקל און זייער משפּחה.

חייה פּרוזשאַנסקי און זון פייוול, די טאָכטער חנה און זייערע משפּחות.

יענטע און אשר האַלפּערן און זייער משפּחה.

אַלע זענען אומגעקומען דורך די היטלער-רוצחים, ימח שמם וזכרם!

אַלע קרינקער קדושים וטהורים, וועלכע זענען פּאַרטי-ליקט געוואָרן פון די רוצחים אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן, אין קרינקער געטאָ און אין די קאַלך-אויוונס.

די ווידמונג זאָל זיין ווי אַ נר תמיד פאַר זייערע נשמות



# ערשטער טייל

## די באָבע ריווע

# מיין באָבע ריווע

די באָבע ריווע האָט געהאַט אַלע תנועות, און אָנשטעלן פון אַ פּריץ׳טע, זי האָט אָבער נעבעך ניט געהאַט איבער וואָס צו פּריץ׳עווען.

אָפּגעשטאַמט האָט די באָבע פון פּוילן, נאָר דער וויסטער מזל פון אַ אידישער טאָכטער האָט איר פאַרוואָרפן אין טאַליקן ליטווישן שטעטל, וואָס איז געלעגן צווישן ביאַליסטאָק און גראָדנע.

דאָס דאָזיקע שטעטל קרינקי, וואָס האָט זיך מיט דער דרויסנדיקער וועלט פאַרבונדן דורך אָקס, האָט געהאַט אַלע אַטריבוטן פון אַנדערע שטעטלעך אין תחום פון צאַרישן רוסלאַנד: די שול, די בתי־מדרשים, עטלעכע חסידישע שטיבלעך פון ליטווישע רביים, אַ לעדער־פאַבריקאַציע וואָס איז פאַררעכנט געוואָרן די צווייטע אין גאַנץ רוסלאַנד, אַ יוגנט וואָס האָט זיך געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין און האָט גע׳חלומ׳ט פון אַראָפּוואַרפן די מנהגים און שטייגערס פון די זיידעס און טאַטעס און איינפירן אַ וועלט וואו עס זאָל געוועלטיקן פרייהייט, ברידערלעכקייט און יושר.

ווי אַ צוגאָב האָט דאָס שטעטל אויך געהאַט אירע לצים און באַרעדער. דעם אמת זאָגנדיק זיינען די דאָזיקע פאַרשוינען געווען דאָס לעבן און טרייב־קראַפט פון דעם ישוב. זיי האָבן שטענדיק געהאַלטן אין אינטערעס דאָס לעבן און האָבן שוין געזוכט וועגן ווי אַזוי אויפצוהאַלטן און כסדר אויפוועקן שפּאַנונג.

אַ שטעטל פון מתנגדים, איז יעדער אויסדרוק פון קאָכיקייט געווען פאַר־משפט ווי אַ חילול הקודש. אָבער ווייסע חברה׳ניקעס פלעגן יאָגן אין די גאַסן און דערגיין די יאָרן די „אומגליקלעכע" וועלכע זיינען פון פּוילן, נעבעך, צוליב פּרנסה אַריינגעפאַרן אין שטעטל. דאָס וואָס זיי האָבן זיך גע־דאַרפט שלעפּן מיטן אָקס איז נאָר געווען אַ קליינע אָפּקומעניש, אין פאַרגלייך צו די פּיינען וואָס די גרויסע, אויף אַ שטילן אָפּלאָכערישן שטייגער, און די קלייוואַרג אויף אַן אָפּענעם שטייגער, האָבן פאַרשאַפט די אידן מיט די לאַנגע בעקעשעס, קליינינקע גלות־היטלעך און צעצויגענעם זינגנדיקן לשון.

די סוחרים, וואָס פלעגן אָנקומען אַזש פון וואַרשע איינצוקויפן לעדער, זיינען איבערגעקומען זייערע עטלעכע פּיין־טעג און זיינען צוריקגעפאָרן צו די זייעריקע — וויט אַוועק פון די ווילדע ליטווישע וויס־חברה׳ניקעס. ביטער איז נאָר געווען די, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט באַזעצן צוליב פּרנסה אָדער צוליב דעם וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט מיט אַ שטעטלשן. אָט דער אומגליק איז נאָר געווען באַשערט מיידלעך פון פרעמדע און ווייטע מקומות.

וועלכע האָבן געטאָן שידוכים מיט קרינקער און זיינען זיך געקומען באַזעצן מיט זייערע מענער און לעבן דאָרט ווי כשרע אידישע טעכטער, געבוירן קינדער וואָס וועלן זיך אויפהאָדעווען ווי מתנגדים, און שפּעטער אפשר זיין ווייסע־חברה׳ניקעס, וועלכע וועלן אָנטאָן צרות אידן וואָס רעדן צעצויגן מיטן „חיריק״ און „חולם״.

אין אָט דעם שטעטל איז אַריינגעפאַלן די באָבע ריווע גלייך פון איר אידיש־פּוילישער סביבה. ניט אויסגעמיטן האָט איר דער מאָנער פון די שטעטלדיקע און זי איז אַ צייט געווען אַ ציל פאַר אַלע סאָרטן אָפּלאַכע־רישקייטן. ניט נאָר איר לשון, נאָר אויך דער משונה׳דיקער קאָנטראַסט אין וואוקס צווישן איר און דעם זיידן חיים־אשר, האָט געגעבן גענוג שפּיז די קליינשטעטלדיקע לצים און אָפּלאַכער. זי איז געווען אַ הויכע און דאַרע, האָט מען איר שטילערהייט גערופן — „שבת הגדול״. אין קאָנטראַסט איז דער זיידע געווען אַ קליין־געוויקסיקער, און כדי בולט׳ער אונטערצושטרייכן די אַנדערשדיקייט, האָט מען אים באַטיטלט — „קורץ פרייטיק״.

דער באָבען האָט פון אָנהויב קיין סך ניט געאַרט וואָס די שטעטלשע לאָזן זיך וואוילגיין אויף איר חשבון. פאַרקערט, עס האָט גאָר ביי איר אַרויסגע־רופן טראַציקייט און איינגעשפּאַרטקייט אָנצוהאַלטן איר אַנדערשקייט.

מיט עקשנות פלעגט זי זיך קלאַמערן אין איר אידיש־פּוילישן דיאַלעקט און אפילו אַ סך — גאָר אַ סך יאָרן שפּעטער, שוין פאַר מיין געדע־כעניש, פלעגט זי נאָך מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט שטאַרקער און לענגער צעציען דעם „ני, וואוס זאָגסטי״ און פלעגט מיך מכבד זיין פרייטיק מיט אַ שטיקל פון אַ בולבענעם „קיגל״.

פון וועלכע פּוילישע מקומות זי שטאַמט, איז מיר ניט באַוויזן גע־וואָרן אויסצוגעפינען ביז היינט צו טאָג. איך האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל ווען איך בין געווען נאָך גאָר יונג. פון מיין מאַמען ע״ה האָב איך קיינמאָל ניט געזוכט זיך צו דערקונדיקן דעם אָפּשטאַם פון דער באָבע ריווע, און אַזוי איז איר געבורט־אָרט טאַקע דאָ ניט קיין פאַרצייכנטער.

איר געשטאַלט, ניט נאָר שייך איר פיזישן אויסזען, איז אפשר געווען דער מערקווירדיקסטער פון אַ אידישער טאָכטער אין יענע פאַרצייטיקע יאָרן. זי איז געווען אַ פרוי מיט אַ זעלבסטשטענדיקן און אייגענעם באַנעם פון זאַכן און געשעענישן. זי האָט אַזוי גיך זיך ניט אונטערגעגעבן. כל־זמן זי האָט געגלויבט, אַז זי איז גערעכט איז שווער געווען איר איבערעדן. ווען זי האָט זיך איינגעשפּאַרט האָט זי אירס געמוזט אויספירן אפילו ווען עס איז געווען אַ סכנה פאַר איר, און פאַר אירע אייגענע.

די מערקווירדיקע באָבע ריווע!

איך בין אפשר אַלט געווען זעקס יאָר, ווען איך האָב זיך צוגעהערט צו

דער מעשה, וואָס דער זיידע חיים־אַשר האָט דערציילט, וועגן שידוך וואָס מען האָט געמאַכט צווישן אים און דער באָבען.

דער זיידע, — אַ סלאָנימער חסיד. האָט אויסגעגעבן אַ טאָכטער, און ווי דער מנהג ביי חסידים, האָט מען געפּראַוועט די שבע־ברכות מיט גרויסע סעודות. ביי לאַנגע הילצערנע טישן זיינען געזעסן חסידים פון סלאָנימער שטיבל, מען האָט געטרונקען און זיך אויך משמח געווען מיט מעשיות און מופתים פון רבי׳ן. מען האָט מבטל געווען די רביים פון אַנדערע דינאַס־טיעס און שעה׳ן כסדר זיינען אָנגעגאַנגען שפּאַרעונישן און התלהבות׳ן. דעם זיידנס משפחה — אַלע סלאָנימער חסידים און תקיפים, די רייכסטע אין שטעטל, האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן זיידן ער זאָל דערציילן פון שידוך מיט זיין „פּוילישער" ווייב.

עס האָט זיך אַנטפּלעקט איינע פון די אויסטערלישע געשיכטעס, און אַלע זיינען געזעסן פאַרגאַפט און אין שטילקייט אויפגענומען דעם זיידנס תמימות׳דיקע רייד, און דערהויבן איז געוואָרן די געשטאַלט פון דער באָבען. זי איז אויסגעוואָקסן איבער די געסט, די שטעטלדיקע און דער גאַנצער סביבה.

דעם זיידנס פאָטער, יאָסל, איז געקומען קיין קריניק פון דעם דאָרף טשערעזבוג, וואָס די שטעטלשע אידן האָבן פאַרגרייזט אויף „טשערעבוך". ער איז געווען אַ איד אַ סוחר. געהאַנדלט מיט וואַלד און מאַנופאַקטור. און איז אַרומגעפאָרן איבער דער גרויס פון גאַנצן תחום המושב, וואָלין, ראַסין און פּוילן.

אין אַ פּוילישן שטעטל האָט ער זיך באַפריינדעט און איינגעלעבט מיט אַ קרעטשמאַר און איז דאָרטן געוואָרן אַ בן־בית. דער קרעטשמאַר האָט געהאַט אַ שטוב מיט קינדער און פינף דערוואַקסענע טעכטער.

יאָסל „טשערעבוך" איז געווען אַ פייערדיקער איד, און אַ שבת נאָכן טשאָ־לענט, נאָך עטלעכע ביסלעך בראָנפען, האָבן ביידע אידן — יאָסל טשערע־בוך און משה דער שענקער, זיך דעררעדט צו פאַרשטאַרקן זייער פריינט־שאַפט דורך משדך זיין זיך.

— איך, האָט יאָסל געזאָגט, האָב אַ בחור׳ל וואָס זיצט און לערנט. אַ בחור — א איש תם וישר. ווייסט ניט קיין צורת מטבע; דו האָסט שיינע טעכטער; דיין טאָכטער ריווע איז שוין ראוי לחופּה — לאָמיר ווערן מחותנים.

מען האָט זיך געגעבן אַ תקיעת־כף. נאָך הבדלה האָט מען געשלאָסן תנאים און באַשטימט דעם חתונה־טאָג וואָס וועט דאַרפן, ווי דער מנהג איז געווען, פאָרקומען אין דער כלה׳ס שטעטל.

יום־טוב צו איז יאָסל צוריקגעקומען פון זיין נסיעה. ער האָט צו־

גערופן חיים־אַשר'ן, און אים מודיע געווען, אַז ער איז מיט מזל אַ חתן. אייגע־נע האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך גרייטן צו דער חתונה.

עטלעכע וואָכן פאַר דער חתונה זײַנען אַרויסגעפאָרן פון קריניק פורן מיט די נאָענטסטע מחותנים. די וועגן זײַנען געווען שלעכטע און עס האָט גע־דאַרפט נעמען אַ סך צייט ביז מען וועט אָנקומען אין פוילישן שטעטל אַרײַן.

דער חתונה־טאָג. אין דער כלה'ס שטוב האָט מען זיך געגרייט פאַר די מחותנים. פון די „ליטוואַקעס" איז אָבער ניט געווען קיין סימן. זיי האָבן געבלאָנדזשעט. די נאַכט פאַלט־צו און פון די „ליטוואַקעס" — ניט מען הערט און ניט מען זעט. ביי דער כלה אין שטוב איז געווען חורבן. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אָנגעזאָגט די בשורה — זיי זײַנען געקומען.

די פּוילישע זײַנען אַרויס מקבל פּנים זײַן די מחותנים.

די כלה האָט געברענט פון נייגער: ווי אַזוי זעט אויס איר באַשערטער? איז ער הויך? איז ער שיין? איז ער אַ אידישער בחור וואָס זעט אויס ווי דעם פּריץ'ס זון, וואָס קומט אין שענק אַרײַן אָנגעטאָן מיט געלע שטיוועלעך און אַ בייטשל אין האַנט?

ריווע איז געווען אַ פּאַרשוין. אַ הויכע, אַ גלייכע, ברוינע האָר און רוישיקע אויגן. איר באַשערטער איז זיכער אַזאַ, ווערמען זי פּלעגט זען פאַר אירע אויגן. ער איז געוויס געראָטן אין זײַן טאַטן יאָסל — אַ שטאַרקער, אַ הויכער, אַ ברייט־ביינערדיקער מיט אַ געדיכט בלאָנד באָרד.

די נייגעריקייט האָט זי נישט געלאָזט רוען. זי האָט שטילערהייט אונטער־געשיקט אַ שוועסטער זאָל דורכן פענצטער אַרײַנקוקן צו די מאַנסבילן און זען ווי דער חתן זעט אויס.

צי די שוועסטער האָט דערקענט ווער עס איז דער חתן צווישן די אַלע פרעמדע פּאַרשוינען, איז אַ סוד; דער כלה אָבער האָט זי איבערגעגעבן אַז ער איז אַ פּאַרשוין.

ווען ריווע האָט דערזען צום „באַדעקן" דעם אויסזען פון חתן, איז איר ניט גוט געוואָרן. מען גרייט זיך פירען צו דער חופּה — די כלה אָבער זאָגט זיך אָפּ צו גיין. זי וויל זיך ניט רירן פון אָרט. עס ווערט אַ טומל, מען שטייט צו איר צו. איר טענה: „נאַין, נאַין, פאַר אַזאַ קלאַיינס וועל איך ניט גאַין".

עס האָבן איר ניט געררט די שטראָף־רייד. זי איז געבליבן איינגע־שפּאַרט. איר פאָטערס רבי האָט איר געדראָט מיט אַלע שטראָפן פון גיהנום; די מאַמע האָט גע'חלש'ט, דער טאַטע האָט געשריען און זיך געבייזערט, די שוועסטער האָבן געוויינט און די „ליטוואַקעס" זײַנען געשטאַנען פאַרלאָרן און אומבאַהאָלפן.

— פאַרוואָס ווילסטו מיט אים ניט גיין צו דער חופּה? — האָט געפרעגט דער רבי. אַ אידישע טאָכטער טאָר ניט מבייש זײַן אַ אידישן בחור. אַ שידוך; אַ תקיעת־כף.

ביטער און שווער איז דער גורל פון אַ אידישער טאָכטער.

— רבי, האָט זי געזאָגט, ווי אַזוי קען איך חתונה האָבן מיט אַזאַ „קלאַינס״? די קינדער וועלן דאָך אויסזען ווי ער!

דער רבי האָט איר געבענטשט: „ניט דיינע קינדער און דיינע קינדס־קינדער וועלן אויסזען ווי ער״. זי האָט זיך אונטערגעגעבן. די ברכה האָט געבראָכן איר עקשנות. אויסגערונען איז דער חלום. זי איז געגאַנגען צו דער חופה, און נאָך שבע ברכות אויף דער פור מיט די פרעמדע אידן, אַוועק פון טאַטע־מאַמע, פון שוועסטער, ברידער, פון פריינט, קרובים און חבר׳טעס, פון דער יוגנט, און טאַטנס שטוב און די זמירות זיינע. אַוועק פאַרוואָגלען זיך אין דער פרעמד, צווישן אידן מיט מאָדנע אויפפירונגען, מיט אַ מאָדנעם, האַרבן לשון. אַוועק מיטן רבינ׳ס ברכה צו דעם דאָזיקן „קלאַינס״. וועט די ברכה מקוים ווערן?





די באָבע ריווע

# אַ פרעמדע אין שטעטל

געבראַכט האָט די באָבע ריווע אין שטעטל ניט נאָר דעם רבינ׳ס ברכה, נאָר אויך איר אידיש־פּוילישן דיאַלעקט. קיינמאָל האָט זי ניט באַנומען דעם וואונדערלעכן טעם פון איר לשון, ווי ערשט דאָרטן אין טאָליקן ליטווישן שטעטל. ערשט דאָרטן האָט עס פאַר איר אַנגענומען אַ וויכטיקן באַדייט.

דורכן פאַרצויגענעם אידיש־פּוילישן דיאַלעקט, האָט זי זיך געקענט האַלטן פאַרבונדן מיט איר הויזגעזינט, מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, מיט די ברידער, שוועסטער, מיט דער שטוב און מיט אַלע חלומות.

דאָס אידיש־פּוילישע לשון האָט גערייצט אין איר ווידערשטאַנד צום נייעם שטעטל, צו די אידן דאָרטן, צום „קלאַינס״ וואָס איז געוואָרן איר מאַן״.

וואָס שטאַרקער עס איז געווען דער אָפּלאָך צו איר לשון־מאַניער, אַלץ שטאַרקער און פאַרביסענער האָט זי זיך אין אים אַנגעהאַלטן. מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן פלעגט זי אים דעמאָנסטרירן פאַר די שטעטלדיקע.

זי פלעגט מיט אַ כיוון קומען אין יאַטקע ווען עס איז דאָרטן געווען איבערפּאַקט מיט ווייבער, און אויף אַ געלאַסענעם, נאָר שטאַרק צעצויגענעם אופן, פלעגט זי באַשטעלן דאָס „פינט פלאַיש״, אָדער זיך הייסן געבן אַ „לינג״. די ווייבער פלעגן זיך איבערווינקען, שטיל לאַכן און קוקן אויף איר ווי אַ ווילדע, וועלכע איז פאַרשלעפּט געוואָרן אַהער פון ווייטע, ניט דאַ־געדאַכט, מקומות.

דאָס איבערווינקען און דער געלעכטער פלעגט איר שטאָלצער מאַכן. זי פלעגט די ווייבער קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. מיט אַ צוגעוואָרפענעם „גיטן טונג״, פלעגט זי נאָכדעם מיטן קאָשיקל אין האַנט דורכגיין די גאַסן צום שטוב אַ באַפרידיקטע מיט דעם וואָס זי איז אַנדערש; זי איז דאָ אַן איינציקע וואָס איז אויסגעטיילט צו באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט.

די באָבע האָט געוואָלדיק געוואָלט זיין אַנדערש: זי האָט געוואָלט לאָזן פילן און וויסן אַז זי איז אַנדערש און גייט איר באַזונדערן וועג.

זי האָט ליב געהאַט אַרויפדריקן ווירקונג אויפן אַרום און באַהערשן אַלע־מען סיי מיט איר גלייכער פיגור און אויך מיט איר אַנדערש רעדן.

דעם דרויסן האָט זי געדולדעט; אין שטוב אָבער האָט זי מיט זיך אָנ־געפילט יעדן ווינקל, און אַלע טאָוונגען האָט זי אַריינגענומען אין אירע הענט. דער זיידע איז נאָר געווען דער „קלאַינס״. ער איז נישט געווען קיין ממשות־דיקע זאַך, נאָר אַן עפּעס, וואָס דעם רבינ׳ס ברכה האָט צו איר צוגעטשעפּעט. אָט די ברכה האָט ביי איר געשאַפן אַ מאַרטירער־קאָמפּלעקס. זי האָט גע־

האַלטן, אַז איר איז באַשערט אָפּצוקומען צוליב דער ברכה; די ברכה לעבט אין איר און גיט איר האָפענונגען אויף שפּעטער, סיי אין געשטאַלט פון אירע קינדער און קינדס־קינדער, און סיי אין חלק עולם־הבא וואָס וועט צוגע־טיילט ווערן פאַר איר אָפּקומעניש מיט אַזאַ מאַן, אין אַזאַ שטעטל, מיט אַזעלכע אידן, פאַריאָגט, פאַרוואָגלט און פאַרוואָרפן פון טאַטע־מאַמע און נאָענטע.

ריוועס לעבן איז געוואָרן די ברכה. מיט גרויס ציטערניש האָט זי געהיט ווי עס וואַקסט איר ערשטע קינד. וואָס וועט זיין אַז די ברכה וועט ניט מקוים ווערן, און דאָס אינגל פּרץ וועט זיין גערעאָטן אין טאַטן?

די צייט איז זיך געגאַנגען מיט איר שטייגער, און איין טאָג האָט זי דער־זען ווי דאָס אינגל האָט שוין איבערגעוואָקסן דעם טאַטן. עס איז טאַקע מקוים געוואָרן די ברכה.

מיט אַמאָל האָט ריווע דערפילט, אַז דאָ איז זי פאַרוואָרצלט געוואָרן. אַלע זיינען אירע אייגענע: דאָס שטעטל, די מענטשן און אויך דאָס לשון. אויף דעם לשון רעדט איר זון — אין אים איז דאָך געקומען דער אויסדרוק פון דער ברכה; דורך אים איז באַוויזן געוואָרן אַ נייע אויפלעבונג פון האָפענונגען און חלומות. דאָס אינגל רעדט ניט ווי זי; ווילד און מאָדנע קלינגט פאַר אים די אַנדערשקייט פון דער מאַמעס רייד און פרעמד פאַר אים איז איר רוף ווען זי זאָגט אים — „קים אַ העיר". צו רעדן ווי דער זון וועט געשאַפן ווערן אַ שטאַרקע נאָענטקייט. אויב ניט וועט ער דאָך זיין אינגאַנצן דעם טאַטנס. פאַרן אינגל זיינען נאָענט דעם טאַטנס אויפפירונג, שטייגער און לשון־מאַנער.

ריווע הויבט זיך אָן נענטער צוהערן צו די קלאַנגען פון אידיש־ליטווישן דיאַלעקט. זוכט זיך צו מאַכן מער פאַרשטענדלעך פאַר איר זון און פאַר די אַנדערע קינדער וואָס זיינען געקומען יאָר נאָך יאָר.

זי הויבט זיך אָן אָפּפרעמדן און פאַרוואָרפן די צעצויגנקייט פון איר לשון. זי געוואוינט זיך צו זאָגן „פלייש", „קום", „אַהער". נאָר אין טעג ווען די איינזאַמקייט און דער צער צו זיך פלעגט איר באַפאַלן, פלעגט זי זיך אויס־ציען מיט די קליידער אויפן בעט, קוקן צו דער סטעליע אַרויף און זיך דורכריידן אויף אידיש־פוילישן דיאַלעקט מיט אירע יונגע יאָרן, מיט איר שטעטל, מיט טאַטע־מאַמע און אַלע נאָענטע.

געווען צייטן ווען זי פלעגט פאַרגיין אין געוויין פון בענקשאַפט און ווי אויף איר לעבן און גורל, אויף דער בייזער אָפּגעפרעמדטקייט פון אַלע וואָס זיינען איר געווען נאָענט און אייגן, און איר געצערטלט.

דער עול פון לעבן, דער רעש אַרום די קינדער, האָבן איינגעשטילט אַביסל איר בענקשאַפט.

זי האָט מיט אַמאָל דערזען, אַז אויב זי וועט ניט האַלטן יעדע זאַך און יעדע קלייניקייט פאַר איר אויג, וועט אַלץ צעשטויבט ווערן.

אויפן מאָן, האָט ריווע געזען, קען זי זיך ניט פאַרלאָזן. די פינף יאָר קעסט, וואָס דעם מאנס פאָטער, יאָסל „טשערעבוך", האָט געגעבן דאָס יונגע פּאָרפאָלק, האָט זיך שוין געענדיקט. און צוגעקומען זיינען שוין נאָך דריי נפשות.

חיים־אָשר האָט אויף זיך ניט געקענט אַרויפציִען קיין עול. ער האָט ניט געוואוסט מיט וואָס ער קען זיך פּאַרנעמען, כדי מפרנס זיין די אַלע נפשות.

זיין פאָטער יאָסל איז שוין עלטער געוואָרן און האָט מער ניט געוואָלט רייזען. ער האָט באַגרענעצט זיין האַנדל פאַרן אַרומיקן געגנט. אין זיינע הענט האָט ער אַריינגענומען דעם גאַנצן האַנדל פון „דוב". דאָס איז געווען אַן אַרטיקל וואָס פלעגט קומען פון דער קאָרע (די הויט פון בוימער). מען פלעגט די קאָרע טריקענען און שפּעטער צעשטויסן און עס פאַרקויפן צו די לעדער־פאַבריקאַנטן.

די דאָזיקע צעשטויסענע קאָרע, וואָס האָט געהייסן „דוב", איז געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער אויסאַרבעטונג פון לעדער, ספּעציעל אין די נאַסע גאַרבאַרניעס. יאָסל האָט אויך אין זיין קאָנטראָל אַריינגענומען די „קאַראַבקע" פון שטעטל.

יאָסל איז עלטער געוואָרן, אַ אינגערער זון, ישראל־טוביה, האָט גענומען פירן די געשעפטן. ישראל־טוביה איז געווען אינגאַנצן אַנדערש, סיי אין אויסזען, סיי אין באַנעמען עסקים פון לעבן, פון זיין עלטערן ברודער חיים־אשר.

יאָסל טשערעבוך האָט אינגאַנצן זיך אָנגעהויבן פאַרלאָזן אויפן אינגערן זון, ער אַליין האָט זיך שוין גענומען אָפּגעבן מיט טובת־הכלל.

יאָסל פלעגט זיך שטאַרק מישן אין שטעטלשע ענינים און האָט פאַר זיין געלט אויסגעבויט אַ בית־המדרש, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס דער „קאַווקאַזער בית־המדרש". דעם נאָמען האָט די בית־תפילה געקראָגן צוליב דעם געגנט, אָדער טייל שטאָט וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „קאַווקאַז", ווייל אַמאָל האָבן דאָרט געוואוינט די „שטאַרקע יונגען" פון שטעטל. אַ באַנדע — באַקאַנט אַלס די „אחים".

אין דעם בית־המדרש איז יאָסל געוואָרן דער גבאי. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט צדקה, און אורחים וואָס פלעגן אויף זייער וועג זיך דאַרפן אָפּשטעלן אין קריניק, האָבן שוין געוואוסט, אַז אויב זיי וועלן קומען אין „קאַווקאַזער בית־המדרש" וועט אַלץ פאַר זיי באַזאָרגט ווערן, וואָס שייך אַ נאַכטלעגער און אַ מאָלצייט.

כל זמן יאָסל האָט געלעבט, האָט ער באַזאָרגט חיים־אָשר'ן און זיין הויזגעזינד. חיים־אָשר איז טאַקע געזעסן אין טאָטנס בית־המדרש און האָט געלערנט. אין יענער צייט איז אויך די ישיבה געווען אין יענעם בית־המדרש, און חיים־אשר פלעגט לערנען מיט די ישיבה־בחורים.

גאָר רחבות׳דיק, ווייזט אויס, האָט חיים־אָשר׳ס משפחה קיינמאָל ניט געלעבט.

חיים־אשר איז געווען אַ איד וואָס אים האָט ניט געאַרט די אַלע עולם־הזה־דיקע זאַכן. ער פלעגט זיך באַציִען פרעמד צום גלוסט רייך ווערן און האָט געקוקט מיט ביטול אויפן אײנגערן ברודער ישראל־טוביה פאַר זיין אַריינטאָן זיך אין עולם־הזה.

ער האָט געהאַט זיין אייגענע פילאָזאָפיע וועגן לעבן. ווי אַלע טיף־פרומע מענטשן, האָט ער די וועלט באַטראַכט ניט מער ווי אַ פיר־הויז וואָס אַ מענטש דאַרף דורכגיין, כדי אַנצוקומען אויף יענער וועלט. די עובדה פון אַ מענטש — אַ אידן, האָט ער געזאָגט — איז אָנקלייבן וואָס מער מצוות, כדי ער זאָל זוכה זיין צו זיין חלק עולם־הבא.

ער האָט בפועל ממש ניט געוואוסט וואָס אַזוינס עס איז געלט.

ווי איך געדענק אים פלעגט ער אויף די עלטערע יאָרן, האָבן די גרעסטע הנאה ווינטער זיך וואַרעמען ביים אויוון פון זיין אידים דאַדיע דער בעקער. זיין גאַנצע פילאָזאָפיע ווערט קלאָרער פון אָט דעם באַנעם זיינעם: די רייכסטע אין שטעטל, אַלע פאַבריקאַנטן און אויך סוחרים זיינען געווען פון זיין משפחה. נחום־אַנשל קינישינסקי, דער גרעסטער לעדער־פאַבריקאַנט פון קריניק, איז געווען זיינס אַ שוועסטער־קינד פון דער ווייב׳ס צד. נחום־אַנשל׳ס ווייב, ראָשקע, איז געווען חיים־אשר׳ס אַ לייבלעך שוועסטער־קינד.

דער באָבע ריווען האָט געאַרט זייער שטאַרק ניט נאָר די אָרימקייט, נאָר איר מאַנ׳ס גלייכגילטיקייט צום לעבן און פאַרלאַנג צו באַזאָרגן זיין משפחה אפילו מיט אַ מינימום, און זי פלעגט אים שטענדיק זוכן צו פאַרגלייכן מיט די רייכע קרובים, כדי שטאַרקער אונטערשטרייכן אַז ער איז אַ לא־יוצלח.

— גיב אַ קוק אויף נחום־אַנשלען פלעגט ריווע מיט ביטערקייט אים מוסר׳ן. פון איין משפחה, בלוט און פלייש; ער אַ גביר, אַ תקיף, און דו קענסט אַפילו ניט מפרנס זיין די משפחה.

חיים־אשר האָט זיך קיינמאָל ניט אויפגערעגט. ער האָט זיך ניט געהיצט, נאָר אויף זיין גלאַטן שטייגער פלעגט ער פּרובירן איר געבן צו פאַרשטיין דעם הבל־הבלים פון מענטשלעכער תקיפות.

אַז זי פלעגט זיך שוין האָבן אָפּגעקילט און האָט שוין געהאַט אויסגעלאָדן אַלע אירע טענות, פלעגט חיים אשר רואיק דערקלערן: „וואָס פאַר אַ ווערט האָט די רייכקייט פון אַ מענטשן? דער נעכטן איז דאָך שוין אַוועק; איז וואָס איז דער חילוק? האָט דער מענטש געגעסן בעסער, אָבער עס איז שוין אַוועק; היינט? נו, מילא, עסט נחום־אנשל אַ שטיקל פלייש און איך נאָר טרוקן ברויט, אָבער לעבן, לעבן מירביידע; מאָרגן, זעסטו אָט דאָס איז וויכטיק, דעם מאָרגן ווייסט קיינער ניט, ניט איך און ניט ער. דער מאָרגן איז אין גאָט׳ס

הענט, און אים דאַרפן מיר בעטן און צו אים דאַרפן מיר טראָגן אונזערע האָפענונגען פאַרן מאָרגן״.

װען חיים אשר׳ס טאַטע יאָסל האָט געלעבט האָט ער ביי אים ניט געמאָנט, און אים האָט ניט געאַרט װאָס זיין איינגערער ברודער ישראל טוביה האָט דעם טאַטנס אַלע עסקים אַריינגענומען אונטער זיין השגחה.

דער באָבען האָט עס געברענט װי פייער. זי פלעגט קומען מאָנען ביים שװער, און ער, יאָסל, פלעגט איר מבטל מאַכן. אין חיים־אשר׳ס הענט האָט ער ניט געװאָלט איבערלאָזן די אָנפירונג פון זיינע געשעפטן. ער האָט איר נאָר פאַרזיכערט אַז איבער הונדערט און צװאָנציק יאָר װעט חיים אשר ניט באַ־עװלה׳ט װערן. ער װעט קריגן זיין חלק ירושה.

חיים אשר׳ן איז אָבער ניט באַשערט געװען צו װערן אַ יורש. זיין פאָטער איז געשטאָרבן פלוצים ביים דאַװענען פון אַן אַפּאָפּלעקציע. דער בעל־הבית איבער דער ירושה איז געװאָרן ישראל־טוביה.

# דער זיידע ווערט אַ שמש

יאָסל טשערעבוכ׳ס פלוצלומ׳דיקער טויט האָט פאַר׳יתומ׳ט אַלע זיינע קינדער. די ירושה אָבער איז געבליבן נאָר ביי ישראל טוביה׳ן אין די הענט.

אַחוץ דעם זיידן חיים־אשר און ישראל־טוביה׳ן, האָט יאָסל געהאַט נאָך אַ זון און אַ טאָכטער. דער טאָכטער׳ס מאַן, איז געווען אַ לעדער פאַברי־קאַנט און האָט געמוזט, צוליב פאַרשידענע טעמים, עוקר זיין קיין אַמעריקע. איין זון ברוך מאיר, האָט פאַררייזט קיין וואָלין, האָט דאָרטן חתונה געהאַט און מען האָט פון אים ניט געהערט ביז ער איז, ארום צוואַנציק יאָר שפּעטער, אַריבערגעקומען קיין קריניק, צו שאַפן נדן פאַר אַ טאָכטער.

חיים אשר׳ן האָט ניט געאַרט וואָס די גאַנצע ירושה איז געבליבן ביים ברודער, ניט ער האָט געקעמפט פאַר דעם, און ניט ער האָט געטראָגן אַ כעס אויף אים. דער באָבען האָט עס אָבער רוען ניט געלאָזט. זי האָט געשלעפּט ישראל טוביה׳ן צום רב, און האָט זיך געהאַלטן אין איין משפט׳ן מיט אים.

קיין סך האָט די באָבע ריווע ניט אויסגעפירט. דערגרייכט אָבער האָט זי איינצופלאַנצן שנאה צו ישראל טוביה׳ס גאַנצע משפחה. מיט דער ירושה האָט זי זיי אויך באַזאָרגט זיי זאָלן ירש׳ענען דעם צונאָמען „טשערעבוך״. און אויסריידן און פאַרבינדן פלעגט מען דעם צונאָמען מיט אַפלאַך און שנאה. דער צונאָמען איז געוואָרן אַ סינאָנים פון רשעות. אויף שטענדיק זיינען ישראל טוביה׳ס אָפּשטאַמלער געבליבן די „טשערעבוכעס״.

נאָך יאָסל טשערעבוכ׳ס טויט, איז די נויט געוואָרן שאַרפער. דער זיידע חיים אשר איז געוואָרן אַ גמרא מלמד. ביי אים האָבן געלערנט אַלע חתן־בחורים. קיין פרנסה ווייזט אויס האָט ער פון דעם ניט געצויגן. ער האָט זיך נאָר אָפּגעבן מיטן לימוד. די באָבע פלעגט מוזן אַליין גיין איינמאָנען דעם שכר־לימוד, און זי האָט זייער ווינציק אַרויסגעקראָגן. דער סוף איז געווען אַז זי האָט זיך אויפן זיידן אָנגעזעצט ער זאָל אויפגעבן די מלמדות און זיך נעמען צו אַן אַנדער פרנסה.

דער תמימות׳דיקער זיידע חיים־אשר. צו וואָס האָט ער זיך געקענט נעמען?

ער האָט ניט געטויגט, און ניט געווען צוגעפּאַסט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ מלאכה. ער האָט בשום אופן ניט געהאַט קיין באַגריף פון דעם, וואָס מענטשן רופן אַן חיונה.

די באָבע האָט וועלטן איינגעלייגט. אַ חוץ צו פאַרזאָרגן די שטענדיקע אויסקומעניש, האָט מען אויך געמוזט טראַכטן פון נדן פאַר די טעכטער. דעם

עלטסטן בחור פרץ האָט מען אָוועקגעגעבן ער זאָל זיך לערנען פאַר אַ טאָקער. און ביזן סוף פון זיין לעבן איז זיין מלאכה געווען צוגעבונדן צו זיין נאָמען. די שטעטלשע האָבן אים גערופן: „פרץ דער טאָקער".

דאָס איינציקע וואָס האָט געפּאַסט פאַרן זיידן איז ווערן אַ כלי־קודש. אַזוי ווי דעם „קאַווקאַזן" בית־המדרש האָט געבויט זיין טאַטע, איז די באָבע ריווע געקומען צום אויספיר, אַז דעם זיידן געהער די שמשות אין דעם בית־המדרש.

מען איז געלאָפן צו ישראל טוביה׳ן. קהל האָט זיך איינגעשטעלט און דער זיידע איז מיט מזל געוואָרן שמש אין בית מדרש, וואָס זיין טאַטע האָט געבויט. דאָס איז אפשר געווען דער גאַנצער חלק ירושה וואָס ער האָט געקראָגן.

וואָס גרעסער די משפחה, און וואָס עלטער די קינדער זיינען געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט די באָבע אַריינגענומען אין אירע הענט די השגחה אויפן הויזגעזינט.

דער זיידע האָט מיט איר נישט געקעמפט פאַר אויבערהערשאַפט און איינפלוס. אים איז בכלל ניט אָנגעגאַנגען וואָס עס טוט זיך אין שטוב; ער האָט ניט געלעבט אין שטוב, נאָר אין בית המדרש.

דעם זיידנס וואָרט האָט ניט געווירקט, ווייל ער האָט קיינמאָל זיך ניט איינגעשפּאַרט. ריווע האָט אַלץ גענומען פירן מיט אַ זיכערער און שטאַרקער האַנט. זי האָט איינגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין און קיינער פון די קינדער האָט ניט געוואַגט איר ווידעשפּעניקן.

זי האָט זיך פאַרנומען ניט נאָר מיט זייער דערציאונג, נאָר אויך מיט רעגולירן זייערע לעבנס און זייערע אויפפירונגען.

זי האָט אויסגעוויילט די מלאכות פאַר די קינדער און האָט אויך באַשטימט זייערע באַשערטע.

אין תוך האָבן איר די קינדער אפשר ניט ליב געהאַט. זיי זיינען נאָר צוגעוואוינט געוואָרן איר צו פאָלגן.

דאָס לעבן גופא האָט איר אויך ניט צוגעטיילט קיין סך אויפמערקזאַמקייט און ליבע. איר השפּעה איז נאָר געווען באַווירקט פאַר די עטלעכע פון איר משפּחה. אין שטעטל איז זי אָבער געבליבן אַ פרעמדע. פאַר די „ליטוואַקעס" איז זי געווען אַן אַריינגעפאָרענע און זיי האָבן איר באַשטראָפט מיט דעם וואָס די קינדער, אַחוץ פּרץ׳ן וואָס מען האָט גערופן דער „טאָקער", זיינען אַלע אָנגערופן געוואָרן אויפן פאָטערס נאָמען, ניט אויף אירן.

צום נאָמען פון יעדן קינד האָט מען צוגעלייגט דעם פאָטער׳ס נאָמען. ווי למשל: מאָשע חיים אָשר׳ס, ישראל חיים אשר׳ס, יענטע חיים אשר׳ס.

זי האָט פיינט געהאַט די גבירישע קרובים, און האָט גלייכצייטיק נאָר גע־זוכט די קינדער צו פאַר׳קנס׳ן מיט גבירים. זי האָט געוואָלט דורך די קינדערשע שידוכים הויבן איר אייגענעם שטאַנד.

זי האָט די גבירים ניט געקענט פאַרטראָגן און האָט ניט געוואָלט ליידן וואָס דער זיידע גייט אַמאָל אויף כיבוד צו זיי. זי פלעגט ניט וועלן קומען אויף זייערע שמחות, און פלעגט דעם זיידן שטראָפן דערפאַר וואָס ער גייט צום גביר נחום אַנשל אַמאָל אויף „לעקאַך און בראָנפן״.

ער פלעגט פון איר אויסבאַהאַלטן זיין צוגאַסט גיין. אָבער ריווע האָט שוין דערקענט ווען ער איז דאָרטן געווען.

ווי אַ מנהג פלעגט נחום אַנשל׳ס ווייב ראָשקע, אויפזוכן דעם זיידן יעדן ערב יום טוב פאַר אַ „לעקאַך און בראָנפן״. אַז ער פלעגט קומען אַביסל „פאַר־שנאָשקעט״, האָט די באָבע שוין געוואוסט וואו ער איז געווען, און זי פלעגט אים נישט נאָר מוסר׳ן, נאָר אויך אָנטאָן צרות.

דעם זיידן האָט מען געקענט גרינג אָפּנאַרן. ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַנעמען ווי אַזוי אַ מענטש קען באַשווינדלען און אָפּנאַרן אַ צווייטן.

ער האָט אַלץ און אַלעמען געגלויבט. פאַר אים האָט דאָס דאָאיקע לעבן געהאַט נאָר איין זין — טאָן מצוות: זיך אויפפירן ווי אַן ערלעכער איד.

ער האָט ניט געדאַרפט זאָגן ליגן און שווינדלען. זיין לעבן האָט זיך אַזוי געשטעלט אַז ער האָט קיינעם ניט געדאַרפט אָפּנאַרן, אָדער עפּעס פון אימיצן אויסנאַרן.

ריווען פלעגט קרענקען זיין תמימות׳דיקייט. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ לא יוצלח, און אים געהיט מיט טויזנטער אויגן. זי האָט אים אָבער ניט געקענט איינהיטן פון זיך לאָזן פאַרפירן און אָפּנאַרן.

ביי איר איז אפילו זיין גיין אויף כיבוד צו די רייכע קרובים געווען אַן אַקט פון טיפּשות און אומבאַהאָלפנקייט.

פונקט אָבער ווי ער האָט געהאַט פון איר צו „זינגען און זאָגן״ אַזוי איז אויך געווען פאַרקערט. ער פלעגט איר אָנטאָן עגמת־נפש צוליב זיין אָפּגעטעמפּטן חוש פאַר דערווירקלעכקייט.

די קרובים זיינע, וויסנדיק ווער חיים אשר איז, האָבן געזוכט אַ סך מאָל אים אויסצונוצן פאַר זאַכן וואָס זאָלן זיין זיי לטובה.

חיים אשר׳ן פלעגט שטאַרק וויי טאָן דאָס האַרץ אויף ריווע׳ן. ער האָט גע־וואָלט מיט עפּעס איר פאַרגיטיקן פאַרן שווערן לעבן, נאָר האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי און מיט וואָס.

די באָבע ריווע מיט איר גאַנצער שטאַרקייט האָט אויך געהאַט אַ נאַטור צו חלש׳ן. ווען זי האָט געזען אַז אַלץ בלייבט שטיין פאַר אַ בלינדע וואַנט פלעגט זי אָוועקפאַלן אין חלשות.

אַ סך מאָל איז דאָס געווען היסטעריקע, און אַ סך מאָל אַ מיטל אויף ציען אויפמערקזאַמקייט.

דאָס חלש׳ן פלעגט זי אָפּטאָן פאַר די קינדער; זי האָט עס געטאָן ווען אַ קינד האָט אָפּגעווענדט זיך מיט עפּעס פון אירן אַן אָנווייז אָדער פאַרלאַנג.

חיים אשר׳ן פלעגט זי אָבער קיינמאָל ניט באַלעסטיקן מיט דער טבע אי־רער. נאָר איינמאָל האָט זי, צוליב זיינס אַן אָפּגעטאָענער מעשה, גע׳חלש׳ט אויף אַן אמת.

פון דער גאַנצער ירושה זיינען איבערגעבליבן עטלעכע „שטעט" אין מזרח פון „קאַווקאַזן" בית מדרש. די באָבע האָט זיי געהאַלטן זייער טייער און האָט געשוואוירן, אַז כל זמן זי וועט לעבן וועט מען די „שטעט" פון איר ניט אַוועקנעמען.

אויף די „שטעט" האָט זיך אָנגעלייגט דער תקיף ישראל טוביה. פאַר וואָס ער האָט געוואָלט צונעמען די „שטעט" פון זיידן, איז ניט קלאָר: עס איז אים מסתמא נישט אָנגעשטאַנען וואָס דעם זיידנס משפחה פלעגט פאַרנעמען די מזרח־זייט אין בית המדרש וואָס זייער טאַטע יאָסל „טשערעבוך" האָט געבויט.

פאַר דער באָבען האָבן די „שטעט" געמיינט ממש איר לעבן. מיט אַ ביסל תקיפות פלעגט זי פאַרנעמען איר אָרט אין מזרח זייט פון דער ווייבערשער שול אַרומגערינגלט מיט די טעכטער און שניר: מיט שטאָלץ פלעגט זי אַרונ־טערקוקן פון עזרת־הנשים און זען אירע איידימס אין מזרח זייט פון בית־המדרש. די זין זיינען געווען סלאָנימער חסידים.

ישראל טוביה אַליין פלעגט גאָר ניט דאַוונען אין דעם בית המדרש. ער האָט געהאַט מזרח וואַנט„שטעט" אין אַלע בתי מדרשים אויך אין דער קאַלטער שול. דאַוונען אָבער פלעגט ער אין סלאָנימער שטיבל.

דער זיידע חיים אשר אויך אַ סלאָנימער חסיד, האָט קיינמאָל נישט גענוצט זיין „שטאָט" אין בית המדרש. פריער פון אַלץ איז ער געווען דער שמש דאָרטן, און יעדע געלעגנהייט וואָס ער האָט געהאַט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין סלאָנימער שטיבל. די „שטעט" האָבן נאָר גענוצט די איידימס, שניר און טעכטער.

די באָבע פלעגט זיך שטאַרק איבערנעמען מיט איר אָרט אין „מזרח־זייט" עס האָט איר געגעבן זיכערקייט און האָט אונטערגעשטראָכן איר אָנזעענקייט און וויכטיקייט.

ישראל טוביה האָט עטלעכע מאָל געפּרובירט „אויסלייזן" די „שטעט". אָבער די באָבע פלעגט אים ביטער באַקעמפן. פאַר אַ ווילע האָט ער אָפּגעלאָזן זיין גלוסט צוצונעמען די „שטעט". דעם פאַרלאַנג האָט ער אָבער ניט אויפ־געגעבן. ער האָט זיך אָנגעלייגט אויף דעם, און ער איז געווען אַ איד, וואָס האָט געמוזט אויספירן אַלץ וואָס ער האָט פאַרטראַכט. אַחוץ דעם איז אים נישט אָנגעשטאַנען דאָס די „פּוילישע" זאָל אים מנצח זיין און אים מאַכן צום נאַר.

איינמאָל קומט ער אריין אין בית המדרש אַזוי אומשולדיק. כלומר׳שט געוואויר ווערן וואָס דער זיידע מאַכט. ער פאַרבעט אים צו זיך אויף כיבוד און ווען דער זיידע איז שוין געווען דערהויבן פון עטלעכע ביסלעך בראָנפן, פאַרציט ער מיט אים אַ שמועס וועגן די „שטעט".

— חיים אשר, צי וואָס טויגן דיר די „שטעט"? צו וואָס דאַרפסטו זיי? שרייב עס אָפּ אויף מיר!

דער זיידע האָט מסכים געווען אַז ער דאַרף זיי טאַקע ניט. — גאָר, — האָט ער געזאָגט, — וואָס וועט ריווע זאָגן?

— ריווע, — מאַכט ישראל טוביה — פאַר איר האָב איך אַ מתנה, דער מאַמעס אַ פּוטערל.

צו יענער צייט איז פּונקט די באָבע געזעסן אויפן גאַניק, זי זעט דער זיידע דערנענטערט זיך אַן אויפגעלייגטער מיט אַ פּוטערל אין האַנט. אַז זי האָט דערזען דעם אויסגעקראָכענעם פּוטערל, וואָס האָט זיך ביי ישראל טוביה'ן געוואַלגערט אויפן בוידים, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין עפּעס אָפּגעטאָן.

ווען ריווע האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אָפּגעשריבן די „שטעט" ישראל טוביה'ן, האָט זי ניט געשריען, נאָר ווי אַ פאַרוואונדעטע האָט זי אַ פּאַך געטאָן מיט די הענט און איז אַן אונטערגעהאַקטע אַוועקגעפאַלן.

# קרומע זווגים

שווער איז געווען דער באָבע ריוועס גורל. פאַרוואָרפן ווייט פון טאַטע־מאַמע, פון ברידער, שוועסטער, אַוועק אין ווייטע מקומות קיינמאָל זיי ניט צו זען. איינע אַליין צווישן פרעמדע, אַ מאַן וואָס איז איר געווען איבעריק און פרעמד. אָן אַיין מענטשן, וואָס זי קען רופן אירס, אפילו ניט קיין ווייטער קרוב.

וואָס שאַרפער די עלנט האָט ריוועס׳ן געפייניקט, אַלץ בייזער איז געוואָרן איר שנאה צום מאַנ׳ס משפחה. די קינדער האָט זי איבערגעגעבן אַ שנאה צו די „טשערעבוכעס״, און די אַנדערע אָפּשטאַמלער פון איר מאַנ׳ס משפחה האָבן אויך ניט אויסגעמיטן איר ביטול.

מיט די „טשערעבוכעס״ פלעגט ריווע גאָר ווינציק וועלן האָבן צו טאָן. מיט די קינדער פון איר מאַנ׳ס שוועסטער שאָשקע, האָט זי אויך ניט געהאַט קיין סך געשעפטן. דער שוועסטערס עלטסטן זון פלעגט זי מיט חוזק רופן — „ישראל דער גרויסער״. זי האָט עס אים ניט גערופן צוליב זיין הויכן וואוקס, נאָר זי האָט געוואָלט מיט דעם אים שטעמפּלען פאַר אַ גרויסן נאַר. ווען זי פלעגט וועלן באַווייזן אַז אימיצער איז ניט קלוג, אָדער אַז ער באַגייט אַ נאַר־רישקייט, האָט זי אים אָנגערופן — „ישראל דער גרויסער״.

דער ישראל — און געווען זיינען אפשר א מנין ישראל׳ס אין דער משפחה. האָט דער באָבען אויך ניט זייער ליב געהאַט. אין קריניק פלעגט ישראל זיין זעלטן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גראָדנער מיידל, אַ גרויסע פאַרשוין. די באָבע פלעגט איר באַדויערן. און פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז עפּעס איז ניט גלאַט וואָס אַזאַ פאַרשוין איז געוואָרן אַ ווייב צו דעם „ישראל דעם גרויסן״.

אַז ישראל פלעגט קומען קיין קריניק, האָט ער געזוכט אויסמיידן דער באָבעס הויז. ער האָט זיך נאָר גע׳חבר׳ט מיט די „טשערעבוכעס״, ישראל טוביה׳ס קינדער.

דעם איינציקן פון מאַנ׳ס קרובים, וואָס די באָבע פלעגט באַהאַנדלען מיט אויפזען איז געווען יאָסל פּאַנטעס. יאָסל איז געווען אַ שלאָסער און זייער אַ תמימות׳דיקער איד. זיינער אַ ברודער, אַ גרויסער מתמיד, האָט פאַרביטן דעם כסא־הרבנות אין קאָוונע אויף מסחר. נאָך אַ ברודער האָט געוואוינט אין גראָדנע, אַז זי פלעגט דאָרטן קומען איז זי פאַרפאָרן צו די גענדלערס. זי האָט באַזונדער ליב געהאַט דעם גענדלערס ווייב, וועלכע האָט געשטאַמט פון רשב״ם, און דער פאַמיליע נאָמען איז טאַקע געווען רשב״ם. זי פלעגט זיך נישט קענען אָפּלויבן פון די גראָדנער קרובים, און האָט באַזונדערס געהאַט ביז גאָר

גערן קומען דאָרטן און פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע. אגב, גענדלער׳ס עלטסטע טאָכטער, פּעשע, איז דעם שרייבער אהרן קאַרלין׳ס פרוי.

פאַר די קינדער אירע האָט די באָבע געקליבן די שידוכים, און איידימס האָט זי אַליין באַפרייט פון מיליטער. דעם איינציקן וואָס האָט זיך איך איר ניט איינגעגעבן באַפרייען איז געווען מיין טאַטע. ער האָט פאַר איר פאַרלייקנט די יאָרן. אנשטאָט שטיין צום „פּריזיוו״ אין עלטער פון איינאונצוואַנציק יאָר, האָט ער זיך געדאַרפט גאָר „שטעלן״ ווען ער איז אַלט געוואָרן 19 יאָר. זיין פאָטער האָט אים פאַרשריבן עטלעכע יאָר עלטער צוליב אַ געשיכטע מיט אַ זון וואָס איז געשטאָרבן. בכלל האָט דעם טאַטנס פאָטער געהאַלטן פון אָפּ׳פּטר׳ן די „פּריזיוון״ פון זיינע זין ווען זיי זיינען יונג. זיין אויסרעכענונג איז געווען, אַז אויב זיי וועלן זיך שטעלן דינען צו איינאונצוואַנציק יאָר וועלן זיי צוריקקומען אַלטע בחורים.

מיין טאַטע האָט אָבער אויך געהאַט אַ סיבה אין פאַרלייקענען פאַר דער באָבען זיינע ריכטיקע יאָרן. ער האָט גוואַלדיק ליב געהאַט זיך אויסשטעלן.

ער האָט געוואָלט זיך פּוצן אין „מונדירן״. אַפילו ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעדינט, האָט ער זיך פאַרשריבן אין דער שטעטלשער „פּאַזשאַרנער קאָמאַנ־דע״, און פלעגט מיט אַ באַזונדער הנאה זיך אויספּוצן אין די פייער־לעשער קליידער, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ רעקל מיט שיינענדיקע מעשענע קנעפּ, אַ מעשענע היטל מיט צוויי דאַשיקעס (אָדער „קאַזיראַקן״ ווי זיי האָבן ביי אונז געהייסן) אַ ברייטן לעדערנעם פּאַס מיט אַ מעשענער „ספּראַנדזשקע״ אויף וועלכער עס איז געווען איינגעדריקט אַן אָדלער, דעם עמבלעם פון דער רוסי־שער אימפּעריע. אַז דער טאַטע פלעגט זיך אָנטאָן אין די דאָזיקע בגדים און אַריינשטעקן אין פּאַס די האַק ווי זי וואָלט געווען אַ שווערד, האָט אים דאָס פּנים געשיינט פאַר פרייד.

די שידוכים וואָס ריווע האָט אויסגעפּירט זיינען ניט אַלע געווען איינגע־געבענע. צוליב איר זיכערקייט אין זיך, פלעגן די קינדער האָבן צרות. זי האָט אַלץ געשטעלט אויף זיך און מיט אַ געוואַלטיקער איינגעשפּאַרטקייט פלעגט זי באַשטיין אויסצופירן אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט, אפילו דעם אויס־וואַל פון אירע קינדערס באַשערטע.

דעם עלטסטן זון פּרץ האָט זי פאַר׳שדכנ׳ט מיט אַ מיידל פון דערבייאיקן שטעטל סאָקאָלקע. געזאָלט האָט עס זיין אַ רייכער שידוך. אָבער עפּעס איז קאַליע געוואָרן און פון „שמאַלץ־גרוב״ איז געבליבן נאָר די „גרוב״.

דער פעטער פּרץ האָט ניט ליב געהאַט זיין ווייב חיה. זי איז גראָד געווען אַ גוטע און אַ וואוילע, נאָר זי פלעגט רעדן אַ סך. זי איז נעבעך געווען אַ דער־שלאָגענע צוליב דעם, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז דעם מאַנ׳ס משפּחה האָלט

פון איר ניט. די באָבע האָט זי געהאַלטן פאַר אַ משוגענע, און די מיינונג איז איבערגעגאַנגען צו אַלע אירע קינדער, און אפילו צו די אייניקלעך.

פרץ איז געווען אַ קלוגער, און דער איינציקער מיט וועמען די באָבע פלעגט זיך מיישב זיין. די אַנדערע קינדער, אַז זיי האָבן געהאַט עפּעס צו פאַרטרויען, נאָר האָבן ניט געוואָלט דער מאַמען באַלעסטיקן, זענען געקומען צו אים מיט זייערע אינטימע פּראָבלעמען.

פרץ איז געווען אַ פייערדיקער סלאָנימער חסיד, און האָט זיין גאַנצן ניט אויסגעלעבטן לעבן אריינגעטאָן אין חסידות. ביים אַלטן סלאָנימער רבי'ן, און שפּעטער ביי זיין זון שמואליק, איז ער געווען פון די גאָר אָנגע־זעענע חסידים. און אַ סך מאָל האָט ער זיין לעבן איינגעשטעלט צו באַשיצן דעם רבין פון די מתנגד'ישע ווייסע־חברה־ניקעס, וועלכע פלעגן וואַרפן קנוילן מיט אָפּפאַל און שמאַטעס אויפן רבין און די חסידים, ווען דער רבי פלעגט קומען קיין קריניק, „פראַווען טישן".

ווען דער רבי פלעגט קומען איז געוואָרן פאַר חסידים פשוט סכנות־נפשות. ווייסע־חברה'ניקעס פלעגן זיך מאָביליזירן און באַפאַלן דאָס שטיבל. די חברה־לייט זיינען דערמוטיקט געוואָרן פון ביטול און חוזק, מיט וועלכע די עלטערע פלעגן זיך באַציען צו חסידישע רביים. מיין זיידע, דעם טאַטנס־טאַטע, אַ פאַרביסענער מתנגד, האָט שטאַרק פיינט געהאַט חסידים, זיי זיינען ביי אים געווען פאַררעכנט ווי „געצנדינער". כמעט אַזאַ שטימונג איז געווען ביי אַלע שטעטלשע מתנגדים.

עס זיינען אַ סך מאָל פאָרגעקומען פיזישע אָנפאַלן. די חסידים פלעגן זיך קעגנשטעלן און דורך דעם זיינען אויסגעבראָכן געשלעגן.

דער פעטער פרץ פלעגט זיך אַוועקשטעלן האַרט ביים רבי'ן, און אים באַשיצן מיט זיין גוף, און אַלע קנוילן פלעגן אים טרעפן.

די אָנפאַלן זיינען שטענדיק געשען שבת נאָכמיטאָג, ווען דער רבי האָט „געפראַוועט טישן". פּונקט ווען די חסידים פלעגן זיך אַ לאָז טאָן כאַפּן די שיריים, האָט מען זיי גענומען באַוואַרפן מיט קנוילן אָפּפאַל און שמאַטעס. עס זיינען געווען צייטן ווען אַ וואַך פון חסידים פלעגט ניט אַריינלאָזן די מתנגדישע חברה אין שטיבל; דעמאָלט איז געווען נאָך ערגער. די חברה־לייט פלעגן ברעכן שויבן און באַוואַרפן די חסידים מיט שטיינער. אַ סך מענטשן זיינען דעמאָלט געשעדיקט געוואָרן.

מען דאַרף אין זינען האָבן אַז די סלאָנימער חסידים זיינען ניט געווען פון דעם סאָרט ווי פּוילישע חסידים. זיי זיינען געווען טרוקענע, ניכטערע מענטשן. עס האָט זיי געפעלט די התלהבות און דער פייער פון די פּוילישע חסידים. איינער נאָר, שמואל־חנן, איז געווען אַ היציקער און האָט געהאַט אפשר אַ ניצוץ פון אַ פּוילישן חסיד, האָבן די חסידים אַליין געהאַלטן אַז ער כאַפּט אַביסל איבער די מאָס.

דער פעטער פּרץ איז אויך געווען אַ געלאַסענער חסיד, אָבער אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע איז ער געווען אַ ברען. ביי אים זיך איינשטעלן פאַרן רבי׳ן האָט ער פאַררעכנט פאַר אַ יום־טוב. עס האָט אים געגעבן אַ גע־לעגענהייט צו ווערן אָנגעזעענער און חשוב׳ער, און ער פלעגט מיט אומ־געדולד וואַרטן פאַרן רבינ׳ס באַזוך אין קריניק. צוליב די שטיק פון די ווייסע־חברה׳ניקעס איז דער רבי זעלטן געקומען קיין קריניק, טראָץ דעם וואָס אין שטעטל זיינען געווען גאָר אַ סך רייכע חסידים, גרויסע לעדער־פאַבריקאַנטן.

אַ טאָכטער, מלכה, האָט די באָבע פאַר׳שדכנ׳ט מיט אַ רייכן קצב פון גלוסק, לעבן באָברויסק. זי האָט אים באַפרייט פון מיליטער־דינסט און אים איינ־געאָרדנט אין שטעטל. ער איז אָבער ניט געווען קיין לייט. פון זיין עשירות האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזן. חוץ דעם האָט ער אָנגעטאָן ביושים דער גאַנצער משפחה. ער פלעגט שיכור׳ן און מאַכן סקאַנדאַלן, און די באָבע האָט געזען אים באַשטאַטן פון שטעטל. זי האָט פשוט געצוואונגען אַז ער זאָל נעמען דאָס ווייב און קינד און פאָרן צו זיך אַהיים אין גלוסק. זי האָט גע־וואָלט, אַז די טאָכטער זאָל זיך גט׳ן, נאָר ווייזט אויס, אַז זי האָט איר מאַן שטאַרק ליב געהאַט און די באָבע האָט זיך פון איר מיאש געווען.

זי איז זיי קיינמאָל ניט געפאָרן באַזוכן. ערשט אויף די גאָר עלטערע יאָרן האָט זי זיך געלאָזן איינריידן, און איז געפאָרן זיי זען. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי זיי ווינציק דערמאָנט. די אַנדערע קינדער פלעגן זיך דורשרייבן מיט מלכה׳ן, אָבער זי האָט זיי קיינמאָל ניט געשריבן. שטילערהייט האָט זי באַוויינט און באַקלאָגט איר טאָכטער׳ס גורל.

אַ צווייטע טאָכטער האָט זיך משדך געווען מיט אַ ביאַליסטאָקער בע־קער. זיין טאַטע איז געווען אַ סופר, און זיין פאַמיליע־נאָמען איז טאַקע געווען סופר. ער פלעגט זיך רופן סאָפער.

דער איידים, דאַדיע, אַ טשיקאַווער איד, אַ שטיקל לץ, האָט האָלט געהאַט צו הערן און דערציילן אַ גוטן וויץ, און האָט געהאַט גרויס הנאה אָפּצולאַכן פון מענטשן און זייערע שוואַכקייטן. ער האָט מיט אַ באַזונדער געשיקטקייט ליב געהאַט צו פאַרדרייען נעמען פון מענטשן.

געווען איז ער אויך אַ שטיקל ציניקער, און האָט געהאַט ווינציק בטחון אין מענטשן. ער איז שטענדיק געגאַנגען אָפּגעלאָזן, נאָר שבת פלעגט ער אָנטאָן אַן אַנדער מלבוש.

ביי אים איז אַלץ געווען אין אומאָרדענונג, און ניט אויף אַן אָרט. געווען איז ער גראָד אַ גוטער בעקער, נאָר זיין אָפּגעלאָזנקייט האָט אים געשטערט אין זאַמלען עשירות. ער האָט באמת זיך געקענט באָדן אין רייכקייט, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין חשבון.

ברויט פלעגט ער פאַרקויפן סיי אין הויז און סיי אין מאַרק, וואו די ווייב זיינע, דבורה, איז געשטאַנען אין אַ „בודקע" (אַזאַ הילצערןביידל). אין הויז ביי אים פלעגן קומען פויערים קויפן ברויט, טרינקען טיי; מען האָט ביי אים אויך געקענט באַקומען בראָנפן און פּאַפּיראָסן וועלכע ער האָט גע־האַלטן אין אַ „באַנדעראָל". דאָס איינגעליזטע געלט פלעגט ער אַריינלייגן אין אַ טיש־קעסטל, וואָס איז געשטאַנען אָפן פאַר אַלעמענס אויגן. אַז ער פלעגט זיך אָפּדרייען, האָט יעדער, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, געקענט אַ רוק טאָן אַ האַנט אין טיש־קעסטל און אַרויסשלעפּן געלט.

געהאַט האָט ער איין זון — ישראל־משה — עלטער פון מיר מיט איין יאָר, אָבער אויסגעזען האָט ער אפשר מיט פינף יאָר עלטער. ישראל־משה איז געווען אַביסל אַן איבערגעפירטער. זיין טאַטע און מאַמע האָבן אים גע־היט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. פון דריי איז ער געבליבן איינער. זיין מאַמע האָט אים געהאַט אונטער זייער שווערע אומשטענדן. זי איז נעבעך אָפּגע־קומען צוליב איר גוטסקייט.

עפּעס איז געשען מיט איר שווער, און צוליב דעם איז אָנגעגאַנגען אַ משפּט. זי האָט פאַר אים עדות געזאָגט, און דער פּראָקוראָר האָט באַוויזן אַז זי האָט פאַלש געשוואוירן און מען האָט איר פאַר'משפּט צו דריי יאָר תּפיסה. אין גראָדנער טורמע, האָט זי געבוירן ישראל־משה'ן. דאָס קינד האָט געהאָדעוועט זיין זיידע און באָבע אין ביאַליסטאָק, ביז זיין מוטער איז באַפרייט געוואָרן.

פון אַלע שוועסטער־קינדער האָב איך זיך נאָר גע'חבר'ט מיט ישראל משה'ן. פלעגן מיר ביידע אָנלייגן קעשענעס געלט וואָס מיר האָבן אַרויסגענומען פון זיין טאַטנס טישקעסטל. פאַרן געלט פלעגן מיר קויפן קוואַס, שפּילצייג און אויך פאַרשיידענע נאַשערייען.

ישראל משה האָט זיך פּאַקטיש געבאָדן אין געלט. ער האָט זיך יונג אויסגעלערנט טרינקען בראָנפן, צוליב דעם וואָס ער איז פריי געווען מיט געלט, האָבן זיך שטענדיק אַרום אים געקלעפּט פאַרשיידענע ווילע־יונגען.

דער פעטער דאָדיע האָט דער באָבען ניט געהאַט גערן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרליידן וואָס זי זוכט זיך מישן אין זיינע ענינים. זי האָט אים אויך ניט שטאַרק ליב געהאַט.

די באָבע האָט ניט דערלאָזן אַז אימיצער פון אירע קינדער זאָלן אַרויס פון איר השגחה, אפילו נאָך זייערע חתונות האָט זי זיי געוואָלט האַלטן אַרום זיך. אַזוי האָט זי געטאָן מיט איר טאָכטער מלכה, און האָט איר פון זיך ערשט אַוועק־

געשיקט ווען זי האָט ניט געקאָנט מערער איבערטראָגן די בזיונות וואָס דער איידים סענדער האָט פאַרשאַפט.

אַזוי האָט זי אויך געטאָן מיט איר צווייטער טאָכטער דבורה. ווען זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי איר ניט געלאָזן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. דעם איי־דים, האָט זי באפרייט פון מיליטער־דינסט, און פון דער קילע האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַפרייט, אַ גאַנצן לעבן זיינעם האָט ער געטראָגן דעם צייכן, און אַלע האָבן געוואוסט, פאַרוואָס ער איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט.

# דאָדיע דער בעקער

די באָבע ריווע, האָט געהאַט אַ האַרץ פול מיט ליבע פאַר אַלע אירע קינדער אָבער שטענדיק האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט און פון דער ליבע איז געוואָרן — גוואַלד.

זי האָט רואיק ניט געקענט צוקוקן ווי אַרום איר טוען זיך אָפּ זאַכן, וואָס ברענגען אומאָרדנונג. ווען זי האָט זיך פאַרנומען די יסורים היילן, זיינען געקומען נייע און נאָך גרעסערע.

אַלץ האָט זי געהאַלטן אין אירע הענט. זי האָט געגלויבט דאָס נאָר זי וועט ברענגען אַ לאַד. און פון דעם זיינען שטענדיק אַרויס צוויסטיקייט און בייזקייט.

ווען זי האָט דערזען ווי דער אײדים דאָדיע פּירט געשעפטן, איז איר באַפאַלן אַ פּאַניקע. זי האָט ניט געקענט צוזען ווי די טאָכטער דבורה אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין הילצערן ביידל וואו זי פאַרקויפט ברויט.

דבורה איז געווען, פּונקט ווי איר טאַטע, נאַאיוו, פול מיט גוטסקייט און האָט ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן. זי פלעגט אַלץ אָננעמען באהבה. פאַרטאָג האָט זי אַליין אַוועקגעשלעפּט אַ וועגל מיט ברויט צו דער „בודקע". דורכן טאָג פלעגט אַ גוי, וועלכער איז ביים פעטער דאָדיע'ן געווען אַ בן־בית, ברענגען ברויט צו דער בודקע.

דער גוי, „פּאַליוק", מן הסתם פאַרצויגן פון פּאַוועל, איז געווען אַ שטורמער און האָר האָט ער געהאַט אָנגעצונדן מיט רויט. ער פלעגט אויך שלעפּן וואַסער און האַקן האָלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַרן בעקערשן אויוון.

פּאַליוק פלעגט באַפאַלן ווערן פון אַ געלעכטער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן שעה'ן אָן אויפהער. פלוצים פלעגט דער געלעכטער אויספּלאַצן: ער פלעגט זיך קייקלען און פאַרגיין אין אַ כליפּ. צוזאַמען מיט די גרילען וואָס האָבן אָן אויפהער אַרויסגעזונגען פון בעקערשן אויוון, האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע „סימפאָניע".

ווען דער געלעכטער פלעגט פּאַליוק'ן באַפאַלן, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דבורה'ן צופירן דאָס ברויט אָדער דאָס ביסל געקעכטס.

דאָדיע פלעגט זיך אויסציען אויפן אויוון וואָס איז געווען פלאַך ווי אַ ברעט און דרימלען. פּאַליוק'ס געלעכטער פלעגט אים אָנזאָגן, אַז עס דאַרף אימיץ אַנדערש דבורה'ן צופירן דאָס וועגל ברויט.

דער בן־יחיד ישראל משה, איז געווען געוואַלדיק פויל און ער פלעגט זוכן זיך אַרויסדרייען פון טאָן עפּעס וואָס זאָל העלפן זיין טאַטן אָדער מאַמען.

דאַדיע איז געווען אַ גרויסער כעסן, און אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ רציחה, איז וואָס עס איז אים געקומען אונטערן האַנט פלעגט ער וואַרפן. נישט איין קאָפּ האָט ער געשפּאָלטן מיט אַ שטיק האָלץ וואָס ער פלעגט פון אויוון אַרונטערוואַרפן גלייך אויפן מענטשן, אויף וועלכן ער האָט געצאַרנט.

אויפן אויוון פלעגן ליגן שטיקער האָלץ צום טריקענען, און זיי זיינען אים שטענדיק געווען צום האַנט.

אַז ישראל משה האָט נישט געוואָלט פאָלגן, און ער, דאַדיע, איז דעמאָלט געלעגן אויפן אויוון, פלעגן גלייך פליען שטיקער האָלץ. ישראל משה איז געווען געאיבט ווי אַזוי זיי אויסצומיידן און דער סוף פלעגט זיין אַז דאָס שטיק האָלץ האָט אָדער צעבראָכן אַ הויז־חפץ, אָדער געטראָפן אַ זייטיקן. אַזאַ שטיק האָלץ איז אַמאָל געפאַלן אויף מיין אינגערן ברודער מאיר, וועלכער איז איצט אַ באַ־רימטער כירורג אין נואַרק, און אים געשפּאָלטן דעם קאָפּ.

די מומע דבורה האָט נאָך ווי אַ צוגאָב געליטן אויף ווערים אין בויך. „גייצען" פלעגן זיי עס רופן. בכלל איז זי שטענדיק געווען אין פּיין און וויי. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיך; אַלעמאָל איז זי געווען איינגעשפּאַנט אין סאָכע. געדאַרפט האָבן זיי וויניק, אָבער מיט אַלע לייזונגען האָט אַ סך מאָל געפעלט, עס האָט ביי זיי פּונקט אַזוי אויסגערונען געלט ווי עס האָט אַריינגערונען.

די באָבע פלעגט האָבן גרויס צער פון צוזען ווי דבורה, איינגעשפּאַנט מיט איר צעגאָסענעם גוף אין וועגעלע, שלעפּט, אַ קראַנקע, ברויט אין מאַרק.

זי האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס דאַדיע'ס געלט רינט אויס און וואָס זיין הויז אין אַן אמת'ער רשות־הרבים. אַז זי פלעגט דערזען דעם אָפענעם טיש־קעסטל איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ צאָרן.

דאַדיע האָט אָבער ניט דערלאָזן זי זאָל צעפירן די הענט. ער איז בכלל געווען אַן עקשן און אַ צולהכעיס'ניק און ער פלעגט זיך איר קעגנשטעלן מיט פאַרביסענער איינגעשפּאַרטקייט.

זיי האָבן זיך ביידע ניט געקאָנט פאַרטראָגן און קיין אַנדער נאָמען ווי „טרופּ", וואָס מיינט מת, האָט זי פאַר אים ניט געהאַט. זיין אויסזען: אַ שיטער העל־בלאָנד בערדל וואָס איז נאָר געוואַקסן ביי דער גאָמבע: סיי דאָס בערדל און סיי דאָס פּנים איז שטענדיק געווען ווי פון איין אויסזען — געל־בלאַס: האָר אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט שטאַרקע, נאָר זיינען ניט געווען פאַרקאַמט און תמיד איינגעדעקט אין מעל.

ער האָט ליב געהאַט נעמען אַ טרונק בראָנפן און שפּילן אַ קאָרטל. צו פרעמדע איז ער געווען אַ גוטער ברודער, אָבער אייגענע האָט ער געזוכט פון אונטער דער ערד פאַרשאַפן יסורים.

מיר האָט ער געהאַט זייער גערן, ווייל איך בין סיי מיין מאַמען און סיי דער באַבען דערגאַנגען די יאָרן. איך בין ביי אים געווען אַ גאַנצער בן־בית, און פלעג זיך לאָזן וואוילגיין מיט אַלע גוטע זאַכן וואָס ער האָט געהאַט אויף פאַר־קויפן צו גויים.

איך האָב זייער ליב געהאַט ברויט גלייך פון אויוון. אַ באַזונדער הנאה האָב איך געהאַט פון „חלה־ברויט". דאָס איז געווען אַ סאָרט ברויט וואָס פלעגט גע־באַקן ווערן פירקאַנטיק, אַנשטאָט קיילעכדיק, ווי אַנדערע ברויטן זיינען גע־באַקן געוואָרן. דאָס דאָזיקע ברויט האָט געהאַט אַ מעלה: אין צוויי זייטן זיינען געווען ווייכע טיילן, און איך פלעג זיי אַרויסרייסן. אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָבן די עטלעכע לעבלעך אויסגעזען ווי צעגריזשעטע פון מייז.

דאָדיע'ן האָט עס ניט געאַרט. ער האָט געוואוסט אַז זיין שכר וועט ער קריגן דורך דעם עגמת־נפש וואָס איך וועל פאַרשאַפן ריווען.

דעם זיידן חיים אָשר האָט ער געהאַט גערן. ערשטנס האָט ער ניט גע־זוכט אים זאָגן דעות. צווייטנס, האָט ער אויף אים רחמנות געהאַט דערפאַר וואָס ער האָט אַזאַ ווייב. דעם זיידן פלעגט ער מכבד זיין מיט טיי און צובייסן, און יעדן שבת נאָכן טשאָלנט, איז דער זיידע געקומען צו אים טרינקען טיי.

דאָדיע האָט זיך גע'חבר'ט מיט אַלע לצים פון שטעטל. זיין נאָענטסטער חבר איז געווען אַ קלעזמער, קאַלאַמנאָוויטש. און אַ שטענדיקער גאַסט זיינער איז גע־ווען אַ געעגנט משוגענער, וועלכן מען האָט גערופן שלמה דובראָווער.

דער שלמה איז ניט געווען קיין משוגענער ווי משוגעים זיינען. אין תוך איז ער געווען אַ לץ און אַ „טרעמפּ". די ווייסע־חברה'ניקעס האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם ווייל ער פלעגט זאָגן גלייך־ווערטלעך און מאַכן גראַמען וועגן אַלץ און אַלעמען — און טאַקע גלייך אויפן אָרט. ער פלעגט אויך מיט גרימאַסן און האַוואַיעס איבערקרימען די אויפפירונגען פון נגידים און תקיפים.

פאַר זיין זינגען און זאָגן גלייך־ווערטלעך האָט מען אים געגעבן אָפּצוסען. תמיד איז ער געווען הונגעריק און אַ סך מאָל האָט ער זיך איבערגעגעסן ביז קראַנקהייט. ער האָט טאַקע געמאַכט אָט די אַלע שטיק, ווייל ער פלעגט פאַר דעם קריגן עסן און קליינגעלט.

זיין אָנקומען אין שטעטל האָט אויפגעלעבט דאָס יונגוואַרג. מען האָט אויף אים אַרויסגעקוקט מיט דערוואַרטונג. געקומען איז ער איינמאָל אַ יאָר, זומער־צייט. טאָמער פלעגט ער אויספעלן אַ יאָר, האָט דאָס שטעטל נאָך אים געבענקט.

אַריינגעפאַלן איז ער אין שטעטל דורך סאָקאָלקער גאַס מיט טאַנץ און געזאַנג און ווי פייער האָט זיין קומען אַרומגענומען קריביק.

זיין הויפּט־געזאַנג איז געווען „שלמה דובראָווער, אלקנה אַ לייט, פאַרדינט 10 רובל אַ וואָך" און ער האָט זיך באַגלייט, מיט קלאַפּן צוויי ברעטלעך איינע אין דער אַנדערער.

אים זיינען באַפאַלן הונדערטער ווייסע חברה׳ניקעס און זי פלעגן מיט אים מאַכן דעם מאַרשרוט אין אַלע גאַסן פון שטעטל. זיין קומען פלעגט פשוט אויפ־יאָגן דאָס גאַנצע שטעטל.

א סך מאָל האָבן אים די חברה׳ניקעס צעשלאָגן און ער פלעגט זיך אַ קראַנ־קער און פאַרוואונדעטער פאַרשלעפּן צום פעטער דאָדיע אין שטאַל, וואו עס איז געהאַלטן געוואָרן דאָס מעל, און דאָרטן אָפּליגן עטלעכע טעג אין יסורים און פלוצים פלעגט ער פאַרשווינדן. פונקט ווי מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען און ווען ער קומט אָן, אַזוי האָט מען ניט געוואוסט ווען ער פאַרשווינדט.

דאָדיע פלעגט אים צוזען און מאַכן אַ נאַכטלעגער אין שטאַל. בכלל האָט ער צו שלמה׳ן געהאַט אַ וואַרעמען געפיל און האָט אים געטוליעט צו זיך.

אַ סך האָט געהאָלפן דאָדיע׳ס וואַרעמע באַציאונג צום געגענט־משוגענעם, דער כלי־זמר קאַלמאַנאָוויטש, וועלכער איז געווען אַ ווילדער לץ און האָט גערן זיך גע׳חבר׳ט מיט דעם שלמה׳ן.

שלמה דובראָווער, זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען דוד סידרער, האָט געהאַט מאָדנע איינפאַלן. ער פלעגט זאָגן קאַפּויערדיקע זאַכן און אַבסורדן, און אויף אַלץ האָט ער געהאַט אַן ענטפער. ווען מען פלעגט אים פרעגן ווי קומט עס וואָס ער זאָגט, אַז ער איז עלטער פון זיין פאָטער ? האָט ער גע־ענטפערט : „די צייט שטייט ניט, איך האָב אים איבערגעיאָגט.“

אין די ווינטערדיקע שבת־צו־נאַכטן, פלעגן זיך דאָדיעס חברים צונויפזאַמ־לען ביי אים אין הויז. מען פלעגט שפּילן קאָרטן, עסן געגנזנס און געגנזענע גריבן (גריבענעס, ווי מען האָט עס ביי אונז גערופן) און פאַרטרונקען מיט בראָנפן.

אַזאַ אויפפירונג איז גאָר אינגאַנצן געווען אַנדערש ווי מען האָט זיך גע־פירט אין באַלעבאַטישע היימען. דער מנהג פאַר ווינטער שבת־צו־נאַכטן איז געווען אָפּקאָכן בולבעס מיט שאָלעכץ און טונקען אין יוך פון הערינג (מען האָט עס גערופן „ליאַק“) וואָס מען האָט געקויפט אין אַ בשמים קרעמל פאַר אַ גראָשן.

אויף ישראל משה׳ן האָבן געווירקט די אויפפירונגען וואָס ער האָט געזען אין טאַטנס הויז. ער האָט זיך אויסגעלערנט שפּילן קאָרטן און אויך נעמען אַ טרונק. ביי דאָדיען איז דאָס געווען אַ שפּאַס אַזאַ צו געבן דעם אינגל זיינעם אַ טרונק בראָנפן און אים מאַכן ווי איינעם פון דער חברה. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער צולהכעיס׳ניק, און ער האָט געוואוסט דאָס עס פאַרדריסט סיי זיין ווייב און סיי דער שוויגער וואָס ער פירט זיך אַזוי אויף, האָט ער, זי נאָך שאַרפער ווי צו טאָן, צוגעוואוינט זיין אינגל וואָס איז געווען פּאַקטיש נאָך אַ קינד, צו די אַלע טריפ׳ע זאַכן.

די באָבע האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבן איר קאַמף מיט אים, זי פלעגט זיך נאָר פאַרקוקן אויף אַ צייט, און נאָכדעם מיט מערער אימפעט זיך נעמען צו אים.

ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט אים צוגעטשעפּעט דעם צונאָמען „טרופּ“ און ער פּלעגט זיך מיט איר רייצן. זי פּלעגט אויף אים קוקן מיט ביטול און באַדויערן. נאָר ווען זי האָט געזען ווי דבורה שלעפּט דאָס וועגעלע ברויט, פּלעגט ביי איר אויפּברענען אַ צאָרן.

זי האָט אָבער אינגאַנצן ניט געקענט זיך פּאַרנעמען און אָפּגעבן צו פירן שלאַכטן מיט דאָדיען. זי האָט געהאַט אַנדערע קינדער אויף וועמען מען האָט געדאַרפט האַלטן אַן אויג.

דורכפאַלן האָבן איר געטריבן צו מאַכן אַ שידוך צווישן איר זון ישראל מיט אַ „טשערעבוך“. ווי זי האָט זיי, די „טשערעבוכעס“ פיינט געהאַט, איז פאַר איר אָבער דעמאָלט געשטאַנען די ברירה משדך זיין זיך מיט ישראל טוביה׳ס אַ טאָכטער, אָדער מיט אַ מיידל, וואָס זי האָט ניט געוואָלט. עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען דער יחוס — זי האָט געשטאַמט פון סטאָליאַרעס.





די מומע דבורה

# די פארליבטע

ווען די באָבע ריווע האָט געוואָלטריידן מיט צערטלעכקייט, פלעגט זי עס נאָר טאָן אויף איר צעצויגענעם פוילישן אידיש. זי האָט עס געטאָן אפילו אין טיפן עלטער, ווען איר לשון איז שוין געווען פאַרליטווישט.

ווען זי האָט זיך צערעדט וועגן אירע קינדער, אפילו ווען זיי זיינען שוין אַליין געווען טאַטעס און מאַמעס, האָט זי זיי אַנדערש ניט גערופן ווי — „מאַנע פאַיגעלאַך". פאַר איר זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען אויסגעוואַקסע־נע און זעלבסטשטענדיקע מענטשן. זי האָט זיי באַטראַכט ניט נאָר ווי אירע קינדער, נאָר ווי קינדער בכלל. אָט די באַציאונג האָט זי איבערגעגעבן אירע זין און טעכטער. מיין אייגענע מאַמע האָט מיך, שוין אין די פערציקער יאָרן מיינע, באַהאַנדלט ווי איך וואָלט נאָך אַלץ געווען אונטער איר השגחה.

די באָבע ריווע האָט טאַקע ווי אויף „פאַיגעלאַך" געשפרייט אירע פליג־לען צו באַשיצן זיי אויף איר שטייגער. עס זיינען אָבער אָנגעקומען אַנדערע צייטן, די „פאַיגעלאַך" האָבן זיך גענומען אַביסל אָוועקרוקן פון איר שוץ.

זי האָט ליב געהאַט צו באַנוצן פריי דעם אידישן שפריך־וואָרט: „ווי מען בעט זיך אויס אַזוי שלאָפט מען". מיט דעם האָט זי געוואָלט לערנען אירע קינדער, אַז אויב זיי וועלן זיך אַליין „אויסבעטן", אָן איר אָנווייזונג, וועט זיי ניט זיין גאָר גוט.

מיט די „באַשערטע", וואָס זי האָט פאַר זיי אויסגעוויילט, האָבן אירע קינדער ניט געלעבט קיין גליקלעך לעבן. שידוכים האָט זי געטאָן ניט מיט קרינקער, אָבער איז באַשטאַנען אַז די איידימס און שניר זאָלן ווערן קרינקער איינוואוינער.

ווער קאָן דערקלערן די מיסטעריע פון אירע האַנדלונגען? וואָס זיינען געווען אירע מאָטיווען צו באַשטיין, אַז שידוכים זאָל זי גראַדע טאָן ניט מיט קיין קרינקער און איז נאָכדעם באַשטאַנען זיי זאָלן בלייבן דאָרטן?

די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע האָט געוויס אָן אויפקלערונג פאַר אירע האַנד־לונגען.

עס קאָן געמאָלט זיין, אַז זי האָט ניט געוואָלט אירע קינדער זאָלן דורכ־גיין די אָפּקומעניש, וואָס פרעמדע האָבן אין אַ נייער סביבה. מערקווירדיק אָבער — זי האָט קיינמאָל ניט געוואָלט זיך משדך זיין מיט פוילישע אידן. זי האָט אויסגעקליבן די שידוכים און אַליין באַשטימט די „באַשערטע". זי, וואָס איז געווען אומגליקלעך דערפאַר וואָס מען האָט פאַר איר אויסגעקליבן אַ מאַן, פלעגט ניט דערלאָזן אירע קינדער אויסקלייבן זייערע „באַשערטע".

ווען עס איז געקומען צו טאָן אַ שידוך, האָט זי אַליין באַשטימט די צייט, וואָס דאַרף די קינדער מאַכן ראוי לחופה. זי האָט זיך קיינמאָל מיטן זיידן ניט מיישב געווען און ער האָט ניט געוואוסט אַז אַ שידוך איז געשלאָסן געוואָרן ביז די מחותנים פלעגן זיך דאַרפן זען. זי פלעגט אָנפירן די נדן־פאַרהאַנד־לונגען און געבן די הסכמה.

אַלע אירע אויסוואַלן זיינען געווען קאַפּויערדיקע: קיין איינער פון די שידוכים איז ניט געווען קיין איינגעגעבענער. די קינדער וואָס זי האָט חתונה געמאַכט זיינען אַפּגעקומען זייערע לעבנס אין פּיין. עפּעס האָט זיך ניט געקלעפּט ווי געהעריק. דער עלטסטער זון פּרץ האָט ניט האַלט געהאַט דאָס ווייב, און די באָבע אַליין האָט איר ניט געקאָנט פאַרטראָגן; די טאָכטער מלכה איז אַריינגעפאַלן צו א שיכור און אַ סקאַנדאַליסט; די צווייטע טאָכטער דבורה איז געווען איינגעשפּאַנט אין אַ טעמפּן יאָך, זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין רו. האָט קיינמאָל זיך ניט געקענט אָנטאָן אין זויבערע קליידער, זי איז געווען קראַנק און מיד, האָט געליטן פון געשוואָלענע פיס און אַ קורצן אָטעם. כדי אַרויסצויאָגן די ווערים פון בויך פלעגט זי דאַרפן האַלטן אין איין קייען אַזאַ „צוקערקע", וואָס מען האָט איר איינגערעדט, אַז עס איז אַ סגולה.

דער אײדים דאָדיע, וועמען זי האָט אַ נאָמען געגעבן „טרופּ", איז געווען אַ צעשויבערטער אָרדענונגסלאָזער מענטש. און דער עול איז אויף דער טאָכטער דבורה געפאַלן שווערער און האָט איר ניט דערלאָזן צו לעבן רואיק און נאָרמאַל.

די אַלע אַפּטואונגען, וואָס האָבן פאַרקרימט די לעבנס פון אירע קינדער, האָבן ניט גורם געווען זי זאָל זיך פאַרטראַכטן. זי האָט ניט דערלאָזן, אַז דער סדר זאָל זיך ענדערן און ווען די אינגערע קינדער, זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט זי זיך פאַרנומען איבער׳חזר׳ן דאָס, וואָס זי האָט געטאָן פריער.

זי האָט זיך ניט פאַרנומען מיט אָפּגעבן אַ חשבון און אָנערקענען דאָס צייטן האָבן זיך געענדערט. און געענדערט האָבן זיי זיך זייער שטאַרק.

צו דער יוגנט אין שטעטל זיינען שוין דערגאַנגען נייע אידייען. די השכלה איז שוין געווען צו אַלטמאָדיש. עס איז אויפגעקומען אַ „בונד", וואָס האָט גע־שפּרייט אויפקלערונג צווישן דער אידישער יוגנט אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד.

מען האָט זיך שוין געענומען שטילערהייט אָפּ׳גנב׳ענען פון דער היים צו די „ברידער און שוועסטער" קרייזן, וואו מען האָט פאַרביטן דעם בציבור׳דיקן דאַווענען אויף זינגען די „שבועה" און דעם „געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן", און מיט התמדה פאַרענדיקן אין פּאַטאָס דאָס ליד — „עס לעבע פון רוסלאַנד, פון ליטע און פוילן, דער אידישער אַרבעטער בונד".

די נייע צייטן האָבן אויך נישט אויסגעלאָזן דער באָבע ריווע׳ס קינדער. שטילערהייט, אָן דער מאַמעס וויסן, פלעגט איר זון ישראל קומען אין די „ברידער און שוועסטער קרוזשאָקן".

אַריינגעצויגן אַהין האָבן אים עטלעכע אַרבעטער פון פאַבריק, אין וועל־כער ער האָט געאַרבעט. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ „שאַגרינשטשיק", אַזאַ מלאכה ביי לעדער גאַרבעריי.

ניט מיט קיין גרינג האַרץ האָט די באָבע אים געלאָזן ווערן אַ גאַרבער. זי האָט אָבער געמוזט מסכים זיין. ערשטנס, צוליב דער פינצטערער אָרימקייט און צווייטנס, וואָס פאַר אַ תכלית האָט מען געקאָנט מאַכן פון אַ אי־דיש אינגל אין שטעטל? גאַרבעריי איז געווען די הויפּט פּרנסה פאַר די שטעטלשע. אַלע באַלעבאַטישע קינדער זיינען געווען גאַרבער. מען האָט ביי דער מלאכה גוט פאַרדינט.

ישראל, ווייזט אויס, איז ניט געווען קיין גוואַלטיקער „בונדאָוועץ". דאָס איז געווען אַ יונג פול מיט סתירות. ער האָט געהאַט זיין טאַטנ׳ס נאָכגיביקייט און דער מאַמע׳ס „שטעלן אויף זיך", עס האָט זיך נאָר געוואונדעט וואו ער איז געשטויסן געוואָרן. פאַר דער מאַמען האָט ער שטאַרק מורא געהאַט, און ער איז געווען פון איר באַווירקט.

די מורא פאַר דער מאַמען און די השפּעה פון סלאָנימער חסידיזם זיינען געשטאַנען ווי אַ צאַם און האָבן אים ניט דערלאָזן צו ווערן אַ „בונדיסט" בלב ונפש. ער פלעגט קומען צום „קרוזשאָק", ווייל ער האָט ניט געוואָלט אָפּשטיין פון די אַנדערע יונגע מענטשן.

„די ברידער און שוועסטער" האָבן געוואוסט, אַז ישראל איז ניט קיין גאָר זיכערער „מאַטעריאַל" און זיי האָבן באַשטימט שרה׳קע יונה דעם סטאָליאַר׳ס, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויסברייטערן זיין וויסן און מאַכן אים מערער „קלאַסן־באַוואוסטזיניק".

ישראל איז געווען גאָר אַ שיינער יונג. אויף אים איז, ווייזט אויס, מקוים געוואָרן די גאַנצע ברכה וואָס דער רבי האָט געגעבן זיין מאַמען, ווען זי האָט ניט געוואָלט גיין צו דער חופּה מיטן „קלאַינעם", דערפאַר וואָס זי האָט מורא געהאַט, אַז די קינדער וועלן זיין אין אים געראָטן.

ישראל איז געווען הויך געוואַקסן, דער העכסטער פון אַלע איבעריקע קינדער, אין אויסזען איז ער געווען געראָטן אין זיין טאַטן.

צו דער באָבע׳ס קינדער זיינען איינגעטיילט געוואָרן: די אינגלעך — דער מאַמעס וואוקס און הדרת־פּנים׳דיקייט פון טאַטן. די מיידלעך האָבן גע־האָט דעם טאַטנ׳ס וואוקס און אַביסל דעם אויסזען פון דער מאַמען. עס הייסט, די טעכטער זיינען ניט געווען אַזוי קליין ווי דער טאַטע זייערער, נאָר קיין גאָר הויך־געוויקסיקע זיינען זיי אויך ניט געווען.

ישראל און שרה׳קע האָבן זיך צוגעבונדן איינער צום צווייטן און עס איז געוואָרן אַ ליבע.

ס׳איז געווען ניט אַזאַ גרינגע ליבע: דער „קרוזשאָק" האָט געקוקט קרום אויף אַ ראָמאַן צווישן „אַ ברודער און שוועסטער". דער כלל איז געווען, אַז אַ

ליבע וועגדט אָפּ דאָס פּאָרל פון דער באַוועגונג און זיי קענען ניט ווי געהעריק ברענגען „ליכט און וויסן” צו די „מאַסן”.

ווען די צוויי האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען פאַרליבט, האָבן זיי זיך פשוט דערשראָקן. זיי פלעגן זיך מיט זייער ליבע מוזן באַהאַלטן פון די „ברי־דער און שוועסטער”. ווען מען דערוויסט זיך, וואָלט מען זיי מיט חרפה פאַר־טריבן פון „קרוזשאָק”. ישראל׳ן וואָלט עס שטאַרק ניט געאַרט, שרה׳קע איז גע־ווען אַן איבערגעגעבענע און ערנסטע. זי איז אָבער געווען שטאַרק פאַרליבט אין ישראל׳ן און דאָס האָט גובר געווען איר לאָיאַלקייט צום „קרוזשאָק”.

ישראל האָט זיך אויך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון זיין מאַמען. ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט קיינמאָל צום שידוך ניט דערלאָזן. פריער פון אַלץ איז איר ניט אָנגעשטאַנען דער יחוס. אָבער דאָס וויכטיקסטע ביי איר איז געווען דאָס, וואָס אַ קינד איר׳ס האָט געוואָגט אַליין, אָן איר הסכמה, זיך אויס־צוקלייבן אַ שידוך.

ווען די באָבע האָט זיך דערוואוסט, אַז ישראל „שלעפּט זיך אַרום” מיט שרה׳קען, האָט זיך אין הויז געגומען טאָן חושך. אַלע מיטלען האָט זי אָנגענומען ניט צו דערלאָזן, אַז ישראל זאָל חתונה האָבן מיט שרה׳קען. זי האָט גע׳חלשט. געוויינט און געסטראַשעט אַז זי וועט עס ניט איבערלעבן.

אויפן הייסן מאַמענט האָט ישראל צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך מיט שרה׳קען מער ניט טרעפן. דעם צוזאָג פלעגט ער אָבער ניט האַלטן.

שרה׳קע, וועלכע האָט שוין מקריב געווען איר לאָיאַלקייט צום „קרוזשאָק” צוליב דער ליבע, פלעגט אויפגעטרייסלט ווערן פון ישראל׳ס וואַקלעניש. אָט דער בחור האָט זיך געוויגט צווישן דער מאַמען און שרה׳קען, און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען.

די באָבע האָט ניט געגלויבט ישראל׳ס צוזאָג, אַז ער טרעפט זיך ניט מער מיט שרה׳קען. זי האָט מיין מאַמען, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען אַליין אַ מאַמע פון אַ קינד, אריינגעצויגן אין איר פאַרשווערונג קעגן זון׳ס געליב־טע און זי פלעגט איר שיקן שפּיאָנירן אויפן ברודער.

די מאַמע מיינע פלעגט גענוי און פּינקטלעך ראַפּאָרטירן צו דער באָבען אַלץ וואָס זי האָט אויסגעפונען וועגן דער ליבע, און נאָך יעדן ראַפּאָרט, פלעגט דאָס הויז ווערן אָנגעפילט מיט ריווע׳ס צאָרן און בייזקייט.

זי האָט זיך פאַרנומען אויף אַ וועג פון פאַר׳מיאוס׳ן שרה׳קען. דאָס אָרימע מיידל האָט געהאַט קליינע אויגן, האָט זי קיין אַנדער נאָמען פאַר איר ניט גע־האַט ווי „די בלינדע”.

זי פלעגט ישראל׳ן דערגיין די יאָרן און שטעכן אים מיט דער שפּיזיקער פראַגע: „וואָס מאַכט עפּעס די בלינדע?”

זעהענדיק, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, האָבן די יונגע מענטשן באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן.

דער באַשלוס איז געווען שטאַרק ווען זיי זיינען ביידע געווען צוזאַמען. ווען ישראל פלעגט אָבער קומען אַהיים, איז דער באַשלוס אָפּגעקילט געוואָרן. ער האָט קיינמאָל מיט זיכערקייט ניט געקענט באַשטימען וואָס ער זאָל טאָן; פאָלגן דער מאַמען, צי דער געליבטער?

ריווע האָט דערפילט, אַז אויב זי וועט ניט נעמען די זאַך פעסט אין אירע הענט, וועט ישראל איר עפּעס אָפּטאָן. זי האָט געוואוסט פון מיין מאַמעס ראַ־פּאָרטן, אַז ער טרעפט זיך מיט שרה׳קען און האַלט ניט זיין צוזאָג צו איר.

די באָבע האָט באַשלאָסן צו האַנדלען שנעל און באַשטימט. ביי איר איז רעכט געווען צו פאַרבויגן איר שנאה צו די „טשערעבוכעס״ און זיך משדך זיין מיט זיי.

דער שוואָגער ישראל טוביה, וואָס האָט געהאַט פאַרכאַפּט די ירושה איז שוין געווען אויפן עולם האמת. זיין פרוי האָט אים מיט קיין סך יאָרן ניט איי־בערגעלעבט. איבערגעבליבן איז אַ שטוב פול מיט יתומים. פיר זין און זעקס טעכטער.

די עלטסטע פון די טעכטער חיה שרה, האָט בירושה געהאַט די „קאָראָב־קע״. די אַנדערע דערוואַקסענע טעכטער זיינען אַלע געווען זייער פייאיקע און האָבן געוואוסט ווי צו פירן די געשעפטן. אַ טאָכטער חנה האָט אָנגעפירט מיטן „דוב״ האַנדל און האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט. אַ טאָכטער מערע, האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט. די אַנדערע דריי מיידלעך זיינען נאָך געווען קליין.

האָט די באָבע פאַרטראַכט צו מאַכן אַ שידוך צווישן ישראל׳ן און דער יתומה — חיה שרה — זיין לייבלעך שוועסטער־קינד.

# געצוואונגענער שידוך

די באָבע ריווע האָט זיך אין פולן ערנסט פאַרנומען צו שטערן די ליבע צווישן איר זון ישראל און שרה׳קען. זי האָט אָפּגעמאַכט מיט דער דעה צו־זאַמענצופּאָרן איר זון מיט דער יתומה, חיה שרה. קיין זאַך האָט איר ניט גע־זאָלט שטיין אין וועג. אַלע שטערונגען האָבן געמוזט באַזייטיקט ווערן.

די ערשטע זאַך איז געווען גיין צו גאַסט צו ישראל טוביה׳ס עלטסטן זון חיים גרשון.

אַחוץ וואָס חיים גרשון איז געווען דער עלטסטער, איז ער אויך געווען דער חשוב׳סטער פון די פיר ברידער. ער און די אינגערע צוויי זיינען געווען לעדער פאַבריקאַנטן. חיים גרשון איז געווען דער אָרימסטער פון זיי און דער פרימסטער. — אַ פייערדיקער סלאָנימער חסיד.

חיים גרשון, אַ הויכער, אַ גלייכער מיט אַ לאַנגע רויטע באָרד, האָט זיך געקליידט אין חסידישן טראַכט און אַזוי האָט ער אויך געקליידט זיין איינ־ציק אינגל, אַ פוזאַטן בחור׳ל מיט אַ קיילעכדיקן פּנים׳ל, וועלכער פלעגט אָפּקומען צווישן די אַנדערע אינגלעך פאַר זיין הלוך און זיינע פאות׳לעך. דאָס אינגל איז געווען געראָטן איז זיין מאַמען — רואיק, דערשראָקן, און באַשיידן.

די אינגערע צוויי ברידער זיינען אינגאַנצן געווען אָפּגעראָטן פון חיים גרשון׳ען. דער אינגסטער יאָשקע, איז נאָך געווען אַ אינגל און איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון די שוועסטער.

דער צווייטער ברודער, אייזיק מיטן צונאָמען „זשוק״, איז געווען אַ ברייט־ביינערדיקער און פעסטער. ער האָט זיך בכלל נישט געמישט און קיינעמס עסקים. זיין ווייב, ניט קיין קרינקער, איז געווען אַ פאַרשוין. נאָר גאָט האָט זי געשטראָפט. זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, און ער באַזונדער, איז צוליב דעם געווען דערשלאָגן.

דאָס ווייב איז אויסגעפּאָרן צו אַלע גוטע אידן אַזוי ווייט ווי וואַלין, און פלעגט יעדעס מאָל קומען צוריק אין שטעטל פול מיט בטחון. אַן אויפ־געלויכטענע פלעגט זי פאַרטרויען די ווייבער פון דער משפחה וועגן די באַזוכן ביי די גוטע אידן.

אַ שטיקל צייט פלעגט אָפּגיין און זי פלעגט ווידער אַריינפאַלן אין דערשלאָגנקייט און צווייפל. זי האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרענדערן און איינגיין. דער מאַן, אייזיק (אָדער ווי מען רעדט אַרויס דעם נאָמען אין

אונזער געגנט „אייזשיק״) האָט נישט געוואָלט הערן פון אָפּ׳גט׳ן איר און ער האָט שלום געמאַכט מיט זיין גורל, צו שטאַרבן אָן אַ קדיש.

דער דריטער, משה וועלוול, האָט ניט געפּאָרט חסידות מיט זיין באַגריף וועגן געשעפט. זיין מאָטאָ איז געווען: „וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט, איז צו לייט״.

קיין פאַרברענטער חסיד איז ער ניט געווען. נאָר שבת פלעגט ער קומען דאַוונען אין סלאָנימער שטיבל, און טראָץ דעם וואָס ער איז געוועןביים רבי׳ן זייער אָנגעזען און חשוב, פלעגט ער זיך נישט יאָגן צו כאַפּן שיריים. ער האָט בכלל זיך געהאַלטן אַביסל מתנגדיש.

געטראָגן האָט ער אַ קורץ געשוירן, שוואַרץ בערדל, און האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ לחיים. זיין גאַנצע ענערגיע איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין פאַבריק. ער האָט זיך געהאַט אריינגענומען אין קאָפּ צו איבעריאָגן נחום אַנשל׳ען, דעם גרעסטן לעדער פאַבריקאַנט אין קריניק און אַרום קריניק.

ער איז ניט געווען קיין גוט־האַרציקער און פלעגט זיך אַרויסדרייען פון טאָן אַ טובה. אין שטעטל האָט מען אים פיינט געהאַט. און שפּעטער, ווען ער האָט שוין דערגרייכט זיין ציל און געוואָרן רייכער ווי נחום אַנשל, פלעגן אים די שטעטלשע שעלטן. אים האָט עס אָבער וויניק געאַרט. ער האָט זיך ניט געהאַלטן ווי אַ תקיף און אַ פאַררייסענער. „פון האַלטן זיך פאַרריסן, פלעגט ער זאָגן, קאָן מען ניט רייך ווערן״. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער גע־וואָרן גאָר רייך און דער הויפּט לעדער פאַבריקאַנט. ער איז געבליבן אין גרויס עשירות, דער זעלבער האַרטער און אייגננוציקער מענטש.

דער באָבע ריווע׳ס באַזוך ביי חיים גרשון׳ען האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרוואונדערונג ביי אים אין שטוב. טראָץ דעם וואָס זי האָט אים געהאַט מערער גערן ווי ישראל טוביה׳ס אַנדערע קינדער איז ער פאַרט ביי איר געווען אַ „טשערעבוך״.

די באָבע האָט ניט ליב געהאַט גלייך צוגיין צו אַן ענין. זי פלעגט זיך לאָזן אָנוואַרעמען מיט רייד וואָס האָבן צום ענין נישט געהאַט קיין שייכות. זי האָט ליב געהאַט איינגעמאַכטס, און איר גרעסטע הנאה איז געווען ווען מען פלעגט איר מכבד זיין קערשלעך צום טיי.

אַז זי איז סוף כל סוף צוגעקומען צום פסוק — און האָט פאַרגעלייגט צו פאַר׳קנס׳ן ישראל׳ן מיט חיה שרה׳ן — האָט זיך חיים גרשון אין דעם אָנגע־כאַפּט, ווי מען זאָגט, מיטביידע הענט. צוזאַמען האָבן זיי אויסגעאַרבעט די פּרטים פונם שידוך. זיי האָבן באַשטימט דעם טאָג פון די תנאים. די צוויי אינ־גערע ברידער, אייזיק זשוק און משה וועלוול, האָבן מסכים געווען צום שידוך.

וואָס חיה שרה האָט געטראַכט, דאָס האָט קיינעם ניט געאַרט און עס איז געבליבן אַ סוד.

קיין גרויס פאַרשוין איז חיה שרה ניט געווען. פון די זעקס מיידלעך, זיינען צוויי געווען שיינע — מערע און די, פאַר דער אינגסטער, — שיינקע. די אַנדערע זיינען ניט געווען קיין „קראַסאַוויצעס". חנה איז געווען אַ קראַנקע און זי איז שפּעטער געשטאָרבן פון טובערקולאָזיס („סוכאָטע" ווי מען האָט עס גערופן אין שטעטל). אַן אינגערע טאָכטער, ראַשקע איז „אַוועק" קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט איר טאַטנ׳ס און מיין זיידנ׳ס שוועסטער שאַשקע.

ישראל איז געווען אַ שיינער, און אַ פאַרדינער. אַ חוץ דעם איז ער פון דער משפחה. און אַזאַ שידוך פאַר חיה שרה׳ן איז ווי געוואונשן. אין תוך וואָלט זיך חיה שרה ניט קעגנגעשטעלט, ווייל חיים גרשון איז געווען אין דער בחינה פון אַ פאָטער, און זי איז געווען אַ פרומע סלאָנימער חסידה, צוגעפּאַסט צום שטייגער פון איר טאַטן און די ברידער.

די באָבע ריווע האָט קיינעם ניט פאַרטרויט וועגן דעם שידוך. אין דער פרי פון תנאים־טאָג, האָט זי נאָר אָנגעזאָגט דעם זיידן חיים אשר, ער זאָל אַרום צוויי אַזייגער זיך אַריבערכאַפּן צו חיים גרשון׳עז.

ווען ישראל איז געקומען עסן וואַרמעס ווי עס פלעגן טאָן פאַבריק אַר־בעטער, האָט די באָבע, צו זיין פאַרוואונדערונג, אים געהייסן זיך איינוואַשן און איבערטאָן זיך אין די שבת׳דיקע מלבושים. אויף זיין פראַגע: „וואָס איז דער יום־טוב?" האָט די באָבע ניט געענטפערט און אין פאַרוואונדערונג האָט ער אויסגעפאָלגט, וואָס זי האָט געהייסן. זי האָט אים אפילו ניט געזאָגט, אַז מען גייט צו חיים גרשון׳עז. ווי מען נעמט אַ קליין־אומבאַהאָלפן אינגל ביים האַנט, אַזוי האָט זי אים אין שוויגעניש אַריינגעפירט צו חיים־גרשון׳עז.

ישראל האָט דערזען אַן אויפגעראַמטע שטוב, אָנגעפילט מיט אַלע „טשערעבוכעס". אַ געדעקטער טיש מיט כיבוד און אַן אויפגעלייגטע דער־הויבענע שטימונג.

איידער דער זיידע איז געקומען צו חיים גרשון׳עז איז אים עפּעס געווען קשה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די באָבע האָט עפּעס פאַרטראַכט. איז ער געלאָפן אָנזאָגן דעם עלטסטן זון פרץ, וועגן ריוועס פּלוצימדיקע פריינטשאַפט צו די „טשערעבוכעס", און דאָס וואָס זי האָט זיך פאַרנומען גיין אין גאַסט צו חיים גרשון׳עז, אין אַ פּראָסטן וואָכן־טאָג.

ביז דער זיידע מיט פרצ׳ן זיינען אָנגעקומען, האָט ישראל נאָך אַלץ ניט געוואוסט דעם זין פון אָט דער שמחה: ערשט אַז פרץ האָט אים מגלה־סוד געווען האָט ישראל זיך דערוואוסט, אַז מען גייט אים פאַר׳קנס׳ן מיט חיה שרה׳ן.

עס איז אים נישט־גוט געוואָרן. ער האָט זיך פּשוט ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, און עס איז אים שווער אָנגעקומען צו באַנעמען וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

ווי אַזוי קאָן ער פאַר׳קנס׳ט ווערן, אַז ער איז גאָר פאַרליבט אין שרה׳קען?

אַלע פּלענער פֿאַר זייער אַנטלויפֿן קיין לאָנדאָן זיינען שוין געווען גרייט: זי, שרה'קע האָט צונויפֿגעשלאָגן צווישן אירע קרובים אויף דער הוצאה, און דער פּלאַן איז געווען, אַז שטילערהייט זאָל ישראל נעמען אַ פֿאָר העמדער און זיך אַרויס'גנב'ענען פֿון הויז. אָפּגערעדט איז געווען, אַז זיי זאָלן זיך טרעפֿן אין ביאַליסטאָק, און פֿון דאָרט וועלן זיי שוואַרצן דעם גרענעץ קיין דייטשלאַנד.

פּרץ האָט ניט געקענט אַרונטערשלינגען זיין מאַמע'ס מאַניפּולאַציע. די שנאה און ביטול צו די „טשערעבוכעס", וואָס ריווע האָט איינגעפּלאַנצט אין אירע קינדער האָט אין יענעם מאָמענט געקראָגן איבער אים די אויבער־האַנט.

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן ישראל'ן: „קום אַוועק פֿון די 'טשערעבוכעס'", האָט ער געזאָגט אַלע זאָלן הערן, און האָט דעם צומישטן פֿאַרטומלטן ישראל'ן אַרויסגענומען אין דרויסן.

די באָבע איז זיי נאָכגעגאַנגען, און אַ כאַפּ טוענדיק פּרץ'ן ביים האַנט, האָט זי קלאָר און פֿעסט אים געלאָזן וויסן, אַז זי האָט געגעבן איר וואָרט, און וועט ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל מבייש זיין אַ יתומה.

פּרץ איז אַוועק. ער האָט ניט געוואָלט זיין צו די תּנאים. ישראל איז אַ שטילער און דערשלאָגענער, אַריין זיך צו לאָזן פֿאַר'קנס'ן צו אַ מיידל, וואָס ער האָט ווינציק געקענט און וועלכע איז אים ניט געווען צום האַרצן.

איבערן שטעטל איז באַלד באַוואוסט געוואָרן פֿון דעם קנס־מאָל און שרה'קע איז פֿון בושה, גלייך אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן .

אין לאָנדאָן איז זי געוואָרן אַקטיוו אין דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די אימיגראַנטן. זי האָט זיך גענומען לערנען און אַנטוויקלען, און האָט חתונה געהאַט מיט אַן ענגלישן לערער, וועלכער איז שפּעטער גע־וואָרן אַ באַרימטער פּראָפֿעסאָר.

יאָרן שפּעטער האָבן זיי אימיגרירט קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. ישראל איז שוין געווען דאָ אין לאַנד. און קיינמאָל האָט ער זיך ניט פֿאַרגעבן, וואָס ער איז מיט שרה'קען ניט אַנטלאָפֿן. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אין לאָס אַנדזשעלעס און איז אַן אַלמנה, האָט ער דורך אַ קרובה וואָס וואוינט אין יענער שטאָט, געבעטן זי אויפֿזוכן און איר אָפּגעבן אַ גרוס. זי האָט געענטפֿערט אַז אַזאַ נאָמען ווי ישראל חיים אשר'ס האָט זי קיינמאָל ניט געהערט און אים קיינמאָל ניט געקענט. אַזוי האָט זי זיך אָפּגערעכנט מיט ישראל'ן פֿאַר פֿאַרשעמען איר. זי האָט זיין געדעכעניש ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך.

ישראל האָט נאָך דער חתונה זיך איינגאַנצן אונטערגעגעבן זיין גורל. די שוואָגערס האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ לעדער פֿאַבריקאַנט. ער האָט זיך איינ־געשפּאַנט אין דעם שטייגער, און פּונקט ווי זיין עלטערער ברודער פּרץ, האָט ער אויך זיין ניט אויסגעלעבטקייט און בענקעניש פֿאַרטאָן אין חסידות. ער

איז געוואָרן פון די אויבנאָן־זיצער ביים רבין׳ס טיש און ווען זיין עלטערער ברודער פרץ איז געשטאָרבן, האָט ער איבערגענומען זיין אָרט צו זיין דעם רבין׳ס אַ נושא כלים.

ער איז געוואָרן אַ תקיף ביי נחום אַנשלען. דער איינציקער פון זיידנס קינדער וואָס ער האָט מקרב געווען, און אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו קאָנען פירן זיין פאַבריק אָן שוועריקייטן.

ישראל, האָט זיך גענומען אַביסל דערווייטערן פון דער משפחה: ער האָט פאַרשאַרט דאָס ביסל „בונדיזם״, און איז געוואָרן אַ טייל פון דער פאַבריקאַנטן חברותא. פון צייט צו צייט פלעגט ער פרייטיק צו־נאַכט קומען זינגען זמירות מיטן זיידן.

די קינדער זיינע האָט ער דערצויגן אַ ביסל מאָדערן, וואָס דאָס אַליין איז געווען אַ סתירה. ער האָט זיי געשיקט אין די מאָדערנע חדרים מתוקנים און זייער באַנעם איז געווען אַ ציוניסטישער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן מיינע עלטערן ישראל׳ן גע־בראַכט קיין אַמעריקע, און געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, אים צו האַלטן באַקוועם און מיט חשיבות. זיי האָבן אויך שפּעטער געראַטעוועט זיין לעבן.

ישראל איז פון אַמעריקע געפאָרן צוריק קיין פּוילן און איז דאָרטן געבליבן שטעקן. מיינע עלטערן האָבן געשיקט נאָך אים און ער איז ניצול געוואָרן, פונקט ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

# באַהאַלטענע ליבעס

פון דער באָבע ריווע׳ס קינדער, איז מיין מאַמע געווען די איינציקע וואָס האָט אַליין אויסגעקליבן איר באַשערטן — און דורך אַ ראָמאַן דערצו.

ניט אַזוי גרינג איז עס איר אָנגעקומען. עס איז געווען אַ ראָמאַן מיטן גאַנצן קאָלאָריט פון קליינשטעטלשע ראָמאַנסן. עס האָט דער יוגנט פון שטעטל געשפּייזט סיי מיט רכילות און סיי מיט לידלעך אין צוגעפּאַסטע גראַ־מען וועגן די „העלדן" פון ראָמאַן און די אינטריגאַנטן וואָס האָבן אים געשטערט.

צו דער באָבעס אויערן זיינען דערגאַנגען די ווערטער און דער ניגון פונם לידל וועגן איר טאָכטערס ליבע. זי האָט אויך געוואוסט, אַז די יוגנט אין שטעטל האָט אין לידל איר פאַרוועבט ווי עפּעס אַ מין מכשפה וואָס זוכט אויף אַ בייזן שטייגער שטערן איר טאָכטער׳ס ליבע.

אַרום יענער צייט איז אין קריניק געוואָרן אַ מאָדע — „וועלטלעכקייט". עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן „אחדות" גרופּעס. די יוגנט — בחורים און מיידלעך האָבן זיך געצומען טרעפן אין וואַלד אָדער אין אַ שטוב פון אַ בחור אָדער מיידל, וואָס זיינען אפילו ניט געווען פון גאָר געהויבענעם יחוס.

אין שטעטל איז אויפגעקומען אַן אויפגעקלערטע יוגנט. וואָס איז געווען נאַטירלעך פאַר אַ ישוב, מיט אַ פאַבריקאַציע ביי וועלכער עס זיינען געווען באַשעפטיקט כמעט אַלע איינוואוינער.

דאָס שטעטל האָט גראָדע אַמאָל גע׳שמט׳ט מיט אירע וועב־פאַבריקן. שפּעטער איז די פאַבריקאַציע איבערגעגאַנגען קיין ביאַליסטאָק, האָראָדאָק און וואַשליקאָווע. די וועבערייען דאָרטן האָבן געצומען פאַבריצירן אַ דאַנק מאָ־דערנע מאַשינען אַ בעסערן סאָרט מאַנופאַקטור וואָס האָט געקאָסט ביליקער. קריניק האָט ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט ביאַליסטאָק הן אין קאַפּיטאַל פאַר מאָדערנע מאַשינען, הן צוליב דעם, וואָס קריניק האָט ניט געהאַט קיין אייזנ־באַן. סיי דער אַריינפיר און סיי דער אַרויספיר איז געטאָן געוואָרן מיט אָקס.

קריניק האָט פּראָדוצירט אַ ביליקן סאָרט סחורה, ווי טיגער, קאַשבי, און עסקימאָ. ביאַליסטאָק און לאָדזש האָבן אָנגעהויבן אַריבערשטייגן קריניק אויף אַלע אופנים פון דער פּראָדוקציע. די קרינקער פאַבריקאַנטן זיינען געוואָרן הינטערשטעליק, אָדער זיי האָבן ניט געוואָלט, אָדער זיי האָבן ניט געקאָנט זיך צופּאַסן צו די נייע און מאָדערנע באַדינגונגען. צו דעם זיינען נאָך צוגעקומען גרויסע שטרייטן צווישן די פאַבריקאַנטן און דאָס האָט געהאָלפן טרייבן די פאַב־

ריקאַציע צו אַ האַסטיקן באַרג־אַרונטער. עס האָט געהאַלטן אין פאַלן, ביז איין טאָג זיינען אַלע פאַבריקן געבליבן שטיין, און דאָס שטעטל האָט זיך אַרומ־געזען דאָס די וועבער אַרבעט איז אויסגערונען.

ווען די וועבערייען זיינען געווען אין שוואונג, איז דאָס שטעטל געווען רוישיק און אויפגעלעבט. געאַרבעט האָט מען אויף פאַרשידענע אופנים: האַנט־וועבערייען אויף וועלכע מען האָט געשפּונען דורך באַוועגונגען מיט די פיס אָדער די הענט. עס זיינען אויך געווען פאַבריקן וואָס האָבן באַטריבן זייער פּראָדוקציע מיט דאַמף. צו דעם האָט מען איינגעשפּאַנט דאָס וואַסער פון די טייכן. די גרעסערע און פאַרמעגלעכערע פאַבריקאַנטן האָבן שוין געהאַט פאַבריקן, וואו די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן נאָר מיט דער הילף פון דאַמף. און אַיעדער האָט זיך פאַרנומען מיט וועבעריי; אוואו אַ בוידים, אַ קעלער און אַ שטאַל האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ וועב־מאַשין און געאַרבעט.

וועבער־אַרבעטער האָבן דעמאָלט פאַרדינט זעקס און זיבן רובל אַ וואָך, וואָס איז לויט יענעם סטאַנדאַרד געווען אַ היפּשער לוין. פאַר אַ מיידל חתונה צו האָבן פאַר אַ וועבער איז געווען אַ גליק שידוך און די קרינקער מיידלעך האָבן טאַקע דעמאָלט געזונגען: „מאַמע, מאַך מיר חתונה און גיב מיר אַ מאַן אַ וועבער; אויף מאָרגן, נאָך דער חתונה, וועל איך פאָרן אין אַ קאַרעטע מיט גומענע רעדער”.

אַז די וועבערייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז די נויט דאָרטן געוואָרן אַזוי גרויס, אַז מען האָט אין די אַרומיקע שטעטלעך געקליבן נדבות פאַר די קרינקער. דאָס שטעטל האָט פּשוט געהאַלטן אין אויסגיין. דעמאָלט האָבן זיך עטלעכע וועב־פאַבריקאַנטן צוזאַמענגענומען און אָנגעהויבן פאַבריצירן לע־דער. אין אַ קורצער צייט איז קרינק שוין פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ גרויסער צענטער, וואָס פאַבריצירט לעדער פון אַלע מינים.

מיט אַזאַ פאַבריקאַציע איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז די יוגנט זאָל זיין אַ באַוואוסטזיניקע און אַז די פאַרשידענע באַוועגונגען וואָס האָבן גענומען אויפקומען אין רוסלאַנד, זאָלן אויך גרייכן די קרינקער יוגנט.

פון צייט צו צייט איז פאָרגעקומען אַ וואַנדערנדע טרופּע פון אַקטיאָרן און צירקן. מען האָט אין שטעטל אַריינגעבראַכט ביכלעך און די יונגוואַרג פלעגט זיך צוזאַמענקומען און הערן איינעם פאַרלייענען פון זיי. צוליב דער צענזור, פלעגט דער פאַרלייענער דערקלערן די אמת׳ע כוונות פון דעם מחבר.

עס האָבן שוין אויך צירקולירט ביכלעך מיט ראָמאַנען און דורך זיי איז די יוגנט באַקאַנט געוואָרן מיטן לעבן פון אַנדערע מענטשן און אַנדערע פעל־קער. פּאָפּולער איז געווען אַן אַגיטאַציע ביכל (דוד פּינסקי׳ס) די „מעשה פון די פיר ברידער”, וואָס האָבן געלעבט רואיק און ברידערלעך אין אַ וואַלד. דער מוסר־השכל פון דער מעשה איז געווען צו ווייזן, אַז קומענדיק אין באַרירונג מיט ציוויליזאַציע האָט געמאַכט איין ברודער רייך, דעם צווייטן אָרים, דעם

דריטן אַ קעמפער און דעם פערטן אַ פרומען, וואָס האָט אַלץ אָנגענומען באהבה. די פיר ברידער זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינער קעגן צווייטן. אין ביכל איז געווען אַ ליד וואָס דער אָרימער ברודער פלעגט זינגען: „איך גיי איבער פעלדער, איך גיי איבער וועלדער, איך הער ווי דער ווינט רוישט און זינגט. אַ שרעק, ליבער ברודער, אַ שרעקלעכע קעלט, ס'איז שווער, ליבער ברודער, צו לעבן אויף דער וועלט".

די יוגנט פלעגט דאָס ליד זינגען מיט אַ געוואַלטיקער התלהבות. דער ניגון איז געווען אַן אומעטיקער און צעצויגענער. מיידלעך פלעגן די ווער־טער אויסזינגען מיט געוויין.

אַ וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן גרופּע, האָט ארויסגערופן אַ גלוסט ביי דער יונגוואַרג אַליין אויפצופירן „שפּיל שטיק". איינער פון די אַקטיאָרן איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין שטעטל און ער האָט זיך גענומען אויסלערנען די יונגע מענטשן שפּילן „טעאַטער". דער רעפּערטואַר איז דעמאָלט באַשטאַנען פון גאָלדפאַדן'ס זאַכן. די לידער זיינען געזונגען געוואָרן פון קליין און גרויס.

אַסך עלטערע האָבן געקוקט מיט חשד אויף די נייע אויפפירונגען פון דער יונגוואַרג. קיין פאַנאַטיזם איז אין שטעטל ניט געווען. אַ גרויסע צאָל פון די יונגע בחורים האָבן געהאָלפן טראָגן דעם עול פּרנסה און דאָס האָט גורם געווען, אַז די עלטערע זאָלן אין תוך פאַרקוקן ווי זיי פירן זיך אויף.

אין די שפּילן אָבער האָט מען ניט געוואָגט איינטיילן ראָלען צו פרויען און די „העלדן און העלדינס" זיינען אַלע געווען מאַנסבילן. דאָס האָט אויך געהאָלפן אָפּשוואַכן שטערונגען פון די דערוואַקסענע.

מיידלעך אָבער פלעגן יאָ קומען אין קרייז וואו מען האָט געלייענט ביכ־לעך און צוגעגרייט זיך פאַר די שפּילן.

מיין פאָטער איז געווען אַ קאָכיקער בחור. ער האָט ליב געהאַט ציען אויפמערקזאַמקייט און האָט געהאַט אַ גלוסט זיך צו באַרימען. צוליב אָט דער טבע זיינער, האָט ער שטענדיק געזוכט זיך אויסצוצייכענען. אַ גוטן קאָפּ האָט ער געהאַט און ער פלעגט אַלץ אויפנעמען און איבערנעמען זייער שנעל, גענוי און קאָרעקט.

ער האָט זיך ליב געהאַט צו מישן אין אַלע געשעענישן אַרום דער יוגנט. ער איז געווען ניט לאַנג געקומען פון ביאַליסטאָק, וואו ער האָט געלערנט אין דער דאָרטיקער ישיבה.

דער זיידע, יאַנקל בונים, האָט אים געבראַכט צוריק קיין קרינקי, צוליב די גרויסע צרות אין דער פאַמיליע. דער עלטסטער זון אהרן וועלוול, האָט זיך פאַרמישט מיט דער חברה „בונטאָווששיקעס" און ער איז שוין געזעסן אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה פאַר אָנפירן אַ סטרייק פון וועבער־אַרבעטער. דער צווייטער זון, אבא יודל, איז אַוועק דינען פאַר אַ סאָלדאַט. איז די באָבע באַ־

שטאַנען אַז מען זאָל דעם זון לייזער הערש, ברענגען אַהיים, ער זאָל זיך ניט וואַלגערן אין דער פרעמד און עסן „טעג" ביי די ביאַליסטאָקער קרובים.

ווען דער טאַטע איז געקומען אין קריניק, האָט אים דער זיידע אַוועקגעגעבן זיך לערנען א מלאכה ביי גאַרבעריי.

דער טאַטע איז גלייך צוגעשטאַנען צו די יוגנט קרייזן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויס־שטאָטישן, און שטילערהייט האָט ער שוין אין ביאַליסטאָק אויך אַריינגעכאַפּט אַ קוק צו טאָן אויף אַ שפּיל אין אַ צירק. דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן מומחה אויף טעאַטער־שפּיל.

מיין טאַטע האָט געהאַט אַ צעשפּילטע פאַנטאַזיע און זיין טבע איז געווען איבערצוטרייבן זאַכן און מאַכן גוזמאות. ער איז געווען אַ היציקער און ראַמאַנטישער אינגל און זייער אַ גלוסטיקער.

אין אַ צוזאַמענטרעף אין וואַלד פון אַן „אחדות" קרייז, האָט ער באַגעגנט מאַשען און האָט זיך באַלד פאַרקאָכט אין איר.

ביידע זיינען זיי געווען שיינע, דער טאַטע מיט פעך שוואַרצע האָר. געראָטן אין זיין מאַמען. מיין מאַמע, אין קאָנטראַסט, האָט געהאַט ברוינע האָר (דאָס וואָס מען רופט שאַטין), אַ קיילעכדיקן פּנים, רויטע באַקן, אַ פיין־געטאָקטן (ווי מען פלעגט ביי אונז זאָגן) מויל און אַ שיינעם נאָז. איך געדענק נאָך מיין מאַמען ווען זי איז אַלט געווען אַן ערך צוואַנציק יאָר און פלעג הערן ווי מען רימט איר שיינקייט. די מאַמע איז געווען אינגאַנצן געראָטן אין טאַטן אירן. דער זיידע חיים אשר איז געווען קליין אין וואוקס, אָבער אין פּנים אַ פאַרשוין.

ווי לייזער הערש האָט דערזען מאַשען איז ער שוין פון איר ניט אָפּגעשטאַנען. און גאָר גיך געלאָזט טאָקע וויסן, אַז ער איז פאַרקאָכט אין איר. ער איז געווען אַן איבערגעאיילטער און האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן לאַנג אַ שטימונג, אַ געפיל אָדער אַ געדאַנק.

ער איז איר אויך געפעלן געוואָרן. אָבער זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין געוואַגטקייט און דירעקטקייט. אַ חוץ דעם האָט זי געטראַכט עס וועט קיינמאָל גאָרניט אַרויסקומען: עס וועט בטל ווערן אַזוי גיך ווי איר מאַמע וועט זיך דערוויסן.

לייזער הערש'ן האָט עס אָבער ניט געאַרט, אַז מאַשע האָט אויפגעהערט צו קומען אין קרייז, פלעגט ער איר אָפּפּאַסן ביים הויז און איר נאָכגיין. ער האָט גענומען איינגיין און זיין צודרינגלעכקייט האָט איר דערנענטערט צו אים.

זיי פלעגן זיך טרעפן באַהאַלטענערהייט. ביי דער באָבען איז געווען שווער זיך אַוועק׳גנב׳ענען פון הויז. מען האָט געמוזט שטענדיק זיין פאַר אירע אויגן.

טאָקע ווי אין די ביכלדיקע ראָמאַנען האָבן די צוויי מענטשן געליטן. סוף כל סוף האָט מען לאַנג ניט געקאָנט פאַרבאָרגן זייערע באַגעגענישן. די

באָבע האָט זיך דערוואוסט און זי האָט דער טאָכטער פּשוט פאַרשפּאַרט אין הויז און איר געהאַלטן געפאַנגען.

לייזער הערש פלעגט זיך דרייען אַרום אירע פענצטער און פאַר׳גנב׳עטער־הייט פלעגט זי אים צוואוואַרפן אַ קוק אָדער אַ שמייכל.

אין שטעטל איז דער ראָמאַן באַוואוסט געוואָרן און קינד און קייט האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו ריידן, באַריידן און אַרומריידן די „ליובקע״ צווישן יאַנקל בונים׳ס זון און מאַשע חיים אָשר׳ס.

חברה האָבן פאַרפאַסט אַ לידל וועגן די צוויי פאַרליבטע וואָס קענען זיך ניט זען, ווייל די מאַמע שטייט ווי אַ „זשאַנדאַר״ און האַלט דאָס „אָרימע פייגעלע געפאַנגען״.

אין פאַבריק פלעגן די אַרבעטער, באַזונדערס די באַוויבטע, זיך רייצן מיטן אינגל און אים דערגיין די יאָרן. די יונגוואַרג פלעגט אין כאָר אויסזינגען דאָס לידל וואָס האָט גערעדט פון זיין ליבע.

די באָבע האָט דערזען, אַז עס האַלט שלעכט. דאָס שטעטל רעדט און דער בחור טרעט ניט אָפּ פון פענצטער. האָט זי גענומען פלאַנעווען ווי אַזוי דער טאָכטער פאַר׳שדכנ׳נען צו אַן אַנדער בחור. פאַרערער האָט די מאַמע געהאַט אַ סך. עס זיינען געווען בחורים וואָס האָבן געוואָלט טאָן אַ שידוך מיט חיים אשר׳ס טאָכטער. ווען לייזער הערש האָט זיך דערוואוסט, דאָס ריווע האָט זיך פאַרלייגט צו פאַר׳קנס׳ן מאַשען צו אַן אַנדערן, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ וואָרנונג: עס איז געווען אַ וואָרנונג וואָס איז שפּעטער דעם טאָטן דערמאָנט געוואָרן ניט נאָר פון לצים, נאָר אַ סך מאָל פון דער מאַמען אַליין, ווען זי פלעגט זיך ווועלן מיט אים אַ רייץ טאָן.

דער טאַטע פלעגט ניט קענען אַרויסריידן שאַרף אַ „שין״ און פלעגט עס פאַרבייטן מיט אַ „סין״. אין דער וואָרנונג האָט ער געלאָזט וויסן — אַז אויב ער וועט ניט קאָנען חתונה האָבן מיט דער געליבטע וועט ער זיך שיסן. געזאָגט האָט ער אַן ערך אַזוי: „אויב איך וועל ניט קענען קריגן מאַסענקען, וועל איך זיך סיסען״.

# דער סאָלדאַט

דעם טאַטנ׳ס וואָרנונג, אַז ער וועט זיך „סיסן“ אויב ער וועט ניט קריגן „מאַסענקעז“, איז באַלד פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבערן שטעטל. ווי אַזוי די שטעטלדיקע האָבן זיך עס דערוואוסט איז ניט באַקאַנט. נאָר מען דאַרף אָנגענעמען, אַז דער טאַטע אַליין, וועלכער האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן געפֿילן און עמאָציעס, האָט עס אימיצן געמוזט פֿאַרטרויען און אַזוי איז עס פֿאַרשפּרייט געוואָרן ניט נאָר צווישן ווייבער און פֿאַבריק־אַרבעטער, נאָר אויך צווישן לצים.

דער זיידע, יאַנקל בונים, וועלכער איז געווען אַן „אויפֿגעקלערטער“ און באַטראַכט אין שטעטל ווי אַ משכּיל, האָט זיך דערשראָקן, ווען צו זיינע אויערן זיינען דערגאַנגען די רייד, אַז זיין זון קלייבט זיך „אַ מעשׂה אָנטאָן“ צוליב חיים אָשר׳ס טאָכטער מאַשע.

די באָבע ריווע האָט קיין סך געוויכט ניט געלייגט אויף די אַלע רייד. פֿאַרקערט, זי איז נאָך שטרענגער געוואָרן און האָט דער טאָכטער פֿון אויג ניט אָפּגעלאָזן.

דאָס מיידל פֿלעגט זיצן און וויינען. לייזער הערש האָט טאַקע זיין סטראַשונאָק דערווייל ניט געהאַלטן, אָבער ווער ווייסט? עס קאָן דאָך געשען.

דורך מאַשעס ברודער ישׂראל פֿלעגן די געליבטע זיך איבערשיקן צעטעלעך, איינמאָל האָט זיך מאַשע אַרויסגע׳גנבֿ׳עט פֿון הויז און איז אַוועק זיך באַגעגענען מיטן געליבטן.

וואו האָט מען זיך געקאָנט באַהאַלטן אין שטעטל? עס זיינען תּמיד געווען אויגן וואָס האָבן געזען. די באַגעגעניש צווישן פֿאַרליבטן פּאָרל האָט מען גלייך צוגעטראָגן דער באָבען און זי האָט דער טאָכטער אויסגעטיילט די ריכטיקע פּאָרציע.

מאַשע פֿלעגט שפּעטער דערציילן, אַז זי האָט זיך געפֿילט שולדיק און האָט דער מאַמען אירער ניט ווידערשפּעניקט מיט איין וואָרט. זי איז געזעסן און געשוויגן. איר שווייגן, ווייזט אויס, האָט נאָך שטאַרקער צערייצט דער באָבען. זי פֿלעגט אַריין אין אַזאַ צאָרן אזש ביז ספּאַזם. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער, וואָס איז געלעגן פֿאַר אירע אויגן און עס אַ וואָרף געטאָן גלייך אויף דער טאָכטער.

וואָס פֿאַר אַ כּח עס האָט מאַשע׳ן אַ שטויס געטאָן זי זאָל אָפּשפּרינגען קאָן באַטראַכט ווערן צו זיין מעשׂה נס. די גאַנצע סצענע מיט וואַרפֿן דעם מעסער איז דאָך געשען אין סעקונדן. ריוועס שרעק פֿאַרן אייגענעם אויפֿברויז און דער טאָכטערס היסטעריקע האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ ווירקונג. זי איז

געבליבן פאַרציטערט פאַר דער אייגענער ווילדקייט וואָס זי האָט געוואָלט אָפּטאָן און האָט גענומען איינגעמען דער טאָכטער און איר באַרואיקן.

ווייזט אויס, אַז אָט דער צאָרן איז געווען דער קלימאַקס. עס האָט ריווען באַוויזן, אַז זי האָט געשטעלט איר קינד׳ס לעבן אין סכנה און די געשעעניש האָט אויסגעלאָשן דעם ווידערשטאַנד צו דער ליבע וואָס די טאָכטער האָט געשפּילט מיט יאַנקל בונימ׳ס זון.

אַז יאַנקל בונים האָט געזען ווי זיין זון „גייט אויס״, האָט ער באַשלאָסן גיין זיך דורכריידן מיט ריווען וועגן דער ליבע צווישן זייערע קינדער.

ריווע איז געווען אַ געדולדיקע אויסהערערין. זי פּלעגט זיך ניט היצן אין שמועסן, און האָט זיך שטענדיק געגעבן אַ געלעגנהייט צו אויפנעמען רייד אָדער טענות. דאָס שווייגן פּלעגט זי אויסנוצן כדי צו קענען ביי זיך באַשליסן וואָס צו ענטפערן.

ווען יאַנקל בונים איז געקומען האָט שוין ריווע געהאַט באַשטימט און באַשלאָסן נישט צו שטערן דעם שידוך. זיין באַזוך איז פּונקט צונויפגעפאַלן מיט דער סצענע פון וואַרפן דעם מעסער, און זי האָט אים געערן און געדולדיק אויסגעהערט. אַ חוץ דעם זיינען דעם זיידן חיים אָשר׳ס און דעם זיידן יאַנקל בונימ׳ס משפחות געווען פאַרבונדן דורך קרבה׳שאַפט, און מען האָט זיך געהאַלטן ווי שטיקלעך אייגענע.

נאָכ׳ן שמועס מיטן זיידן יאַנקל בונים, האָט זי מסכים געווען צום שידוך. איר באַדינג איז אָבער געווען, אַז דאָס צוזאַמענבריינגען פון די יונגע פאַר טאָר ניט געשען דורך דער „ליובקע״. עס מוז זיין דורך אַ שידוך, און זי האָט זיך געהייסן שיקן אַ שדכן.

יאַנקעל בונים וואָס איז אויך געווען אַ שטיקל עקשן, נאָר אַ קלוגער, האָט געוואוסט ווען ער דאַרף מאַכן אַ פּשרה. האָט ער נאָכגעגעבן.

פאַרן שדכן האָט ריווע פאַרגעלייגט אירע תנאים. קיין נדן האָט זי דאָך ניט געקאָנט געבן, און נישט דער טאַטע און ניט זיין פאָטער האָבן געמאָנט נדן. זי איז באַשטאַנען דעם יונגנמאַן באַפרייען פון „פּריזיוו״. דאָס איז שוין געווען איר חזקה. באַפרייען די זין און איידימס פון מיליטער דינסט.

די מחותנים האָבן זיך געביטן מיט „צוגאָסט באַזוכן״ און דאָס פּאָרל פלעגט זיך שוין קאָנען אָפן באַגעגענען. אָבער ריווע פלעגט דער טאָכטער ניט לאָזן גיין צום חתן אין שטוב. זי האָט געהאַלטן, אַז אויב אַ מיידל האָט געוואָגט פירן אַ „ליבע״ דאַרף מען איר היטן. און זי איז באַשטאַנען אַז די באַגעגענישן זאָלן זיין ביי איר אין שטוב וואו זי וועט קאָנען האַלטן אַן אויג אויפן פּאָרל.

די ערשטע זאַך צו וואָס זי האָט זיך אַ נעם געטאָן איז געווען באַפרייען דעם חתן פון גיין דינען. דער טאַטע וועלכער איז שוין געווען אַ בן־בית ביי איר, האָט געהאַלטן אין איין דערקלערן, אַז ער איז נאָך יונג און

האָט נאָך צייט צו טראַכטן ווי אַזוי באַפרייט צו ווערן. ער איז דאַמאָלט געווען אויפן 18טן יאָר. ביזן „פריזיוו" איז נאָך געווען אַ קימאַ־לן פון איבער דריי יאָר. ריווע האָט זיך געלאָזן איינרעדן. די מאַטיוון פאַר צושטימען צום פאַרל'ס חתונה זיינען געווען פאַר איר זייער קלאָרע. ערשטנס האָט זי ניט געהאַלטן, אַז אַ יונג פאַר דאַרף זיך לאַנג „אַרומשלעפּן". ווער ווייסט צי מען וועט קאָנען „איינהיטן". צווייטנס איז די זיכערקייט, אַז איר וועט געראָטן צו באַפרייען דעם טאַטן פון „פריזיוו" געווען זייער שטאַרק. האָט זי דען ניט באַפרייט איר זון פרץ'ן און דעם איידים דאַדיע? און מען האָט מיט מזל באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה.

מיין טאַטע אָבער האָט איר נישט דערציילט דעם אמת. ער האָט פון ריווען פאַרבאָרגן אַז לויט ווי זיין פאָטער האָט אים פאַרשריבן, דאַרף ער זיך שטעלן צום „פריזיוו" ניט אין עלטער פון 21 יאָר, נאָר אין עלטער פון 19 יאָר.

דאָס וואָס מיין טאַטע האָט פאַרבאָרגן פון איר דעם אמת, האָט אים שפּע־טער ניט איינגעשאַפן קיין סך חן אין דער באָבעס אויגן. זי האָט אים גע־שטעמפּלט פאַר אַ „ליגנער" און אַזוי האָט זי אים ביי זיך און ביי אַלע נאָענטע פאַרוויגט.

עס זיינען געווען סיבות פאַרוואָס ער האָט געדאַרפט גיין דינען צו 19 יאָר. עס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ פלאָנטער אין דער פאַמיליע.

אַ חוץ דעם האָט דער זיידע יאַנקל בונים געהאַלטן, אַז אויב יאָ דינען דעם קיסר דאַרף מען עס ווען מ'איז יונג, כדי ווען מען ווערט באַפרייט זאָל מען נאָך זיין גענוג יונג צו קאָנען שאַפן פאַר זיך אַן אָרט אין לעבן.

דער זיידע האָט זיינע קינדער ניט צוגעטריבן צו קריניק. זיין משפחה־אָפּשטאַם איז געווען סעמיאַטיטש, אַ שטעטל וואָס איז געלעגן אַרום ביעלסק און ברעסט־ליטאָווסק. ער פלעגט זיך גרויסן מיט די סעמיאַטיטשער קרובים. געהייסן האָבן זיי קאַדישעוויטש. אייגנטלעך איז דאָס אויך אַמאָל געווען דעם זיידנ'ס פאַמיליע נאָמען. נאָר ווען די פאַמיליע האָט זיך אַריינגעצויגן קיין קרי־ניק איז דער נאָמען געביטן געוואָרן פון קאַדישעוויטש אויף קרינקער.

די סעמיאַטיטשער קאַדישעוויטשעס זיינען געווען אידישע פּריצים. זיי האָבן געהאַט אימעניעס און האָבן זיך געפירט אויף אַ ברייטן פאַרנעם. דעם זיידנס אַ לייבלעך שוועסטער־קינד פון די קאַדישעוויטשעס איז געווען אַן אַד־וואָקאַט און פלעגט אַנשפאַרן אַזש קיין פּעטערבורג.

די קאַדישעוויטשעס האָבן געהאַט אַן אייגענעם שלאָס נעבן שטעטל. די איבערגעבליבענע פון דער משפחה, אַ מוטער און אַ זון, פלעגן זעלטן אַרי־בערקומען אין סעמיאַטיטש. זיי האָבן זיך געהאַלטן ווייט און פרעמד פון אידישן לעבן און אידישער סביבה. דער זון פלעגט ניט ריידן קיין אידיש, נאָר רוסיש. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שטיקל „משוגענעם". ער פלעגט זיך קליידן אין בגדים פון אויסטערלישע און בונטע קאָלירן. ער פלעגט טראָגן רויטע

שטיוועלעך. אַ באַזונדער ליבשאַפט האָט ער געהאַט צו האַלטן אַ קורצן שטעקל (אַ „פּאַלקע" פלעגט מען עס רופן) און פאָכן מיט דעם. דער זיידע פלעגט זיך אַמאָל דורכשרייבן מיט זיי. צוליב מעטריקעס אָדער אַנדערע לע־גאַלע דאָקומענטן וואָס ער האָט געדאַרפט קריגן פון סעמיאַטיטש, פלעגט ער אַרונטערקומען דאָרטן און דערווייל באַזוכן די משפחה.

ווייניקער ווי אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט מען דעם טאַטן גערופן צום „פּריזיוו". געדאַרפט האָט ער זיך שטעלן אין ביעלסק, ווייל צוגעשריבן איז ער געווען צו סעמיאַטיטש און ביעלסק איז געווען די „אויעזדנע" שטאָט (די קרייז שטאָט).

דער זיידע יאַנקל בונים האָט ניט געגלויבט, אַז מען וועט דעם זון „אָפּגעבן". לויטן זיידן האָט לייזער הערש געהאַט אַ „ליעגאָטע", אַ פאָרצוג ניט גענומען צו ווערן אין מיליטער.

לייזער הערש פאַרקערט, ווייזט אויס, האָט גראַד געוואָלט זיין אַ סאָלדאַט. ער האָט ליב געהאַט דעם פאַראַד און די אויפמערקזאַמקייט וואָס אַ מונדיר רופט אַרויס.

ריווע האָט זיך ניט גערעכט, אַז מען זאָל דעם איידים רופן אַזוי יונג צו מיליטער דינסט. זי האָט ביי זיך ניט געקאָנט פועלן, אַז דער יונגערמאַן האָט איר פאַרלייקנט דעם אמת. זי האָט עס באַטראַכט פאַר אַ שווינדל. אַזוי האָט זי זיך נוהג געווען צו אַנהויבן ארבעטן אויף צו „באַפרייען פון פּריזיוו" גלייך ווי דער זומער איז געקומען, און ווען מען האָט זיך געשטעלט צום „פּריזיוו", גלייך נאָך סוכות, האָט זי שוין געהאַט אַלץ פאַרטיק. אָבער דאָ אַזאַ „אומגליק"! זי האָט אפילו ניט געהאַט קיין צייט ווי געהעריק צו באַנעמען וואָס עס קומט פאָר.

עס איז ביי איר געבליבן אַז זי וועט צופאָרן מיטן איידים קיין ביעלסק, און דאָרטן וועט זי שוין עפּעס אויפטאָן.

ווי אַ כלל פלעגט מען נאָכן „אָפּגעבן" לאָזן דעם רעקרוט פריי אויף עט־לעכע טעג און זי האָט געפּלאַנעוועט אויסצונוצן די עטלעכע טעג, אויף זוכן מיטלען דעם איידים צו באַפרייען.

עס האָט זיך אָבער אַזוי ניט אויסגעלאָזן. נאָכן צונעמען אים איז ער שוין דאָרטן געבליבן. עפּעס איז געווען אַ סיבה, פאַרוואָס מען האָט די צוגענומענע יענעם יאָר ניט אָפּגעלאָזן אויף עטלעכע טעג, ווי עס איז געווען דער כלל.

די באָבע איז געלאָפן צו די קאַדישעוויטשעס. זי האָט זיך פאַר זיי פאַר־געשטעלט און פאַרלאַנגט זייער הילף. צי זיי האָבן ניט געוואָלט טאָן, צי זיי האָבן ניט געקאָנט טאָן, די באָבע איז צוריק געקומען קיין קריניק אַן אַנטויש־טע און דערשלאָגענע. די טאָכטער האָט זי צוגענומען צו זיך, זי האָט איר ניט געוואָלט לאָזן אַליין. זי האָט אויך געוואָלט, אַז די טאָכטער זאָל „געלעגן" ווערן ביי איר אין הויז.



מיין טאַטע ווען ער איז געווען דעם ערשטן מאָל אין אַמעריקע



מיין מאַמע אין עלטער פון 25 יאָר

# לידער פון צער און בענקשאַפט

אַ פּאָר חדשים נאָך דעם ווי לייזער הערש איז אַוועק דינען, איז אַ קינד געבוירן געוואָרן. אימיצער האָט געדאַרפט מפרנס זיין דאָס יונג ווייבל און קינד. אויף איר טאַטנס פאַרדינסטן האָט מען זיך ניט געקענט צופיל פאַרלאָזן.

אין שטעטל האָט מען שוין געוואוסט, אַז חיים אשר׳ן קען מען אָפּקומען מיט אַ שיבוש. ער האָט קיינמאָל ניט געמאַנט און פלעגט זיך ניט איינשטעלן מען זאָל אים געבען. האָט מען אים געגעבן איז געווען מה טוב, אויב ניט, איז ער ניט געווען ברוגז. ער האָט געהאַלטן אַז זיין חוב אַלס שמש איז צו טאָן דאָס וואָס עס פאָדערט זיך פון אים און קיינער איז ניט מחויב אים צו באַלוינען דערפאַר.

ריווע פלעגט עס זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן. זי האָט דאָך אָבער ניט געקאָנט אים נאָכגיין.

אַז ער איז געקומען אַהיים פון אַ חתונה, אַ ברית, אָדער חס וחלילה, אַ לויה, פלעגט ריווע אים גלייך הייסן אָפּגעבן דאָס געלט. מ׳שטיינס געזאָגט, וויפיל געלט ער פלעגט איר ברענגען. עס איז קיינמאָל ניט געשען אַז אויספירן אַן עובדה זאָל אים אָפּגיין גרינג. זי פלעגט אויסגיסן איר גאַנצע בייזקייט און ביטערקייט אויף אים. ער פלעגט עס אַלץ אַראָפּשלינגען און ער האָט איר זייער זעלטן אָפּגעענטפערט.

פאַר וואָס ריווע אַליין האָט זיך ניט גענומען צו מסחר, אָדער טאָן עפּעס אַנדערש וואָס זאָל העלפן אין דער פּרנסה, האָט געמוזט זיין פאַר־בונדן מיט גאָר אַ סך טיפע פּסיכאָלאָגישע סיבות. עס קאָן זיין, אַז די הויפּט סיבה איז געווען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זיין ווי די ווייבער אין דער משפחה: זיך פירן מיט גדלות און שטאַט און ניט זיין פאַרטאָן אין העלפן פאַרדינען אויף פּרנסה. איר ביטערע קנאה צו די רייכע קרובים, האָט איר ניט דערלאָזן זיך אָפּגעבן מיט פּרנסה. דאָס האָט ניט געפּאַסט פאַר נחום אַנשל קינישינסקי׳ס אַ קרובה.

זי פלעגט חיים אשר׳ן אויסליידיקן פון יעדן גראָשן וואָס ער האָט נאָר גע־בראַכט. דאָס געלט פלעגט ער האַלטן אין אַ גרויסע טיכל, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין הינטער־קעשענע פון דער קאַפּאָטע. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער רואיק אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס טיכל אַ פאַרבונדענע, און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ריווע פלעגט איבערציילן דאָס געלט און באַשטימען, צי מען האָט אים באַהאַנדלט יושר׳דיק, אָדער אים באַ׳עולה׳ט.

דער זיידע האָט ליב געהאַט געבן אַן אייניקל אַ מטבע. — מיר פלעגט ער שטענדיק געבן אַ גאַנצע קאָפּיקע. אײדער ער פלעגט קומען אַהיים, האָט ער פאַרשטעקט עטלעכע מטבעות אין טאַבאַק־פּושקע און עס געהאַלטן, ביז אַן אייניקל פלעגט קומען אײנמאָנען זיין מטבע איך האָב שוין געהאַט מיינע טעג ווען איך פלעג קריגן מיין קאָפּיקע.

אַ חוץ מיין מאַמען זיינען אין שטוב געווען דריי נאָך ניט אויסגעגעבענע קינדער, ישראל, מיישקע און יענטע.

מיין מאַמע׳ס אַריינציען זיך אין שטוב, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי חדרים, אין וועלכע עס האָט געדאַרפט „הויזן״ אַ משפחה פון זעקס מענטשן, מיט אַ קליין קינד אַלס צוגאָב, האָט געשאַפן אַ גרויסן עול אויף אַלעמען. מיין מאַמע האָט ניט נאָר געדאַרפט אויף אויסקומעניש פאַר זיך און פאַרן קינד, נאָר האָט אויך געדאַרפט שיקן דעם מאַן געלט קיין אַריאַל, טיף־רוסלאַנד, וואו ער האָט געדינט.

אַן אויסוועג איז געווען, זי זאָל זיך לערנען אַ מלאכה, און זי האָט זיך גענומען צו זאָקן־שטריקעריי.

נאָכן אויסלערנען זיך די אַרבעט האָט זי געקויפט אַן אייגענע מאַשין, און איר צוגעפעסטיקט צו אַ ברעטל האַרט ביים פענצטער.

איך געדענק נאָך ווי די אַרבעט פון זאָקן־שטריקן פלעגט געטאָן ווערן.

עס איז געווען אַ לאַנגע מאַשין מיט אַ סך שפּיזלען. ביים עק פון מאַשין איז געווען אויף אַן אײזערנעם שטעקל צוגעפעסטיקט אַ שפּול באַוול. די באַוול איז פאַרבונדן געווען מיט די שפּיזלען. אַ הענטל צוגעפעסטיקט צו לאַנגן אײזערנעם שטעקל פלעגט באַוועגט ווערן הין און צוריק, די מאַשין האָט זיך גערוקט אויפן זעלבן שטייגער ווי אַ שרייב־מאַשין, נאָר האַסטיקער אביסל. מיט איין האַנט האָט מען באַוועגט דאָס הענטל און מיט דער צווייטער האַנט האָט מען אונטן צוגעהאַלטן די זאָק־פאָרמע וואָס פלעגט זיך אויסאַרבעטן.

די מאַמע פלעגט שטריקן און זינגען צום טאַקט טרויעריקע לידער: לידער וואָס האָבן באַקלאָגט דורכגעפאַלענע ראָמאַנסן. דער ברודער אירער, מיישקע האָט זיך שוין אָנגעהויבן מישן אין די „סכאָדקעס״ און ער פלעגט אַריינ־ברענגען אין שטוב לידער וואָס האָבן באַקלאָגט די דאָליע פון אָרימאַן און אים גערופן צום קאַמף.

דאָס באַליבטסטע ליד ביי איר איז געווען עדעלשטאַט׳ס — „אין שטורעם און קאַמף״. מיט טרויער און אַ וויינענדיקן קול פלעגט זי פאַרציען דעם ניגון: „אין שטורעם און קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוואונדן, פון ליבע און גליק האָב איך נימאָלס געוואוסט. נאָר ביטערע טרערן און שמערצלעכע וואונדן, האָבן געדריקט מיין ברוסט״.

נאָך אַ באַליבטער ניגון אירער איז געווען: „טריט פון טיראַנען האָבן זיך געלאָזט הערן צוועלף אַזייגער בייּנאַכט, דאַן האָט ביי אונז געטאָן פאַלן אַ שטערן, אַט פון די, וואָס גלענצן אין דער נאַכט״.

צי זי האָט באַנומען וואָס די לידער באַצוועקן און וואו זיי צילן, ווייס איך נישט. ווי קליין איך בין געווען, פלעגן די לידער ווירקן אויף מיר. אין נייגער און שפּאַנונג פלעג איך זיצן און אויסהערן די טרויעריק צעצויגענע מעלאָדיעס ווי די מאַמע האָט זיי אויסגעזונגען, צוגעפּאַסט צו איר געמיט און שטימונג.

זי אַליין האָט פאַרפאַסט אַ לידל, וואָס האָט באַקלאָגט איר ווייסטע „דאָליע״. זי האָט צוגעפּאַסט אַ ניגון און פלעגט דאָס לידל זינגען אָפטער ווי די אַנדערע.

„האָסט געוואוסט אַז דו וועסט זיין אַ סאָלדאַט, וואָס ביזטו צו מיר אַנגעקומען? האָסט געוואוסט אַז דו וועסט זיין אַ סאָלדאַט, פאַר וואָס האָסטו מיך מיין קאָפּ אַראָפּגענומען? נאַ דיר דעם זעקל און מאַך שוין דאָס פּעקל און גיי שוין אַוועק צום וואָקזאַל. אַז דו גייסט אַוועק צום וואָקזאַל, האָב איך נישט קיין גראָשן צו פאַרדינען, איך גיי אַרום און שריי געוואַלד, גיט מיר אַ גראָשן צו פאַרדינען. אַז איך פאַרדין שוין דעם גראָשן, לעב איך נישקשה. איך לעב שוין אַ לעבן גאַנץ פיין, איך דערמאַן זיך אָן מיין מאַן, אוי, ער איז ניט פאַראַן, דאָס קינד זאָל אים נישט שאַטן, ער בענקט נאָך זיין טאַטן, אַי, דער טאַטע איז נישטאָ״.

אין צוגאָב האָט זי געהאַט נאָך אַ לידל: „וואָס וועלן מיר עסן ברידער? סאָלדאַטסקע קאַשע ברידער, סאָלדאַטסקע קאַשע איז ניט גוט, פּאָניע פאַרצאַפּט אונזער בלוט״.

גע׳חבר׳ט האָט זיך די מאַמע מיט זייער ווייניק מענטשן. מיט די חבר׳טעס אירע, וואָס זיינען נאָך געבליבן מיידלעך, האָט איר שוין נישט געפּאַסט זיך צו חבר׳ן. קיין יונגע ווייבלעך אין אירע יאָרן צו וועלכע זי זאָל זיך צופּאַסן, זיינען אָדער ניט געווען, אָדער זי האָט ניט געוואָלט ווערן באַקאַנט מיט זיי. אַ חוץ דעם איז זי געווען צופיל פאַרנומען מיט איר אַרבעט. שבת נאָר, פלעגט זי גיין אויף שפּאַציר (ווי עס פלעגט טאָן די קרינקער יוגנט), מיט איר ברודער ישראל. צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַ גאָר גרויסע פריינטשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז איר טויט.

אַז מיין מאַמע מיט ישראל׳ן זיינען אַרויס שפּאַצירן, האָט מען זיי נאָכגעקוקט. ביידע זיינען זיי געווען גרויסע פאַרשוינען. זיי פלעגן שפּאַצירן מיושב׳דיק און געלאַסן צו שישליוויצער גאַס וואו די יוגנט האָט זיך געזאַמלט. זיי פלעגן אויך גיין צו גאַסט.

אין שפּעטערע יאָרן איז די מאַמע געווען גאָר נאָענט אויפגעטראָגן מיט נחום אַנשל׳ס אַ טאָכטער אַלטע. אַלטע האָט געוואוינט אויפן וויגאָן אין אַ

שלאָס, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גרויסן סאָד. איך פלעג זיך שפּילן מיט אירע קינדער און צוזאַמען פלעגן מיר רייסן אויבס פון סאָד. אַ חוץ עפּל, באַרנעס און קאַרשן איז דאָרטן אויך געוואַקסן אַגרעס, און איך האָב שטאַרק ליב געהאַט אַט די פּרוכט.

געהאַלטן האָט זי זיך אויך נאָענט מיט נחום אַנשל׳ס אַ שוועגערין, זיין ווייב ראַשקעס שוועסטער שיינקע. איר מאַן, ישראל הערצקע, האָט באַטריבן אַ גרויסע פאַבריק. געווען איז ער אַ פּראָסטער איד. שיינקע האָט זיך געהאַלטן תקיף איבער אים. געהאַט האָבן זיי פיר קינדער, אַ טאָכטער מעזשי און דריי זין. איינער פון די זין איז ניט געווען מיט אַלעמען. ער איז געווען אַ אידיאָט און זיי האָבן אים געהאַלטן איינגעשפּאַרט אין הויז. געקליידט האָבן זיי אים אין קינדערשע מלבושים, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אַ גרויסער בחור. פון צייט צו צייט פלעגן זיי אים אַרויסלאָזן אין גערטל נעבן הויז. דאָס גערטל איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַנגען און אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט אַרויס פון דאָרט האָט ער ניט געקאָנט.

זיין שפּראַך אוצר איז געווען אַ באַשריינקטער. די עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגערעדט זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ ברום. אַזוי איז ער געווען מילד, נאָר ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צאָרן האָט מען אים געמוזט בינדן. איך פלעג פאַר אים אַביסל מורא האָבן. עס האָט אים שוין געוואַקסן אַ באָרד. זיין מאַמע שיינקע, איז אָבער נאָר באַשטאַנען, ווען מיר פלעגן קומען צו גאַסט, אַז איך זאָל זיך שפּילן מיט אים, אַ זאַך וואָס איך פלעג ניט האָבן קיין חשק. און דערפאַר איז גיין צוגאַסט צו שיינקען, געווען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. דער מטורף האָט געהאַט דערשמעקט, אַז איך וויל זיך מיט אים נישט שפּילן, איז ער מיר געווען אַ דם־שונא.

איין זון גראַדע איז געווען אַ געראָטענער אָנפירער מיט זיין טאַטנס פאַבריק. פון נאָך אַ זון אָבער האָט שיינקע אויך ניט געהאַט קיין נחת. זי האָט אים געשיקט לערנען אין ביאַליסטאָקער „טשאַסטנע גימנאַזיע״. ער פלעגט אַהיים קומען אין אַ מונדיר מיט בלישטשענדיקע קנעפּ. דער בגד האָט אים זייער געפּאַסט און איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן. ער איז אָבער ניט געווען קיין לייט, און די מוטער האָט אים געשיקט צו אירן אַ ברודער אין שיקאַגאָ.

די טאָכטער מעזשי, האָט שטענדיק געהאַט אַ פאַרקרימטן פּנים. קיין מיאוסע איז זי ניט געווען, נאָר די פאַרקרימטקייט — אַ חנ׳דל אַזאַ, האָט צעדרייט איר אויסזען.

די מאַמע פלעגט אויך גיין צו גאַסט צו ראַשקעס אַ צווייטע שוועסטער האָדע. זי איז געווען די אָרימסטע פון די שוועסטער. דער מאַן אירער ניסל איז געווען אַ וועבער און האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק. געהאַט האָט זי מוידן, איינע אין איינע, ווי מען זאָגט. ביידע שוועסטער זיינען געווען צעקריגט מיט דער גביר׳טע ראַשקע און זיי פלעגן אויף איר אויסרעדן כל דבר אסור.

עס פלעגט אויך אַמאָל טרעפן, אַז נחום אַנשל אַליין האָט דער מאַמען און ישראל׳ן אַריינגערופן צו זיך אויף כיבוד.

דאָס איז אָבער געשען זייער זעלטן. נאָר צופעליק. אויפן וועג צו האָדען אָדער שיינקען, האָט מען געמוזט פאַרבייגיין זיין הויז. אַז ער פלעגט שבת נאָכן טשאָלענט שטיין אויף דער וואַראַנדע און זען דער מאַמען מיט ישראל׳ן האָט ער זיי פאַרבעטן צו זיך.

אויף מיר האָט ער געהאַט אַ חזקה. ער איז געווען מיין סנדק און ווען ער פלעגט מיר באַגעגענען אַמאָל אויפן וועג אין חדר, האָט ער ליב געהאַט מיר אַ קניפּ טאָן אין באַק אַז טרערן פלעגן אָנהויבן גיסן.

קיין קליין־געלט האָט ער מיר קיינמאָל ניט געגעבן. איינמאָל נאָר, אַ צעפרידענער פון מיינע ענטפערס, וואָס זיינען באַשטאַנען וואו און ווי אַזוי איך לערן זיך, האָט ער מיר געשיינקט אַ פּאַפּירענעם רובל. די שמחה מיינע און דעם רושם וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.





דער זיידע חיים־אשר

# א שבת ביים זיידן

דער זיידע און די באָבע זיינען ביידע געווען זויבערע מענטשן. טראָץ דער גרויסער אָרימקייט, האָבן זיי זיך געהאַלטן ציכטיק. אַזוי איז אויך געווען די שטוב.

זייערע אָרימע בגדים זיינען שטענדיק געווען ריין און נעט. דער זיידע פלעגט זיך אָפט גיין טבל'ן. די באָבע האָט אפילו ליב געהאַט זיך צו וואַשן מיט אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף. זי האָט שוין אַזוי אויסגערעכנט, אַז עס איז געבליבן אַ פּאָר גראָשן פאַר אַזאַ שטיקל זייף.

דעם זיידנס שיינע געדיכטע באָרד איז קיינמאָל ניט געווען צעשויבערט. ער האָט זי געהאַלטן ריין און פאַרקעמט, נאָר ביי דער אונטערשטער ליפּ איז געווען אַ ברוינער סימן פון שמעק־טאַבאַק.

די שטרענגע באָבע, טראָץ דעם פאַרלאַנג צו הערשן און באַהערשן, איז ניט געווען קיין בייזע און איינגעגעסענע.

די הערשאַפט און השגחה אויף די קינדער האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס זי האָט ניט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן: אַ פרעמדע, אַן עלנטע, אַן טאַטע־מאַמע, אָן שוועסטער, ברידער אָדער נאָענטע. דער מאַן איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן פאַקטישע און פּראַקטישע ענינים.

זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון די קינדער. זי איז באַשטאַנען, אַז זיי זאָלן שטענדיק, אפילו שוין דערוואַקסענע, זיין אָנ־געוויזן אויף איר השפעה.

דעם זיידן האָט זי אָפּגעגעבן דעם טייל מלוכה פון אַכטונג געבן אויף דער אידישקייט און די גייסטיקע דערציאונג פון די קינדער.

קיין גרויס אַכטונג פאַר חסידים, האָט זי ווייזט אויס ניט געהאַט. זי איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין סלאָנימער שטיבל, און האָט אפילו ניט געוואָלט קומען זען דעם רבי'ן ווען ער איז אַרונטערגעקומען אין קריניק. זי האָט ליב געהאַט דעם בית־המדרש און איר „שטאָט" אין מזרח־וואַנט, פאַר וועלכער זי האָט עס אַזוי פאַרביסן געקעמפט אַז דער שוואָגער, ישראל־טוביה, זאָל עס ניט צונעמען.

די זין, ווידער, זיינען יאָ געווען סלאָנימער חסידים. זיי זיינען אינגאַנצן געגאַנגען אין זיידנ'ס דרכים בנוגע אידישקייט.

נאָר אין איר אייגענער ממשלה האָט די באָבע געוואָלט זיין אַלמעכטיק. זי האָט זיך נישט משדך געווען מיט קיין חסידים. דעם איינציקן שידוך מיט

אַ חסידיסטע איז געווען מיט ישראל טוביה׳ס טאָכטער חיה שרה. אָבער דאָס איז געווען אַ „גוואַלד־שידוך״. אַן אויסוועג צו ראַטעווען איר זון ישראל׳ן פון זיין ליבע מיט שרה׳קען און אים גיך חתונה מאַכן מיט דער פּלימעניצע.

אבערגלויבנס האָבן אויף איר ניט געהאַט קיין גרויסע שליטה. פונ־דעסטוועגן ווען דער אינגערער זון מיישקע האָט אויפן פוס געקראָגן אַ „רויז״ (וואָס איך האָב אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע דעמאָלט געשטאַלטיקט ווי אַ „בלימל״), האָט זי אָרונטערגעבראַכט פון אַ דערבייאיקן דאָרף קרושענאָן, אַ טאָטערשן „זנאַכער״, ער זאָל אים „אויסהיילן״. סוף כל סוף האָט זי מיט אים געמוזט אָוועקפאָרן קיין גראָדנע, צום דאָרטיקן באַרימטן דאָקטאָר זאַמקאָוו, און ער האָט אים טאַקע אויסגעהיילט.

זי איז גאָר שטאַרק באַשטאַנען, אַז די קינדער זאָלן אָפּהיטן כיבוד־אב, וואָס זי אַליין האָט אָפּגעהיט מיט וואַרעמקייט און פאַרשטענדיקונג. זי האָט אויך געהאַט גרויס יראת־הכבוד פאַר איר שווער און שוויגער.

נאָך יאָסל טשערעבוכ׳ס טויט איז זיין ווייב שיינע געבליבן וואוינען מיט איר טאָכטער שאָשקע. זי האָט, ווייזט אויס, געהאַט גענוג אויף איר אויסקומע־ניש. צוגעהאָלפן האָט אויך דער זון ישראל טוביה, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אין די הענט זיין טאַטנס אַלע געשעפטן.

דער עלטער־באָבעס אַלע קינדער האָבן איר אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד און פלעגן איר קיינמאָל ניט ווידערשפּעניקן. זי האָט זיך געפירט ווי פריער, אויפן שטייגער פון דער גביר׳טע. געווען איז זי אַ קאַרגע און האָט זיך אָפּגעהאלטן פון אויסברענגען איבעריקע געלט. זי האָט שטאַרק געהאַלטן פון תכלית און האָט געהאַט אַ באַזונדער באַציאונג צום זון, וואָס האָט געפירט די געשעפטן.

דעם זיידן האָט זי אויך ליב געהאַט. עס האָט איר נאָר געאַרט וואָס ער איז אינגאַנצן אויסגעטאָן פון עולם־הזה.

דער עלטער־באָבען, עס הייסט, איר שוויגער, האָט די באָבע ריווע קיינ־מאָל ניט אַנטקעגן גערעדט. זי פלעגט מיט שטילקייט אויסהערן אַלץ, וואָס זי האָט צו איר געזאָגט.

די אייניקלעך האָבן געהאַט אַ מנהג צו גיין צו איר יעדן פרייטאָג און זי פלעגט זיי שענקען אַ חלה׳לע, וואָס זי אַליין האָט געבאַקן פאַר זיי. אַזוי ווי זי איז געווען אַ קאַרגע האָט זי געשפּאָרט טייג און די חלה׳לעך זיינען געווען קוים אָנצוזען.

די שוויגער האָט דער באָבען געהאַט גערן, און האָט איר דערפאַר צו־געזאָגט איבערצולאָזן לאחר מאה שנה איר׳ס אַ פוטערל וואָס איז דער באָבען זייער געפעלן געווען.

פון דעם צוזאָג שטאַמט עס די מעשה מיטן פוטערל וואָס ישראל טוביה

האָט געגעבן דעם זיידן אַלס אַן אויסבייט פאַר די „שטעט" אין קאַווקאַזן בית־מדרש.

ריווע האָט שטאַרק מקנא געווען דער שוויגער איר שיינעם פוטערל. זי האָט פון איר גע'חלומ'ט און האָט איר מסתמא טויזנטער מאָל אָנגעטאָן אין אירע רעיונות.

געשען איז אָבער, אַז ווען די עלטער־באָבע, שיינע, איז נפטר געוואָרן, איז דורך אַ צופאַל דער פוטער געבליבן ביי ישראל טוביה'ן. ער האָט עס באַהאַלטן און ריווע'ן האָט עס שטאַרק געאַרט. זי פלעגט איבעררעדן און מאָ־נען דעם פוטערל. ישראל טוביה האָט, ווייזט אויס, ניט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז די קבצנ'טע זאָל זיך צירן אין זיין מאַמעס פוטערל. ער האָט אים געהאַלטן אויפן בוידים און ווען עס איז שוין געווען אויסגעקראָכן האָט ער זיך מיט אים באַנוצט ווי אַ מיטל, אויף אויסנאַרן פון זיידן די „שטעט".

לויט דער באָבע ריוועס שטייגער זיינען די פירונגען אין שטוב געווען איינגעטיילט אויף צוויי חלקים, דעם פיזישן האָט זי זיך צוגענומען; דעם גייסטיקן האָט זי איבערגעלאָזן פאַרן זיידן.

שבת איז געווען מלכות־זיידע. נאָך פון פרייטאָג בייטאָג האָט זי דעם זיידן איבערגעגעבן די „הערשאַפט". זי האָט אויפגעהערט אים באַלעסטיקן מיט וואָכעדיקע ענינים. זי פלעגט זיך ניט איינשפאַרן, ניט מאָנען, ניט באַ־אומרואיקן אים מיט פרנסה ענינים און פלעגט בכלל זיך האַלטן אין הינ־טערגרונט.

ערב שבת האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן ניט פרייטאָג נאָר מיטוואָך. דעם טאָג האָט זי שוין אָנגעהויבן איינקויפן מעל אויף חלה און פלעגט זיך נעמען צו שייערן די לייכטער. דאָנערשטיק האָט זי איינגעקויפט פלייש, פיש און שפייזן פאַרן טשאָלנט. ביינאַכט פלעגט זי מאַכן דאָס טייג פאַר די חלה.

זי פלעגט דאָס טייג אַריינלייגן אָדער אין אַ גרויסע מעשענע שיסל אָדער אין אַ מולטער, און עס צוגעדעקט מיט אַ ריינעם ליילעך און דאָס ליילעך פאַרדעקט מיט אַ חפץ ווי אַ קאָלדרע אָדער אַן אַנדער שווערן צודעק. מתעסק געווען האָבן זיך די ווייבער אַרום פאַרשיידענע אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. שלאָפן האָבן זיי זיך געלייגט אין די קליידער. נאָך אָפּשלאָפן אַן ערך אַ שעה אָדער צוויי, פלעגט די באָבע אויפוועקן אַלע טעכטער צו נעמען חלה.

האָלץ ביים אויוון איז שוין געווען אָנגעגרייט נאָך פון פריער. די באָבע פלעגט אַריינלייגן דאָס האָלץ אין אויוון, עס אונטערצינדן און יעדע טאָכטער האָט אויסגעקניפּט אַ שטיקל טייג און מאַכנדיק די ברכה, פלעגן זיי קנוילן דאָס טייג מיט ביידע הענט און נאָכדעם עס אַריינוואַרפן אין פייער אַריין.

אַז די חלה איז געווען אָפּגעבאַקן, איז די באָבע אַוועק אין מאַרק איינ־קויפן דאָס וואָס עס האָט נאָך געפעלט. צום סוף פון ערשטן האַלבן טאָג איז

שוין דער שבת געווען אין שטוב. דער טשאָלנט איז שוין געווען אין די טעפּ, מען האָט אים נאָר באַדאַרפט אַוועקטראָגן צום בעקער. די ברעטער פון דיל זיינען געווען אָפּגעוואַשן און אויפן טיש איז געווען אויסגעשפּרייט דער ריי־נער טישטוך, באַצירט מיט לייכטער און פאַרדעקטע חלות.

ווי אַ מנהג פלעגט מען אין אונזערע געגענטן יעדן פרייטיק עסן שוואַרץ ברויט (ראָזשוּווע ברויט האָט מען עס גערופן) מיט האָבער גריץ. אַ סך מאָל האָט מען אינם גריץ אַריינגעלייגט גריוון און אַ ביסל שמאַלץ.

נאָכן עסן איז די באָבע אַוועק אין מקוה. אַז זי איז צוריקגעקומען אָן אויסגעצוואָגענע און אַ האַלב פּנים איינגעהילט אין אַ טוך, פלעגט זי זיך אַי־בערטאָן אין די שבת׳דיקע מלבושים. ווען זי איז געווען אויסגעפּוצט און באַצירט האָט מען ניט געטאָרט רעדן קיין שום וואָכעדיק וואָרט אין שטוב. עס האָט ניט געטאָרט דערמאָנט ווערן קיין זאַך וואָס האָט אַ שייכות צו געלט, צו אַרבעט, צו האַנדל. זי פלעגט אַפילו ניט וועלן אויסהערן די קריוודעס וואָס אירע פאַרהייראַטע קינדער האָבן געהאַט אין זייערע היימען.

דעם זיידנס קומען פון מרחץ און זיין אָנטאָן זיך אין די שבת׳דיקע מלבושים, האָט אינגאַנצן פאַרטריבן יעדן סימן פון וואָך אין שטוב.

די באָבע האָט אַ גאַנץ לעבן אפשר געהאַט אַ פּאָר פּוץ־קליידער. די קלייד־לעך וואָס זי פלעגט נאָר אָנטאָן אַ שבת, אַ יום טוב אָדער צו אַ חתונה, האָבן איר זייער געפּאַסט און זיינען געווען אויפגעניט מיט געשמאַק. ריווע איז געווען אַ גלייכע און הויכע. איין קליידל, אַ פּלושענע, האָט געהאַט אַ טאַליע וואָס פלעגט איר באַיונגען. פון דער טאַליע אַרונטער איז די קלייד געווען ברייט און אין פאַלדן. מען פלעגט קוקן קרום אויף איר ווען זי האָט אָנ־געטאָן די טאַליע־געפּאַסטע קלייד. מען האָט געשמועסט, אַז דאָס קלייד זעט אויס ווי אַ קרינאָלינע. אין קריניק איז דעמאָלט געווען אַ באַרימטער מגיד, אברהם יעקב לעוויטאַן, וועלכער איז געווען אַ נאָכפאָלגער פון דובנער מגיד׳ס דרכים און מאַניערן און ער האָט עס געפירט דעם קאַמף — פּונקט ווי דער דובנער — קעגן קרינאָלינע־קליידער.

ר׳ אברהם יעקב לעוויטאַן, דער אַלטער קרינקער מגיד, איז געווען אַ גאָר אינטערעסאַנטע געשטאַלט. ער האָט געהאַט אַ פיינעם חתוך־הדיבור. אַ חוץ דרשה׳נען איז ער אויך געווען אַ דיין אין שטעטל פאַר דער צייט ווען ר׳ אוּוראַמטשיק חריף איז געווען רב. נאָך ר׳ אַוראָמטשיק׳ס פּטירה איז געוואָרן רב ר׳ ברוך לאַווסקי. באַלד ווי ער איז געוואָרן רב האָט ער גענומען רודפ׳ן אברהם יעקב לעוויטאַן. ער האָט אים באַזייטיקט אַלס דיין און האָט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל פאַרלאָזן קריניק. ר׳ ברוך האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף ניט קיין אַרויסהעלפער, ער אַליין קאָן באַזאָרגן דאָס שטעטל מיט גייסטיקייט.

אברהם יעקב לעוויטאַן האָט אָנגענומען די רבנות אין אַ דערבייאיק שטעטל. ער איז אָבער גלייכצייטיק אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך

און גע׳דרשנ׳ט. ער האָט ליב געהאַט צו זיין באַקאַנט אַלס „דער קרינקער מגיד״. וואו ער איז אָבער ניט געווען, האָט זיך ניט געקאָנט איינלעבן. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך קרינקי. אויף דער עלטער איז ער צוריקגעקומען אין שטעטל. ער האָט זיך גענומען צו מלמדות און האָט געלערנט און געזאָגט פאַרן עולם אין קאַווקאַזן בית־מדרש.

די באָבע האָט גאַר שטאַרק ליב געהאַט דאָס פלושענע קלייד, און זי פלעגט זיך שפּיגלען אין איר. זי האָט מוותר געווען אויפן צאָרן פון מגיד קעגן די סאָרטן קליידער, מיט דעם אויסרייד, אַז אַ קרינאָלינע קלייד איז אַרום דער טאַליע אַריינגענומען מיט ביינדלעך אָדער מיט אַזאַ מין רייף און אירע איז דאָס ניט. סיי־ווי־סיי האָט זי דאָס קלייד געטראָגן און פלעגט זיך אין איר פוצן שבתים און יום טובים.

מיטן זיידן איז זי קיינמאָל נישט געגאַנגען אויף קיין שום שפּאַציר. און אפילו צום דאַוונען פלעגט זי מיט אים ניט גיין. ווי אַ שמש פלעגט ער דאַרפן זיין אין בית־מדרש, איידער מען הויבט אָן דאַוונען.

אַזוי גיך ווי די קראָמען האָבן זיך פאַרמאַכט פלעגט זי אַרויסשפּאַצירן צום בית מדרש. זי איז געגאַנגען אַ גלייכע, אויסגעפּוצט אין איר קלייד און אין אַ זיידענע ווייסע טיכל און אַ סידור אונטערן אָרעם. זי האָט ליב געהאַט אַז אירע שיך זאָלן זיין געפּוצט און זי פלעגט אויף זיי אויפשפּילן אַ גלאַנץ מיט שוואַוואַקס (אַזוי האָט עס ביי אונז געהייסן). דאָס שאַכטל וואַקס און דאָס בערשטל פלעגט זי שטאַרק אָפּהיטן.

זי האָט שטענדיק אַזוי אויסגעפּלאַנעוועט, אַז ווען זי פלעגט אָנקומען אין דער עזרת־נשים זיינען שוין דאָרטן געווען ווייבער. זי פלעגט מיט גלייכע און זיכערע טריט שפּאַצירן צו איר „שטאָט״ אין מזרח וואַנט.

# דעם זיידנס זמירות

פרייטיק צו נאַכט איז דער זיידע ניט געקומען גלייך אַהיים פון בית־מדרש. ער פלעגט זיך אַריבערכאַפּן אין סלאָנימער שטיבל און בלייבן ביז נאָכן דאַוונען וואָס האָט זיך דאָרטן פאַרצויגן שפּעטער ווי אין די מתנגדישע בתי מדרשים. ער האָט געהאַט גרויס הנאה מקבל שבת זיין לויטן חסידישן נוסח־ספרד.

די באָבע ריווע פלעגט מיט רואיגקייט און געדולד וואַרטן ביז ער איז געקומען אַהיים. זי פלעגט אַרויס אים מקבל־פּנים זיין, און ביים טיר אים אַנטקעגן געטראָגן דעם „גוט שבת".

חיים אשר האָט ליב געהאַט נגינה. זיינע אייגענע נוסחאות פון זימרה וועלכע ער פלעגט איבערגעבן מיט גרויס געפיל איז געווען אַ געמיש פון צער, שמחה און פּאַטאָס. ער האָט אַליין געשאַפן ניגונים און זיי צוגעפּאַסט צו פּסוקים. זיין שלום עליכם, מלאכי השרות, מלאכי עליון, איז אפשר געווען איינציק אין שטעטל.

מיט גרויס מתיקות האָט דער זיידע געזונגען פון שיר השירים: „אחות לנו קטנה, ושדים אין לה, מה־נעשה לאחותנו".

רירענד איז געווען זיין געזאַנג פון קבלת־שבת: „לקראת שבת לכו ונלכה כי היא מקור הברכה". זיין „אדון עולם" איז געווען פול מיט שטימונג און ער פלעגט עס דערהויבן צו אַ גרויסן פּאַטאָס.

אַן אויסערגעוויינלעך געזאַנג איז געווען זיין „רבון כל העולמים". ער פלעגט עס אָנהויבן זייער טרויעריק און דערפירן צום עקסטאַז — „אוי, געוואַלד טאַטע זיסער". עס איז אַזוי געגאַנגען; „כאשר צויתני לזכרו, ולהתענג ביתר נשמתי — אוי, ווייַ, טאַטע זיסער".

דער אַלטער סלאָנימער רבי, דעם באַרימטן שמולעקל'ס פאָטער, האָט איבערגענומען אַסך פון זיידנס ניגונים און זיי פאַרשפּרייט צווישן זיינע חסידים.

יעדן פרייטיק צו נאַכט פלעגן די זין, און אפילו די איידימס וואָס זיינען געווען מתנגדים, קומען הערן און זינגען מיטן זיידן זמירות.

די באָבע פלעגט ניט מיטזינגען. נאָר מיט די פינגער פּויקן אין טיש צום טאַקט. די אַנדערע ווייבספאַרשוינען פלעגן זיצן אַביסל אָפּגערוקט פון טיש און מיטגעברומט די ניגונים. אויף אַ קול האָבן זיי קיינמאָל ניט מיט־געזונגען.

דעם כיבוד וואָס די באָבע פלעגט שטעלן איז באַשטאַנען — פון טאָרט צעשניטן אין חלקים; טיי, איינגעמאַכטס און טרוקענע יאַדרעס (קערלאַך). געזעסן איז מען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. די שמועסן זיינען געווען וועגן משפּחה ענינים. די באָבע פלעגט אָבער ניט דערלאָזן אַז עס זאָל גע־רעדט ווערן לשון הרע אָדער רכילות.

שבת פרי זיינען זיך די טעכטער און שניר צונויפגעקומען אין איר הויז און צוזאַמען פלעגן זיי גיין דאַוונען. אַרומגערינגלט פון אירע נאָנטע פלעגט זי מיט ברייטקייט זיך זעצן אויף איר „שטאָט". און גלייך נעבן איר — די טעכטער און שניר.

צו קריאת התורה, האָבן זיך ווייבער געזאַמלט אַרום איר און זי פלעגט פאַר זיי אַרויסלייענען פון טייטש־חומש. זי האָט אויך געהאַט גערן דורך דער מחיצה אַרויסצוקוקן אויף די אײדימס וואָס האָבן געהאַט „שטעט" אין מזרח זייט. די זין האָבן מתפלל געווען אין סלאָנימער שטיבל.

נאָכן טשאָלענט איז ביי איר געווען אַ מנהג גיין צו דער טאָכטער דבורה די בעקערקע אויף טיי. צו גאַסט אָדער אויף כיבוד איז זי זעלטן געגאַנגען. די קינדער און קרובים האָבן געוואוסט אַז אויף כיבוד דאַרף מען קומען צו איר.

דער זיידע איז זעלטן געווען אין שטוב ווען געסט זיינען געקומען. נאָכן דרעמל וואָס ער האָט גענומען, איז ער אַוועק אין בית מדרש. אין דערהיים האָט ער ווינציק געלערנט.

געגאַנגען צוגאַסט איז די באָבע אָן אים. אַסך מאָל איז ער אָנגעקומען שפּעטער.

פון אַלע קינדער, האָט די באָבע ריווע ליב געהאַט גיין אין געסט צום עלטסטן זון פּרץ. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל שכל.

דער שנור חיה האָט זי ניט געקענט פאַרטראָגן. די אָרימע שנור האָט זיך געזוכט איינקויפן אין דער שוויגערס לאַסקע. זי האָט געוואָלט די שוויגער זאָל זיין גוט צו איר. די באָבע אָבער, האָט געהאַלטן אַז חיה איז שוין פאַר־פאַלן. וואָס די שנור וואָלט ניט געטאָן וואָלט איר מערכה ניט בעסער געוואָרן. ניט נאָר די באָבע, נאָר איר מאַן האָט איר אויך ניט ליב געהאַט.

די מומע חיה איז געווען אַ גוטע, אָבער אַ דערשלאָגענע און אַן עלענדע. זעלטן איז זי געפאָרן אין דערבייאיקן שטעטל סאָקאָלקע, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט. אַ קרוב פלעגט יע צו איר פאָרפאָרן, זי איז שוין אָבער געווען דערשלאָגן און פאַרשעמט און איז געווען צופרידן אַז די אייריקע זאָלן ניט קומען. צוליב דעם וואָס זי פלעגט זיך וועלן אָפּרעדן פון האַרץ, האָט די באָבע איר איינגעוויגט ווי זי וואָלט געווען ניט ביים זינען און האָט איר ניט געקענט פאַרליידן.

צו לאַנג פלעגט די באָבע ריווע ביי דעם זון ניט זיצן. נאָך איידער דער טאָג איז פאַרגאַנגען איז זי אַוועק אַהיים. זי האָט נאָר געוואָלט אַרויסבאַגלייטן דעם שבת פון איר אייגענער הויז. זי פלעגט זאָגן: „איך האָב געהאָלפן אַריינ־ברענגען שבת און וויל אים אַרויסבאַגלייטן".

איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן האָבן די טעכטער וואָס האָבן געוואוינט מיט איר געמוזט זיין אין שטוב. זיי פלעגן זיצן ביים טיש און רעדן שטיל צווישן זיך. די באָבע האָט זיך געזעצט האַרט ביים פענצטער און געוואַרט אויף שקיעה. ווען עס איז נאָך געווען ליכטיק האָט זי געלייענט דעם טייטש־חומש. אַז עס איז טונקעלער געוואָרן פלעגט זי אַ ווײַלע בלייבן שטיל. פון צייט צו צייט האָט זי באַוועגט דעם אויבערשטן טייל פון גוף. ווען עס איז געוואָרן פינצטערלעך פלעגט איר שאָטן זיך אויסציען און פון וואַנט ביזן סטעליע זיך באַוועגן אַן אײַנגעבויגענער. אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן איז זי צוזאַמען מיטן שאָטן פאַרשוואונדן. די פינצטערניש האָט זי פאַרדעקט און איינגע־שלונגען.

וואָס האָט די באָבע געקענט טראַכטן אין די דאָזיקע סוף שבת שעהן? מסתמא האָט זי זיך געטראָגן צו איר יוגנט, צו איר היים און אירע היימישע? צום שטעטל צו די ברידער און שוועסטער און אַלע פון וועמען דער בייזער לעבן האָט איר אָפּגעשיידט און פאַרפרעמדט?

מיט די רעיונות האָט די באָבע געוויס אויף דאָס ניי זיך פאַרבונדן מיט איר מיידעלשקייט און זיך דורכגערעדט און אויסגע׳טענה׳ט אויף איר פויליש־אידישן דיאַלעקט, מיט אַלע וואָס זענען איר ליב געווען און מיט אירע אייגענע פאַרגאַנגענע יאָרן.

קיינמאָל ניט האָט זי די ערשטע אָנגעצונדן פייער. איך געדענק, מיין מאַמע האָט איר געהאַט געבעטן זי זאָל דעם לאָמפּ אָנצינדן ווייל אין אַ שכניש׳ער הויז לויכט זיך. האָט זי עס מבטל געווען מיט אַ האַנט מאַך: „דאָרטן וואוינען אַפּיקורסים".

די אַלע געשעענישן האָבן מיר אָנגעפילט מיט אומעט און ווײ. ווי קליין איך בין געווען, האָב איך שוין געפילט די גרויסע איבעראַנדערשונג וואָס ווערט אין הויז מיטן אָנקומען פון וואָך.

איך פלעג זיך אַרויפזעצן אויף אַ קופערט און צוקוקן צו אַלץ וואָס טוט זיך אין שטוב. דער באָבעס שווייגענעש, אירע באַוועגונגען און די אָפּשפּיגלונג פון שאָטן פלעגט פאַלן אויף מיר און איך פלעג אַרומגעוויקלט ווערן אין בענקענעש און אומעט. איך האָב געהאַט גרויס צער פון דעם וואָס דער סמבטיון וועט זיך באַלד צושפּילן און די רשעים וועלן אויף דאָס ניי אָנהויבן זיך פּייניקן אין גיהנום.

די באָבע האָט עס מיר דערציילט אָט די אַלע מעשיות און איך פלעג אויפנעמען מיט ווי דאָס וואָס די רשעים ווערן געפּייניקט. איך האָב ניט

געהאַט קיין באַגריף פון די מעשים וואָס זיי טוען אָפּ. דער באָבעס דערקלערונג האָט פאַרעכנט מענטשליכע רשעות — פאַרפעלן אַ דאַוונען; ניט אָפּהיטן שבת ווי עס דאַרף טאָן אַ איד. פון אַנדערע מצוות אָדער עבירות האָט מיר די באָבע ניט מיטגעטיילט.

ווער ווייסט; עס קען זיין אַז אָט די ערב וואָך אָוועגטן, דער באָבעס האַלטונג און שטימונג, דער ווי וואָס שבת פאַרגייט האָבן געלייגט אַ גרויסן חותם אויף מיין לעבן און געמיט?

ווען די באָבע האָט באַשלאָסן דאָס עס איז שוין צייט אַריינברענגען וואָך אין שטוב (צופיל טאָר מען דעם שבת ניט פאַרהאַלטן, האָט זי געזאָגט), פלעגט זי שטיל אויפשטיין פון שטול, אַרוף טאָן די טעכטער און צוזאַמען האָבן זיי מיט די שפּיץ פינגער אָנגערירט אַ שויב און איבערן חדר האָט זיך צעטראָגן אַן גערויש און איינגעהאַלטן: „גאָט פון אברהם פון יצחק און יעקב, דער ליבער שבת גייט דאָך שוין אַוועק, איבער דער וואָך רבונו של עולם, זאָלסט אונז באַשערן מזל און ברכה הצלחה און רו. אַזוי ווי דער הייליגער שבת גייט אַוועק אַזוי זאָל אַוועק צער און ווי פון אונזער משפחה און פון כל ישראל. היט אָפּ אונז און דיין פאָלק ישראל פון שלעכטס און שונאים, אָמן".

אָנצינדן דעם לאָמפּ האָט זי קיינעם ניט געלאָזן. זי פלעגט צוגיין לאַנג־זאַם צום טיש אַראָפּנעמען דאָס גלעזל פון לאָמפּ, אַרויפשרויפן העכער דעם קנויט, אָנרייבן דאָס שוועבעלע, אָנצינדן דעם קנויט, און ערשט זאָגן גוט־וואָך ווען דאָס גלעזל איז שוין געווען איינגעפּעסטיקט אין לאָמפּ.

די ליכטיגקייט פון אָנהויב וואָך איז געווען אַן אומעטיקע און טונקעלע. דוכט זיך דער זעלבער לאָמפּ. די זעלבע קנויט. נאָר פרייטאָג צו נאַכט איז געווען פריילעכער און העלער.

ווי עס איז ליכטיק געוואָרן, האָט מען צוגעשטעלט קאָכן אַ טעפּל בולבעס מיט שאָלאכץ. דאָס פלעגט מען טאָן נאָר אין די ווינטער שבת צו נאַכטן. אַ קינד פלעגט גיין מיט אַ קריגל אָדער פלעשל קויפן פאַר אַ גראָשן ליאַק (די יוך פון הערינג). אין ליאַק האָט מען געטונקען די בולבעס.

שבת צו נאַכט, אַזוי ווי פרייטאָג צו נאַכט איז דער זיידע געווען אין סלאָנימער שטיבל און פאַרבראַכט מיט די חסידים.

פאַר שקיעה פלעגן זיי זיצן און זיך דערציילן מעשיות. איידער מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מנחה, פלעגן זיך די חסידים אַרומנעמען מאַכן אַ ראָד און הענט פאַרלייגט אויף אַקסלען האָבן זיי געטאַנצט אַרום דער בימה און זינגען: „כל מה־שברא הקדוש, ברוך הוא, בעולמו". מיט עקסטאַז פלעגן זיי אויסשרייען: „ואומר, יי ימלך לעולם ועד". איינער דעם צווייטן האָט געזוכט איבערשטייגן אין התלהבות, אָבער איבער אַלעמען האָט זיך געהערט שמואל חנג׳ס קול. ער פלעגט אויסשרייען דעם „ועד" מיט גרויס אימפּעט און פּאַטאָס.

דער זיידע, געדענק איך, האָט אין טאַנץ ניט געקענט דערלאַנגען צו די אַקסלען פון זיינע מיט־טענצער און ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין זייערע עלענבויגנס.

ער פלעגט פאַרמאַכן די אויגן, פאַרוואַרפן דעם קאָפּ די באָרד פאַראויס און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פלינקייט האָט ער זיך געדרייט אין טאַנץ.

די חסידים פלעגן מיט אַמאָל אָנהויבן פאַרלאַנגזאַמען דעם טאַנץ; האָבן זיך באַוועגט שאַרענדיק מיט די פיס. אין האַלב טונקל, האָט מען קיין פּנים׳ער ניט געזען, שוואַרצע פיגורן־שאָטנס האָבן זיך גערוקט אין אַ קאַרעהאָד.

ווען די חסידים זיינען צוגעקומען צום ארון קודש, וואו דער טאַנץ האָט זיך פאַרענדיקט, פלעגט דער זיידע פאַרלאָזן דאָס שטיבל און זיך איילן צום בית מדרש וואו ער האָט געדאַרפט מאַכן הבדלה.

ווען דער זיידע איז געקומען אַהיים, איז שוין אויפן טיש געשטאַנען דער „ליאַק״, און גלייך נאָך הבדלה, האָט מען צוגעטראָגן די בולבעס מיט שאָלעכטץ. די הויט פון די בולבעס זיינען געווען פייכט און די „פּאַרע״ האָט זיך געריסן פון טעלער אַרויס. דער זיידע האָט געמאַכט די ברכה — „בורא פרי אדמה״. און די שווערע וויסטע וואָך האָט זיך אויף דאָס ניי אָנגעהויבן.

# צוויי זעלנער אויף אַ בילד

דאָס איינציק בילד אין הויז איז געווען פון צוויי זעלנער. אויף אַ טישל נעבן זיי איז געלעגן אַן אָפענער בוך. די זעלנערשע הויזן — ברייטע און אַנגעבלאָזן ווי זעק, האָבן פאַרדעקט אַ העלפט פון די „כאָלעוועס״ אויף די שטיוול. די היטלען אַן דאַשיקעס איז ביי זיי געווען פאַררוקט אַן אַ זייט — נאָענט צום אויער.

איין זעלנער האָט געהאַלטן אַ האַנט אויסגעצויגן אויפן טישל, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער צוגעהאַלטן אַ קליין שווערדן־שיידל. פון זיינע אַקסלען איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שטיקל געוואַנט. אַ צייכן אַז ער דינט אין דער מוזיקאַלישער אָפּטיילונג.

יאָרן שפּעטער פלעגט מיין פאָטער ע״ה דערציילן שפּאַנענדע מעשיות ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ מיליטערישער מוזיקאַנט.

אין ציווילן לעבן האָט ער קיינמאָל אויף קיין אינסטרומענט ניט גע־שפּילט, און האָט בכלל ניט געהאַט קיין געהער פאַר מוזיק. נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אויסגעטויגט און האָט גיך איבערגענומען די מיליטערישע לערע, האָט ער געפונען חן ביים „ראָטנעם קאָמאַנדיר״. (קעפּטן) ער האָט אים מקרב געווען, און צונויפגעפירט מיטן „ראָטנעם שרייבער״.

אָט דער שרייבער, דער צווייטער אויפן בילד, אַ גע׳שמד׳טער איד, איז געווען אַ גרויסער שיכור און לעב־יונג. דער „ראָטנער קאָמאַנדיר״, אַן עלטערער־קראַנקער מענטש, האָט אים ליב געקראָגן און פלעגט אויף אים זיך פאַרלאָזן מיט קאָמאַנדירן די סאָלדאַטן.

צווישן מיין פאָטער און דעם שרייבער איז אויסגעוואַקסן אַן איבערגע־געבענע פריינטשאַפט. ער פלעגט דעם טאַטן זאָגן אַז ער בענקט נאָך אידן און אידישקייט.

שיכורערהייט, האָט דער טאַטע דערציילט, פלעגט ער וויינען און זיך שעלטן פאַר וואָס ער איז אַ משומד.

גע׳שמד׳ט האָט ער זיך אין להכעיס אַ זיידן אַן אַכזר וואָס האָט אים אַ קיילעכדיקן יתום אַזוי געפּייניקט אַז ער האָט געמוזט פון אים אַנטלויפן.

ער האָט גענומען וואַנדערן איבער דער גרויס פון רוסלאַנד, ביז ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין סאַמאַרא. דאָרטן האָט אים אַ „אוטשיטעל״ (לערער) מקרב געווען און אויסגעהאַלטן ביז ער איז אַלט געוואָרן 20 יאָר.

דער לערער האָט געזוכט אים איינקנעלן קריסטלעכקייט. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזן.

ווען ער האָט דערפילט אַז עס ווערט אים שווער צו זיין מיט דער קריסטלעכער פאַמיליע, איז ער צוריק אַוועק אין פוילישן שטעטל.

אַז זיין זיידע וועלכער איז מיט דער עלטער געוואָרן בייזער און פאַר־ביסענער, האָט אים דערזען אין „אַ גוי׳אישן״ הילוך און אַן אַ סימן באָרד, האָט ער נביאות געזאָגט אַז ער וועט זיך נאָך שמד׳ן און אים פון שטוב אַרויסגעיאָגט. אים ווי צו טאָן, איז ער אַוועק צום פּראַוואָסלאַוונעם גלח און זיך אָפּגע׳שמד׳ט.

ווען ער איז געוואָרן אַ זעלנער איז ער שוין געווען אַ גוי מיט אַ גוי׳אישן נאָמען. ער איז גיך באַליבט געוואָרן אין דער „ראָטע״. דאָס ביסל וויסן און קענטשאַפט וואָס ער האָט געקראָגן פון לערער אין סאַמאַרא, איז אים צונוץ געקומען אַזוי אַז ווען דער „ראָטנער שרייבער״ האָט זיך אויס־געדינט האָט ער פאַרנומען זיין אָרט.

דער „ראָטנער קאָמאַנדיר״ האָט אים געגנומען האַלטן ווי אַן אייגן קינד, און האָט זיך מיט אַלץ פאַרלאָזן אויף אים.

ווען דער משומד האָט זיך אויסגעדינט, האָט ער באַשלאָסן ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט. וואו צו גיין איז ניט געווען, מיט זיין גאַנצן עבר האָט ער שוין געהאַט אָפּגעשניטן.

אין דער 1905 רעוואָלוציע, האָט מען זיין ראָטע אַריינגעשיקט אין קריניק. ער איז געקומען אויפזוכן מיין פאָטער, וואָס איז שוין אָבער געווען אין אַמעריקע. מיין מאַמען האָט דער סאָלדאַט געבראַכט אַ מתנה אַ טייסטער פון „פּאַטשערקעס״. (קרעלן) איז דאָס געווען אַ זעלטענער אַנטיק.

אין זיין פרייע צייט איז ער געקומען אונז באַזוכן. עס האָט פון אים שטענדיק זיך געטראָגן אַ בראָנפן־געריך. די מאַמע האָט אים ניט געקענט פאַרליידן און איז געווען ניט צופרידן וואָס ער קומט.

זיין ווייב — אַ הויכע דאַרע גויע, — פלעגט כסדר רויכערן און הוסטן. געהאַט האָט ער אַן אינגל אין מיינע יאָרן און אַ אינגערע מיידל. ער פלעגט מיר אָפט מיטנעמען איך זאָל זיך שפּילן מיטן אינגל.

דער מיידלס נאָמען איז געווען צעראַשקע. דער מאַמען האָט ער מיט גדלות איבערגעגעבן אַז זי איז אַ נאָמען נאָך זיין מאַמע צירל.

אַפילו ווען ער האָט די „ראָטע״ ניט קאָמאַנדירט, איז ער געגאַנגען ביים זייט פון קאָמאַנדיר, ווען מען פלעגט די סאָלדאַטן פירן אויפן פעלד זיך צו איבן.

אַ סך מאָל בין איך מיט אים מיטגעגאַנגען. איך פלעג מיט פאַריסנקייט און גדלות זיך האַלטן נעבן אים און האָבן הנאה ווי די קינדער קוקן אויף מיר מיט אָפּשיי און קנאה.

די סאָלדאַטן האָבן מיך געקענט און פלעגן זיך שפּילן מיט מיר. איך האָבן ליב געהאַט צו רייטן אויפן אַקסל פון אַ סאָלדאַט און אים ציען ביי די אויערן ווי זיי וואָלטן געווען לייצעס.

ווען דער טאַטע האָט געדינט מיט דעם משומד האָט ער זיך משתדל געווען אַז מען זאָל מיין פאָטער „באַפרייען פון ביקס". און אים אַריבערפירן אין דער מוזיקאַלישער „קאָמאַנדע". ער איז געוואָרן „סטאַרשי פּאָלקאָוואָי באַראַבאַנטשיק" (דער הויפּט און עלטסטער פּייקלער פון רעגימענט).

די פּייקלערײַ האָט זיך אַזוי געהאַט צוגעקלעפּט צום טאַטן, אַז יאָרן שפּעטער פלעגט ער נאָך אַלץ ליב האָבן צו ווייזן אַז ער קען נאָך באַראַבאַ־נעווען. ער פלעגט קענען פאַר שעה'ן כסדר אויסקלאַפּן מיט צוויי העלצלעך פאַרשיידענע טענער.

די צוויי זעלנער אויפן בילד זיינען מיר געווען געפעלן. איינעם האָט די מאַמע און די באָבע מיך געהייסן רופן — „פּאַפּאַ". וואָס דער נאָמען באַדייט האָב איך ניט פאַרשטאַנען. דעם צווייטן האָבן זיי גערופן — „בערל".

אַז מען האָט מיר גערדאַרפט איינשטילן פלעגן די מאַמע און באָבע מיר דראָען אַז די זעלנער וועלן אַראָפּ פון בילד און מיר באַשטראָפן אויב איך וועל זיך ניט האַלטן רואיק.

קיין סך אויפצוטאָן מיט דער דראָאונג האָבן זיי ניט באַוויזן. איך בין געווען צופיל צעלאָזן. איך האָב ליב געהאַט זיך שלאָגן מיט אינגלעך אין מיינע יאָרן און קיין שטראָף האָט מיר, אַפילו פון זעלנער, ניט איבערגעשראָקן.

מיר האָבן אין יענער צייט געוואוינט ביי אַ סטאָליער איטשע שאַכנע'ס. געווען איז ער אַ איד אַ כעסן. זיין ווייב — אַן איינגעבויגענע, צעבראָכענע — הויט אוןביינער, פלעגט זיך פאַרהוסטן מיט אַ טרוקענעם כריפּ. זי איז געווען אַ וואוילע.ביידע האָבן מיר ליב געהאַט פונקט ווי זייערע אייניקלעך מיט וועלכע איך פלעג זיך שפּילן. ווען מיר און זייערן אַ זונ'ס אַ מיידעלע, פלעגן זיי מיט שפּאַס זאָגן — אַז מיר זיינען אַן אמת'ער זיווג. איטשע שאַכנעס און זיין ווייב האָב איך גערופן זיידע און באָבע.

יעדן פרייטיק אינדערפרי, פלעגט זי פאַר מיר באַקן אַ חלה'לע, און איטשע האָט מיר געגעבן אַ גראָשן. יאָרן שפּעטער ווען מיר האָבן שוין ביי זיי ניט געוואוינט, בין איך געקומען נאָך דער חלה'לע און גראָשן יעדן פרייטיק.

ווען איטשע שאַכנעס און זיין ווייב זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע צו זייערע קינדער, האָבן זיי זיך מיט מיר געזעגנט מיט צער און געוויינט ווי זיי וואָלטן אַן אייגן קינד איבערגעלאָזן.

געקליידט האָט מען מיר זויבער און נעט. דער פּוץ פלעגט אָבער נאָר אָנהאַלטן אין שטוב. פון דרויסן בין איך אַ סך מאָל געקומען איינגעבראָדיקט און מיט צעריסענע בגדים. פון צאָרן פלעגט די באָבע מיר אויסקנייפּן שטיקער פלייש. קיין סך האָט עס ניט געהאָלפן, אַזוי גיך ווי איך פלעג אַרויס

אין דרויסן, האָב איך פֿאַרגעסן דעם צוזאָג דאָס איך װעל זיך האַלטן „סטאָ־טעטשנע״.

דער באָבעס צער איבער מײַנע אויפֿפירונגען איז געװען אַ גרויסער. זי פלעגט זיך מיט מיר ניט קענען געבן קיין עצה און פלעגט זיך באַקלאָגן פאַר איר עלטסטן זון פּרץ. איך פלעג איר הערן זאָגן — װי דערלעבט מען שוין לײַזער הערש זאָל קומען (מײַן פֿאָטער). װער דער לײַזער הערש איז, װאָס װעט דער באָבען אויסלײַזן פון מיר, האָב איך ניט געװאוסט.

אַ סך מאָל אין צאָרן פלעגט זי זאָגן; „דרײַ טעג איז מען מיט אָט דעם־אָ געגאַנגען צוקינד. עס איז דאָך ניט קיין קינד, נאָר אַ שד!״.

שפּעטער האָב איך זיך דערקונדיקט אַז די מאַמע איז געגאַנגען שװער צוקינד מיט מיר. צו פֿאַרגרינגערן אירע יסורים האָט מען „געמאָסטן פעלד״. געריסן קברים פון די אבות; געגעבן ליכט אין אַלע בתי מדרשים און בײַ אויפֿגעפּראַלטע ארון קודש׳ען האָט מען געיאָמערט און געבעטן אַז די שװערע ילדות זאָל בשלום איבערקומען. מען האָט אַפילו געעפנט דעם ארון קודש אין דער „קאַלטער״ שול. דאָס, פלעגט מען נאָר טאָן אין צײַטן פון גרויסע אומגליקן רחמנה לצלן.

געבוירן בין איך אָן געװיין און אָן געשרײַ. עס האָט גענומען אַ װײַלע אײדער די אַקושאָרן האָט מיך אויפֿגעלעבט.

װען די באָבע פלעגט איבערדערצײלן די דאָזיקע געשעעניש, פלעגט זי מיט אַ מאָדנעם באַדויער שאָקלען מיטן קאָפּ.

# דער ערשטער מלמד

קיין סך האָט זיך מיין מאַמע ניט געקענט אָפּגעבן מיט מיר. זי איז געווען פאַרנומען ביי איר אַרבעט — שטריקן זאָקן. די השגחה אויף מיר האָט געהאַט די באָבע ריווע. זי פלעגט מיך אָנטאָן, איינוואַשן און אַפילו מיטנעמען אין מאַרק איינקויפן.

אַחוץ איר, האָט יעדער איינער פון דער משפחה געוואָלט זיין מיינער „אַ שטיקל טאַטע" — באַזונדער דער באָבעס עלטסטער זון פרץ.

ווער עס איז ווער, און וואָס זיי געהערן מיר אָן, האָב איך ניט געוואוסט. נאָר דעם זיידן און דער באָבן האָט איך גערופן טאַטע און מאַמע.

דער זיידע חיים אשר האָט זיך מיט מיר אָנגעהויבן פאַרנעמען ווען עס איז געקומען די צייט מיך צו לערנען. ווען מען האָט מיך געבראַכט אין ערשטן חדר האָב איך שוין געקענט דעם „אַלעף בית".

אידישע אינגלעך האָט מען לאַנג ניט געלאָזן זיין קינדער, גאָר פרי האָט מען זיי פאַר'קנס'ט צום עול פון אידישקייט און תורה.

דריי יאָר בין איך אַלט געווען, די מאַמע האָט ניט געוואָלט אַז מען זאָל מיך אַזוי יונג איינשפּאַרן אין אַ חדר. דער זיידע האָט מיט איר געמאַכט אַ פשרה — ביז איך וועל עלטער ווערן זאָל איך לערנען אַ צוויי שעה אַ טאָג.

מיין ערשטער מלמד, שמואל טענצער, האָט געהאַט אַ חדר וואו אין איין צייט האָבן געלערנט אפשר הונדערט אינגלעך. קיין אינגל האָט ניט אויסגע־מיטן שמואל טענצער'ס חדר.

צו פאַרגרינגערן זיין עובדא, האָט דער מלמד געהאַט עטלעכע באַהעל־פערס.

דער חדר — אַ ריזיק צימער מיט אַ ליימיקן־דיל; דריי גרויסע הילצערנע טישן אויסגעשטעלט אין דער פאָרמע פון „אַ חית" (ח). די לאַנגע בענק אַרוםביידע זייטן פון די טישן זיינען געווען אַזוי אויסגעשטעלט אַז עס זאָל די קינדער אויסקומען צו זיצן פנים אל פנים.

ביים טיש אין דער ברייט איז דער רבי געזעסן. דעם לימוד האָט ער אויסגערופן אויף אַ קול. די באַהעלפערס פלעגן שטיין אַרום די טישן, אָדער אַרומגיין צווישן די קינדער און אַכטונג געבן מען זאָל זיך האַלטן רואיק און זיך צוהערן צום רבי'ן.

פון חדר איז דורך עטלעכע טרעפּלעך געווען אָפּגעטיילט נאָך אַ צימער. דעם רבי'נס וואוינונג. דאָרטן איז געווען חושך און ברודיק, די ווענט זיינען

געוועז איינגעוויקלט אין נאַסקייט. עס האָט פון זיי פשוט געגאָסן פון ווילגאַטש און דער „פאַרע" וואָס פלעגט אַרויסשלאָגן פון קאָכן.

דער צימער האָט ניט געהאַט קיין איין פענצטער, און אַזוי ווי מען האָט געזשאַלעוועט דאָס ביסל נאַפט, איז ער שטענדיק געווען איינגעהילט אין פינצטערניש.

ביים רבי'נס וויב פייע, האָט כסדר פון בלינדן אויג געראונען מאַטעריע. ווי אַזוי זי האָט אין אָט דעם חושך געקענט טאָן איר אַרבעט, איז באמת אַ גרויס וואונדער.

קינדער זיינען געווען אַ פולע שטוב, און אַלע פאַרסמאַרקעטע, ניט געוואַשענע, ניט פאַרקעמטע. ברודיקע הייזלעך און קליידלעך, אינגלעך מיט ווידלען אַרויס.

פייען האָט דאָס מויל זיך ניט פאַרמאַכט. כסדר האָט זי געשריען און געשאָלטן. צום חדר איז נאָר דערגאַנגען איר קול. זען פלעגט מען איר ערשט ווען זי פלעגט אַ פאַרשלומפערטע, מיט אַ צעשפּילעטער בלוזקע, זיך אַריינרייסן אין חדר מיט קולות און קללות.

האַסטיק פלעגט זי צו־לויפן צום מאַן און אויף אים אויסלאָדן אַלץ וואָס זי האָט געהאַט אויף איר ביטער געמיט.

מיט אַמאָל פלעגט זי זיך מיט אימפּעט אָפּרייסן פון אָרט און אַרויפלויפן די פיר טרעפּלעך וואָס האָבן געפירט צו דער וואוינונג. פאַר אַ ווילע איז זי שטיין געבליבן, האָט זיך אומגעקערט, אַרויסגעלאָזן נאָך אַ קללה און איז פאַרשוואונדן.

די סצענעס וואָס האָבן זיך איבערגע'חזר'ט עטלעכע מאָל אַ טאָג, פלעגט שמואל טענצער'ן ניט רירן. ער פלעגט אַפילו דעם קאָפּ ניט אויסדרייען אין דער וויבס זייט. דער לימוד איז אָנגעגאַנגען ווי עס וואָלט ניט געווען קיין טומל פון אַ מענטשלעך קול, נאָר ווי אַ פליג וואָלט דורכגעזשומעט.

פייעס קולות און קללות האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קינדערשע שטימען — „קאָמעץ אַלעף אָ, קאָמעץ בית, באָ".

די באָבע, דער זיידע און מיין מאַמע האָבן מיך געפירט אין חדר. שמואל טענצער איז געגאַנגען אַנטקעגן אונז מקבל פנים זיין.

זיין ערשטער ברוך־הבא איז געווען אַ קניפּ אין באַק. פון ווייטיק און שמעק־טאַבאַק געשטאַנק, האָב איך זיך צעוויינט.

פאַר די קינדער איז דאָס געווען אַן אמת'ער יום־טוב. זיי האָבן אויפגע־הערט לערנען און זיך צעלאַכט. איך האָב זיך געריסן אַנטלויפן, נאָר מען האָט מיך צוגעפירט צום רבי'נס בענקל וואָס איז געווען אָנגעבעט מיט אַ

קישן (אַ מיטל פאַר זיצן העכער כדי אַכטונג צו געבן בעסער אויף די קינדער), שמואל טענצער האָט מיך אַוועקגעזעצט נאָענט צו זיך. די באָבע, דער זיידע און די מאַמע, האָבן זיך געשטעלט הינטער מיר.

שמואל טענצער האָט מיט אַ לאַנגן־הילצערן טייטל, געפירט איבער אַ שטיקל פאַפיר וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו אַ טאָוול.

צופרידן ווי איך האָב נאָכגעזאָגט — „אַלעף, בית, גימל״. האָט ער מיר נאָך אַמאָל אַ קניפּ געטאָן — און אויפן טאָוול איז געפאַלן אַ מטבע:״ אַ מלאך האָט עס דיר אַרונטערגעוואָרפן, וועסט זיך גוט לערנען וועסטו קריגן דערפאַר אַ גאַנצע קאָפּיקע״.

אויף באַשטראָפן איז אין חדר געווען „אַ קונע״ (אַ ווינקל) אין וועלכן מען פלעגט אַוועקשטעלן אַ פאַרזינדיקט קינד.

די „קונע״ פלעגט פאַרמאַכט ווערן מיט אַ טירל וואָס איז הויך געווען ביזן קינדס קעפּל.

דעם פאַרזינדיקטן האָט מען אויסגעדרייט דאָס היטל מיטן דאַשעק צום נאַקן. אין איין האַנט האָט מען אים געגעבן אַ בעזים, און אין צווייטן אַ קאָטשערע. די קינדער פלעגן זיך אַרומשטעלן דער „קונע״ און באַוועגנדיק דעם צייג־פינגער פון דער רעכטער האַנט אויפן צייג־פינגער פון דער לינקער, האָבן זיי זיך געקרימט און געשריען; „בע, בע, ביושים״. דאָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט. נאָכדעם זיינען זיי געגאַנגען צוריק לערנען.

וויפל צייט עס דאַרף דויערן די שטראָף, האָט זיך געווענדט אין דער גרויס פון פאַרברעכן. אַמאָל איז אַ קינד געשטאַנען אַזויפיל ווי אַ שעה און צוויי.

ביי מיר האָט די קונע שטאַרק אויסגענומען. איך פלעג שוין דעם שמואל טענצער אַזוי דערגיין די יאָרן, אַז איך בין דאַרטן געוואָרן אַן אָפּטער „שטייער״.

איך בין שמואל טענצער׳ן פאַרמיאוסט געוואָרן, און ער איז אַוועק זיך באַקלאָגן צום זיידן חיים אשר. אויף זיין רואיקן שטייגער האָט מיר חיים אשר אויסגערעדט. צו אים פלעג איך זיך גערן צוהערן און אים אויך פאָלגן.

חיים אשר׳ן האָט איך שטאַרק ליב געהאַט. איצט אַז איך טראַכט פון יענעם געפיל צו אים, דוכט מיר אַז עס איז געווען רחמנות.

איך האָב ליב געהאַט זיין שטילקייט. זיין שוויגן פלעגט אויף מיר שטאַרק ווירקן. ווען די באָבע האָט זיך גענומען איינעסן און מאָנען ביי אים. פלעגט זיך אין זיינע אויגן באַזעצן אַ טרויער. ער האָט איר זעלטן צוריקגעענטפערט. אַ סך מאָל פלעגט ער אין מיטן עסן זיך אויפהויבן אַ ברום טאָן — „נו״ און אַוועקגיין.

נאָך אַזעלכע סצענעס בין איך צעריסן געוואָרן פון צער און פלעג פאַרגיין אין אַ געוויין. איך בין אים אַ סך מאָל נאָכגעגאַנגען. ער פלעגט

גיין אין בית מדרש און האָט גלייך זיך געזעצט אַריינקוקן אין אַ ספר.

אַז ער האָט זיך גענומען מתעסק זיין מיט אַן אַרבעט פלעג איך אים גערן אַרויסהעלפן; איך האָב ליב געהאַט אים דערלאַנגען צום האַנט; אויסקערן דעם דיל; ווינטער האָב איך געהאָלפן ברענגען האָלץ אויף איינהייצן. איך פלעג אויך אָנגיסן וואַסער אין כיור און העלפן „שייערן" די לייכטער און די מנורה.

פרייטיק צו־נאַכט בין איך מיט אים געגאַנגען אין בית המדרש. איך פלעג שטיין אויף דער בימה נאָענט צו אים. פון קידוש־ווין האָב איך געקראָגן דעם ערשטן זופּ. צו הבדלה פלעגט ער מיך לאָזן שמעקן די בשמים.

שבת אינדערפרי פלעגט מיין פעטער פּרץ מיך אַוועקנעמען אין סלאָני־מער שטיבל. דער זיידע איז באַשטאַנען אַז איך זאָל גיין אין חסיד׳ישע דרכים.

ווען אין קריניק איז געקומען דער סלאָנימער רבי האָט מען מיך ביים פּראָווען טישן, געזעצט נעבן אים. ער פלעגט זען ניט פאַרפעלן איינטיילן מיר שיריים.

אין מיטן וואָך, באַזונדערס ווינטער, פלעג איך קומען צום זיידן אין בית המדרש. עס איז זעלטן אימיצער דאָרטן געווען. אַמאָל איז אַ בטלן גע־זעסן ביים אויוון. אָדער פון אַ ווינקל האָט זיך געהערט דער ניגון פון אַ לערנער. אַמאָל איז אָנגעקומען דער „קליינער" אייזיקל. אַ טשיקאַווער איד. ער האָט זיך איבערגענומען מיט דעם וואָס ער איז דורכגעגאַנגען ענוים ווי אַ „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט" און ניט נאָר איז ער געבליבן טריי די אידישע אמונה, נאָר האָט אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אידישן לשון.

געוואוינט האָט ער עטלעכע הייזער פון קאַווקאַזן בית המדרש. אויף דער עלטער איז אים שווער געווען דער גאַנג ער פלעגט זיך אָבער צושאַרן צום בית מדרש. און איז דאָרטן געזעסן ביז אַ קינד אָדער אַן אייניקל איז אים געקומען אַהיים פירן.

געזעסן איז ער נאָר ביים אויוון און צוגעזונגען פון נאָז אַרויס כסדר איין ניגון מיט די זעלבע ווערטער: „אַ היים, אַ היים, מוז מען גיין".

דער זיידע האָט געהאַט הנאה זיך וואַרעמען און קוקן שטאַר אין חלל אַריין. ער האָט געקענט שווייגן שעה׳ן כסדר. עס איז געווען שווער אים אַריינציען אין אַ שמועס און ניט גערן האָט ער געענטפערט. ער האָט ליב געהאַט זיין פאַרטאָן אין זיינע אייגענע מחשבות און הערן די רייד פון מענטשן אַרום אים.

איך בין געווען אַ ברויזיקער און אומרואיקער אינגל. צעלאָזן האָט מיך די צופיל אויפמערקזאַמקייט וואָס דער באַבעס קינדער האָבן מיר געשענקט. איך פלעג ניט קענען איינזיצן אויף אַן אָרט. אין מיר איז געווען אַ געמיש פון רציחה און מילדקייט; פון שטיפעריי און געדולד; פון ווי טאָן און ליידן פאַר וואָס איך האָב פאַרשאַפט ווי; פון צעברעכן און צעשטערן און פון

חרטה. איך האָב ניט געקענט פאַרנעמען קיין מוסר־רייד און פלעג שעה׳ן זיצן און אויסהערן מעשיות מיט אַ מוסר־השכל.

איך האָב געהאַט אַ גרויסן חשק צו זיין אַ גרויסער און נאָכטאָן גרויסע, און האָב אין דער זעלבער צייט זיך פאַרנומען מיט נאַרישע קינדערשע שפּילן. מען האָט מיך געקענט שלאָגן מכות רצח, דעם שלאָגער האָב איך קיינמאָל ניט געגעבן די פרייד פון הערן מיין געוויין, די וואָס איך האָב געהאַט גערן פלעגן מיט איין וואָרט; מיט אַ באַוועג; מיט אַ מינע; דורך אַן אויפוואַרפונג וואָס האָט צומאָל ניט גערדאַרפט זיין קיין רייד נאָר אַן אויסדרוק אין אַ ווינקל פון אויג. געקענט מיך איינעמען.

מיין זיידע חיים אשר פלעגט מיך ניט שטראָפן מיט רייד; איך פלעג קענען זיצן און הערן שעה׳ן ווי ער שוויגט.

# דעם זיידנס רייד

דער זיידע חיים אשר פלעגט זאָגן — „אַ איד טאָר ניט וויינען, עס וועגדט אָפּ דעם בטחון — וואָס עס טרעפט אַ מענטשן איז פון גאָט׳ס רצון וואָס מען טאָר ניט אָפּפרעגן, אָדער פאַרשוועכן מיט געוויין״.

זיין צער האָט דער זיידע פאַרגרינגערט דורך טרויעריקע געזאַנגען. דער אינגסטער זון מיישקע פלעגט זאָגן; „דער טאַטע פוקעט זיך״. דאָס האָט גע־מיינט — ער שטיקט אין זיך יסורים.

אַרום זיידן איז געשען אַ סך וויי; אינדערהיים איז אים דאָס לעבן שווער געווען. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן ווייב און האָט געוואוסט אַז זי איז געדעכט און נאָר דאָס שווער־לעבן רעדט אַרויס פון איר.

פאַרדינען אויף פּרנסה האָט ער ניט געטויגט. אַפילו די בידנע שמשות האָט מען פאַר אים געמוזט איינהאַלטן מיט געוואַלד. נאָר דער זכות וואָס זיין פאָטער האָט געבויט דעם בית מדרש פלעגט העלפן דער באַבען אָפּשרייען די פאַרזוכן פון די גבאים אים צו באַזייטיקן.

צוויי הויפּט־גבאים האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן זיידן און אים דערגאַנגען די יאָרן איינער פון זיי — „ברוך חכם״ (אַ צונאָמען מיט איראָניע — עס האָט געמיינט פאַרקערט). אַ איד אַ ריז; אַ שטאַרק צוואָקסענער, זיין גרויסער בויך און די גילדערנע קייט אויף אים האָבן זיך געריסן מיט תקיפות, אַ פּראָסטער איד וואָס איז עולה לגדולה געוואָרן, האָט ווי אַן אויפגעקומענער ליב געהאַט חניפה און האָט געמאָנט אונטערטעניקייט פון די וואָס זיינען געווען אויף אים אָנגעוויזן.

דער זיידע האָט פיינט געהאַט חניפה און פלעגט ניט וועלן „טאַנצן״ אַרום די באַלעבאַטים. אָט דער „חסרון״ מיטן צוגאָב וואָס ער איז געווען אַ שטיקל „לא יוצלח״, האָט פאַרשאַרפט דעם ווידערווילן צו אים מצד די גבאים.

דער גבאי ראשון — בערל פישקעס, דעם זיידן יאַנקל בונים׳ס אַ לייבלעך שוועסטער־קינד, אַ הויכער — דאַרער איד — מיט אַ געלע באָרד, איז גראָדע געווען אַ איד אַ לערנער, אָבער אַ גרויסער רשע. וואו ער איז געווען באַלעבאָס און האָט געהאַט אַ דעה, איז ער באַשטאַנען מען זאָל זיך פירן ווי ער וויל.

בערל פישקעס איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר, און האָט ווייזט אויס געוואָלט אַז דער זיידע חיים אָשר זאָל אים באַדינען ווי ער איז צוגעוואוינט פון אַ „פּאַראָבעק״.

ער האָט זיך אָנגעזעצט אויפן זיידן און אים דערגאַנגען די יאָרן נאָר דעם רב׳ס איינשטעלן זיך פאַר חיים אָשר׳ן פלעגט איינהאַלטן זיין שמשות.

צוליב דעם זיידנס תמימות און נאַאיווקייט איז איינמאָל געשען אַ מעשה וואָס עס האָט טאַקע ב׳אמת גענומען האַלטן זייער שמאָל מיט זיין פּרנסה.

קרינקער האָבן געהאַט אַ שם פאַר גרויסע מכניסי אורחים. אין שטעטל פלעגן אָנקומען אַרימעלייט ניט נאָר פון אַרומיקן געגנט, נאָר אויך פון אַזוי ווייט ווי אוקראַינע.

כדי עס זאָל קאָנטראָלירט ווערן זייער גיין איבער די הייזער, האָט דער וועד הקהל דאָס שטעטל איינגעטיילט אין ראַיאָנען, אַ ראַיאָן איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורכן קאָליר אויף דער פּושקע וואָס בעטלער פלעגן קריגן און איז געביטן געוואָרן צוויי מאָל אַ וואָך.

מיט די בעטלער איז געקומען אַ איד, אַ הויכער, שטאַרקער וואָס האָט זיך אָנגעגעבן ווי אַן אויסגעדינטער „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט״. גערעדט האָט ער אידיש מיט אַ שווערן — פרעמדן אַקצענט.

דעם דאָזיקן אידן איז געפעלן געוואָרן קריניק און ער האָט זיך פאַרקליבן אין „קאַווקאַזן״ בית מדרש; וואָס איז געוואָרן זיין אכסניה. ער האָט גענומען זיך מאַכן ניצלעך פאַרן זיידן; ברענגען וואַסער; העלפן קערן; רייניקן; ברענגען האָלץ; מאַכן דעם אויוון און טאָן אַנדערע אַרבעטן.

דער זיידע האָט אים גענומען מקרב זיין און צוזען. ער פלעגט גיין בעטן באַלעבאָסטעס זיי זאָלן געבן דעם אידן אַ מאָל עפּעס פאַרדינען.

ווען דער איד האָט דערזען ווי די גבאים וואַרפן זיך מיטן זיידן, האָט ער אים גענומען פאַרלויפן דעם וועג.

מיט סאָלדאַטסקער געהאַרכזאַמקייט האָט ער גענומען פאַר די באַלעבאַטים גיין אַ גאַנג. אין שלעכטע וועטערן האָט ער באַלעבאַטישע קינדער געטראָגן וואַרמעס אין חדר און אַ סך קינדער האָט ער אויף די אַקסלען געבראַכט אַ היים.

ריווע׳ן איז דער איד גלייך ניט געוועזן געפעלן און זי פלעגט מיטן זיידן איינ׳טענה׳ן ער זאָל זיך היטן פאַר אים. דער זיידע אָבער האָט זיך געוועהרט קעגן אירע רייד — אים האָט גאָר ניט געקענט איינפאַלן אַז דער צוואָקסענער, טעמפּער איד זוכט אים טאָן אַ רעה.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און מען האָט דעם אידן געמאַכט פאַר אַן אונטער־שמש. דעמאָלט האָט ער זיך באמת מיט אימפּעט אַ נעם געטאָן צו פאַרלויפן דעם זיידן דעם וועג. ער האָט זיך אויסגעלערנט די צוגעפּאַסטע ברכות. ער איז געוואָרן דער פאַרבעטער צו חתונות, ברית׳ן און צו אַנדערע שמחות — ער איז פאַקטיש געוואָרן דער שמש.

דעם זיידנס פּרנסה איז אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן. אין בית מדרש איז ער געוואָרן אַן איבעריקער; מען האָט אים שוין אַפילו ניט געלאָזן אויפרופן צו קריאת התורה.

דער זיידע איז געוואָרן אינגאַנצן מבולבל. ער האָט ניט באַנומען וואָס עס טוט זיך אָפּ אַרום אים.

די באָבע ריווע האָט גענומען איינלייגן וועלטן; דער רב האָט גע׳פסק׳נט לטובת דעם זיידן און האָט אויף דאָס ניי פעסטגעשטעלט — אַז אויף דער שמשות האָט דער זיידע חזקה וואָס קיינער קען פון אים ניט צונעמען.

דער איד; פונקט ווי מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער איז געקומען, אַזוי האָט מען ניט געוואוסט וואו ער איז אַוועק.

דאָס וואָס עס איז געשען, האָט דעם זיידן צעטרייסלט. ווייזט אויס אַז ביז אָט דער מעשה, האָט ער ניט געהאַט קיין באַגריף פון אַזאַ מענטשלעכער רשעות וואָס זאָל אים באַפאַלן און וועלן פאַרצוקן. עס האָט אים טיף צע־ווייטיקט דאָס וואָס אַ איד וועלכן ער האָט מקרב געווען זאָל זיך פאַרנעמען אַזוינס אָפּצוטאָן קעגן אים.

דער וויי האָט זיך גענומען אָנזען אויפן זיידנס פנים. ער איז געוואָרן נאָך שטילער. ניט גערן פלעגט ער ענטפערן אָדער זיך אַריינלאָזן אין שמועסן. ער האָט גענומען אָפטער קומען אין סלאָנימער שטיבל. ווען ער איז געווען אין בית המדרש פלעגט ער זיך פאַרקלייבןביים אויוון, אָדער אין אַ ווינקל און ברומען אַ ניגון.

איך פלעג בענקען נאָך אים. פון שפיל, צי פון חדר פלעג איך זיך אַריינכאַפּן צו אים אין בית מדרש.

דער זיידע האָט ניט געהאַט קיין טבע צו צערטלען, אָדער גלעטן. נאָר די אויגן זיינע האָבן אויסגעדריקט, ווײ, טרויער, ליבשאַפט און אויפגעלעבט־קייט.

פונקט אַרום דער צייט וואָס די מעשה האָט זיך פאַרלאָפן. איז אין דער משפחה געשען אַ גרויס אומגליק — דער עלטסטער זון פרץ איז געשטאָרבן. זיין פטירה האָט אַלעמען פאַרווירט. פאַר דער קבורה האָבן די וויבספאַרשוינען וועלטן איינגעלייגט. דער זיידע איז געזעסן איינגעקנוילט אין אַ ווינקל. נאָר אויפן בית־עלמין, ווען מען האָט אים געבעטן זאָגן דעם ערשטן קדיש, האָט זיך זיין קול פאַרהאַקט; ער איז געוואָרן איבערגעוועלטיקט פון צער און זיינע אייגענע עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט גערעדט צום מת פאַרן קדיש זאָגן.

געשטאָרבן איז פרץ פלוצים.

קיין געזונטער איז פרץ קיינמאָל ניט געווען. ער האָט כסדר געליטן קאָפּ־ווייטיקן, און האָט געהאַט יסורים פון אַן אויג וואָס מען האָט אים קראַנק געמאַכט ער זאָל ניט דאַרפן דינען. אויפן אויג האָט ער קוים געזען. די כסדר׳דיקע קאָפּ־ווייטיקן פלעגן אים אַ סך מאָל אויף גאַנצע טעג אַריינלייגן אין בעט.

אַ פרייטיק צו נאַכט, גלייך נאָך קידוש, האָט פרץ גענומען זיך פילן ניט מיט אַלעמען. ווי אַ פאָרגעפיל וואָלט אָנגעזאָגט דעם טראַגישן סוף, זיינען

פרצ׳ס זין געלאָפן אָנזאָגן דער משפחה אַז ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן. אויפגעקומען זיינען זיך אַלע — אַפילו די „טשערעבוכעס״.

דער עולם איז געזעסן אין גרויסן פאָדער־צימער, געטרונקען טיי און געשמועסט. ביים חולה איז נאָר געווען מיין מאַמע ע״ה. פּלוצים האָט זיך פרץ אַ הויב געטאָן און איז איבערגעפאַלן אין איר שויס. ווען דער עולם איז אויף אירע געשרייען אויפגעלאָפן, איז ער שוין געווען טויט.

מיין מאַמע האָט זיך אַריינגענומען אין זינען אַז זי האָט איינגעהויכט דעם טויטנס לעצטן אָטעם. מען האָט איר געפירט צו גרויסע דאָקטוירים אין גראָדנע און וואַרשע. די השגחה אויף די פיר קינדער האָט ווידער די באָבע איבערגענומען.

ווען פרץ איז נפטר געוואָרן, איז דער זיידע אַוועק פון שטוב וואו דער מת איז געלעגן. ער האָט ניט געוואָלט פאַרשטערן שבת.

שבת נאָכן עסן איז ער אַוועק אין סלאָנימער שטיבל. פאַר מנחה אין קאַרהאָד מיט די חסידים, האָט ער געטאַנצט האַסטיקער און אימפּעדיקער ווי ווען עס איז פריער און געזונגען אויפן הויכן קול.

נאָך הבדלה, ווען דער מת איז שוין געלעגן אויפן דיל, איז דער זיידע אָנגעקומען. ער האָט געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלען תהילים. צום ערשטן קדיש ביים מקבר זיין האָבן אידן פאַרבעטן: „ר׳ חיים אָשר, זאָגט דעם ערשטן קדיש״.

דער זיידע איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון קבר; און האָט אָנגעהויבן מיט וויי און צעבראָכנקייט: „זון מיינער, אַנשטאָט דו זאָלסט נאָך מיר זאָגן קדיש, זאָג איך גאָר נאָך דיר, ווי איז מיר!״. ער האָט זיך באַלד געשטאַרקט און זאָגנדיק — ״יהוה נתן, ויהוה לקח״. האָט ער אָנגעהויבן דעם ערשטן קדיש נאָכן עלטסטן זון.

# דעם זיידנס בטחון

דער צער פון פרצ׳ס טויט און מיין מאַמעס קראַנקהייט, האָט דעם זיידן חיים אָשר איינגעשרומפּן און אים נאָך קלענער געמאַכט.

דער רחמנות פון די אייגענע און דער באָבעס פּלוצימדיקע גוטסקייט, האָט ער ניט געקענט פאַרליידן.

אין דער היים איז דער זיידע געקומען פאַרן ביסל וואַרמעס און איבער־שלאָפן. דורכן טאָג איז ער געווען אָדער אין בית מדרש, אָדער ביי דער טאָכטער די בעקערקע. ער פלעגט אַרויפקריכן אויפן בעקערשן אויוון, זיך אויפציען אין אַ קנויל — ליגן און טראַכטן. ער האָט זיין צער און ווייַ ניט געקענט פאַרבאָרגן.

גרויסע אומגליקן זיינען באַפאַלן דער משפחה. די באָבע ריווע פלעגט טאַקע זאָגן: „איוב׳ס צרות האָבן זיך אויף אונז אויסגעגאָסן״.

אַלץ איז עפּעס געשען אין איין צייט; פרץ איז געשטאָרבן; דער אינגערער זון מיישקע איז געזעסן פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין גראָדנער תפיסה; מיין מאַמעס קראַנקהייט האָט זיך פאַרערגערט. פון דער איינרעדעניש — „אַז זי האָט איינגעהויכט פּרצ׳ס לעצטן אָטעם״, האָט מען איר ניט געקענט אַרויסשלאָגן.

צוויי יאָר, טאַקע צום טאָג נאָך פּרצ׳ס פּטירה, איז געשטאָרבן זיין עלטס־טער זון.

חצקל, אַ וואוילער און געראָטענער בחור, איז געווען אַ גיבור און פלעגט בפועל ממש קענען בויגן אייזן.

געווען איז חצקל אַ גוטער פאַרדינער, אַ בחור ווי מען זאָגט, „צו גאָט און צו לייט״. דעם יאָר האָט ער זיך שוין געדאַרפט שטעלן צום „פּריזיוו״. די באָבע האָט שוין געהאַט געמאַכט אַלע הכנות ווי אַזוי צו באַפרייען פון די זעלנער דעם ערשטן אייניקל; פריער האָט זי עס געטאָן פאַר די זין און איידימס.

חצקל איז געווען אַ שטילער און פרומער בחור. מיט די באַוועגונגען וואָס האָבן געהאַט אַרומגעכאַפּט די שטעטלשע יוגנט, האָט ער ניט געהאַט צו טאָן. געווען איז ער געטריי ניט נאָר זיינע עלטערן, נאָר דער גאַנצער משפחה. מען האָט אים האָלט געהאַט. שטענדיק איז ער געווען גרייט צו טאָן אַ טובה.

צוליב דעם וואָס חצקל האָט אַ סך געשטעלט אויף זיין גבורה, האָט

ער זיך ניט אומגעקוקט אויפן צוקילעכטץ וואָס איז אים צוגעפאַלן. ער האָט עס אַזוי לאַנג פאַרלאָזן ביז עס האָט אים אָוועקגעלייגט.

אין שטעטל זיינען געווען צוויי דאָקטוירים און אַ מנין רופאים; פּיווע דער רופא; אברהם מאיר פּיאַווס; מאָטל דער רופא; יאַנקל מאָטל, שמעון בער דער רופא; פּיישקע דער שערער און שמחה וואָס מען האָט שוין באַ־צייכנט מיטן מאָדערנעם נאָמען — פעלדשער.

אַחוץ מיט פּיישקען און שמחה׳ן, האָט מען זיך מיט די אַנדערע רופאים זייער זעלטן באַנוצט. די צוויי האָבן געהאַט געפונען חן אין די אויגן פון די שטעטלשע. דער מזל׳דיקסטער איז געווען פּיישקע. אַחוץ פעלדשעריי, האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט שערן, גאָלן, שטעלן באַנקעס, פּיאַווקעס און מאַכן אַ קאַנע. גיין צו אַ חולה פלעגט ער רעכענען 15 קאָפּיקעס. מען האָט אים גערן גערופן, און ער איז געוואָרן דער אויסדערוויילטער רופא.

דער צווייטער — שמחה, איז גראָדע געווען פאַררעכנט פאַר אַ בעסערן פעלדשער, נאָר מען פלעגט אים צופיל ניט רופן. פאַר וואָס די שטעטלשע האָבן צו אים ניט געהאַט קיין צוטרוי, איז פאַרבונדן מיט אַ מאָדנער באַציאונג וואָס אידן האָבן געהאַט צו אידישע דאָקטוירים.

אין שטעטל האָט אַ אידישער דאָקטאָר ניט געהאַט קיין גרויס מזל. ער פלעגט זיך ניט האַלטן לאַנג. די קהילה פלעגט טאַקע אַרונטערברענגען אַ אידישן דאָקטאָר, אידן האָבן זיך אָבער ווינציק באַנוצט מיט אים. זיי האָבן נאָר געהאַט צוטרוי צו אַ גוי׳אישן דאָקטאָר — אַ פּאָליאַק.

דער דאָקטאָר דזשיטקאָווסקי, אַ הויכער ריזיקער גוי, מיט אַ קאָפּ גע־דיכטע האָר און גרויסע דיקע וואָנצעס, האָט געוואוינט אַרונטער שישליוויצער גאַס צווישן גויים.

צום צענטער פון שטעטל פלעגט ער קומען, אָדער ווען ער האָט געדאַרפט באַזוכן אַ חולה, אָדער גלאַט אַזוי פאַר אַ וויזיט. אידן פלעגן אים באַגעגענען מיט אויפזען און פריינטשאַפט. די וואָס האָבן אים אָנגעגעגנט פלעגן אַרונטער־נעמען די היטלען. אויף זייער באַגריסונג האָט ער געהאַט איין ענטפער; „גוט מאָרגן״ ביי אים פלעגט עס אַרויסקומען צעצויגן; „ג ו ט מ אָ ר ג ן !״

אָנגעטאָן אין אַ פּאַלערינע, מיט אַ שטאַרקן שטעקן אין האַנט, האָט זיין פיגור אַרויסגערופן אַ סך יראת הכבוד צווישן אידן. קינדער האָבן ליב געהאַט אונטערלויפן צו אים אַראָפּנעמען די היטלען. ער פלעגט זיי גלעטן איבער די קעפּלעך און זאָגן; „ג ו ט ש ב ת , ג ו ט ש ב ת !״

אידיש האָט ער זייער גוט גערעדט, געווען איז ער אָבער אַ שונא ישראל. אַביסל האָט מען געוואוסט אַז ער איז ניט קיין גרויסער אוהב ישראל, אָבער דאָס האָט ניט פאַרמינערט דעם צוטרוי צו אים. ערשט ווען קריניק איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּוילישער מלוכה, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן אָפן אַן אָנפירער פון אַנטיסעמיטן און פלעגט רייצן

די גויים קעגן אידן. ער פלעגט זיך אויך באַרימען, אַז ער האָט מיט אַ כיוון געשיקט אַ סך אידישע חולאים. אויף יענער וועלט.

דער דאָקטאָר דזשיטקאָווסקי, האָט פּיישקע דעם שערער מקרב געווען. דאָס האָט איינגעשטעלט זיין מערכה אין שטעטל. פאַרקערט, שמחה האָט זיך געהאַלטן נאָענט מיטן אידישן דאָקטאָר און ער האָט נעבעך געטיילט זיין גורל.

פּיישקען האָט מען דעם ערשטן געבראַכט צום קראַנקן חצקל. ווען ער האָט געזען אַז ער קען זיך ניט געבן קיין עצה, האָט ער געבראַכט דעם פּוילישן דאָקטאָר. דעם אידישן דאָקטאָר וועמען מען האָט גערופן אין לעצטער ברירה האָט געהייסן שיקן נאָכן באַרימטן גראָדנער דאָקטאָר זאַמקאָוו.

די באָבע האָט צווישן די רייכע קרובים אויפגענומען די עטלעכע הונדערט רובל, און איז אַליין געפאָרן ברענגען זאַמקאָוו׳ן. ווען ער איז געקומען איז שוין חצקל געווען אויסגעגאַנגען אין גרויס יסורים.

ווי אַ צוגאָב איז דעמאָלט צוגעפאַלן אַ מחלוקה מיטן איידים דאָדיע דער בעקער.

אַ סך מאָל האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַלץ מיט וואָס דאָדיע פאַרנעמט זיך איז צוטראַכטן עובדות ווי אַזוי אָנטאָן דער באָבען עגמת־נפש און איר מצער זיין.

דער באָבען איז איינגעפאַלן אויפצובויען אַ בוידים־שטיבל אויף דאָדיעס הויז. ער האָט מסכים געווען פאַרן פּרייז פון 400 רובל. די סומע האָט מען געדאַרפט צאָלן אויף ראַטן. צוליב די לעצטע הונדערט רובל וואָס די באָבע האָט ניט באַוויזן צו דערצאָלן, האָט דאָדיע איר ניט אַריינגעלאָזן אין בוידים־שטיבל.

כדי שאַרפער ווי צו טאָן דער באָבען, האָט דאָדיע פאַרדונגען די דירה צו אַ נאַר וואָס אויסגעדינטן סאָלדאַט; אַ טעמפּן פאַרגרעבטן יונג. אים איז די „סאָלדאַטשינע״ אַריין אין די ביינער און איז געווען אויסגעגאָסן אין זיין גאַנצן הילוך; ווי אַ סאָלדאַט פלעגט ער זיך אין גאַנג באַוועגן האַסטיק, און וואַרפן מיט אימפּעט די הענט. דאָס היטל האָט ער געטראָגן אויפן שטייגער פון זעלנער — אָן אַ זייט. דאָס איז געווען אַ יונג אַ סקאַנדאַליסט.

זיין פאָטער דוד שלמה, אַ דאָרפישער שניידער, האָט פון אים געהאַט געברענטע צרות. ער פלעגט אים מאַכן סקאַנדאַלן און אים פאַרפאָלגט מיט בייזקייט און אכזריות.

דער יונג האָט זיך איזדעקעוועט איבער זיין טאַטן דערפאַר וואָס ער האָט זיך גענומען אַ יונג ווייבל.

דוד שלמה דעם שניידער׳ס ווייב איז געשטאָרבן פּלוצים אַ שבת צו נאַכט אין קאַווקאַזן בית מדרש. עטלעכע יאָר נאָך איר טויט האָט ער זיך גענומען אַ ווייב פון דערבייאיקן שטעטל סאָקאָלקע. האָט עס דעם זון

געברענט וואָס די שטיף־מאַמע איז געווען אינגער און שענער ווי זיין ווייב און ער האָט זיך פאַרנומען איר דערגיין די יאָרן.

ער פלעגט זיך אָנ׳שיכור׳ן און קומען צו זיין טאַטן ברעכן שויבן. מיט רציחה פלעגט ער זיך יאָגן נאָכן ווייבל, ביז זי האָט סוף כל סוף זיך איינגע־פאַקט און איז אַנטלאָפן פון קריניק.

איינמאָל האָט ער די הענט איינגעשניטן אין די צעבראָכענע שויבן. ער איז געקומען צום פעטער דאַדיע, האָט דאָרטן געסקאַנדאַלעוועט, געדוקט אין מעל די פאַרבלוטיקטע הענט, און זיי געשמירט אָן אויוון. דאָס האָט גורם געווען אַז דאַדיע זאָל פון אים פטור ווערן.

די באָבע האָט אָבער ניט געשוויגן. זי האָט מיטן איידים זיך גע׳משפט און סוף כל סוף האָט זי אויסגעפירט. קיין נחת האָט זי ניט געהאַט פון וואוינען מיטן איידים, ער איז איר דערגאַנגען די יאָרן.

אין די אַלע סכסוכים האָט זיך דער זיידע ניט געמישט. דעם איידימס אויפפירונגען האָט אים שטאַרק מצער געווען. דאָס אין צוגאָב צו די גרויסע אומגליקן האָט אים דערדריקט.

זיין צער פלעגט מיך אָנפילן מיט טיפן טרויער. איך בין גרייט געווען צו טאָן אייניקעס אַבי אים פאַרגרינגערן. ערב יום כיפור בין איך פאַר פרי געקומען אין בית מדרש אים העלפן צונעמען די ליכט און זיי אַריינשטעלן אין די זאַמד־אָנגעפילטע קעסטלעך.

סוכות פלעג איך פאַרן זיידן טראָגן דעם אתרוג און לולב אין הייזער. נאָך דער וואָך פלעג איך אים ברענגען די עטלעכע קאָפּיקעס וואָס ווייבער האָבן געצאָלט פאַרן בענטשן. ער פלעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן באַדינגען זיך דעם פרייז פאַר אָפּבייסן דעם פּטום פון אתרוג.

פון אַלע אייניקלעך, בין איך געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט צו אים אַזאַ טיפע ליבע. ער פלעגט דערפאַר אַ סך מאָל צו מיר רעדן ווי צו אַ דערוואַקסענעם.

איינמאָל אין מיטן טאָג, קיינער איז ניט געווען אין בית מדרש. איך האָב דעם זיידן געטראָפן זיצן ביים אויוון אָן איינגעשרומפּענעם.

זיין פּנים איז געווען אַרומגענומען אין צער. איך האָב אים געזען אַזוי האָב איך זיך צעוויינט.

— „זיידע, פאַר וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק?

— „גאָט שטראָפט מיך!

— „פאַר וואָס שטראָפט דיך גאָט?"

ער האָט פון מיר אָפּגעקערט די אויגן — מיט אַמאָל האָט דער זיידע זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן. אַ צעשראָקענער בין איך געוואָרן פון גערויש און אימפּעט מיט וועלכן ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אויוון.

אַזאַ אויפשטורעם האָב איך ביי אים קיינמאָל ניט געזען.

ער איז אָפּגעלאָפן אַ שטיקל שטח. האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, און אַן אויסגעשעפּטער האָט ער זיך צוגעשאַרט צום באַנק ביים אויוון.

ער האָט וויזט אויס דערפילט אַז איך בין איבערגעשראָקן.

— ער האָט גענומען מיין האַנט —

— „נו, פאַרשטייסט, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין שטראָף, וואָלטן די יסורים געווען שאַרפערע און אויך זינלאָזע. בטחון מיין קינד, מאַכט גרינגער איבערצוטראָגן ענויים!".



# „פּאַפּאַ" איז געקומען

ווען די אינגערע קינדער האָבן גענומען פאַרדינען, האָט זיך די באָבע ריווע איבערגעצויגן אין אַ גרעסערער און באַקוועמערער דירה.

אַחוץ ישראל'ן איז שוין דער אינגערער זון מיישקע אַוועק אין פאַבריק. די אינגסטע טאָכטער יענטע האָט די באָבע אָפּגעגעבן צו אַ קרוב אין אַ קראָם פון מאַנופאַקטור.

מיישקע האָט זיך שוין גענומען מישן מיט די „ברידער און שוועסטער" חברה.

אין שטעטל האָט זיך געעפנט אַ רוסישע פאָלקס־שול (נאַראָדנאַיאַ אוטשילישטשע), דער לערער קרופּניק, איז אַריינגעשיקט געוואָרן פון צענטער, ער זאָל אַגיטירן און דערציען די יוגנט אין דער אידייע פון „קלאַסן־קאַמף".

די מערסטע תלמידים זיינען געווען פון באַלעבאַטישע היימען. ווען מען האָט זיך געכאַפּט וואָס די לימודים זיינען אין דער שול, איז שוין געווען צו שפּעט. די גרעסטע צאָל בחור'עמלעך זיינען שוין געווען אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.

ווען פּאָליציי איז געקומען פאַרנעמען דעם לערער קרופּניק, איז ער נעלם געוואָרן.

אָן דעם קרופּניק'ן האָט זיך די יונגוואַרג געדרייט פאַרלוירן. זיי האָבן געוואָלט זיך האַלטן צוזאַמען און אָנגיין מיט אַזוי גערופענער זעלבסט־בילדונג. אויף צוזאַמענצוקומען זיך, האָבן די חברה אויסגעקליבן דער באָבעס שטוב.

פאַר דעם יונגוואַרג איז עס געווען דער פּאַסיקסטער אָרט: דער זיידע איז דעמאָלט געווען אַ גמרא מלמד, לפנים ווען, איז דעם זיידנס מלמדות גע־וואָרן אַ מין שוץ אויף ניט אויפוועקן קיין פאַרדאַכט.

מיישקע האָט ביי דער באָבען גע'פּועל'ט זי זאָל לאָזן די חברה זיך צונויפגעקומען אין איר הויז כדי צו קענען זיך „זעלבסט־בילדן". באַקומען האָט זיך; אין איין צימער זיינען געזעסן בחורים, געלערנט רוסיש און זיך צוגעהערט צו אַגיטאַציע רעדעס. אין אַ צווייטן חדר האָט דער זיידע געלערנט מיט בחורים לימודים פון אידישע ספרים.

ווען די באָבע האָט זיך געכאַפּט אַז די חברה־לייט רעדן קעגן די רייכע און דער מלוכה, האָט זי זיי מערער ניט אַריינגעלאָזן.

איך פלעג אַ סך מאָל אַריינקומען אין חדר וואו די „ברידער" האָבן זיך

פאַרזאַמלט. עס איז דאָרטן געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי ביים זיידן אין חדר וואו די לימודים זיינען אויסגערופן געוואָרן מיט אַ ניגון.

וואו מיישקעס חברה איז געווען, זיינען אַלע געזעסן שטיל. נאָר איין בחור איז געשטאַנען און גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד.

דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט רייד וועגן אָרים און רייך. רייכע זיינען ביי מיר געווען נאָר נחום אַנשל און די „טשערעבוכעס" אויף וועמען די באָבע פלעגט אויסרעדן כל דבור אסור.

איך האָב זייער האָלט געהאַט צו הערן די לידער וואָס די בחורים פלעגן שטילערהייט זינגען. אין זכרון זיינען געבליבן סיי די ניגונים און סיי די ווערטער. עדעלשטאַטס אַ ליד וואָס זיי האָבן געזונגען מיט געפיל האָט טיף געווירקט אויף מיר.

שטיל און טרויעריק פלעגן זיי זינגען; „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן, מיר ווערן געיאָגט און פאַרפאָלגט, און אַלץ דערפאַר וואָס מיר ליבן דאָס אָרימע שמאַכטנדע פאָלק".

איינציקע ווערטער האָב איך נאָר פאַרבונדן מיט אַ באַדייטונג; „אָרימע", דאָס זיינען דער זיידע און באָבע; „אַרבעטער פאָלק" — זיינען די פעטערס ישראל און מיישקע.

איינמאָל האָט זיך אין שטוב אָנגעהויבן אַ גערודער — אַ ידיעה איז געקומען אַז דער טאַטע איז אויפן וועג באַפרייט פון דינסט.

די מאַמע האָט געגומען זוכן אַ דירה. מעבל האָט זי באַשטעלט ביי איטשע שאַכנעס אַ זון, אַ שניצער מיט אַ גרויסן שם. זיינע שניצערייען האָבן באַצירט ארון קודש'ן און די בעלעמערס פון אַ סך בתי מדרשים.

די מעבל — צוויי בעטן און אַן אַלמער, זיינען געווען אמת'ע קונסט־אַרבעט. ווער האָט דען געוואוסט ווי אַזוי עס אָפּצושאַצן די ווערט פון די שניצערייען? ביי מיר אין זכרון זיינען געבליבן דער אויסזען פון די פיגורן אויף דער שאַפע.

די קאָפּ פון שאַפע איז געלעגן אויף אַקסלען פון גיבורים. די מוסקולן פון זייערע פנים'ער זיינען געווען אָנגעשטרענגט, און דער איינדרוק איז געווען ווי זיי האַלטן די לאַסט מיט מאַטערניש אָבער אויך מיט גבורה.

אויף די שאַפע־טירן זיינען געווען אויסגעקריצט עטלעכע גרופּעס מענטשן. נעבן איין גרופּע זיינען אויף טישלעך געשטאַנען כלים אָנגעפילט מיט שפּייזן; קאָנפעקטן, און פאַרשיידענע פרוכטן. די גופים — דיקע און פון די פנים'ער האָט געבלאָזן, צופרידנקייט און תקיפות.

נעבן זיי זיינען מיט הכנעה, און טרויעריקע פנים'ער געשטאַנען דאַרע און איינגעבויגענע מענטשן.

די פיגורן מיט אַ „קלאַסן־באַדייט", האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מיר — עס האָט גורם געווען מיין שפּעטערדיקע פאַרבינדונג מיט דער

אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, און איז געבליבן אין מיר ווי אַן אָנווייז פון אומ׳יושר אויף דער וועלט.

ווען מען האָט געבראַכט אויף אַ גוי׳אישער פור די מעבל אין דער דירה ביי אַלטער מילבן, אַרונטער קאַווקאַז. האָט איטשע שאַכנעס זון עס אויפ־געשטעלט מיט גרויס זאַרגפעלטיקייט. די פיגורן אויפן שאַפע האָט ער לאַנג באַטראַכט און זיי געגלעט מיט אַ ליבשאַפט ווי צו לעבעדיקע באַשעפענישן.

ווען דער טאַטע איז געקומען, בין איך מיט דער באַבען געווען אין מאַרק. אויפן וועג אַהיים איז אונז אַנטקעגן געלאָפן מיט אויסגעשפרייטע הענט פייגעלע, יענטע אַוורעמטשיקס, אָנזאָגן די בשורה.

די פייגעלע אַ קרובה אונזערע, איז געווען אַ וואויל קינד, נאָר אַן אומ־גליקלעך. פון אירע קראַנקע אויגן האָט כסדר גערונען און די וויעס זיינען ביי איר תמיד געווען צונויפגעקלעפּט.

צווישן איר טאַטן און מאַמען איז ניט געווען קיין שלום בית. דער פאָטער האָט געשטאַמט פון פּאָנעוועזש, קאָוונער גובערניע (ער האָט גערעדט מיט אַ שאַרפן „ריש" און מיט „אַ סיך"). ער איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער, ווייזט אויס אַז אין קריניק האָט ער ניט געהאַט קיין פּרנסה און איז צוריק־געפאָרן אין זיין היים־שטאָט. צוגעזאָגט האָט ער אַריבערנעמען צו זיך דאָס ווייב און קינד. אָבער אין שטעטל האָט מען גערעדט אַז ער האָט אין פּאָנע־וועזש, זיך פאַרשאַפט אַ געליבטע און קליבט זיך אָפּ׳גט׳ן דאָס ווייב.

קיין גרויס פאַרשווין איז אָט די ווייב זיינע יענטע אַוורעמטשיקס ניט געווען. די צרות און דאָס וויינען כסדר האָט איר מיאוסער געמאַכט. זי פלעגט האַלטן נאָר אין רעדן און באַוויינען איר פינצטערער דאַליע.

די פייגעלע האָט שוין געמוזט זיין 10 יאָר. ווען איר מוטער יענטע האָט איינגעבעטן מיין מאַמען זי זאָל איר נעמען צו זיך לערנען זאָקן־שטריקן, זי האָט אויך צוגעהאָלפן אַכטונג געבן אויף מיר. זי האָט איר אָפּגעגעבן פאַרן עסן. מיין מאַמע פלעגט איר אַמאָל קויפן אַ קליידל.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט פייגעלעס פאָטער מיט זיין אויפפירונג געבראַכט נאָך צער צו דעם אַזוי אויך ביטער־דערשלאָגענעם לעבן פון ווייב און קינד.

ער איז מיט דער געליבטער פאַרפאָרן צום ווייב אין שטוב. געזאָגט האָט ער זי איז זיינס אַ שוועסטער, די בעלי עגלות האָבן באַלד פאַרשפּרייט די נייעס אַז אַוורעמטשיקס איידים איז געקומען מיט אַ חצופה. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אויפגעקליבן אונטער יענטע׳ס פענצטער צו כאַפּן אַ קוק אויפן מאַן און זיין געליבטע.

דאָס פרעמד מיידל, צי ווייבל, האָט זיך דערשראָקן פאַרן אויפלויף, און האָט זיך געריסן פון שטוב אַרויס. איך געדענק ווי זי איז אַרויסגעלאָפן

און פייגעלע׳ס טאַטע האָט איר געיאָגט און איינגעבעטן זי זאָל צוריקקומען.

אויף מאָרגן זיינען די צוויי פאַרשוואונדן פון שטעטל. יענטע איז פון דער מעשה מערער מבולבל געוואָרן און איז סוף כל סוף אינגאַנצן אַרונטער פון זינען. פייגעלע האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט ביי אונז.

ווען מיר, איך, פייגעלע און די באָבע זיינען צוגעקומען צו אונזער הויז, איז זי שוין געווען באַלאַגערט פון מענטשן וועלכע זיינען געשטאַנען ביי די פענצטער אָנצוקוקן מיין טאַטן.

(וואָס האָט מען באַדאַרפט צייטונגען, ראַדיאָ, אָדער טעלעפאָן. די בעלי עגלות, פלעגן שוין באַזאָרגן אַז די שטעטלשע זאָלן האָבן די נייעס גיכער ווי פון צייטונגען).

אינעווייניק איז די שטוב געווען געפּאַקט מיט מענטשן. אַ מענטש אין זעלנערשע בגדים האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון טיש און האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן און אויפגעהויבן צו זיך.

איך האָב אים גלייך דערקענט, עס איז דערזעלבער וואָס אויפן בילד — „פּאַפּאַ״ איז געקומען!



מיין שוועסטער־קינד ישראל־משה

# די אייניקלעך

די באָבע ריווע, האָט גראַדע זייער שטאַרק געוואָלט האַלטן די אייניקלעך אונטער איר השפּעה, זי האָט עס אָבער ניט געקענט באַווייזן. זיי זיינען געווען ווייט פון איר.

די באָבע האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט געבן עצות די זין און טעכטער ווי אַרומצוגיין מיט זייערע קינדער. די איידימס און שנירן האָבן אָבער אַ סך מאָל ניט געוואָלט אויספאָלגן.

מיט אַזאַ איידים ווי דאָדיע דער בעקער, האָט די באָבע בשום אופן גאָר ניט געקענט אויספירן. זי פלעגט אים זוכן אָנצואווייזן ווי ער זאָל אַרומגיין דעם בן יחיד ישראל משה. דאָדיע פלעגט זיך אויסלאַכן און פלעגט כדי איר מצער זיין, טאָן פונקט קאַפּויער.

די טאָכטער דבורה איז געווען צו מיד און פאַרמאַטערט אויף פירן געפעכטן מיטן מאַן. בטבע האָט זי זיך ניט געקענט שפּאַרן, פון קריגן איז אָפּגערעדט.

דאָדיע האָט געוויס ניט געוואָלט אַז זיין בן יחיד זאָל אין אַזאַ פריער יוגנט זיך פאַרטאָן אין טרינקען בראָנפן און שפילן קאָרטן. ישראל משה אָבער האָט זיך גענומען פאַרדרייען מיט וואוילע יונגען וואָס זיינען געווען אַ סך עלטער פון אים; זיי האָבן געטשאַטעוועט אויף זיין געלט, און געלט האָט ער געהאַט לרוב.

אַחוץ וואָס דאָס טיש־קעסטל אין בעקעריי איז געשטאַנען אָפן און ישראל משה האָט געקענט אַרויסנעמען הויפנס פול מיט מטבעות. האָט ער אויך אויסגעפונען אַז זיין פאָטער פאַרבאַהאַלט געלט אין שעניק (מאַטראַץ) אַזוי ווי דאָדיע האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין חשבון, איז ישראל משה׳ן אָנגעקומען גרינג צו נעמען וויפיל ער האָט נאָר אַליין געוואָלט.

פון מיר פלעגט זיך ישראל משה דערווייטערן, און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן ביז צאָרן. איך האָב ניט געקענט פאַרליידן וואָס ער חבר׳ט זיך מיט די וואוילע יונגען און ליגט מיט זיי אין טראַקטירן.

ישראל משה איז געווען העכער און דיקער פון מיר, ער האָט אָבער פאַר מיר געציטערט. איך בין געווען אַגרעסיווער ווי ער, און האָב זיך אין צאָרן אָנטקעגן געשטעלט אינגלעך עלטערע און שטאַרקערע ווי איך. איינמאָל האָב איך אים געפּאַקט און גוט אָנגעבראָכן די ביינער. פון דעמאָלט אָן האָט ער מיך גענומען אינגאַנצן אויסמיידן.

אַז דאָדיע האָט דערזען דאָס זיין אינגל איז אין סכנה אינגאַנצן אַראָפּצו־גיין פון דרך הישר, האָט ער באַשלאָסן אים אַוועקשיקן פון קריניק צו זיינער אַ שוועסטער אין אַ דערבייאיק שטעטל באָדקע. ער האָט אים אויסגעפּוצט און באַצירט מיט אַ זילבערנעם זייגער און קייט, אַרויפגעזעצט אויף אַ פור און אים אָנגעזאָגט ער זאָל בלייבן אין באָדקע ביז פּסח.

מערער ווי צוויי וואָכן האָט זיך ישראל משה דאָרטן אָבער ניט געהאַלטן. אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט האָט ער זיך צוגעשטעלט אין דער היים. אַז דאָדיע האָט אים דערזען האָט ער אָנגעהויבן ברעכן מיט די הענט.

איין טאָג נאָר איז ישראל משה געזעסן אַ רואיקער אין הויז. שבת גלייך נאָכן דאַווענען, האָט ער אויפגעזוכט די חברה זיינע. זיי האָבן זיך אָנגעָ־שיכור׳ט און זיינען אַוועק זיך גליטשן אויפן „סאַזעלקע״.

ישראל משה איז אַוועקגעפאַלן און די וואוילע יונגען זיינען געשפּרונגען איבער אים און אָפּגעטאָן לצ׳וואָטע שטיק.

אַ אינגל איז געקומען אָנזאָגן דאָדיען וואָס עס טוט זיך מיט זיין בן־יחיד. אַלע וואָס זיינען דעמאָלט געווען אויף טיי ביי אים, האָבן זיך געלאָזן צום „סאַזעלקע״.

אַ היים האָט מען ישראל משה׳ן געטראָגן באַגלייט פון ווייסע־חברה׳ניקעס. ער איז געלעגן אויסגעצויגן בלוי און פאַרשטייפט, די מלבושים צעריסן און פון זייגער און קייט איז קיין סימן ניט געווען.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען פאַרביי. אויפגעשטאַנען איז ער אַ בלאַסער און אָפּגעצערטער, ער האָט צו קיינעם ניט גערעדט און איז אַן אומעטיקער געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל.

פונקט אָט אין דער שטימונג זיינער האָב איך זיך געגומען מיט אים רייצן און פאַרפירט אַ געשלעג. ער האָט עס מיר קיינמאָל ניט מוחל געווען. ביז מיין פאָרן קיין אַמעריקע האָט ער אויף מיר געטראָגן אַ כעס. מיינע בריוו צו אים פון אַמעריקע האָט ער פאַרשוויגן.

אין די אויסגעוואָקסענע יאָרן, איז ישראל משה געוואָרן אַ קאָמוניסטישער אַקטיוויסט און האָט זיך שטאַרק געמישט אין שטעטלשע עסקים. געענדיקט האָט ער מיט די מיליאָנען קדושים אין אוישוויצער קאַלך־אויוון.

די קינדער פון עלטסטן זון זיינען געווען שטילערע. פּרצ׳ס בכור חצקל, איז געווען אַ פאָלגער און אַזוי זיינען אויך געווען די אַנדערע צוויי עלטערע קינדער; משה יאָסל און יענטע. יענטע איז געווען אינגאַנצן איינגעראָטן אין דער באָבען; אַ הויכע, אַ גלייכע, אָבער זייער אַ שטילע.

דער אינגערער פון יענטען, שמעון, איז געווען אַ ביסל אַ צעדרייטער. פון קינדוויז אָן האָט ער ליב געהאַט באַאומרואיקן מענטשן מיט מאָדנע קשיות. דאָס ביסל קבלה וואָס ער האָט געלערנט איז אים אַריין אין קאָפּ. ער פלעגט חלומ׳ען פון משונה׳דיקע און אומבאַגרייפלעכע זאַכן. האָט גע־

רעדט אַ סך און פלעגט פייניקן מיט קשיות וואָס מען האָט ניט געקענט פאַר־ענטפערן. דער טויט פון פאָטער און עלטסטן ברודער, האָט אים סוף כל סוף אַראָפּגעפירט פון גלייכן זינען.

שמעונ׳ס מוטער חיה, אַליין אַ צעטומלטע, האָט אים געפירט קיין וואַרשע צו אַ גוטן־אידן. דער קראַנקער בחור האָט זיך פון איר אָפּגע׳גנב׳עט און איז אַוועק וואַנדערן איבערן שטאָט. ווען פּאָליציי האָט אים אין עטלעכע טעג אַרום געפונען, איז ער געווען אַן אויפגעפרוירענער. מען האָט אים געמוזט אַמפּוטירן די הענט און פיס. דאָס שטיקל גוף מיטן גרויסן שגעון איז יאָרן געלעגן אין בעט ביז גאָט האָט זיך אויף אים מרחם געווען.

פרצ׳ס אַן אינגל, פייוול, האָט זיך געהאַט אַריינגענומען אין קאָפּ אַ חנ׳דל — בלאָזן מיטן נאָז, איך האָב אים דערפאַר גערופן — „שנאַנץ״; אַ צונאָמען וואָס איז אים פאַרבליבן אויף כל ימים. ער איז געווען מיט מיר אין איין עלטער, און איז געווען דער איינציקער שטיפער פון אַלע פרצ׳ס קינדער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן אַ גרויסער לעדער פאַברי־קאַנט אין קריניק און האָט אויך צוזאַמען מיט די קדושים אויסגעהויכט זיין נשמה אין קאַלך־אויוון.

פרצ׳ס נאָך צוויי קינדער — אַ מיידל חנה און אַן אינגערן אינגל, געדענק איך קוים. חנה האָט מען מיר איבערגעגעבן איז געווען זייער אַ וואוילע, זי איז אָבער געווען אַן אָרימע און האָט זיך געמאַטערט מיט פרנסה. דער אינגסטער איז איצט אַ תושב אין אורוגוואַי.

דער באָבעס עלטסטע טאָכטער, מלכה, האָט געהאַט אַ בת־יחידה שיינע בלומע. געוואוינט האָט מלכה אין גלוסק, מינסקער גובערניע. מיט שיינע בלומע׳ן פלעג איך זיך דורכשרייבן. ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד, בין איך דער משפחה ניט געפאָרן באַזוכן. שיינע בלומע און איר מאַן זיינען מיך געקומען זען אין מאָסקווע, נאָר איך בין פונקט דעמאָלט געווען פאַררייזט. ווען איך בין צוריק געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך זיך פשוט ניט געקענט צוקלייבן צופאָרן צו זיי. איך וועל עס זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין.

די קינדער פון זון ישראל, האָבן זיך געהאַלטן פון זוייטן און זיינען זעלטן געקומען זען דעם זיידן און דער באָבען. ישראל אַליין איז אינגאַנצן געווען אַריבער צו די „טשערעבוכעס״.

ביי דער באָבען בין איך געווען דאָס באַליבטסטע אייניקל. איך בין שטענדיק געווען אונטער איר השגחה און זי האָט מיך ניט פאַררעכנט ווי אַן אייניקל, נאָר ווי אירס אַ קינד.

קיין סך נחת פון מיר איז איר ניט געווען באַשערט צו האָבן. איך פלעג איר ווי טאָן און מבייש זיין; זי פלעגט גראָדע שטענדיק האָבן אַ זכות אויף מיר, אָבער מיינע שטיפערייען און אויפפירונגען פלעגן איר אָנפילן מיט

בייזקייט און צאָרן. איך פלעג זיך איר אַנטקעגן שטעלן און האָב געהאַט הנאה פון פאַרשאַפן איר עגמת־נפש.

צוליב אַ ווילדער אויפפירונג מיינער, האָט די באָבע ריווע אויף מיר געוואָרפן אַן אומ׳חן. זי איז אָפּגעקילט געוואָרן צו מיר, און פלעגט אפילו אַוועקדרייען דעם קאָפּ ווען איך האָב צו איר גערעדט.

איך האָב אָפּגעטאָן אַ זאַך וואָס האָט דער גאַנצער משפחה ווי געטאָן און פאַרשאַפט ביושים.

איך פלעג מקנא זיין די גרויסע, און האָב זיך געוואָלט פירן ווי זיי. איך האָב נאָר געוואָלט נאָכטאָן די רעוואָלוציאָנערע יאַטן. און אַזוי ווי מיין מאַמעס ברודער מיישקע, און מיין טאַטנס ברודער מאיר, זיינען געווען אַריינ־געטאָן אין דער באַוועגונג, פלעג איך זיי נאָכלויפן און בין אַ סך מאָל געווען צו זייערע „סכאָדקעס״.

די יאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט מיר. איך פלעג גיין אַ גאַנג, אויספירן פאַרשיידענע שליחות׳ן; טראָגן פּראָקלאַמאַציעס; שטיין אויף וואַך און אָנזאָגן צי עס קומט פּאָליציי.

אַ באַוויז פון דערוואַקסנקייט איז געווען אַ גאַרניטור מיט אַ בוזים־קעשענע. נאָך אַ סימן — רויכערן פּאַפּיראָסן.

פון דאָדיע׳ס טיש־קעסטל האָב איך גע׳גנב׳עט געלט פאַר פּאַפּיראָסן. אַחוץ דעם פלעגט דאָדיע אויך פאַרקויפן פּאַפּיראָסן אָן באַנדעראָל, זיי זיינען ביי אים געלעגן אין אָפענע קעסטלעך. אַ סך מאָל האָב איך אָנגעלייגט פולע קעשענעס מיט פּאַפּיראָסן און פלעג נאָך דאָדיען טראַקטירן מיט עטלעכע. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געכאַפּט אַז עס זיינען זיינע אייגענע.

מיר זיינען אָבער געווען געפעלן פּאַפּיראָסן אויף וועלכע דאָס דעקל פון קעסטל האָט געהאַט אַ בילד פון אַ מיידעלע וואָס איז געזעסן אין אַ וואַנע מיט די הענטלעך פאַרדעקט דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער.

ווען איך האָב געקראָגן דעם נייעם גאַרניטור, האָב איך דער אויסגע־חלומ׳טער בוזים־קעשענע, באַנייט מיט אַריינלייגן דאָרטן אַ פּעקל „באַבושקאַ״ פּאַפּיראָסן.

יענעם פרייטאָג צו נאַכט ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל אויסגע־פּוצט מיטן נייעם גאַרניטור, האָט די באָבע ריווע מיך פאַרבעטן צו שלאָפן ביי איר. געדאַרפט טרעפן האָב איך איר ביים זון פרץ ווּעמען זי איז געגאַנגען מבקר חולה זיין.

אויפן וועג צו פרצ׳ס שטוב, האָב איך זיך רואיק פאַרביישפּאַצירט דעם רב׳ס הויז מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס, ישיבה בחורים וואָס זיינען גע־זעסן אויפן גאַניק זיינען אַראָפּגעלאָפן, מיך געכאַפּט און גוט צעפּראַסקעט.

צו פרצ׳ן אין שטוב בין איך געקומען מיט אַ פאַרפלאַמטער צורה. דער באָבען האָב איך געזאָגט אַז איך האָב זיך פאַררויטלט פון לויפן.

דער רב האָט גלייך געשיקט אָנזאָגן דעם זיידן יאַנקל בונים די בשורה פון אייניקלס טייערע מעשים.

ווען איך בין שוין געווען אַן אויסגעטאָענער, איז מיין טאַטע אַריינגעפאַלן אין דער באָבעס הויז, מיט שטורעם און צאָרן. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער פשוט ניט געהאַט קיין לשון. צוויי ווערטער האָט ער נאָר געהאַלטן אין מורמלען: „ווײ, ווײ, וואָס פאַר אַ ביאוש!“.

דער טאַטע איז געווען אַזוי צעטראָגן אַז ער האָט פשוט ניט געקענט איבערגעבן דער באָבען וואָס עס האָט געטראָפן. דער זיידע חיים אשר איז געזעסן אָן אַ זייט אַ פאַרווירטער און זיך צוגעקוקט צום טאַטנס פאַרצווייפלונג.

מיט אימפעט האָט דער טאַטע אַ כאַפּ געטאָן מיין מלבוש, און אַרויס־גענומען פון בוזים־קעשענע דאָס פעקל „באַבושקאַ“. דער באָבעס אויגן זיינען געוואָרן אָנגעשפיצט. אַ ווײלע האָט זי מיך שאַרף אָנגעקוקט; האָט זיך אויפ־געהויבן פון בענקל און מיטן גאַנצן כוח האָט זי אַ האַנט אַראָפּגעלאָזן אויף מיין פּנים. גלייך האָט זי באַפוילן איך זאָל פאַרלאָזן דאָס הויז.

קיינמאָל האָט מיר די באָבע ניט מוחל געווען וואָס איך האָב פאַרשטערט דעם שבת און מבייש געווען דער משפחה.

אין שטוב ביי אונז, האָט דער טאַטע צוגענומען די מלבושים. עטלעכע טעג בין איך געלעגן אַ געבונדענער און וואָכן האָט מען מיך אין דרויסן ניט אַרויסגעלאָזן.

# ריווע און דער זון מיישקע

ביי קיינעם פון ריוועס קינדער איז ניט געווען קיין איינגעגעבענער לעבן. אַפילו מיין מאַמע וואָס האָט שוין אַליין אויסגעוויילט איר באַשערטן, האָט געהאַט אַ שווער לעבן: זי האָט אויף זיך געטראָגן די לאַסט פון דערציען די קינדער און אַליין זיי מפרנס זיין.

עטלעכע מאָנאַטן נאָך דער חתונה, איז דער טאַטע אַוועק אויף 4 יאָר דינען, און אַ מעוברת'ע האָט זי געמוזט איבערציען זיך צו איר מאַמע. שפּעטער ווען עס זיינען שוין געווען דריי קינדער, האָט דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג, דעם טאַטן פאַרטריבן קיין אַמעריקע; די מאַמע איז ווידער אַוועק וואוינען מיט אירע עלטערן, און האָט אויף דאָס ניי געדאַרפט נעמען אויף זיך דעם עול פון פרנסה.

מיין מאַמעס ביטער און שווער לעבן, האָט פאַרגרעסערט דער באַבעס צער און זאָרג.

קיינער אָבער פון ריווע'ס קינדער האָט אַזוי ניט צערודערט איר לעבן, ווי דער אינגסטער זון מיישקע. צוליב אים איז זי שטענדיק געווען אונטערוועגנס. עטלעכע יאָר איז איר צווייטע היים געווען גראָדנע. דאָס וואָס עס איז מיט אים געשען, האָט גורם געווען, זי זאָל איבערלאָזן אַלץ און זיך נאָר פאַרנעמען מיט אים.

פיגוראַטיוו האָט זי זיך מיט אים אַריינגעזעצט אין גראָדנער טורמע. איין גרויסער ווילן האָט איר באַהערשט — דעם זון מיישקע באַפרייען פון תפיסה.

ווער ווייסט; עס קען גאָר גריילעך זיין, אַז די צערודערונג אַרום מיישקע'ן, האָט ריווע'ן אויפגעלעבט גאָר. עס וואָלט פאַר איר אפשר שווער געווען דאָס לעבן אירס ווען אַלץ וואָלט געגאַנגען שטיל און גלאַטיק.

צו די צרות פון די אויסגעגעבענע קינדער האָט זיך שוין ריווע געהאַט צוגעוואוינט. זייערע לעבנס האָט זי ניט געקענט איבערראַנדערשן. אַלע פון זיי האָבן שוין געהאַט זייער איינגעשטעלטן סדר. אַרום מיישקען האָט זי געקענט לאָזן אין גאַנג איר אימפּעט: זיך אַרויסנעמען פון פאַרגליווערונג און זיך אויפלעבן אויף דאָס ניי.

אַרום מיישקען האָט זי זיך געקענט האַלטן פאַרנומען; דאָס וואָס זי האָט זיך אַרום אים אַזוי מתעסק געווען האָט געדאַרפט זיין אַן אָנזאָג אַז ער זאָל וויסן דאָס ער האָט אחריות צו איר. אַן איר איז ער פאַרוואָרפן און פאַרוואָגלט און זיין לעבן וועט אויסגיין הינטער תפיסה־ווענט. ניט צו דער באַוועגונג געהערט ער, נאָר צו איר.

מיישקע׳ס ראָלע אין דער 1905 רעוואָלוציע, איז געווען ווייט איבער די גרענעצן פון קריניק. די אַנאַרכיסטישע גרופּע צו וועלכער ער האָט אָנגע־הערט האָט אים און ניאָמקע יונה דעם סטאָליאַר׳ס (אַ ברודער פון דער שרה׳קע מיט וועלכער ישראל האָט געפירט אַ ליבע) באַשטימט צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן אָדעסער גראַדנאַטשאַלניק.

ניאָמקע איז געבליבן אין ביאַליסטאָק, מיישקע אָבער איז געקומען קיין קריניק זיך זעגענען מיט דער משפּחה.

אַראָפּגעקומען איז ער אָנגעטאָן אין סוחר׳ישע מלבושים; אַ קאַראַ־קולענע היטל; אַ פוטער מאַנטל מיט אַ קאַראַקולענעם קאָלנער; אַ גאָלדענעם זייגער און קייט און קעשענעס פול מיט געלט.

ווען די באָבע ריווע האָט אים דערזען אַן אויסגעפּוצטן, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען אַז ס׳איז עפּעס ניט גלאַט.

ריווע האָט באַלד גענומען אויפשפּילן היסטערישע סצענעס. די גאַנצע משפּחה איז זיך צונויפגעקומען; פּרץ האָט אין מיישקען אַריינגערעדט; די באָבע האָט גע׳חלש׳ט; דער זיידע האָט זיך אַ פאַרלאָרענער אַריינגערוקט אין אַ ווינקל און געברומט טרויעריקע ניגונים.

מיישקע אַליין האָט זיך געדרייט פאַרלאָרן און פאַרצווייפלט.

מיט דער באָבען אין שכנות האָט געוואוינט אברהם יצחק דער ווילנער, דער פירער פון די קרינקער אַנאַרכיסטן. אַלע קאָנספּיראַטיווע פּלענער זיינען צוגעגרייט געוואָרן ביי אים אין הויז.

ריווע האָט מיט געוויין און געבעט זיך אַריינגעריסן צו אברהם יצחק׳ן אין שטוב אַריין. עטלעכע טעג כסדר האָט זי אים ניט געגעבן קיין רו. דער סוף איז געווען אַז מיישקע איז געבליבן אין קריניק.

געווען איז מיישקע אַן ערנסטער בחור׳ל. ער האָט ליב געהאַט דער־גרונטעווען זיך אין אַן ענין. ער האָט אַ סך געלייענט, און איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ בחור מיט אַן „אָפענעם מוח״.

אויף מיישקען האָט, פּונקט ווי אויף אַ סך פון דער יוגנט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג די אַגיטאַציע וואָס עס האָט געגעבן קרופּניק, דער לערער פון דער רוסישער פאָלק־שול. פון אָנהויב זיינען די יונגע מענטשן געווען אָנגעהעריקע אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שפּעטער האָט דער „בונד״ געקראָגן אַ גרויסן אָנהאַלט אין שטעטל, און די גרעסטע צאָל אידישע יונגעלייט זיינען געוואָרן „בונדאָוועצעס״. עס זיינען אויך געווען סאָציאַל דעמאָקראַטישע גרופּעס, און אַ „פּע, פּע, עס״ (ראשי תיבות פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער צו שאַפן אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע אין קריניק, איז געווען יאַנקל „פּראָפעסאָר״ (דער באַוואוסטער שרייבער יעקב קרעפּליאַק ע״ה) מייש־

קען זיינען געווען געפעלן די רייד פון דירעקטער אַקציע. ער איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט. ער און יאַנקל „פּראָפעסאָר" זיינען געוואָרן איבערגעגעבענע און נאָענטע חברים.

געווען זיינען עטלעכע אַנאַרכיסטישע גרופּעס. אַ סך פון זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג צווישן זיך; און פלעגן דורכפירן אַקטן אויף אייגענער אחריות.

מיישקע איז ניט געווען קיין קאַכיקער בחור. ער איז געווען באַזאַכט און האָט קיין זאַך ניט געטאָן אומבאַטראַכט.

קיין גאָר האַרטער רעוואָלוציאָנער, איז מיישקע ווייזט אויס ניט געווען. ער איז געווען אַביסל סענטימענטאַל און שטאַרק צוגעבונדן צו דער משפחה; באַזונדערס צו זיין מאַמען. אויפן פאָטער האָט ער געהאַט גרויס רחמנות און ווען די גבאים האָבן זיך געהאַט אָנגעזעצט אויף אים, איז מיישקע מיט מסירת נפש געגאַנגען אים באַשיצן.

גלייך נאָכן אויסברוך פון דער 1905־רעוואָלוציע, איז ער עטלעכע חדשים געזעסן אין גראָדנער טורמע. געקומען פון דאָרטן איז ער ערנסטער, באַזאַכ־טער, און אַ גאַנצער אַנאַרכיסט.

זיין מישן זיך מיט די רעוואָלוציאָנערן, האָט פאַרשאַרפט דעם קריג צווישן אונז און די רייכע אין דער משפחה. באַזונדערס אויפגעצאַרנט איז געווען נחום אַנשל. ער פלעגט דעם זיידן חיים אַשר שטאַרק אויסרעדן פאַרן זונ'ס מעשים. עטלעכע מאָל האָט ער פאַרבעטן צו זיך דער באָבען, זי האָט אָבער זיין שוועל ניט געוואָלט איבערטרעטן.

ריווע האָט אויך איר שטייגער געזוכט מיישקען אָפּרעדן פון חבר'ן זיך מיט די „בונטאָווטשיקעס". זי פלעגט צו אים טענה'ן: „וואָס דאַרפסטו זיך מישן? אָן דיר וועט מען אויך אויפטאָן; זיץ אין רואיק, האָב חתונה און פיר זיך ווי עס דאַרף זיך אויפפירן אַ אידיש קינד. וועט עפּעס ווערן, זיי וועלן אויספירן, וועט זיין טוב־מאוד, ווען נישט, צי וואָס דאַרפסטו זיין אַ קרבן?" מיישקע פלעגט איר ענטפערן: „אויב אַלע וועלן זיך צוהערן צו די מאַמעס, וועט גאָר ניט זיין".

איר איינלייגן וועלטן אים אַוועקצונעמען פון די „בונטאָווטשיקעס" האָבן ניט געהאָלפן.

מיישקע האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אין הויז זעלטענער. אַז ער איז גע־קומען האָט ער זיך געהאַלטן אין סוד'ען מיט אברהם יצחק דעם ווילנער.

מיישקע'ס שוויגן, זיין פאַרשווינדן, האָט ריווע'ן אָנגעפילט מיט שרעק און זאָרג. עס האָט איר געאַרט וואָס צו אירע רייד הערט ער זיך ניט צו. מיט אַמאָל איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז ער פאַלט אַרויס פון איר שליטה, און ווייטערט זיך אָפּ פון איר.

# דער טאָכטער יענטעס שידוכים

די באָבע ריווע האָט נעבעך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אומגליק עס איז געשען. מיישקע׳ס טומלען זיך מיט די רעוואָלוציאָנערן האָט קיינעם פון דער משפּחה אַזוי ניט צעשרויפט ווי איר.

מיטאַמאָל האָט זי אָפּגעלאָזן די השגחה אויף די אַנדערע קינדער, אַנדערע עסקים האָבן אויפגעהערט האָבן אַ ווערט. אין צענטער פון איר לעבן איז געווען מיישקע. כסדר איז ער געווען אין סכנה. ער איז מערער געווען אין תּפיסה ווי אויף דער פריי.

פונקט דעמאָלט זיינען אויך צוגעפאַלן צרות מיט דער אינגערער טאָכטער. יענטע איז גראַדע געווען אַ שטיל מיידל און האָט זיך געפירט ווי אַ באַלע־באַטיש קינד. די שטימונג פון מרידה וואָס האָט דעמאָלט פאַרכאַפּט די קרינקער יוגנט האָט איר אויך אַריינגעצויגן.

צו יענער צייט האָט מען די וואָס זיינען געשטאַנען פון ווייטן באַטראַכט ווי ווילדע און צוריקגעשטאַנענע מענטשן, אין אַזאַ שטימונג איז געווען פּשוט ניט שיין פאַר אַ יונגן מענטשן ניט אָנגעהערן צו אַ גרופּע אָדער פּאַרטיי. די גאַנצע שטעטלשע יוגנט איז געווען אַריינגעטאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט; אין קרינק איז אויפגעקומען דער ערשטער אַרבעטער סאָוועט. דריי טעג פריער איידער די רעוואָלוציע איז אויס־געבראָכן אין רוסלאַנד האָבן יאַטן — די „ברידער און שוועסטער״ פאַר־כאַפּט די קליינע צאָל רעגירונגס־געביידעס און קהל׳שע אינסטיטוציעס, אַרעסטירט די עטלעכע פּאָליציי לייט, דערקלערט אַן „אַרבעטער רעפּובליק״ און פאַרוואַלטעט מיטן שטעטל ביז עס זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטן און קאָזאַקן.

יענטע איז אַריין אין „יונגן־בונד״. די „סכאָדקעס״ פלעגן דעמאָלט אָפּגע־האַלטן ווערן מערסטנס אין וואַלד וואָס האָט געהערט צום פּוילישן פּריץ ווירניען.

שטעטלשע פלעגן זומער גיין פאַרברענגען אין דעם וואַלד און עס איז דערפאַר געווען אַ צוגעפּאַסטער פּלאַץ אויף אָפּצוהאַלטן געהיימע אסיפות.

אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען פלעגט מען אויסהערן רעדנער וואָס זיינען געקומען פון אַ גרויסער שטאָט. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דיסקוסיעס,

מיט לייענען און זינגען קאַמף־לידער פון עדעלשטאַט, באָושאָווער, רייזען, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד.

אַזאַ „סכאָדקע" איז באַפאַלן געוואָרן פון דער פאָליציי. יענטע איז צוויי חדשים אָפּגעזעסן אין גראָדנער טורמע. אַרויסגעקומען איז זי אינגאַנצן אַ געענדערטע און האָט ווידער גענומען פאָלגן דער מאַמען ווי עס דאַרף טאָן אַ באַלעבאַטיש מיידל.

די באָבע האָט אָבער מורא געקראָגן, און האָט זיך פאַרלייגט איר וואָס גיכער פאַר׳קנס׳ן. מיט קרינקער יונגע לייט האָט זי איר ניט געלאָזן מערער האָבן וועלכע עס איז מגע־ומשא.

אַ שידוך האָט מען יענטע׳ן גענומען רעדן מיט אַ בחור פון נארעוו. אַ שטעטל וואָס איז געלעגן אין דרום פון ביאַליסטאָק.

דער בחור, עלטער פון יענטע׳ן, איז געווען אַ וואוילער און אינטעליגענטער. ווי אַלע יונגע־לייט פון סוחר׳ישן שטאַנד האָט ער זיך געהאַלטן נאָנט צום ציוניזם.

דער באָבען איז ער גלייך ניט געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך פאַרנומען חוזק מאַכן פון זיין אויסזען, זיין נאָז און קליינע אויגן.

אַ שטיק צייט נאָכדעם האָט זי צורו געלאָזן דאָס זוכן שידוכים פאַר יענטע׳ן.

מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן ווידער פאַרבעטן דעם יונגן מאַן. דאָסמאָל האָט זי ווידער חרטה געהאַט און גענומען טענה׳ן אַז צוליב דעם וואָס זיין נאָמען איז אָשר און דעם זיידנס חיים אָשר, טאָר מען זיך מיט אים ניט משדך זיין.

דער זיידע האָט עס מבטל געמאַכט. עפּעס יענעם מאָל האָט זי זיך צוגעהערט צו אים און האָט סוף כל סוף מסכים געווען צום שידוך.

נאָך דער חתונה האָט די באָבע ריווע ווילִיק יענטע׳ן פון זיך אָוועקגעלאָזן זיך צו באַזעצן אין מאַנ׳ס שטעטל. זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרטאָן מיט מיישקע׳ן. ער איז געוואָרן דאָס איינציק „פייגעלע" אויף וועמען זי האָט אויסגעשפּרייט איר שוץ.

עס איז ביי איר געוואָרן אַ פאַרמעסט מיט מיישקע׳ס חברים. זי האָט נאָר געוואָלט מנצח זיין זייער איינפלוס אויף אים. מיטאַמאָל האָט זי דערפילט אַז עס איז אויפגעשטאַנען אַ שטאַרקער שונא וואָס וויל פאַרמינערן איר איינפלוס אויף איר קינד.

מיישקע האָט גענומען ביי איר אויספירן אַזעלכע זאַכן וואָס געווינלעך וואָלט זי עס ניט נאָכגעגעבן — זי האָט מסכים געווען — אַז די בחורים און מיידלעך זאָלן זיך צוזאַמענקומען אין איר הויז.

ביי די אַנאַרכיסטן האָט דעמאָלט פאַרנומען אַ הויפּט־ראָלע רייזל טעוול ליפּשיקס. זי איז געווען אַ גוראָטן מיידל; האָט געהאַט בילדונג; האָט

געקענט גוט רוסיש, אידיש, העברייאיש און איז געווען אויך ניש׳קשה באַלעזן. פאַרנומען האָט זי זיך פאַר דער באַוועגונג, אויפקלערן, לערנען און דער־ציען די יוגנט.

רייזל איז געווען אַ פלינקע, רירעוודיקע און אויך אַן איינגעשפּאַרטע. זי איז פאַרבליבן געטריי און איבערגעגעבן איר גלויבן ביזן לעצטן אָטעם; אין לאָנדאָן איז זי אומגעקומען פון אַ באָמבע וואָס זי האָט געוואָרפן.

מיישקע האָט פון דער באָבען גע׳פועל׳ט אַז זי זאָל לאָזן רייזלען אָנפירן אירע קלאַסן אין הויז.

פון אָנהויב איז זי געקומען אין שטוב צוויי מאָל אַ וואָך. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און די נידעריקע מיידל מיט די בלאָנד־געקרייזלטע האָר האָט זיך אײַנגעגעצן אַריבערגעצויגן צו אונז אין שטוב (מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט מיט דער באָבען. דער טאַטע איז שוין געווען אין אַמעריקע).

רייזל׳ס איבערציען זיך האָט פאַקטיש געמאַכט דער באָבעס הויז אַ צענטער פאַר אַנאַרכיסטן. איך געדענק ווי זי האָט געהאַלטן אירע אַגיטאַציע־רעדעס פאַר דער חברה. די באָבע פלעגט אַ שטילע זיצן אין אַ ווינקל און צושאָקלען מיטן קאָפּ.

רייזל האָט כסדר אַגיטירט — אַפילו פון בעט אַרויס, האָט זי אויפגעקלערט דער באָבען און מיין מאַמען די באַדייטונג פון קאַמף וואָס מען דאַרף פירן פאַרן גליקלעכן אחרית־הימים.

די באָבע ריווע פלעגט מיט איר זיך ניט אַריינלאָזן אין וויכוחים. מיין מאַמע, געדענק איך, פלעגט זיך יע מיט איר שפּאַרן. מיך האָט זי געלערנט לייענען און שרייבן אידיש און דעם ערשטן אונטערריכט אין רוסיש.

עס פלעגט געשען אַז זי און מיישקע זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אויף טעג און אַמאָל וואָכן. דעמאָלט האָט די באָבע זיך ניט געפונען קיין אָרט. זי פלעגט זיך דרייען איבערן שטוב אַן אומעטיקע און אויפגערייצטע און האָט מיך און די צוויי ברידערלעך, ניט געקענט פאַרטראָגן.

אַז מיישקע און רייזל האָבן אויסגעפעלט, איז קיינער ניט פון די בחורים און מיידלעך געקומען אין הויז. די באָבע פלעגט זיך אַרויסלאָזן אימיצן פון זיי אויפזוכן. זי האָט געוואָלט דערגיין צי זיי וויסן וואו מיישקע איז אַהינגעקומען.

צוריק איז זי שטענדיק געקומען אַ פאַרטרויערטע.

איינמאָל, מיישקע און רייזל זיינען ניט געווען. זיינען סאָלדאַטן און סטראַזשניקעס באַפאַלן דאָס הויז. זיי האָבן גענישטערט און געזוכט אין יעדן ווינקל. זיי האָבן פשוט דאָס הויז איבערגעקערט קאַפּויער. אַוועק זיינען זיי מיט ליידיקן.

רייזל פלעגט די ביכלעך און די ליטעראַטור אַריינלייגן אין „קאָטאך" (אַ

מין קעלער געמאַכט ביים אויוון). און עס צודעקן מיט בולבעס און האָלץ וואָס מען פלעגט דאָרט האַלטן.

נאָך דער „רעוויזיע", האָט זיך רייזל מערער ביי אונז ניט געוויזן. זי איז אינגאַנצן אַוועק פון קריניק. מיישקע איז צוריק געקומען. די הויז אָבער איז שוין ניט געווען די זעלבע.

# באָמבע שעדיקט מיישקען

סאַלדאַטן און קאָזאַקן האָבן דאָס שטעטל געהאַלטן אין טעראָר, אַ גרויסע צאָל פון דעם יונגוואַרג זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין תּפיסות, אַ סך האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון קריניק, די וואָס זיינען געבליבן האָבן זיך ניט אָפּגע־שטעלט פאַר געפאַרן און געענטפערט מיט אָנגריפן אויף דער מאַכט און אויף דער „בורזשואַזיע" (די יונגוואַרג פלעגן עס אַרויסרעדן מיט שנאה) עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָנפאַלן אויף איינציקע גבירים און אַכזריות'דיקע פּאָלי־ציאַנטן.

אין דער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ גרויסע צאָל „עקספּראָפּריאַ־ציעס". אין אַ דערבייאיק שטעטל סידרע, האָבן עטלעכע קרינקער בחורים געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דער פּאָטשט. עטלעכע באַאַמטע האָבן זיך פאַרקליבן אויפן בוידעם און פון דאָרטן אַרונטערגעשאָסן. אַ קרינקער בחור דוד, אַ מוליערס אַ זון, איז געטויט געוואָרן.

קרינקער בחורים האָבן אויסגעוואָנדערט אין אַנדערע שטעט, און צום שטעטל פלעגן דערגיין ידיעות פון זייערע העלדישקייטן.

אין קריניק האָט מען דעמאָלט געשאָסן דעם פאַבריקאַנט שמואל „אַמעריקאַנער". ער איז געווען אַ איד אַ גרויסער באַרימער און אָנשטעלער. ער פלעגט זיך איבערנעמען מיט דעם וואָס ער איז אַמאָל געווען אין אַמע־ריקע, און מען האָט אים געגעבן דעם צונאָמען — „אַמעריקאַנער".

געהאַט האָט ער אַ טבע זיך צו רייצן מיט דעם יונגוואַרג און זיי כסדר דערצאָרנען; ער האָט אויך גערייצט די פאַבריקאַנטן זיי זאָלן זיך אַנטקעגן שטעלן די רעוואָלוציאָנערן.

שמואל „אַמעריקאַנער" האָט געהאַט אַ באַזונדערע הנאה אַרויסקומען אין מאַרק וואו די יונגוואַרג האָט זיך געזאַמלט און באַווייזן אַז ער האָט אַ רעוואָל־ווער און האָט דערפאַר פאַר קיינעם ניט מורא.

מען האָט אים געוואָרנט ער זאָל אויפהערן די שטיק, ער פלעגט זיך אָבער אויסלאַכן, פאַרקערט, ער פלעגט נאָך פאַרשטאַרקן זיין רייצן זיך מיט די „יאַטן".

אחרון של פּסח ווען שמואל איז געגאַנגען פון דאַוונען מיט אַ גרופּע באַלעבאַטים וואָס האָבן אויך געוואוינט אויף גאַרבאַרסקער גאַס, האָט מען אים דערשאָסן. די אָנפאַלער האָבן זיך באַהאַלטן אונטער אַ בריקל איבער וועלכן שמואל האָט געדאַרפט איבערגיין.

פון דער פינצטערניש אַרויס האָט אַ קול געוואָרנט די מיטבאַגלייטער זיי זאָלן לויפן. שמואל האָט זיך אויסגעדרייט און אַ האָגל פון קוילן האָבן אים צעלעכערט ווי אַ רעשעטע.

אין יענער צייט האָט מען אויך אויסגעפּלאָנעוועט דעם אַטענטאַט אויפן אָדעסער גראַדנאַטשאַלניק, וואָס מיישקע און ניאָמקע יונה דעם סטאָליערס האָבן געדאַרפט דורכפירן.

נאָך מיישקע׳ס דראַמאַטישן זיך זעגענען מיט זיין מאַמען, נאָך די יאָמער־דיקע סצענעס אין דער באָבעס הויז, האָט אברהם יצחק דער ווילנער, וועלכער איז געווען דער פירער פון די קרינקער אַנאַרכיסטן גע׳פּועל׳ט צו באַפרייען מיישקע׳ן פון זיין שליחות.

דאָס איז אָבער נאָר געווען לפּנים וועגן. קיין אָדעס איז טאַקע מיישקע ניט געפאָרן. ער האָט געדאַרפט נאָר דורכפירן אַן אַנדער אַרבעט.

די קאָכיקע קרינקער יאָטן! ווי אַלט זיינען זיי דען דעמאָלט געווען? 14־15 יאָריקע, 18 יאָר איז שוין געווען אַן אַלטער בחור.

מיישקע איז אפשר דעמאָלט אַלט געווען 16־17 יאָר.

אידישע בחור׳עמלעך, מיט איבערגעגעבנקייט און גרייטקייט זיינען זיך געגאַנגען מקריב זיין פאַר דער אידייע פון אחרית־הימים וואָס די זיידעס און טאַטעס האָבן זיי בירושה איבערגעגעבן. באַפרייען און פאַרברידערן די וועלט זיינען זיי געגאַנגען און אין גאַנג האָבן זיי זיך געלאָזן אומברענגען פאַר דער אידייע און גלויבן.

עס זיינען ניט אַפּגעגאַנגען קיין צוויי וואָכן נאָך מיישקע׳ס קומען אַ היים, און ער איז ווידער פאַרשוואונדן.

די באָבע איז געגאַנגען צו אברהם יצחק דעם ווילנער פאַרשן וואו מיישקע איז אַהינגעקומען. אברהם יצחק האָט זיך אָבער פון איר אויסבאַ־האַלטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז מיישקע איז אין שטעטל האָראָדאָק, געשעדיקט געוואָרן פון אַ באָמבע.

געדאַרפט האָט מיישקע פון האָראָדאָק, ברענגען קיין קרינק אַ באָמבע וואָס מען האָט געזאָלט וואַרפן אויף אַן אסיפה פון פאַבריקאַנטן אין „גרויסן" בית מדרש.

מיישקע איז געווען אַ מאָדים אויף צוזאַמענשטעלן „קנויט־באָמבעס". געוויזן ווי אַזוי עס צו טאָן האָט אים יאַנקל „פּראָפעסאָר" (יעקב קרעפּליאַק ע״ה).

אויף אַ פעלד אין האָראָדאָק, האָט מען עס אויסגעפּרובירט די נייע באָמבע; מיישקע האָט אָנגעצונדן דעם קנויט און האָט ווייזט אויס ניט באַ־וויזן אַפּצולויפן. די באָמבע האָט אויפגעריסן דערנעבן און אים געשעדיקט

דאָס פּנים, די רעכטע האַנט פון וועלכער דער מיטלסטער פינגער איז אַרויס־געריסן געוואָרן.

חברה האָט מורא געהאַט אים צו ברענגען אין האַראַדאָק. מען האָט אים ווי עס איז פאַרבונדן די וואונדן און אויף אַ פויערשער פור אים געבראַכט אין דערבייאיקן שטעטל שישלעוויטש (סוויסלאָט, אין רוסיש) צום דאָקטער ביטנער. דער דאָקטער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט מיישקען ניט אַרויסגעבן. אַזוי גיך אָבער ווי די חברה איז אַוועק האָט ער געלאָזן וויסן פּאָליציי און זיי האָבן מיישקע׳ן אַוועקגענומען אין גראָדנער טורמע.

גלייך ווי די נייעס האָט דערגרייכט קריניק, איז ריווע אַוועק קיין גראָדנע, וואו זי האָט זיך פּאַקטיש אַריינגעצויגן צו די גענדלער׳ס־גרויסע מכניסי־אורחים, אברהם עליע גענדלער, באַזונדערס גענדלערס פרוי חיה (דעם שרייבער קאַרלינ׳ס שוויגער) וועמען די באָבע האָט ניט געקענט גענוג אָפּלויבן פאַר איר שיינקייט און גוטסקייט, האָט ריווע׳ן געמאַכט באַקוועם און געהאָלפן מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט.

רוסלאַנד איז אין יענער צייט געווען אונטער קריגס־צושטאַנד. פאַר משפּט׳ן רעוואָלוציאָנערן פון תחום־המושב איז געווען באַשטימט צוויי ראַיאָ־נען. אין וואַרשע איז געווען אַ פעלד־געריכט, און דאָרטן איז דער פּסק שטענ־דיק געווען טויט.

אין צווייטן ראַיאָן — ווילנע, איז שוין געווען אַ געריכט מיט גע־שוואוירענע, (אָקרוזשנאַי סוד) די וואָס מען האָט דאָרטן גע׳משפּט האָבן עס באַטראַכט ווי אַ גליק.

אין ציטערניש און פּאַניקע איז די באָבע אַריינגעפאַלן ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז מיישקע׳ן וועט מען משפּט׳ן אין וואַרשע, זי האָט געוואוסט אַז אויב זי וועט אָפּלאָזן די הענט, וועט מיישקע זיין אַ פאַרפאַלענער.
וואָס פאַר אַ כוח האָט עס געהאַט אָט די אַלטמאָדישע אידענע וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן פון איר פויליש־אידישער סביבה אין דעם טאָליקן־ליטווישן שטעטל?

זי האָט אַ וואָרט רוסיש ניט געקענט. איר קענטשאַפט פון פרעמדע שפּראַכן זיינען געווען עטלעכע פוילישע ווערטער וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון איר קינדהייט. זי האָט זיך אָבער אָנגענומען מיט כוח — האָט דערגרייכט דעם גראָדנער גובערנאַטאָר און גע׳פּועל׳ט דאָס גרויסע אַדוואָקאַטן זאָלן אָן אַ גראָשן פירן מיישקע׳ס פאַרטיידיקונג.

בטל מאַכן אַז מען זאָל מיישקע׳ן ניט משפּט׳ן אין וואַרשע האָט אויך געקענט דער גובערנאַטאָר. ווער האָט איר געקענט מיט אים צוזאַמענפירן? קיינער ניט, זי האָט עס אַליין געדאַרפט טאָן.

ריווע האָט גענומען אָפּליגן ביים גובערנאַטאָר׳ס וואוינונג. יעדן טאָג איז זי געקומען אין זיין קאַנצעלאַריע. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס מען האָט איר פאַריאָגט, זי איז צוריקגעקומען.

צום מזל האָט זי געפונען חן אין די אויגן פון אַ קאַנצעלאַריע־שרייבער. עס איז אים געפעלן די הויכע גלייכע אידענע איר האַלטן זיך מיט ווירדע; זי האָט ניט געטומלט; נישט געשריען, זי האָט נאָר געבעטן מען זאָל איר צולאָזן צום גובערנאַטאָר. און ער האָט גע׳פועל׳ט אַז דער גובערנאַטאָר זאָל איר אויסהערן.

אַריין איז ריווע צום גובערנאַטאָר אַ גלייכע, אַ שטאָלצע און זויבערע. זי האָט זיך פאַרנויגט, איז צוגעקומען נאָנט און אים אַ קוש געטאָן אין האַנט.

— „וואָס ווילסטו מאַמושקע?" מיט די עטלעכע פּוילישע ווערטער וואָס זי האָט געקענט, האָט זי איבערגעגעבן וועגן זון. זי האָט גע׳טענה׳ט אַז ער האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט די „בונטאָוושטשיקעס". ער איז געווען אין האַראַדאָק באַזוכן קרובים. אויף אַ שפּאַציר וואָס ער האָט גענומען, איז ער צופעליק געווען אויפן פעלד וואו די באָמבע האָט אויפגעריסן. זי בעט אים דערפאַר אַז ער זאָל זען דאָס מען זאָל איר זון נישט משפּט׳ן אין וואַרשע.

— „זאָרג נישט מאַמושקע, אַלץ וועט זיין רעכט", האָט דער גובערנאַטאָר איר געזאָגט.

— „מלאכים, פלעגט די באָבע זאָגן, זיינען מיר בייגעשטאַנען".

אַז מיישקעס משפּט איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין ווילנע, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן קיין פּעטערבורג קריגן אַדוואָקאַטן.

ווי אַזוי זי האָט דאָרטן געקענט זיין אָן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" (דאָס רעכט פאַר אידן צו זיין אין שטעט אויסערן תחום־המושב) קען איך ניט דערקלערן.

אין פּעטערבורג האָט זי זיך דערשלאָגן צו גרוזענבערג׳ן און צו אַ רוסישן אַדוואָקאַט וואָס איז דעמאָלט געווען באַרימט ווי אַ פאַרטיידיקער פון רעוואָלוציאָנערן.ביידע אַדוואָקאַטן האָבן מסכים געווען צו פירן די פאַרטיידיקונג אָן געצאָלט.

איידער מען האָט מיישקען איבערגעשיקט קיין ווילנע, האָט זיך ריווע דערוואוסט פון אים אַליין אַז ער וועט זיך ניט פאַרטיידיקן, נאָר פאַרקערט, וועט אויף אַלץ זיך מודה זיין.

צוזאַמענגערעדט מיט מיישקע׳ן האָט זיך די באָבע דורך אַ מיידל וואָס האָט געקענט די אַרעסטאַנטן פינגער־שפּראַך. האַרט ביי דער גראָדנער טורמע איז געווען אַ געביידע וואו מען האָט פון דאַך געקענט אַריינקוקן אין הויף פון תפיסה. קרובים פון אַרעסטירטע פלעגן קענען זען זייערע נאָענטע אין טורמע הויף ביים טעגלעכן שפּאַציר. די אַרעסטאַנטן האָבן פון דעם

געוואוסט און פלעגן דערפאַר אַרויפּבליקן צום דאַך. צוליב דער געלעגנהייט האָט די באָבע דורך דער הילף פון מיידל דערקונדיקט זיך אַז מיישקע וועט זיך ניט פאַרטיידיקן.

אין יענער צייט האָבן אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן גענוצט דעם גע־ריכט ווי אַ פּלאַטפאָרמע אויף פּראָקלאַמירן זייערע אידייען. מיישקע האָט דערפאַר, אַנשטאָט זיך פאַרטיידיקן, געפלאַנט דערקלערן אַז די באָמבע איז געווען צוגעגרייט „אומצוברענגען די קנעכט פון דער זעלבסטהערשונג".

ווען ריווע האָט געזען דאָס זי קען מיישקען ניט אָפּרעדן, האָט זי פאַר־טראַכט אַן אויסטערלישן פּלאַן.

ווען מען האָט מיישקע'ן איבערגעפירט קיין ווילנע, האָט זי טעלעגראַפיש אַרויסגערופן צו זיך איר זון ישראל.

יעדן אינדערפרי ווען מען האָט די אַרעסטירטע געפירט פון טורמע צום געריכט אַרומגערינגלט פון פּאָליציאַנטן מיט בלויזע שווערדן, זיינען די באָבע און ישראל נאָכגעגאַנגען אויפן טראָטואַר דעם גאַנצן מאַרשרוט.

גייענדיק האָט די באָבע, מיישקע זאָל הערן, גע'טענה'ט צו ישראל'ן אויף אַ קול, נאָר אַנשטאָט צו אָנרופן ישראל'ן מיט זיין נאָמען — האָט זי אים גערופן מיישקע.

— „מיישקע, זאָלסט ניט פאַרגעסן, זאָלסט גאָר ניט זאָגן, לייקן אַלץ אָפּ. אויב דו וועסט עס ניט טאָן, וועל איך זיך אַ מעשה אָנטאָן. פאַרגעס ניט, וועסט זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין אויב עפּעס וועט מיט מיר געשען!"

ביים משפּט האָט מיישקע אַלץ געלייקנט און די געשוואוירענע האָבן אים באַפרייט.

לאַנג איז אָבער מיישקע אויף דער פריי ניט געווען. אין זעקס וואָכן אַרום האָט דער פּראָקוראָר אויף דאָס ניי אויפגעעפנט דעם משפּט. אַ זשאַנדאַר פון גראָדנע איז געקומען און אים פאַרנומען. אויפן נייעם משפּט איז דער פּסק געווען 4 יאָר תּפיסה.

דער באָבע ריווע איז געווען ניט באַשערט צו האָבן רו. זי האָט ווידער גענומען אָפּליגן אין גראָדנע, און האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן קלאַפּן אין טירן, און זוכן מיטלען ווי אַזוי מען קען מיישקע'ן באַפרייען.

(סוף פון ערשטן טייל)



דער פעטער מיישקע

# צווייטער טייל

## דעם טאַטנס משפּחה



דער זיידע יאַנקל בונים, די באָבע סימע־פייגל און די מומע שרה

# דער זיידע יאַנקל בונים

דעם זיידן יאַנקל בונימ׳ס קינדער זיינען געווען שטורעמדיקע און היציקע. עס האָט זיי געפעלט ישוב הדעת. זייער גוטסקייט און הייס־האַרציקייט האָט זיך אַ סך מאָל פּשוט געגרענעצט מיט טיפּשות. זיי זיינען געווען נאַאיוו און האָבן אַלעמען געגלויבט. קהל אַרבעט האָבן זיי געטאָן מיט היץ און איבערגעגעבנקייט. פאַר אַן אידעאַל זיינען זיי געווען גרייט זיך מקריב זיין, און אַז זיי האָבן עפּעס געטאָן פאַר אַ מענטשן האָבן זיי שטענדיק געמיינט אַז עס איז ניט גענוג געטאָן.

יאַנקל בונים איז אויך ניט געווען קיין געלאַסענער מענטש, ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם ברויזיקן אימפּעט פון זיינע קינדער.

אין די יונגע יאָרן, קען זיין, איז ער געווען אַזוי קאָכיק ווי די זין, ער האָט אָבער מן הסתם צוליב זיין צייט, געמוזט צופּאַסן זיין אויפפירונג לויט יענעם שטייגער און שטימונג.

יאַנקל בונים האָט זיך געקענט אונטערגעבן אַ לאַגע. ער איז געווען אַ יורד און האָט די ענדערונג פון פריערדיקן פּערזענלעכן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב אויפגענומען פילאָזאָפיש. ער האָט געפּרובירט זיך איינלעבן מיט זיין לאַגע און רואיק אָננעמען זיין גורל.

יאַנקל בונים איז ניט געווען קיין צווייפלער. עצבות האָט ער געיאָגט פון זיך. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, ווייל ער האָט טיף ליב געהאַט דאָס ווייב, און ווי קראַנק און צעבראָכן ער איז געווען, האָט ער ניט צוגעלאָזן קיין שטימונגען פון צווייפל.

זיין באַשטימטע און קלאָרע לעבנס־פילאָזאָפיע, האָט יאַנקל בונים ניט געזוכט אַרויפצווינגען אַפילו אויף זיינע קינדער. ער האָט געלערנט און זיי איבערגעגעבן זיינע באַנעמונגען פון וועלט, מענטש און גאָט. ער איז אָבער נישט באַשטאַנען אַז מען מוז זיך פירן ווי ער.

מיט זיינע אויפפירונגען איז ער געווען אַנדערש פון זיידן חיים אשר. און פון די גאָר ווינציקע אין שטעטל וואָס האָבן געהאַט אַן אָביעקטיוון וועלט־באַנעם.

אין שטעטל זיינען אויך ניט געווען קיין סך מענטשן וואָס האָבן געהאַט ווי ער אַזאַ ברייטע און אַלזייטיקע בילדונג. ער איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם, און האָט זיך אינטערעסירט מיט דער וועלט־ליטעראַטור.

יאַנקל בונים האָט אַליין געמאַכט פּאַרזוכן צו שרייבן. זיינע געדאַנקען דורך שריפט זיינען געווען קלאָר, דירעקט און מיט ברייטן פאַרנעם.

ער פלעגט שרייבן נאָוועלן און די כתבים, וואָס ער האָט אָפּגעהיט מיט גרויס זאָרגפעלטיקייט, האָט ער געהאַלטן פאַרבונדן מיט אַ בלויען בענדל.

וואָלט ער געלעבט אין אַ גרויסע שטאָט, וואָלט אפשר פון אים עפּעס געוואָרן. זיין קראַנקהייט און די ליבע צום ווייב האָט אים געהאַלטן גע־שמידט צו קריניק, און אים ניט געלאָזן אַרויס צו דער ברייטער וועלט זיך ראַנגלען פאַר אַן אָרט אין אויפקום פון דער אידישער ליטעראַטור. וויפל איך דערמאָן זיך, האָט ער געשריבן אויפן זעלבן שטייגער ווי מענדעלע מוכר ספרים.

יאַנקל בונים איז געווען באַווירקט פון דער השכלה, און האָט זיך גע־רעכנט ווי אַ פאָרשטייער פון דעם באַנעם. אין קריניק אָבער, האָט ער ניט געקענט פאַרנעמליך אויסברייטערן די ווירקונג פון דער השכלה באַוועגונג און ער האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט קעמפן קעגן חסידיזם. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַלטן דאָס חסידיזם איז עבודה זרה; ער פלעגט טענה׳ן — דאָס עס פאַרפירט, טעמפּט אָפּ, און לאָזט אידן ניט אַרויס פון טעמפן ווינקל אין וועלכן דער גלות האָט זיי אַריינגעצוואונגען.

יאַנקל בונים האָט געקענט אויסגעצייכנט רוסיש. טראָץ זיין אָרימקייט פלעגט ער אויסשרייבן די רוסישע צייטונג „רעטש" און די העברייאישע „הצפירה". ער איז געווען צווישן די איינציקע אין שטעטל וואָס האָט געקענט גרינטלעך חבור און כפל׳ן. ער האָט ליב געהאַט צו פירן וויכוחים און געטאָן האָט ער עס היציק און אומגעדולדיק.

יאַנקל בונים האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט. זיין טבע איז געווען זיך אָפּקערן פון אַ מענטשן וועמענס טענות ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן. אין תוך אָבער, איז ער געווען טאָלעראַנט און האָט אַפילו זיין קאַמף קעגן חסידיזם געפירט מיט איינזעעניש. ער פלעגט שטאַרק מוסר׳ן די דערוואַקסענע וואָס זיי לאָזן ווייסע־חברה׳ניקעס באַפאַלן דעם סלאָ־נימער רבי׳ן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זינד.

צוליב יאַנקל בונים׳ס ליבע פאַר אויפקלערונג, האָט ער זיך ניט קעגנ־געשטעלט ווען די זין האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מרידה קעגן דער מלוכה. ער האָט פאַרשטאַנען אַז די צייט האָט זיך געענדערט און מען קען ניט אָפּשטעלן די נייע געדאַנקען וואָס האָבן גענומען זיך פאַרשפּרייטן צווישן דעם יונגוואַרג. ער אַליין איז דאָך געווען אַנדערש, און האָט געוואוסט ווי שווער עס איז דער קאַמף קעגן איינגעוואָרצלטע באַנעמונגען און באַגריפן.

יאַנקל בונים האָט ניט געוואָלט שטערן די זין זיך צו חבר׳ן מיט די „ברידער און שוועסטער". ער האָט אָבער פאַרלאַנגט אַז זיי זאָלן ניט טאָן אַזעלכע זאַכן וואָס וועלן אים אָנטאָן בזיונות.

דער זיידע פלעגט דערמוטיקן זיינע קינדער זיי זאָלן אַוועק פון רוסלאַנד. ער האָט געוואוסט אַז ער קען זיי ניט איינהאַלטן לעם זיך, און האָט אויך פאַרשטאַנען אַז דורך באַטייליקן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, שטעלן זיין אין סכנה ניט נאָר זייער פרייהייט, נאָר אויך זייערע לעבנס.

יאַנקל בונימ׳ס זין האָבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיך איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן. רווישיקע און הייסע בחורים זיינען זיי געווען, און ווען זיי האָבן זיך אויף עפּעס פאַרלייגט איז דאָס געווען מיט פייער און אימפּעט.

אין שטעטל זיינען געווען נאָר צוויי משפחות — יאַנקל בונימ׳ס און יונה דעם סטאָליערס וועמענס בחורים און מיידלעך זיינען כמעט אַלע געווען אין די ערשטע רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ניט נאָר אין קריניק, נאָר אויך אין גראָדנע און ביאַליסטאָק.

אומגליקן זיינען יאַנקל בונימ׳ן געהאַט באַפאַלן מיט ווילדער אכזריות. ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש. זיין קורצער אָטעם פלעגט אים בפועל ממש פאַרפייניקן. כדי עס זאָל אים אָנקומען גרינג דאָס אָטעמען, פלעגט ער באַנוצן אַ מין טרובקע פון טאָוול. אין דער טרובקע איז געלעגן וואַטע וועלכע איז געווען איינגענעצט אין קאַרבאָל. דאָס האָט געמוזט זיין בחינה אָקסידזשין. די דאָזיקע טרובקע האָט ער כסדר געהאַלטן צום מויל. אָן איר האָט ער פּשוט ניט געקענט אָטעמען.

קיינמאָל איז ער רואיק אַ נאַכט ניט אָפּגעשלאָפן. צענדליקער מאָל איז ער אויפגעשטאַנען: דאָס ניט קענען כאַפּן דעם אָטעם, האָט אים כסדר געוועקט.

די קראַנקהייט איז יאַנקל בונימ׳ען געקומען פון אַ צוקילעכץ פון וועל־כער ער איז אַרויס מיט אַ קורצן אָטעם. אַ גראָדנער דאָקטער האָט אים געהייסן נוצן די טרובקע און אויך געוויזן ווי איר צו מאַכן.

אַ צייט שפּעטער איז די באָבע סימע פייגל קראַנק געוואָרן. פון דער שלאָפקייט איז זי אויפגעשטאַנען אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש. אַ גלענד איז קאַליע געוואָרן, און זי איז באַגאָסן געוואָרן מיט פעטקייט וואָס האָט איר געשטערט זיך באַוועגן און אויך ווי געהעריק פאַרדייען שפּייז.

מען איז מיט איר געפאָרן צו די בעסטע דאָקטוירים אין אַלע שטעט אַרום קריניק. זי האָט גענומען מיטלען פאַר אָפּצערונג. קיין סך האָט זי זיך ניט אָפּגעצערט, אָבער דער אָנוואוקס פון פעטקייט איז פאַרהאַלטן געוואָרן.

דעם זיידן און באָבע׳ס לעבן איז געווען אַ שווערער און אָרימער. כסדר האָבן זיי געלעבט אין דחקות און נויט. און האָבן קיינמאָל זיך ניט געקענט דערלויבן צו וואוינען אין אַ באַקוועמער דירה, שטענדיק אין ענגשאַפט און אַ סך מאָל אין דירות וואָס האָבן ניט געהאַט קיין הילצערנעם דיל. די גרעסטע

דירה איז געווען פון צוויי חדרים. און איך געדענק עטלעכע דירות פון איין קליינעם און ענגען צימער.

דעם זיידנ׳ס פרנסה איז געווען — פארקויפן צעטלען פארן „גרויסן־געווינס״. אויף זיין מזל האבן די צעטלען ניט נאר ניט געוואונען קיין „גרויסן געווינס״, נאר בכלל ניט קיין געווינס. זיינע צעטלען זיינען ניט געווען קיין מזל׳דיקע.

מען האט געקויפט צעטלען פון יראת־הכבוד צו אים און אויך דערפאר וואס די יוגנט האט געהאט א זכות צוליב דעם וואס זיינע זין זיינען געווען רעוואלוציאנערן.

די זין, געהאט האט יאנקל בונים זעקס, זיינען מיט דער אויסנאם פון מיין פאטער און א עלטערן ברודער, געווען קען מען זאגן העלדן פון דער רע־וואלוציאנערער באוועגונג סיי א סך פריער ווי די 1905 רעוואלוציע, און סיי אין דער רעוואלוציע גופא. זיין אינגסטער זון מאיר איז צעריסן געווארן מיט א באמבע אין ביאליסטאק. געשען איז דאס ווען ער און נאך צוויי בחורים, איינער פון זיי אויך א קרינקער, זיינען געפארן פון זאבלודאווע, א שטעטל נעבן ביאליסטאק, צו ווארפן א באמבע אויף אן אויפזאמל פון די העכסטע באאמטע מיטן גראדנער גובערנאטאר בראש, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין שטעטל וואשליקאווע. אויפן וועג האט די באמבע אויפגעריסן און די דריי בחורים מיטן „קוטשער״ זיינען צעריסן געווארן אויף שטיק־שטיקלעך.

ווען חברה האבן פון יאנקל בונימ׳ען ניט געוואלט קויפן קיין צעטלען, ווייל זיי האבן קיינמאל ניט געוואונען, פלעגט ער זיך אננעמען אויספלעטן א חפץ — א גאלדענעם זייגער; א רינגל; א ווייבערשע בראשקע אדער אן אנדער סארט צירונג. דעם חפץ פלעגט ער האלטן אין א שיין קעסטל וואס איז געווען איינגאנצן אריינגענומען אדער אין בלויען אדער אין רויטן פלוש.

דאס שטיקל צירונג איז געווען זארגפעלטיק איינגעוויקלט אין דינעם פאפיר און דאס קעסטל גופא האט ער געהאלטן איינגעבונדן אין א קאלירט טיכל.

די קונדן זיינען מערסטנס געווען פאבריק מענטשן. וועלכע ער האט באזוכט אין די גארבארניעס. מיט פארזיכט פלעגט ער ארויסנעמען דעם חפץ, חברה האבן עס באוואונדערט; א צעטל אויף אזא ארטיקל איז געווען פאר די אויגן און האט געהאט שאנסן צו געווינען. אויסגעפלעט האט ער עס אדער אין בית המדרש, אדער ביי אן אנגעזעענעם בעל הבית אין הויז. א קינד פלעגט ציען דעם נומער. און אלע האבן געוואוסט ווער עס איז געווען דער בר־מזל.

# איך דערקען דעם זיידן יאַנקל בונים

פאַר דער צייט וואָס מיין פאָטער ע״ה האָט געדינט, קען איך זיך ניט דערמאָנען צי איך געדענק די געשטאַלט פון זיידן יאַנקל בונים.

עס איז מערקווירדיק; זיינע טעכטער; די עלטערע העניע און די אינגערע שרה, געדענק איך קלאָר און געגוי. איך געדענק אויך די מעשיות וואָס מען האָט דערציילט פון זיידנס עלטסטן זון אהרן וועלוול, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אין סיביר, און פון די אַנדערע זין משה בערל און חיים שלמה וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע צוליב רעוואָלוציאָנערע מעשים.

דעם זיידן יאַנקל בונים און דער באָבע׳ן סימע פייגל, האָב איך ערשט אָנגעהויבן געדענקען פון מיין פדיון הבן.

דעם פדיון הבן האָט מען געפּראַוועט ווען איך בין שוין געווען געגויע פיר יאָר אַלט. איך בין געווען יאַנקל בונים׳ס ערשטער אייניקל (מיין פאָטער איז געווען דער דריטער זון, נאָר דער ערשטער חתונה צו האָבן) און ער האָט גע׳פועל׳ט פון דער באָבע ריווע אַז די שמחה זאָל זיין ווען מיין טאַטע וועט קומען פון דינסט.

אויפגעקומען איז פאַר מיר יאַנקל בונים׳ס געשטאַלט טאַקע אויפן פדיון הבן. איך געדענק עס ווייל ער האָט מיך כסדר געקושט. מיר איז געווען געפעלן וואָס אַ איד מיט אַ באָרד צערטלט און איז צוגעלאָזן צו מיר. דער זיידע חיים אשר וועמען איך האָב גערופן טאַטע, האָט מיר קיינמאָל ניט גע־וויזן אַזאַ נאָענטקייט און האָט מיך ניט געצערטלט.

בכלל איז געווען אַ גרויסער חילוק צווישןביידע זיידעס; יאַנקל בונים דער ניכטערער מתנגד, איז געווען אַ היציקער, פאַרקערט, חיים אַשר דער פאַרברענטער סלאָנימער חסיד, דער איד וואָס האָט געלעבט אין זיין באַ־זונדער חסידישן באַנעם און האָט געשאַפן פייערדיקע ניגונים פאַרן רבי׳ן און די חסידים, איז געווען אַ געלאַסענער און רואיקער מענטש.

די זיידעס פלעגן אַ סך מאָל זיך שפּאַרן און האָבן וויכוחים. יאַנקל בונים פלעגט זיך היצן און מיט אימפּעט וועלן באַווייזן די „אומאידישקייט" פון חסידיזם, ער פלעגט זיך פאַררופן אויפן ווילנער גאון און זיין קאַמף וואָס ער האָט געפירט קעגן חסידים.

חיים אשר האָט אים אויסגעהערט געלאַסן, ער פלעגט יאַנקל בונים׳ען ניט איבערשלאָגן, נאָר ענטפערן שטיל און רואיק. אַז ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן פלעגט ער שמייכלען נאאיוו און פאַרלאָרן.

אַ סך פון די שפּאַרענישן זיינען אָנגעגאַנגען צוליב מיר. יאַנקל בונים האָט ניט געקענט פאַרליידן וואָס חיים אשר נעמט מיך אין סלאָנימער שטיבל, ער איז באַשטאַנען דאָס מ׳זאָל מיך צורו לאָזן און האָט טאַקע סוף כל סוף אויסגעפירט.

איך קען ניט זאָגן אַז איך האָב דעם זיידן יאַנקל בונים שטאַרק ליב געהאַט. איך גלויב אַז עס שטאַמט פון דעם וואָס ער האָט געהאַט איבערגע־נומען די השגחה אויף מיר ווען מיין טאַטע איז אַוועק קיין אַמעריקע. ער האָט מיט מיר געוואָלט זיין צו שטרענג; איך בין געווען ווילדע, צעלאָזן און אַ ווייסער חברה׳ניק. ניט נאָר אַ שטיפער, נאָר פשוט אַ צעשטערער. איך פלעג ברעכן שויבן: זיך שלאָגן מיט די אינגלעך; גנב׳ענען געלט ביי מיין מאַמען און אים גופא האָט איך אָנגעטאָן גרויסע צרות.

ביי אים אין פיר־הויז איז געווען אַ שאַפּקע וואָס איז געהאַנגען צוגעצ־פעסטיקט צום וואַנט. אין דער שאַפּקע, וואָס האָט געדינט ווי אַ מין „אייז־באָקס״ זיינען זומער געלעגן פאַרשיידענע פּרוכטן און ווינטער פלעגט די באָבע דאָרטן האַלטן רינדערנע שמאַלץ און קערשלעך וואָס מ׳האָט אויסגע־פּרעגלט דורך די זומער חדשים. איך פלעג אויפרייסן די זאַוויעסעס פון דער שאַפּקע און אַרויסשלעפּן פּרוכט, אויפעסן די יאַגדעס; מיט די פינגער פלעג איך אַרויסרייסן די גריוון פון רינדערנעם פעטס און זיך אָנפּויען מיטן „סאָק״ (זאַפט) פון די קערשלעך. צוליב מיר האָט מען קיינמאָל ניט געקענט האַלטן קיין שום פּרוכט אָדער נאַשעריי אין שאַפּקעלע. די באָבע איז געווען אַ גוטע, זי פלעגט זיך ניט ווערן בייזערן אויף מיר. פון איר מויל איז קיינמאָל ניט געקומען קיין קללה. איר ערגסטע קללה איז געווען; „בישט געשעדיקט זאָלסטו ווערן״.

דער זיידע האָט אָבער ניט געקענט צוזען מיינע ווילדקייטן און די היזקות וואָס איך האָב אָנגעטאָן. ער האָט מיך עטלעכע מאָל אָנגעפּאַטשט און אַ סך מאָל האָט ער זיך אויף מיר פאַרמאַסטן מיט זיין שטעקן.

בכלל זיינען יאַנקל בונים׳ס אויפרעגונגען, געווען פיינלעכע און פלעגן אויף מיר מאַכן אַ מאָדנעם איינדרוק. אַנשטאָט מיטלייד האָבן זיי אויפגעוועקט אַ גרויסע הנאה צו זען אים אַן אויפגעקאָכטן.

אַפילו ווען ער איז געווען רואיק און געמיטלעך האָט ער אָן דער טרובקע ניט געקענט אויסקומען. ווען ער האָט זיך אויפגערעגט פלעגט אים אָטעם אינגאַנצן אויספעלן, ער פלעגט זיך נעמען שטיקן און אַנשטאָט רייד איז אַרויסגעקומען אַ בּאַרכל און אַ געראַנגל פאַר אַ ביסל לופט. ער פלעגט ווערן בלוי, זיין פּנים האָט זיך אָנגעשוואָלן, די אויגן האָבן זיך געריסן פון זייער אָרט אַרויס און אַ שוויס פלעגט אים באַשלאָגן.

ווען דאָס איז געשען, פלעג איך זיך אָפּרוקן אין אַ ווינקל און צוקוקן ווי ער ראַנגלט זיך. די באָבע שווער אויפן גאַנג פלעגט אַ צום טויט דער־

שראָקענע לויפן אים ברענגען אַביסל וואַסער. ער פלעגט זיך שווער אַרונטער־לאָזן אויף אַ בענקל. די אויגן זיינען געווען צוגעשלאָסן. די באָבע פלעגט אים דאָס וואַסער אַריינגיסן אין מויל, אים אַרומווישן דאָס שווייס. זי האָט אים צוגעבראַכט די טרובקע און עס געהאַלטן ביים מויל. ווען ער איז געקומען צו זיך, פלעגט ער אַריינעמען אַ שטיקל צוקער אין מויל און קוקן שטאַר אין חלל אַריין. אַז די פיינלעכע סצענע האָט זיך געענדיקט פלעג איך אַנטלויפן און אים פאַר אַ שטיקל צייט אויסמיידן. יאַנקל בונים פלעגט נאָך דעם מיך ניט וועלן אָנקוקן. נאָר גרויסע ווילדקייטן מיינע, פלעגט אים אויף דאָס ניי ברענגען צו אונז אין הויז. אַ סך מאָל איז די מאַמע געקומען אים בעטן הילף, זי האָט זיך פשוט מיט מיר ניט געקענט געבן קיין עצה.

צוליב מיינע אויפפירונגען און דערפאַר וואָס מיין טאַטע איז זעלטן געווען אין דער היים האָט יעדער מאַנספערשוין פון דער משפחה זיך פאַרנומען מיך מדריך זיין און אויף מיר אַכטונג געבן. די איינציקע אָבער וואָס האָבן געהאַלטן אַז נאָר זיי דאַרפן עס טאָן — זיינען געווען דער זיידע יאַנקל בונים, די באָבע ריווע און מיין מאַמעס עלטסטער ברודער פרץ. די הויפּט־ראָלע אָבער האָט געוואָלט שפּילן יאַנקל בונים. ער פלעגט באַשטיין מיך צו פאַרהערן און איז אַ סך מאָל אַליין געקומען אין די חדרים וואו איך האָב געלערנט זיך דערקונדיקן וועגן מיינע אויפפירונגען און ווי איך האַלט מיטן לערנען. קיין גרויסע שבחים וועגן מיר האָבן די מלמדים ניט געקענט אָפּגעבן, און ווען איך פלעג אים דערזען קומען צום חדר בין איך עוקר געוואָרן.

איך פלעג אים אויך מצער זיין דערפאַר וואָס איך האָב זיך אָנגעזעצט אויף זיין מוזינקע שרה.

אַלע קינדער זיינען צעפלויגן. דאָס איינציק קינד וואָס איז געבליבן מיט אים איז געווען שרה. זי איז געווען אַן ערך אַ דריי יאָר עלטער פאַר מיר. איך פלעג איר אָבער דערגיין די יאָרן. איך האָב איר געשלאָגן און גע׳הרג׳עט. זי איז ביי אים און דער באָבען געווען וואָס מ׳זאָגט: „דאָס אויג פון קאָפּ“. זיי האָבן איר פאַרצערטלט און די איבערגעגעבנקייט צו איר איז געווען אַ טיפע און גרענעצלאָזע. קיין ווילדקייט מיינע האָט דעם זיידן אַזוי ניט אויפ־געגעגט ווי מיין טשעפּען זיך צו שרה׳ן. ער פלעגט פשוט אַריינפאַלן אין פאַניקע.

שרה האָט מיך גראַדע ליב געהאַט, נאָר ווי יעדער קינד, באַזונדערס זי, וואָס איז געווען פאַרצערטלט, פלעגט זוכן שוץ פון איר פאָטער קעגן מיר. דעמאָלט האָט דער זיידע פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט און האָט זיך אַרויסגעלאָזן מיך אויפצוזוכן. איך פלעג זיך ריכטן אויף דעם, און פלעג אַנטלויפן צום פעטער דאַדיע דעם בעקער. פון מיינע שטיק האָט ער אָנגע־קוואָלן און זיין היים איז געווען פאַר מיר שטענדיק אַ מין מקום מקלט.

מיין ניט ווארימקייט צום זיידן יאנקל בונים האט געמוזט שטאמען פון דעם וואס ער איז פאר מיר געווען א פרעמדער, א צוגעקומענער. דער זיידע חיים אשר איז מיר געווען נענטער; איך האב געלעבט און געהאדעוועט זיך אין זיין היים. איך פלעג צוזען זיין מערכה. זיין הילפלאזיקייט און טראגישקייט האט אין מיר ארויסגערופן נאנטקייט און רחמנות. אחוץ דעם האט ער מיר קיינמאל ניט געשלאגן און ניט געזוכט מיך צו באהערשן אדער עפעס ארויפ־צווינגען אויף מיר. פארקערט, ער פלעגט רעדן צו מיר ניט ווי צו א קינד, נאר ווי צו א דערוואקסענעם. ער האט מיר מוחל געווען מיינע ווילדקייטן. דערפאר פלעג איך זען אויסמיידן אים מצער צו זיין. אפילו ווען מ׳האט מיך געכאפט רויכערן א פאפיראס פרייטאג צו נאכט, האט ער מיר גארניט געזאגט. ער האט נאר א קרעכץ געטאן און איז באלד אנטשוויגן געווארן מיט זיין שרייענדער שוויגעניש.

יאנקל בונים האט דעמאלט וועלטן איינגעלייגט. ער האט דאס אנגערעדט מיין טאטן מען זאל מיך עטלעכע וואכן פון הויז ניט ארויסלאזן, און איז געווען צופרידן וואס די מאמע האט מיך געהאלטן א גאבונדענעם עטלעכע טעג.

די צייטן ווען איך האב זיך געהאלטן, ווי מ׳האט ביי אונז געזאגט אין דער „מעלה״, איז דער זיידע יאנקל בונים געווען גוט צו מיר. ער האט ליב געהאט צו לערנען מיט מיר און האט געהאט גרויס הנאה אויב איך האב זיך צוגעהערט אויפמערקזאם און האב זיך אויסגעצייכנט.

יאנקל בונים האט קיין סך ניט געהאלטן פון מלמדים. אים אליין האבן אין דער יוגנט פריוואטע לערער אונטערריכט אין אלע לימודים איינגעשלאסן לשון קודש און רוסיש. מיט די לימודים פון זיינע קינדער האט ער זיך אליין פארנומען. ערשט שפעטער האט ער זיי געשיקט צו מלמדים וואו עס האבן געלערנט דערוואקסענע בחורים.

איין זון זיינעם, משה בערל, האט ער אינגאנצן נישט געשיקט אין א חדר. ער האט אליין מיט אים געלערנט. דער זון איז געווען א מתמיד און האט געקענט סווארבע אויף אויסנווייניק.

ווען איך איך בין געווען רואיק פלעגט יאנקל בונים וועלן איך זאל צו אים קומען שלאפן. ער פלעגט דעמאלט לערנען מיט מיר. און מיר דערציילן וואונדערלעכע מעשיות, וואס ער פלעגט נאכדעם אנשרייבן.

געשריבן האט יאנקל בונים באנאכט. ער האט ליב געהאט ביים שרייבן זיצן נאענט פון א פענצטער א סך מאל פלעגט ער ארויסקוקן א פארטראכטער צום דרויסן. געשריבן האט ער קליינינקע דראבנע אותיות אויף לאנגע בויגנס פאפיר.

ער פלעגט זיצן איבערגעבויגן און פירן מיטן פעדער. זיין האנט האט זיך באוועגט לאנגזאם די פיס אבער האבן זיך באוועגט אומרואיק און שנעל. ער פלעגט זיי טרייסלען פון די קני אראפ. אז ער האט אנגעשריבן א שורה,

צי אפשר אַ פּאַראַגראַף, האָט ער עס פּאַר זיך אַליין געלייענט. געשריבן האָט ער נאָר מיט גענזענע פעדערן, און מיך האָט ער אויסגעלערנט ווי אַזוי זיי צו שניצן.

פאַרן אויספלעטן אַ חפץ פלעג איך ליב האָבן דעם זיידן העלפן סאָרטירן די צעטעלעך מיט די נומערן, אָדער די נעמען פון די וואָס האָבן געקויפט ביי אים צעטלען. ער האָט די אַלע נעמען און די נומערן געהאַלטן איינגע־שריבן אין אַ גרויסן בוך און פלעגט עס אַרויסשרייבן אויף שטיקלעך אָנגע־שניטן פּאַפּיר. דאָס פּאַפּיר פלעג איך און זיין טאָכטער שרה צושניידן. ער איז באַשטאַנען זיי זאָלן זיין פון איין מאָס און איין שניט. דאָס האָט ער געטאָן כדי מ'זאָל ניט פאַרדעכטיקן אַז ער טוט ניט קיין כשר'ע זאַך חס וחלילה.

די צוגרייטונגען ערב ציען די נומערן פאַרן פלעט האָט אים אָנגעפילט מיט אַקטיווקייט און גערויש. ער פלעגט זיך גרייטן צו דעם ווי עס וואָלט געווען אַ מין ערב יום טוב.

ביים אויספלעטן פלעגט יאַנקל בונים זיצן אויבנאָן. די יאַרמולקע אַביסל אַרויפגערוקט צום נאַקן. אין אַזעלכע צייטן איז דוכט זיך זיין שווערער אָטעם גרינגער געוואָרן, און ער האָט זיך באַנוצט ווינציקער מיט דער טרובקע.

אַז דעם געווינערס נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן, פלעגט ער אויפלויכטן. ער פלעגט אַ גלעט טאָן דאָס שיטער בלאָנד בערדל. זיך אויפשטעלן און אויסציען זיך אין זיין הויך. און געווען איז ער אַ הויכער און גראַדער. די גרויסע אויגן און דער גרויסער שטערן פלעגן אויפשיינען. געלאַסן און פאַר־זיכטיק האָט ער אַרויסגענומען פון קעסטל דעם חפץ, אים אַרויסגעוויקלט פון דינעם פּאַפּיר אַרויס, און מיט פרייד עס איבערגעגעבן דעם געווינער.

עטלעכע טעג נאָכן פלעטן, איז יאַנקל בונים אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־טראַכטער און טרויעריקער, ער פלעגט לערנען פון ספרים אַרויס מיט אַ מין טרויעריקן ניגון. אַ סך מאָל פלעגט ער בלייבן זיצן אַ שווערער און פאַרטראַכטער. דאָס האָט ער געבענקט נאָכן רעש און אויך נאָכן באַריר מיטן חפץ וואָס איז אים פאַר די עטלעכע וואָכן פון קלייבן פלעטן געוואָרן נאָענט און אייגן. באַזונדערס אַ זייגער האָט ביי אים אָנגענומען אַ פאָרמע פון אַ לעבעדיקן וועזן, און ער פלעגט פאַרגיין אין בענקעניש נאָכן שטילן גערודער פון דעם זייגערס גאַנג און באַוועגונג און דאָס רוקן זיך פון די ווייזערס וואָס ער האָט באַטראַכט און זיי טאַקע אָנגערופן הענט, פונקט ווי מענטשלעכע הענט.

# יאַנקל בונימ׳ס אָפּשטאַם

דער זיידע יאַנקל בונים, איז ניט געווען קיין קרינקער. אַריינגערייזט האָט ער און זיין פאַמיליע אין שטעטל צוליב אַ טראַגישע געשעעניש. ער, דאָס ווייב און די קינדער זיינען געלאָפן ראַטעווען די נפשות. דורך נסים זיינען זיי ניצול געוואָרן פון די גוים אין דאָרף אין וועלכן זיי האָבן געוואוינט און איבערלאָזנדיק אַפילו דאָס ביסל ניט צעראַבירטע האָב און גוטס זיינען זיי געקומען זיך באַזעצן אין קרינק.

געבוירן איז דער זיידע אויף דער אימעניע מעסקעניק וואָס איז געלעגן צווישן גראָדנע און קוזניצע. דאָרטן זיינען אויך געבוירן געוואָרן זיינע ערשטע דריי זין.

דעם זיידנס עלטערן האָבן די אימעניע, אָדער דער „הויף" ווי זיי האָבן אָנגערופן זייער נחלה, געקראָגן אַ ירושה פון יאַנקל בונימ׳ס זיידע יודל.

דער עלטער־עלטער זיידע יודל איז געווען פון די רייכסטע פּאָסע־סאָרס אין גאַנצן גראָדנער קרייז. ער האָט געהאַט וועלדער, אימעניעס און נחלות אין ביעלסק און אַרום ביעלסק. לעם ביאַליסטאָק, נעבן גראָדנע און אין און אַרום קרינק.

אין זיין צוואה האָט יודל צעטיילט זיין פאַרמעגן צווישן דריי זין. דער עלטסטער האָט געקראָגן די נחלאות אַרום ביעלסק און סעמיאַטיטש. די אָפּ־שטאַמלער פון יודל׳ס עלטסטן זון זיינען עס געווען די קאַדישעוויטשעס. אַ צווייטער זון — יאָסל דעם ישוב׳ניק, ווי ער איז געווען באַוואוסט אין קרינק, האָט ער צוגעטיילט די נחלות אין און אַרום קרינק. אַ באַרימטער שטעטלשער וואַלד, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי „יענטע׳ס וואַלד" איז געווען יאָסל דעם ישוב׳ניקס אייגנטום און יענטע האָט עס ביי אים אָפּגעקויפט.

קרינק איז אַמאָל געווען אַ באַרימטע דאַטשע שטעטל און אין דעם וואַלד זיינען עס געשטאַנען די וואוינונגען און די ביידלעך פון די דאַטשניקעס. שפּעטער האָט דאָס שטעטל דרוזגעניק, נעבן גראָדנע אַרויסגעקאָנקורירט קרינק, און יאָסל ישובניק האָט עס דעמאָלט פאַרקויפט דעם וואַלד.

יאָסל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט געבן געלט אויף פּראָצענט צו רייכע פּריצים. אויסלייען פלעגט ער ניט הונדערטער, נאָר טויזנטער. ער האָט אויך געהאַט אַ שענק וואו עס האָבן פאַרקערט די רייכסטע, און דער האָטעל אין שטעטל איז געווען זיינער; דאָרטן פלעגט פאַרפאָרן די העכסטע

נאַטשאַלסטווע. שפּעטער איז דער האָטעל איבערגעגאַנגען צו זײַנעם אַ זון איטשע „ליאַ״.

איטשע „ליאַ״ האָט אַחוץ מאַכן געשעפטן פֿון האָטעל אויך געהאַנדלט מיט תבֿואה זײַן צונאָמען — „ליאַ״ האָט געשטאַמט פֿון דעם וואָס „יע״ אויף גוי׳איש איז „אליע״, ער האָט אָבער שאַרף ניט אַרויסגערעדט „אליע״ און עס פֿלעגט זיך באַקומען „ליאַ״.

יאָסל דער ישובֿ׳ניק האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער מערי. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרלער בחור, איר מאַן חייקל אַלאַנד, איז אויך געווען אַ רײַכער איד און האָט געהאַט אַ שענק וואו עס האָבן ווי בײַ זײַן שווער, פֿאַרקערט די רײַכע און די אַריסטאָקראַטן. די שטעטלשע האָבן חייקלען געגעבן דעם צונאָמען — „חזיר״. ער איז געווען אַ האַרטער און בייזער איד און פֿלעגט ניט גערן געבן אַ נדבֿה. ניט נאָר איז ניט געווען אימעצער וואָס זאָל האָבן אַ זכות אויף אים, נאָר מ׳האָט אים שטאַרק פֿײַנט געהאַט.

געהאַט האָט חייקל אפֿשר אַ טוצן קינדער; די זין און די טעכטער זײַנען אַלע געווען הויכע, צעוואַקסענע און פּונקט אַזעלכע האַרטע ווי זייער פֿאָטער. קיין גרויסע חכמים זײַנען זיי ניט געווען.

דעם דריטן זון, מײַן עלטער־זיידן מאיר יונה, האָט זײַן פֿאָטער יודל צוגעטיילט די אימעניע נעבן גראָדנע.

אויף דער נחלה איז געווען אַ גוראַלניע, און מאיר יונה האָט צוגעשטעלט בראָנפֿן צום גאַנצן אַרומיקן געגנט.

געווען איז מאיר יונה אַ איד מיט אַ שאַרפֿן קאָפּ און האָט זיך אויך גוט אויסגעטויגט צו געשעפֿט. ער איז שוין געווען אַביסל מאָדערנע און האָט געהאַלטן פֿון געבן זײַנע קינדער וועלטלעכע בילדונג. ער האָט געזאָרגט אַז די קינדער זאָלן קענען רוסיש רעדן, לייענען און שרײַבן. ער האָט פֿאַר זיי געהאַלטן פּריוואַטע לערער און האָט שפּעטער זײַן זון יאַנקל בונים, און דער טאָכטער חיה שרה, געשיקט אין גראָדנע לערנען אין אַ פּריוואַטער רוסישער שולע.

מאיר יונה׳ס טאָכטער חיה שרה איז פֿאַר יענער צײַט געווען פֿאַררעכנט פֿאַר די געבילדעטסטע אידישע פֿרוי אין גאַנצן געגנט. אַ שידוך מיט איר האָט ער געטאָן מיט דער באַרימטער אַנגעזעענער, באַלעבאַטישער גראָדנער משפּחה פֿון אברהם פּרילאַמער. דער אײדים זונדל פּרילאַמער האָט געהאַט אַ בשמים־קראָם נאָר ער אַליין איז געזעסן ימים ולילה און געלערנט.

חיה שרה אָבער האָט ניט ליב געהאַט איר מאַן. זי איז געווען אַ גרויס פֿאַרשוין און האָט אויך געהאַלטן אַז זי האָט מערער בילדונג פֿון מאַן. עס איז בײַ זיי שטענדיק געווען מחלוקות און בייזקייטן. זי האָט געוואָלט זיך שיידן מיט אים, קיין גט האָט ער ניט געוואָלט געבן. אָנקומען צו אים האָט זי

ניט געדאַרפט, איר פאָטער, מאיר יונה האָט איר פאַרזאָרגט. פלעגט זי לעבן איינגאַנצן אָפּגעשיידט פון מאַן זונדל.

געהאַט האָבן זיי איין זון ברוך הערש. צוליב דער השפעה אויפן זון זיינען צווישן זונדלען און חיה שרה׳ן די מחלוקת׳ן פאַרשאַרפט געוואָרן. זי האָט אַלץ געטאָן אָפּצופרעמדן דעם זון ברוך הערש פון פאָטער און זיין משפחה. חיה שרה האָט אויפן זון געהאַט אַן אומגעהייערן איינפלוס און צוליב דעם איז ער געווען אַביסל אַן איבערגעפירטער. ביי איר איז דאָס געווען ניט אַזוי די ליבע צום זון ווי די אַמביציע אים צו קאָנטראָלירן.

אַז עס איז געקומען די צייט ווען ברוך הערש, האָט געדאַרפט זיך שטעלן צום „פריזיוו״, האָט זי אים אַוועקגעשיקט זיך אויסצובאַהאַלטן אין קריניק. אין שטעטל האָט ער געוואוינט אין איטשע ליא׳ס הויז. ער האָט גאָר ניט געטאָן, נאָר אַרום געגאַנגען פוסט און פאַס.

ברוך הערש איז געווען אַ הויכער, שיינער בחור. און עס האָט זיך אין אים דעמאָלט פאַרליבט מיט לייב און לעבן שיינקע טאַבאַטשניק, ראַשקע נחום אַנשל׳ס אַ שוועסטער. די שיינקע האָט שפּעטער חתונה געהאַט פאַרן פאַבריקאַנט ישראל הערצקע און האָט עס געהאַט דעם ניט געראָטענעם זון, וואָס איך האָב דערמאָנט אין ערשטן טייל פון די מעשיות.

ברוך הערש, האָט ווייזט אויס ניט געהאַט קיין ערנסטע באַציאונג צום מיידל. ווי אַ פוסט און פאַסניק האָט ער זיך ניט געוואָלט איינשפּאַנען אין עול פון אַ ווייב און פרנסה. און האָט ווייזט אויס נאָר געוואָלט מיט איר אַזוי גלאַט פאַרברענגען. ווען ער האָט דערזען אַז דאָס מיידל הויבט אָן ווערן גאָר ערנסט, האָט ער זיך גענומען פון איר אָפּפרעמדן, זי איז שוין אָבער געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין אים, אין פאַרצווייפלונג האָט זי באַשלאָסן אים קריגן — אויב ניט מיט גוטן, איז מיט גוואַלד.

אין אַ מחלוקה האָט זי געדראָעט דאָס זי וועט אים מסר׳ן אַז ער באַהאַלט זיך אויס פון מיליטער.

דער בחור דערזעענדיק דאָס די מעשה הויבט אָן ווערן געפערלעך, האָט עוקר געווען קיין אַמעריקע. זיין מאַמע איז אים באַלד נאָכגעפאָרן. זי האָט פאַרענדיקט אירע יאָרן אין ניו־יאָרק. איר אָנגעהעריקייט מיטן מאַן איז איינגאַנצן געוואָרן אָפּגעשניטן זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט גע׳גט, אָבער זיי האָבן אויך ניט מערער געלאָזן זיך דערקענען איינער צום צווייטן ביזן סוף פון זייערע טעג.

פאַרן זיידן יאַנקל בונים האָט זיין טאַטע געטאָן אַ שידוך מיט אַ מיידל פון דער באַרימטער ביאַליסטאָקער משפחה באַרישעס.

די באָבע סימע פייגל, האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. זי איז געווען אַן אייניקל פון באַרימטן ביאַליסטאָקער רב ר׳ משה־זאב מרגליות, אָדער ווי ער איז געווען באַקאַנט אַלס ר׳ וועלוועלע דער „מראות הצבאות״.

די באָבע סימע פייגל איז געווען אַ שטילע און זייער אָפּגעפּיינטע פרוי. ניט נאָר האָט זי גערעדט שטיל, נאָר אויך מיט טאַקט. זי איז געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי דער זיידע יאַנקל בונים. ער איז געווען אַ קאָכיקער און היציקער איד.

אין וואוקס זיינען זיי אויך געווען אַ קאָנטראַסט. ער אַ הויכער און גלייכער, און זי אַ קליינינקע.

ווען איך בין געווען אַ קינד פלעגט מיין פעטער דער לץ — דאָדיע דער בעקער, זיך מיט מיר רייצן. ער פלעגט מיט שפּאָס אָנווייזן אַז מיינע זיידעס און באָבעס האָבן זיך געביטן; איין זיידע איז אַ קליינער און די באָבע איז אַ גרויסע, פאַרקערט, איז דער זיידע אַ הויכער און די באָבע אַ קליינינקע.

דער זיידע יאַנקל בונים און די באָבע סימע פייגל האָבן זיך געפירט אינגאַנצן אַנדערש ווי מיין מוטערס עלטערן. ביזן סוף פון זיינע טעג איז יאַנקל בונים געווען פאַרליבט אין זיין ווייב ווי אַ יונגער אינגל. און גערופן האָט ער איר פאַרצערטלט; „סימענקע״.

סימע פייגל פלעגט רעדן ווייניק און האָט זיך בכלל געהאַלטן רואיק. קיין קללה איז קיינמאָל ניט אַרויס פון אירע לעפצן. זי איז אָבער ניט געווען פריי פון גלויבן אין פאַרשיידענע איינרעדענישן, ווי „אָפּשפּרעכן אַן עין הרע״. זי פלעגט עס טאַקע אַליין טאָן.

אַז אַ קינד האָט געגענעצט, האָט עס געהייסן אַז אימיצער האָט געגעבן אַן „עין הרע״. זי פלעגט דעמאָלט דאָס קינד נעמען ביים קעפּל, אַריינקוקן עס אין די אויגן און שטילערהייט זאָגן אַ שפּרוך. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שפּרוך, פלעגט זי באַוועגן מיטן קאָפּ הין און צוריק, אויסשפּייען עטלעכע מאָל און זאָגן: „אויף פוסטע פעלדער און ווילדע וועלדער״. דאָס האָט געדאַרפט פאַרטרייבן „דאָס שלעכטע אויג״.

זי פלעגט אויך „ציגגלעווען״. דאָס איז געווען גאָר אַ מאָדנער אויסטער־לישער אַקט. אַז אַ באַק איז פאַרשוואָלן געוואָרן, אָדער פון אַ „צוק״ צי פון אַ צאָן־ווייטיק פלעגט זי אָנפילן אַ פולע טיי־גלאָז מיט אַש; איינוויקלען דאָס גלאָז אין אַ טוך און עס באַוועגן איבערן באַק. אָט די פּראָצעדור, באַגלייט מיט אַ „שפּרוך״ פלעגט געדויערן אפשר צען מינוטן. דער באַווייז איז געווען; אויב דאָס אַש איז אָפּגעפאַלן איז אַ סימן דאָס די געשווילעכץ וועט פאַרגיין, אויב ניט, וועט מען מוזן שפּעטער פּרובירן נאָך אַמאָל.

סימע פייגל פלעגט אויך דורך אַ „שפּרוך״ פאַרשטילן אַ צאָן־ווייטיק. דעם קליינעם פינגער האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן קראַנקן צאָן און דורך שעפּטשען ווערטער האָט זי „געטויט דעם ווייטיק״.

יאַנקל בונים׳ען זיינען ניט געווען געפעלן אָט די אָבערגלויבנס. ווען זיין ווייב האָט געפּראַוועט די אַלע אָפּשפּרעכערייען, פלעגט ער אָפּדרייען דעם קאָפּ. ער האָט אָבער זיך אָפּגעהאַלטן פון איר מצער זיין.

עס קען זיין אַז אַ מאָל, אין די גאָר אַנהויב יאָרן, האָט ער געמוזט איר אויפקלערן די נאַרישקייט און זינלאָזיקייט פון די אַלע איינרעדעניש[ן], נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך אַנגעהאַלטן אין דעם, האָט ער שלום געמאַכט, און איר געלאָזן טאָן ווי זי האָט געוואָלט.

יאַנקל בונים האָט איר ליב געהאַט ניט נאָר פאַר איר יחוס, נאָר אויך צוליב איר שיינקייט און שטילקייט.

די באָבע האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט גאָר ווינציק פרויען אין שטעטל. זי האָט אויסגעמיטן צו נאָענטע פריינטשאַפטן. זי האָט זיך געהיט פון אַריינגע־צויגן ווערן אין אינטימע שמועסן ווייל ווי אַ פּועל יוצא ברענגען זיי רכילות. דאָס האָט זי זיך געפירט ווי איר מוטער ריינע גיטל, ר׳ וועלוועל׳ס טאָכטער ע״ה, וואָס האָט ניט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט ווייבער ווייל זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועט זיך ביי איר אַרויסכאַפּן אַ וואָרט וואָס איז לשון־הרע. די באָבע סימע פייגל האָט ליב געהאַט אויסהערן מעשיות, זי אַליין האָט דערציילט גאָר ווינציק. דער זיידע פלעגט זיינע אָנגעשריבענע מעשיות, פאַר איר לייענען, אָדער איר איבערגעבן אַ טעמע וועלכע ער האָט פאַרטראַכט.

סימע פייגל האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, און האָט בכלל ניט געהאַט קיין טענות. זי פלעגט אַלץ אָננעמען ווי אַן אָנווייז פון גאָט׳ס־ווילן און ביי אים האָט זי ניט געוואָלט דערקונדיקן זיינע וועגן.

מיט אַלץ האָט זי זיך פאַרלאָזן אויפן מאַן. זי האָט זיך אים קיינמאָל ניט קעגנגעשטעלט, אָדער אָפּגעפרעגט זיינע טואונגען.

די ליבע צווישן די צוויי מענטשן איז געווען אָנגעפילט מיט צאַרטקייט און טיפער איבערגעגעבנקייט. אַזוי האָבן זיך אויך געפירט זייערע זין. כמעט אַלע זיינען געווען איבערגעגעבענע, געטרייע און גינציקע פאַמיליע מענטשן.

# פויערים הרג׳ענען מאיר יונה׳ן

באַקומענדיק זיין חלק ירושה — די אימעניע און די גוראַלניע אין הויף מעסקעניק, האָט דער עלטער־זיידע מאיר יונה זיך פאַרנומען אויס־ברייטערן און פאַרגרעסערן זיין אייגנטום.

די טאָכטער חיה שרה וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון איר מאַן, האָט ער באַזאָרגט מיט אַ פּענסיע. דער זון יאַנקל בונים איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַ־וויבטער, און ער האָט אים צוגעצויגן צו דער פּירערשאַפט פון געשעפט.

מאיר יונה האָט שטאַרק מצליח געווען און זיינע נחלות זיינען געוואַקסן. ער האָט געקויפט וואַלד אין געגנטן נענטער צו ביאַליסטאָק און קרינקי. עטלעכע וויאָרסט פון קרינקי האָט ער גענומען אין אַרענדע אַ גאַנצן דאָרף.

געפירט האָבן זיי זיך ווי גרויסע פּריצים. מיין טאַטע ע״ה פלעגט דער־ציילן דאָס ווען זיין עלטסטער ברודער אהרן וועלוול איז געבוירן געוואָרן, האָט מען אים געוויקלט אין זיידנס.

דער טאַטע האָט מיר אויך דערציילט דאָס דער זיידע האָט מיט זיי אַליין געלערנט, נאָר ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן, האָט ער זיי געשיקט קיין גראָדנע לערנען סיי רוסיש און סיי אידישע לימודים.

געפירט האָט מען זיי יעדן טאָג קיין גראָדנע לערנען. און דער קוטשער פלעגט וואַרטן ביז מ׳האָט זיי געדאַרפט צוריק פירן אַ היים.

אַלע קינדער פון עלטער־עלטער זיידע יודל, זיינען געווען גוט פאַר־זאָרגט. סיי די וואָס זיינען געווען אַרום ביעלסק, און סעמיאַטיטש, די קאַדישע־וויטשעס. און סיי דעם זון יאָסל ישוב׳ניק וואָס האָט זיך באַזעצט אין קרינקי.

יודל׳ס פאַמיליע נאָמען איז טאַקע געווען קאַדישעוויטש, נאָר צוליב די קאַנטאָניסטן, האָט דער זון יאָסל ישוב׳ניק געביטן זיין נאָמען אויף מאָסטאָוו־ליאַנסקי.

מאיר יונה׳ס פאַרמעגן איז געוואַקסן, אָבער אויף אידן האָבן זיך גע־נומען אָנרוקן שווערע און בייזע ציטן. די צאַרישע רעגירונג האָט בייזער און אכזריות׳דיקער זיך פאַרנומען צו פאַרטרייבן אידן פון דערפער און אַרענדעס וואָס זיי האָבן געהאַלטן.

טראָץ דעם וואָס די גזירה אַרויסצוטרייבן אידן פון דערפער און פאַר־באָטן זיי צו האַלטן אַרענדעס, שענקען, קרעטשמעס און פּאַטשטן איז געווען אַרויסגעגעבן פון ניקאָליי דעם ערשטן, ימח שמו, נאָך אין יאָר 1823, איז דאָס נאָר געווען חל אויף צוויי גובערניעס־מאָהילעווער און וויטעבסקער.

צו יענער צייט זיינען די געגנטן פון פוילישן קעניגרייך, וועלכע זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער רוסישער אימפעריע, געווען אין אַ פּריווי־לעגירטער לאַגע. די נייע רוסישע פּראָווינץ האָט געהאַט אַ געוויסע מאָס אויטאָנאָמיע. ס׳איז געווען אַ פּוילישע רעגירונג מיט אַ סיים־קאָנסטיטוציע. און די רעגירונג האָט עס געהאַט די דעה איבערן אידישן קיבוץ. די לאַגע פון די פּוילישע אידן איז אין פאַרגלייך מיט די רוסישע געווען אַן אויסער־געוויינלעך גוטע. פאַרקערט, די רוסישע רעגירונג האָט באַשיצט אידן פון פּוילישע רדיפות.

ערשט אין יאָר 1842, ווערן די אידן פון דער פּוילישער פּראָווינץ אויס־געגליכן מיט די רוסישע אידן; מ׳האָט ביי זיי אָנגעהויבן נעמען רעקרוטן אָנשטאָט די פריערדיקע רעקרוטן־שטייער. פריער האָבן זיי ניט געהאַט די גזירה פון קאַנטאָניסטן, זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין תחום המושב און אַנדערע גזירות רעות פון וועלכע עס האָבן געליטן די רוסישע אידן.

ווען די קאַנטאָניסטן גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1825, פון ניקאָליי דעם ערשטן, האָט עס ניט אָנגערירט די פּוילישע אידן. פּוילן האָט דעמאָלט ניט געהאַט קיין אַלגעמיינע מיליטער־דינסט. צו דינען אין מיליטער איז געווען די פּריווילעגיע פון דער שליאַכטע. אידן זיינען צוגערעכנט געוואָרן צום סוחרים־שטאַנד און זיינען געווען פריי פון מיליטער־דינסט. זיי האָבן אָבער געמוזט צאָלן 500 רובל פאַר יעדן רעקרוט. אָט די צאָלונגען האָבן גורם געווען אַז משפחות זאָלן בייטן זייערע נעמען כדי עס זאָל זיך ניט אָנזען זייער צאָל.

ווען אין די שפּעטע יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט זיינען די צאַרישע גזירות אויסגעברייטערט געוואָרן צו די געגנטן פון דער פּוילישער פּראָווינץ, האָט עס פאַרשטייט זיך אויך געטראָפן דעם עלטער זיידן מאיר יונה.

ניט גיך און ניט גרינג האָט ער אויסגעפאָלגט דעם באַפעל אויפצוגעבן דעם הויף און די נחלות. ער האָט גענומען לויפן קיין גראָדנע און קיין פּעטער־בורג. פריינט האָט ער געהאַט אין די גובערנסקע רעגירונגס־קרייזן, און זיי האָבן אים געהאָלפן פאַרלענגערן און אָפּציען די גזירה.

מאיר יונה האָט די באַלעבאַטישקייט איבערגעלאָזן אויפן זיידן יאַנקל בונים. און ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט קלאָפּן אין טירן פון פאַר־שיידענע קאַנצעלאַריעס.

אין יענער צייט האָט זיך עס יאַנקל בונים צוגעקילט און איז פון דער שלאָפקייט אויפגעשטאַנען מיט אַ קורצן־אָטעם. פאַר דער צייט זיינען די געשעפטן אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

פונקט דעמאָלט איז פון אַרום גראָדנע אָנגעקומען אין הויף דעם זיידנס אַ ווייטער קרוב. ער איז געווען אַ גוט געלערנטער בחור און האָט אויך געהאַט די פייאיקייט צו פירן ביכער. דער דאָזיקער בחור איז עס געווען נחום אַנשל,

דער שפּעטערדיקער גביר פון קריניק און גרעסטער לעדער פאַבריקאַנט.

נחום אַנשל האָט איבערגענומען די גאַנצע געשעפט־פירערשאַפט אין זיינע הענט. ווען מאיר יונה איז געקומען פון זיינע רייזעס, האָט ער שוין געטראָפן אַ חורבן. נחום אַנשל האָט באַ׳גנב׳עט דעם געשעפט און איז אַנטלאָפן קיין קריניק.

ניט נאָר דער געשעפט, נאָר די גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז שוין געווען צעשטערט און אין אומאָרדנונג. מאיר יונה האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט געמאַכט פאַרזוכן צו ברענגען די באַלעבאַטישקייט צוריק אויף אַ דרך. עס איז אָבער שוין ניט געגאַנגען ווי עס דאַרף צו זיין. אַחוץ דעם האָט געקאָסט אַ גרויסע סומע געלט די שתדלנות און מיט נחום אַנשל׳ס גנבה אַלס צוגאָב, איז געווען אוממעגלעך ווייטער אָנצוגיין מיט דער פאַרוואַלטונג סיי פון הויף און סיי פון דער גוראַלניע.

פאַר אַ שיבוש האָט ער פאַרקויפט דעם הויף און די גאַנצע נחלה צו אַ דערבייאיקן שליאַכטשיץ און האָט זיך אַריינגעצויגן אין דאָרף וואָס איז געווען נאָנט צו קריניק.

אין דאָרף קינעשעוויטש, האָט מאיר יונה איבערגענומען דעם שענק. זיין אויסרעכענונג איז געווען זיך שטעלן אויף די פיס און אָנצופירן ווייטער דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער גזירה.

ווי אַ כלל איז דער דאָרפישער שענק געווען דער צענטער און זאַמל־פונקט פון די פויערים. ניט נאָר זיינען זיי געקומען טרינקען און פאַרברענגען אין שענק, נאָר זיי פלעגן דאָרטן אויך אָפּהאַלטן זייערע „סכאָדקעס". צוויי מאָל אַ יאָר זיינען די פויערים זיך צוזאַמענגעקומען; פאַרן פאַרזייען און נאָכן שניט.

די „סכאָדקעס" האָבן געדינט אויף באַשטימען די שטייערן סיי פאַר דער צענטראַלער רעגירונג און סיי פאַר די הוצאות פון דאָרפישע באַדערפעניש.

אין דאָרף איז געווען נאָך אַ אידישע פאַמיליע, דעם שמיד׳ס וואָס האָבן שוין דאָרטן געוואוינט פון קדמונים.

גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן די צוויי אידישע משפּחות. עס איז געווען אַ קריג מיט היץ און הייס־בלוט.

די סיבה — קאָנקורענץ; דער שמיד האָט אויך פאַרקויפט בראָנפן צו די פויערים און פלעגט אָפּציען קונדן פון שענק.

אַזוי ווי דער שענק און די נחלה איז געווען נאָך פון פריער מאיר יונה׳ס אייגנטום, האָט ער פאַרשטייט זיך געהאַט די חזקה אויפן שענק און אויך אויפן בראָנפן פאַרקויף.

מאיר יונה האָט געשלעפּט דעם שמיד צום קרינקער רב, און דער רב האָט כסדר גע׳פסק׳נט לטובת אים. דער שמיד פלעגט זיך פאַר אַ ווילע אונטערגעבן, אָבער לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאַלטן. ער האָט וויזט אויס

געהאַט ווינציק מורא פאַרן פּסק פון רב. און האָט שטילערהייט געהעצט די פּויערים קעגן מאיר יונה׳ן און זיין משפחה.

די געשעפטן פאַרן שענק האָט מען געפירט מיט קריניק. דער זיידע יאַנקל בונים פלעגט פאַרן אין דער קרינקער גוראַלניע איינקויפן בראָנפן. מ׳פלעגט אויך פון דאָרטן דאַרפן ברענגען שפּייז; באַזונדערס פליייש אָדער אַן עוף. עס האָבן דאָרטן אויך געלערנט די עלטערע קינדער, אַזוי אַז די פאַר־בינדונג מיט קריניק איז געווען אַ כסדר׳דיקע.

איינמאָל, דער זיידע יאַנקל בונים איז געווען אַוועקגעפאָרן אין קריניק, אין שטוב זיינען נאָר געבליבן דער אַלטער מאיר יונה און די באָבע סימע פייגל מיט די אינגערע קינדער, זיינען פּויערים באַפאַלן די הויז און האָבן צעבראָכן און צעראַבירט דעם שענק און די שטוב.

דאָס האָט דער שמיד אויפגעהעצט די פּויערים קעגן דער פאַמיליע.

ער האָט דעם „סאָטסקי״ פאַרבעטן פאַר אַ לחיים און אים געגומען איינ־רעדן אַז דער שענקער באַראַבעוועט זיי, ער ווערט רייכער און זיי ווערן אָרעמער. ער האָט דעם „סאָטסקי״ פאַרזיכערט דאָס ער קען פאַרקויפן ביליקער בראָנפן, נאָר מאיר יונה און דער קרינקער רב דערלאָזן ניט.

דער „סאָטסקי״ האָט פאַררופן די פּויערים צום שמיד אין הויז פאַר אַ באַראַטונג וואָס צו טאָן מיטן שענקער. דער שמיד האָט זיי אַלעמען פאַר־שיכור׳ט און אויפגעהעצטע האָבן זיי זיך געלאָזן אויפן שענקער.

ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין שענק, איז צום גליק די באָבע סימע פייגל מיט די קליינע קינדער געווען אין שטוב, אַז זי האָט דערהערט דעם טומל, האָט זי געכאַפּט די קינדער און מיט זיי אַנטלאָפן אין פעלד אַריין. מאיר יונה׳ן האָבן די פּויערים מיט די פויסטן דערשלאָגן צום טויט.

די הויז און דעם שענק האָבן זיי צעטראָגן שטיקלעך־ווייז. זיי האָבן צעריסן דאָס בעט־געוואַנט, צעבראָכן דאָס מעבל. זיי האָבן אַלץ צעשלעפּט און צעטראָגן און האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין שום ווערטפולן חפץ.

אַן עלטער אינגל, איז צופוס אַוועקגעלאָפן קיין קריניק אָנזאָגן זיין פאָטער דעם אומגליק. ער האָט אים נאָך דערכאַפּט ווען ער האָט זיך שוין געגרייט צו אָפּפאָרן אין דאָרף.

דער זיידע איז גלייך אַוועק צום פּריסטאַוו (דעם הויפּט־באַאַמטן פון שטעטל), און ער האָט געשיקט צוויי „סטראַזשניקעס״.

מ׳האָט אויפגעזוכט דער צום טויט דערשראָקענער סימע פייגלען און די קינדער, און מיטן מת אויף אַ וואָגן האָט די משפחה איבערגעלאָזן דעם דאָרף און פאַרפאָרן קיין קריניק.

פאַרפאָרן קיין קריניק; עס רעדט זיך נאָר אַזוי. ניט פאַרפאָרן, נאָר אַנט־לאָפן מיטן נפש. אָרים, צעבראָכן, אָן אַ פּאָדים אַפילו. ווען יאַנקל בונים וואָלט געוואָלט פאַרקויפן דעם שענק איז ניט געווען וואָס.

געקומען קיין קריניק אָן בעטגעוואַנט, אָן לייכטער, אָן קליידער; נאַקעטע און באָרוועסע, נאָך ערגער ווי פון אַ שרפה.

אין קריניק האָבן געוואוינט און געלעבט אין רחבות אַ גרויסע צאָל פון דער משפחה. תבואה סוחרים; וואַלד־סוחרים; באַלעבאַטים פון שענקען און פון האָטעלן. יעדער איינער איינגעאָרדנט אויף אַ גרויסן און ברייטן שטייגער.

יעדער איינער אויף זיין שטייגער א גביר און תקיף. סיי די וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון יאָסל ישוב׳ניק און סיי די פאַמיליע וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון מאיר יונה׳ס ווייב העניע. אירער אַ ברודער פישקע דער קאַליקער, איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר און אַלע זיינע קינדער זיינען געווען רייך, איינגעאָרדנט, באַזאָרגט און פון די גאָר אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון שטעטל.

דעם מת מיט אַ גרויסער לוויה האָט מען אַרויסבאַגלייט צו דער אייביקער רו. וואָס טוט מען אָבער פאַר די לעבעדיקע?

די משפחה האָט זיך צונויפגעקליבן און זיי האָבן פאַרטראַכט דאָס יאַנקל בונים׳ען קען מען ניט באַזאָרגן. מ׳וועט דאָך אים ניט אַוועקגעבן אַ וואַלד; מ׳וועט דאָך אים ניט אַוועקגעבן אַ תבואה־געשעפט, אָדער גאָר אַ שענק. צו טאָן געשעפט דאַרף מען געלט. און קיינער פון זיי איז ניט גרייט געווען אים אַרויסצוהעלפן.

אפשר אים אַריינעמען אין אַ געשעפט? מיט וואָס פאַר אַ געשעפט קען מען אים באַזאָרגן? אַ יאַדישלעווער איד, האָט ניט קיין אָטעם, האַלט כסדר אַ טרובקע צום מויל און קען אָן איר ניט אָטעמען. דער געראָטענסטער פלאַן איז — האַנדלען מיט פלעט־צעטלען. זיי וועלן קויפן צעטלען, צו אַ גרויסן־געווינס זיינען זיי אויך בעלנים, און מיט דעם וועלן זיי שוין אויך העלפן דעם אומגליקלעך־פאַראַרימטן קרוב.

# די עלטער באָבע ריינע גיטל

יאַנקל בונים, האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר אַ יורד. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט און האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיין אַמאָליקער עשירות.

ער האָט אויך ניט געקענט ליידן ווען מען האָט אויסגעדריקט צער אויף זיין לאַגע. אַז מען פלעגט עס אים דערמאָנען איז זיין ענטפער געווען: עס האָט געקענט זיין ערגער, גאָט צו דאַנקען די נפשות זיינען ניצול געוואָרן.

צום סאַמע ערשטן האָט מען געדאַרפט באַזאָרגן דאָס ווייב און קינדער. יאַנקל בונים האָט געוואוסט אַז קריניק איז שוין זיין לעצטע סטאַנציע, ערגעץ אַנדערש וועט ער שוין ניט גיין. „טראַכטן וואָס איז געווען, פלעגט ער זאָגן, וועט די לאַגע ניט גרינגער מאַכן", און ער האָט גענומען איינאָרדענען און פאַרפעסטיקן זיין געצעלט אויף קרינקער ערד.

אין סימבאָל פון זיין רעזיגנאַציע און גורל וואָס האָט אים געבראַכט קיין קריניק און וועט אים דאָרטן האַלטן, האָט יאַנקל בונים אומגעביטן דעם נאָמען — קאָדישעוויטש — אויף קרינקער. דאָס האָט פאַרזיכערט און באַשטימט אַז פון דאַנען וועט ער שוין ניט אַוועק. ער איז אַ קרינקער ניט נאָר אין איינוואוינערישקייט נאָר אויך אין נאָמען.

די ערשטע זאָרג איז געווען צו קריגן אַ קישן און אַ צודעק און אויך אַ שטיקל היים.

איך געדענק די פינצטערע, חושך'דיקע דירות אין וועלכע ער האָט געוואוינט. איך דערמאָן זיך אַ דירה: איין צימער; אַ ליימיק דיל, צוויי בעטן, אַן אַלמער; אַ טישל און צוויי בענקלעך. די ווענט אומעטיקע און אַ שטיקל פענצטער וואָס האָט געדאַרפט ברענגען אַ טראָפּן זון און אַ ביסל טאָג אין דער אומגליקלעכער דירה.

די פלענער פון די רייכע קרובים פאַר אים צו האַנדלען מיט צעטלען, זיינען טאַקע געווען גוטע. אָבער קיין פרנסה האָבן זיי ניט געבראַכט: יאַנקל בונים'ס צעטלען פלעגן זיך איינשפּאַרן און ניט וועלן געווינען.

די משפחה איז גרויס, ווי אַזוי שפּייזט מען זיי אַלע? ווי אַזוי לערנט מען די קינדער ווייטער? און גרויס איז ביי יאַנקל בונים'ען געוואָרן דער צער — צעשפּרייטן און צעזייען די קינדער; לאָזן זיי אַרויס אויף דער וועלט אַליין צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט.

דער עלטסטער זון אהרן וועלוול, דעם וואָס מ׳האָטביים געבורט גע־וויקלט אין זיידנס, איז שוין געווען אַ גרויסער בחור. און אים דאַרף מען גלייך פאַרזאָרגן.

פאַר אַלעמען איז ניט געווען קיין אָרט אין קריניק, עס איז פשוט ניט געווען וואו צו באַלייגן און אויך שפייזן, אַזאַ גרויסע משפחה, און יאַנקל בונים האָט אַוועקגעשיקט אהרן וועלוול׳ען קיין ביאַליסטאָק. די דאָרטיקע רייכע קרובים זאָלן זען אים צושלאָגן צו אַ מלאכה. מיין טאַטן האָט ער אויך געשיקט לערנען אין דער ביאַליסטאָקער ישיבה און עסן „טעג״ ביי דער רייכער משפחה.

אין ביאַליסטאָק איז געווען אַ וועבער פאַבריקאַנט, דעם זיידנס פעטער פישקע דעם קאַליק׳נס אַן איידים, און צו אים האָט ער געשיקט אהרן וועלוול׳ען זיך אויסצולערנען וועבעריי.

שפּעטער צו, ווען אהרן וועלוול איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט אים דער ביאַליסטאָקער קרוב משלח געווען און ער איז אַוועקגעפאָרן אַרבעטן צו אַ קרוב אין האָראָדאָק, יודל קראַנהיים. ער האָט אָבער זיך אויך ביי אים לאַנג ניט געהאַלטן און איז אויף צוריק געקומען זוכן אַרבעט אין ביאַליסטאָק.

די איגנערע קינדער האָט דער זיידע געשיקט ווערן גאַרבערס. דער סאַמע אינגסטער חיים שלמה, איז אינגאַנצן אַלט געווען 10 יאָר, ווען ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ גאַרבאַרניע.

די פאַרדינסטן זיינען דעמאָלט געווען צוויי און דריי גילדן אַ וואָך. אַ סומע פון אַן ערך 30 ביז 45 קאָפּיקעס עס האָט אָבער געהאָלפן פאַרגרינגערן דעם זיידנס פרנסה־לאַסט. דער גורל האָט ווייזט אויס געשפּילט אַ שפּיצל מיטן זיידן, ווייל אַחוץ וואָס עס זיינען צוגעקומען נאָך דריי קינדער, געבוירן אין קריניק, האָט זיך אויך דער באָבעס מאַמע אַריבערגעקליבן פון ביאַלי־סטאָק און זיך ביי אים באַזעצט.

אָט די עלטער־באָבע ריינע גיטל, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך מערק־ווירדיקע פרוי און אַ זעלטענער טיפּ. איך געדענק איר נאָך ווי זי וואָלט איצט אַ לעבעדיקע געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, בכלל קען איך איר ניט פאַרגעסן.

זי איז געווען ר׳ וועלוועלע׳ס אינגסטע טאָכטער, ווען ער איז געשטאָרבן איז זי אַלט געווען אַרום 5 צי 6 יאָר. אָבער זי פלעגט ניט מיד ווערן צו דערציילן מעשיות פון אים, און מיט אַזעלכע איינצלהייטן פונקט ווי זי וואָלט אים קלאָר געדענקט.

אַזוי האָט ריינע גיטל גאָר וויניק גערעדט. זי פלעגט קיינמאָל זיך

ניט אַריינלאָזן אין שמועסן. זי האָט געהאַלטן אַז ווי אָפּגעהיט מ׳זאָל ניט זיין אין רייד, מוז מען געשטרויכלט ווערן מיט רכילות, אָדער לשון־הרע.

כסדר אָן אָפּרו פלעגט זי לייענען דעם טייטש־חומש, איר אומגאַנג־שמועס איז נאָר באַשטאַנען פון נויטיקע געברויך־ווערטער. ווייטער האָט זי ניט גערעדט. נאָר ווען זי האָט דערציילט פון טאַטן אירן, פלעגט זי אויפ־לויכטן און קריגן אַ סך לשון. געגעסן האָט זי ווינציק און געווען איז זי הויט און ביינער.

פון איר טאַטן האָט ריינע גיטל דערציילט אַזעלכע אויסטערלישע מעשיות וואָס זיינען פּשוט געווען פאַנטאַסטיש. זי האָט איבערדערציילט אַלע לע־גענדעס וואָס זיינען וועגן אים אַרומגעגאַנגען אין ביאַליסטאָק, און איבער־געגעבן האָט זי זיי ווי פאַקטן.

אַ סך פון די לעגענדעס וועגן איר פאָטער ר׳ וועלוועלע, האָב איך אַנגעטראָפן אין „פנקס ביאַליסטאָק״.

די עלטער־באָבע פלעגט מיט באַזונדער שטאָלץ דערמאָנען אַז איר פאָטער האָט מען באַטיטלט „מראות הצבאות״, דאָס איז געווען אויפן נאָמען פון זיינעם אַ ספר.

זי האָט מיין טאַטן ליב געהאַט ווייל ער איז געווען אַ נאָמען נאָך דעם ר׳ וועלוועלע׳ס פאָטער ר׳ אליעזר, וועלכער איז געווען אַ רב אין האלוסק. גאָר גרויסן אויפזען האָט ביי איר געהאַט דעם זיידנס עלטסטער זון אַהרן וועלוול וואָס איין נאָמען זיינער איז געווען נאָך איר פאָטער.

באַזונדערס האָט ריינע גיטל ליב געהאַט צו דערציילן די מעשה וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין ביאַליסטאָק. לויט דער מעשה איז ר׳ וועלוועלע זצ״ל געווען אַזאַ הייליקער אַז ווען ער פלעגט גיין לערנען אָדער דאַווענען אין אַלטן בית מדרש, אויפן שולהויף, פלעגן די פויערשע פערד און וועגענער אָפּשפּריגנען כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר אים.

צו איר טאַטנס עטלעכע ספרים וואָס זי האָט געהאַלטן איינגעבונדן אין אַ טיכל, פלעגט זי קיינעם ניט לאָזן זיך צורירן. באַזונדערס די קליינוואַרג פלעגט זי נאָנט ניט צולאָזן. איין ספר געדענק איך „אגודת אזוב״, האָט זי איינגעבונדן אין קאַלירטע טאָוולען און אים געהאַלטן אַרומגעוויקלט מיט אַ קאַלירטן־שנירל. די ספרים, איר חופה־קלייד, אַ זעקל ארץ־ישראל ערד און אירע תכריכים, האָט זי געהאַלטן אין אַ שטרויען קערבל, וואָס איז געשטאַנען אונטערן בעט.

ווי איך האָב שפּעטער געפונען פאַרצייכנט אין „פנקס ביאַליסטאָק״, איז ר׳וועלוועלע זצ״ל געווען פאַררעכנט פאַרן גרעסטן לומד׳ישן רב ביז היינט צו טאָג. ער פלעגט זיך דורכשרייבן מיט ר׳ עקיבא אייגער און חיים וואָלאָזשינער. ער פלעגט זיך בייטן מיט שאלות ותשובות מיט די גרעסטע רבנים פון זיין

צייט און איז געווען אַ חבר מיטן וואַרשעווער רב ר׳ שלמה־זלמן פויזנער. אַ צייט איז ער געווען רב אין טיקטין, אַ דערבייאיק שטעטל פון ביאַליסטאָק. פאַרנומען האָט זיך ר׳ וועלוועלע באַזונדערס מיט דער פראַגע פון עגונות. ער האָט זיך געפילט גליקלעך ווען עס האָט זיך אים איינגעגעבן מתיר צו מאַכן אַן עגונה.

אָפּשטאַמענדיק אַליין פון אַ גאַר רייכער משפחה, ווי עס איז געווען די בארישעס, האָט ר׳ וועלוועלע אָבער ניט ליב געהאַט קיין גבירים און תקיפים און פלעגט זיי אַרונטערייסן.

ער האָט זיך געהאַלטן זייער באַשיידן און פלעגט זיך חתמ׳ענען „הקטן באזוב משה זאב״.

ווי דער „פנקס ביאַליסטאָק״ גיט איבער, האָט אים ר׳ עקיבא אייגער באַטיטלט מיט: „הרב הגדול הגאון האמתי נשיא ישראל״. און דער פנקס קאָמענטירט: „מ׳דאַרף וויסן, אַז דעמאָלט פלעגט מען שטאַרק מדייק זיין און קאַרגן מיט טיטלען; אַ מיטעלן רב אַ למדן פלעגט מען ניט באַטיטלען מיט „גאון״, „הרב המאור הגדול״ איז שוין געווען אַ גרויסער טיטל.

די עלטער באָבע ריינע גיטל, האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גרויסן לומד־ישן אידן, וואָס איז געוואָרן רב אין וואָלפּע. ווען ער איז געשטאָרבן, איז זי מיט איר איינציק קינד, מיין באָבע סימע פייגל, צוריקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק. שפּעטער האָט ריינע גיטל חתונה געהאַט פאַר אַ סוחר, וואָס האָט געפירט געשעפטן מיט אויסלאַנד. אויף אַ רייזע קיין דייטשלאַנד, איז ער געשטאָרבן אין לייפּציג. ריינע גיטל איז געבליבן אַן אלמנה ביזן סוף פון אירע טעג.

פון מאַן איז ריינע גיטל׳ען געבליבן אַ קליינער פאַרמעגן. צוליב דעם וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן אין אויסלאַנד און פּלוצים, האָט זי ניט געוואוסט ווי גרויס זיין פאַרמעגן איז און ווער עס איז אים אַ בעל־חוב. פונדעסטוועגן האָט זי געהאַט אַ קאַפּיטאַל וואָס האָט ביי איר געדויערט עטלעכע און צוואַנציק יאָר. זי האָט די גאַנצע צייט געוואוינט אין ביאַליסטאָק און פלעגט פון צייט צו צייט קומען באַזוכן דער טאָכטער און די אייניקלעך ווען זיי האָבן געלעבט אין הויף און אין דאָרף.

מיט אַמאָל איז זי פאַרשלאָפט געוואָרן; דאָס געלט האָט זיך ביי איר אויסגעלאָזן און געקומען איז זי צו דער טאָכטער אין קריניק, פונקט דעמאָלט ווען יאַנקל בונים איז שוין געווען פאַראַרימט.

פון צוויי מאָמענטן געדענק איך איר זייער בולט; אין אַ גליטשיקן טאָג איז זי געפאַלן און זיך גע׳ניזק׳ט. זי האָט דעמאָלט צעבראָכן אַ פוס. מיינע עלטערן האָבן געוואוינט ניט ווייט פון זיידן און דער טאַטע האָט מיך מיט־גענומען איר מבקר חולה זיין.

איך געדענק טאַקע ווי עס וואָלט ערשט איצט געשען, ווי זי איז געלעגן ביים פענצטער. די פוס איז איר שוין געווען איינגעגיפסעוועט; איבערן הויז האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער און שטיקנדער גערוך פון יאָדעפאָרמע. די באַנדאַזשן אויפן גיפס זיינען געווען געל פון דער יאָדעפאָרמע.

דער זיידע האָט דעמאָלט געוואוינט אין צוויי חדרים. דער ערשטער חדר איז געווען אַ גרויסער און ער האָט געדינט ווי דער עס, שלאָף און אויפנאַם־צימער. ביים זייט איז געווען די קיך, אַ חדר פינצטער אָן לופט און אָן אַ פענצטער. דאָרטן האָט מען עס געקאָכט. דער דיל איז געווען אַ ליימיקער און פון די ווענט האָט פּשוט געגאָסן מיט נעץ און ווילגאַטש.

איך האָב זייער שטאַרק ליב געהאַט הערינג, און די באָבע האָט מיך אין קיך מכבד געווען מיט אַ שטיקל הערינג. דער גערוך פון יאָדעפאָרמע איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק, דאָס מיטן ערשטן ביס האָב איך אין מויל אַריינגענומען ניט קיין הערינג, נאָר דעם גערוך. עס איז מיר נישט גוט געוואָרן און פון דעמאָלט אָן, עד היום הזה, קען איך ניט הערן דעם גערוך פון הערינג.

די צווייטע געשעעניש האָט מיך צוגעפירט האַרט צו דער ערשטער באַגעגעניש מיטן סוף פון מענטשן.

אַ לאַנגע צייט איז געווען אַ מנהג אַז איך זאָל פרייטיק פרי קומען צו דער באָבען עסן האָבערנע גריץ מיט שמאַלץ. סיי די באָבע סימע פייגל און סיי איר מוטער זיינען דעמאָלט געווען אינוואַלידן. עס איז געווען נאָך דער גרויסער שׂרפה וואו כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז אַוועק מיטן פייער, האָט מען ביידע קראַנקע פרויען באַשטאַט אין דער אידישער „באָלניצע". מ׳האָט זיי אַוועקגעגעבן אַ קליין צימערל און געלעבט האָבן דאָרטן אַחוץ די צוויי חולאים אויך דער זיידע און די צוויי אינגערע קינדער — מאיר און שׂרה. עס איז געווען דאָס אמת׳ע לעבן!

אַ פרייטיק ווען איך בין ווי דער מנהג איז געווען, געקומען עסן האָבער־גריץ, איז די עלטער־באָבע געווען זייער פאַרשלאָפט. זי האָט זיך פּשוט ניט געקענט אויפוועקן. דער זיידע האָט איר אויפגעזעצט, אונטערגעשפּאַרט איר מיט קישנס און איר אָנגעקאָרמעט מיט גריץ.

דאָס פּנים ביי איר איז געווען אַביסל איינגעדריכט אין סאַזשע. און פון דעמאָלט האָב איך אין זכרון עס געהאַט פאַרבונדן ווי אַן אָנזאָג פון טויט.

די באָבע ריינע גיטל האָט געהאַלטן דעם זיידן פאַר אַן אַפּיקורס, ער איז לויט איר ניט געווען גענוג פרום. אַז זי האָט זיך געזעטיקט האָט זי אים געבענטשט און אויך אויסגערעדט: „דו ביסט טאַקע אַן אַפּיקורס, אָבער האָסט אַ גאָלדן האַרץ, זאָלסט האָבן אַריכת ימים".

די זעלבע נאַכט גלייך נאָך קידוש, זיינען געקומען צעלויפן צו אונז אַהיים מאיר און שרה אָנזאָגן די בשורה — די באָבע ריינע גיטל איז געשטאָרבן.

דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען; ריינע גיטל איז שוין געלעגן אָן איבערגעדעקטע. איך האָב דעמאָלט ניט באַגריפן וואָס ס'איז די באַדייטונג פון „געשטאָרבן". איך האָב אָ הויב געטאָן דעם צודעק. דער טאַטע האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן האַנט. צוריק אויפן וועג אַהיים האָב איך פון טאַטן געפאָרשט; „וואָס איז אַזוינס טויט?".

צו דער קבורה שבת צו נאַכט האָט מיך שוין דער טאַטע ניט מיטגענומען.



# דעם זיידנס קרובים

דער זיידע יאַנקל בונים, האָט ניט ליב געהאַט פירן ברוגז'ן מיט די רייכע קרובים. ער איז ניט געווען קיין בעל־מקנא און יעדן פון זיי פאַרגונען אַלץ וואָס זיי האָבן. צווישן די קרובים זיינען געווען מענטשן וואָס ער האָט ליב געהאַט און אַזוינע פון וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן פון ווייטן. ער האָט זיי ניט געשאַצט לויטן פאַרמעגן, נאָר לויט זייער אויפפירונג, פון בין אדם לחברו.

פון זיין טאַטן מאיר יונה'ס צד, האָט ער האַלט געהאַט יאָסל דעם ישוב׳ניקס זון איטשע „ליאַ״. ווייזט אויס אַז איטשע האָט געמוזט זיין אַ קלוגער איד, ווייל דאָס איז געווען איינע פון די חסדים וואָס האָבן דעם זיידן דערנענטערט צו אַ מענטשן.

פאַר מיין געדעכעניש איז איטשע „ליאַ״ געווען אַן אינוואַליד. צוליב זיין האַסטיקייט, אימפּעט און כסדר׳דיקע אָנגעשטרענגטקייט איז ער פּאַראַליזירט געוואָרן און ער איז געווען צוגעשמידט צום בעט פאַר לאַנגע יאָרן. קראַנקערהייט האָט ער געפירט די געשעפטן מיטן זעלבן גערויש ווי ער האָט דאָס געטאָן ווען ער האָט געקענט לויפן און טומלען.

געהאַט האָט ער צוויי טעכטער און אַ זון. דער זון יאָסל, איז געווען אַ פוילער און האָט ניט געוואָלט זיך מתעסק זיין מיטן טאַטנס געשעפטן. ער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט די באַלעבאַטישע פוסט און פּאַסניקעס. האָט זיך געפוצט און זיך געהאַלטן שטייף און פאַררייסן. ווייל ער איז געווען אַ בן יחיד האָט איטשע „ליאַ״ פאַרקוקט זיין אויפפירונג. קיין צעלאָזענער איז ער ניט געווען, נאָר אַ פוילער און גרויסהאַלטער.

איטשע „ליאַ׳ס״ טעכטער זיינען געווען געראָטן אין זייער טאַטן און איבגאַנצן אַנדערש ווי זייער ברודער. באַזונדערס די עלטערע יאָספע, איז געווען אַ ברען. דער זיידע האָט פון איר געהאַלטן אַ עולם־ומלואו. זי פלעגט פירן סיי די געשעפטן און סיי די חשבונות.

די אינגערע ברײנע, איז אויך געווען אַ פּיאַיקע און ענערגישע, אָבער שטאַרק אָפּגעראַטן פון איר עלטערע שוועסטער, ניט נאָר אין אויפפירונג, נאָר פיזיש איז געווען אַ גרויסער חילוק צווישן די צוויי שוועסטער. יאָספע איז געווען העכער און אויך שענער. זי פלעגט זיך האַלטן מיט טאַקט און איז געווען רואיקער און באַזאַכטער ווי ברײנע. יאָספע פלעגט גיין לאַנגזאַמער,

רעדן רואיקער און האָבן מערער געדולד. זי האָט געקענט האַלטן אַ רואיקן שמועס און האָט אויך געקענט זיין אַ רואיקע צוהערערין.

ווען איטשע „ליאַ" איז קראַנק געוואָרן, האָבן די צוויי טעכטער איבער־גענומען די געשעפט־פירונגען. ער פלעגט פון בעט אַרויס, געבן די אָנווייזונגען און זיי האָבן עס דורכגעפירט. די עלטערע יאָספע האָט זיך פאַרנומען מיט דער פאַרוואַלטונג פון האָטעל. אַזוי ווי צו דעם האָטעל פלעגן פאַרפאָרן די פריצים און די גרעסטע רעגירונגס־באַאַמטע, האָט זי זיך אויפגעפירט און געהאַלטן ווי אַ גראַנד־דאַמע.

ברײַנע האָט געפירט דעם תבואה־געשעפט. פאַר איר איז געווען צוגע־פאַסט דער מתעסק זיין זיך מיט די פויערים, מיט סוחרים און מיטן געשעפט פון וועגן, מעסטן, איינעמען און אויסצאָלן.

דער זיידע יאַנקל בונים פלעגט איבערליגן ביי זיי אין הויז. אַזוי ווי דורך די נעכט איז ער ווינציק געשלאָפן צוליבן קורצן־אָטעם, פלעגט ער שטענדיק בייטאָג כאַפּן אַ דרימל. ער האָט אָבער ערגעץ אַנדערש ניט געקענט דרימלען ווי נאָר ביי איטשע„ ליאַ" אין הויז.

איטשע׳ס שטוב איז געווען קען מען זאָגן אַ רחבות. גרויסע, לופטיקע און ליכטיקע חדרים. דער אויפנאַם־צימער וואו איטשע איז געלעגן דורכן טאָג, איז געווען אַ גרויסער און אַ ליכטיקער.

יאַנקל בונים פלעגט ניט גיין אין קיין אַנדערע חדרים. אין אויפנאַם־צימער האָט ער שוין געהאַט זיין שטול און אויך זיין ווינקל וואו ער האָט ליב געהאַט צו זיצן. איטשע׳ס גאַנצע משפחה האָט זיך צו יאַנקל בונים׳ען באַצויגן מיט אַ סך יראת־הכבוד. זיי פלעגן ליב האָבן מיט אים צו שמועסן און זיך אויך מיישב זיין וועגן געשעפטן.

דעם זיידנס קומען צו איטשע „ליאַ" אין הויז כאַפּן אַ דרעמל איז שוין פון די שטוביקע אויפגענומען געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך.

ווען דער שלאָף איז בייטאָג יאַנקל בונים׳ען באַפאַלן, האָט ער זיך ניט געלייגט. ער האָט געהאַט אַ גאָר מאָדנעם אופן ווי אַזוי צו רוען און דרעמלען. ער פלעגט איבערקערן אַ גלאָז מיטן דעק אַרויף, אָוועקלייגן די הענט אויפן דעק און אָנשפאַרן דעם קאָפּ אויף די הענט און אַזוי האָט ער אָפּגעדרימלט. די שטוביקע פלעגן דעמאָלט אַכטונג געבן אַז עס זאָל ניט זיין קיין גערויש אָדער טומל.

מיט איטשע ליאַ׳ס שוועסטער מערי און איר מאַן חייקל „חזיר" האָט דער זיידע געהאַט ווינציק עסקים. מערי איז גראָדע ניט געווען קיין שלעכטע. נאָר אָן כאַראַקטער, זי האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון מאַן און אין גאַנג איז זי אַזוי פאַרגרעבט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי ער.

מערי איז געווען אַ נידעריק־צעגאָסענע אידענע. די באַקן האָבן ביי איר שטענדיק געפלאַמט. צוליב דער פעטקייט און צעגאָסנקייט פלעגט זי זיך קייקלען און באַוועגן שווער.

זי האָט ליב געהאַט זיצן אין שענק און צוקוקן ווי מ׳טרינקט. פון שטענ־דיקן רויך און דעם שאַרפן גערוך פון ביר און בראָנפן וואָס איז געהאַנגען איבערן שענק, האָט ביי איר דאָס פּנים געשוויצט. פון פעטקייט פלעגט זי סאָפּען שווער און מיט גערויש, און דעמאָלט האָט זי אויסגעזען ווי אַ חזיר׳ל וואָס בראָט זיך.

מערי׳ס מאַן חייקל, איז קיינמאָל ניט איינגעשטאַנען רואיק. שטענדיק האָט ער זיך געקאָכט, ער פלעגט זעלטן שמייכלען און איז אַרומגעגאַנגען אָנ־געבלאָזן און אָנגעשטרענגט.

חייקל איז געווען אַ שווערער און בייזער איד, האָט קיינמאָל ניט געוואָלט העלפן אָדער געבן אַ נדבה. אָבער ווען מ׳האָט אים אָנגעטראָטן, אָדער עס האָט זיך אים געדוכט אַז מ׳האָט אים באַ׳עוולה׳ט, האָט ער זיך ניט אָפּגע־האַלטן אויסצוגעבן אַ פאַרמעגן יענעם אָנצולערנען.

יאָרן האָט חייקל זיך גע׳משפט עפּעס צוליב אַ שטיקל ערד. ס׳איז געווען אַ פּראָיעקט צו שניידן אַ געסל וואָס זאָל פאַרקירצן דעם וועג צום מאַרק, דאָס געסל האָט געדאַרפט דורכשניידן זיין נחלה און ער האָט עס ניט געוואָלט ליידן. צוליב זיין איינגעשפּאַרטקייט האָט ער זיך פאַרקריגט מיט די באַלעבאַטים פון שטעטל. עס זיינען געווען כסדר׳דיקע קריגערייען און סקאַנדאַלן. אַז קהל האָט געהאַט אויסגעפירט אין אַ געריכט, פלעגט ער וועלטן איינרייסן און זען מבטל מאַכן די געריכט אַנטשיידונג. ער פלעגט אָפּזאָגן זיך מיט די תביעות צו פאַרלאָזן אויפן רב און האָט נאָר געהאַלטן פון לאָדן אין די גוי׳אישע געריכטן.

כמעט חייקל׳ס אַלע קינדער זיינען געווען איינגעראָטן אין אים; האַרטע, בייזע און אָנגעשטרענגטע.

איטשע „ליא״ איז כסדר געווען צוקריגט מיט זיין שוועסטער מערי און איר מאַן חייקל. די ביידע משפּחות האָבן גראָדע געוואוינט איינס נעבן צווייטן, זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן ווייט און אָפּגעפרעמדט.

מיט די קרובים פון זיין מוטערס צד, די קינדער פון פישקע דעם קאַליק׳ן, האָט יאַנקל בונים זיך ניט געהאַלטן נאָנט. מיט פישקע׳ס עלטסטן זון בערל, האָט ער אויסגעמיטן צו האָבן עסקים.

בערל פישקע׳ס, איז גראָדע געווען אַ איד אַ תלמיד חכם און אַ קלוגער, נאָר ער איז ניט געווען קיין גוט־האַרציקער און האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס תקיפות.

בערל איז געווען אַ איד אַ פלאַם. אַ הויכער, אַ גלייכער און אַ לאַנגע געלע

בארד. כמעט אלע זיינע קינדער זיינען געווען געלע. קיין גרויסע פארשוינען זיינען ניט געווען אין זיין משפחה. א זון מאיר, איז געווען א נידעריקער, און הארבאטער, זיין קאפ איז געווען ווי דער פורעם פון א קאווענע. ס'איז עפעס ניט געווען איין קאפ, נאר גאנצע צוויי. ער איז אבער געווען א חריף און האט זיך גאר גוט אויסגעטויגט צום געשעפט. בערל האט אים ארייננגע־נומען אין זיין וואלד־האנדל און האט זיך אויף אים מיט אלץ פארלאזן.

דער עלטסטער זון איז געווען אינגאנצן איינגעראטן אין בערלען. א הארטער, שווערער מענטש. א קארגער און האט פונקט ווי זיין טאטע ניט ליב געהאט צו טאן א טובה.

בערל איז געווען דער „סטראסטא" (מעיאר) פון קריניק. און איז צו אייגענע געווען אזוי אכזריות'דיק ווי צו פרעמדע.

בערל פישקע'ס סוף איז געווען א מיאוס'ער. מיט זיין שותף שלמה'קע, אלטער דעם חוקר'ס, האט ער אין וואלד פארפירט א מחלוקה און שלמה'קע האט אים מיט א שטיק האלץ דער'הרג'עט.

איינגעלעבט און גע'חבר'ט האט זיך דער זיידע יאנקל בונים מיט בערל פישקע'ס א שוואגער מרדכי שמעון גראדסקי, א איד א משכיל און זייער א וואוילער. ער איז געווען פארעכנט פון די אינטעליגענטסטע און געביל־דעטסטע מענטשן אין שטעטל, איז געווען א מאלער און האט אויך געשניצט פון האלץ פיגורן אויף ביבלישע טעמען. ער מיטן זיידן האבן זיך געהאלטן גאר נאענט און פלעגן שטענדיק גיין צו גאסט איינער צום צווייטן.

עס זיינען געווען נאך קרובים סיי פון זיין פאטערס און סיי פון דער מוטערס צד, יאנקל בונים האט אבער מיט זיי ניט געהאט קיין סך מגע ומשא.

אפילו ווען ער האט אמאל געדארפט אנקומען צו די רייכע קרובים, האט ער די בייזע אויסגעלאזן. חייקל „חזיר" האט ער אפילו ניט געוואלט בעטן; דער זיידע פלעגט זאגן — „איך וויל אים ניט אנטאן דעם נחת". חייקל, האט געהאט די איינציקע „ליאדאווניע" (א שפייכלער וואו מען געהאלטן אייז) אין שטעטל. דער זיידע איז קראנק געווארן אויף לונגען־אנצינדונג און חייקל האט אפגעזאגט געבן א שטיקל אייז דעם זיידן צו ראטעווען, טראץ דעם וואס זיין לעבן איז דעמאלט געווען אין סכנה.

אפילו צו די גוטע קרובים איז דער זיידע געקומען בעטן א הלוואה ערשט ווען דער חלף איז אים שוין געלעגן אויפן האלדז, דעם חוב פלעגט ער נאכדעם ביסלעכווייז אויסצאלן.

מיט בערל פישקע'ס האט יאנקל בונים זיך געהאלטן פון ווייטן. אבער צו זיינע שמחות פלעגט ער גיין. ער האט אויך קיינמאל ניט געבראכן דעם מנהג פון באקן מצה אין בערל פישקע'ס פאדריאד.

ביי דער באבע סימע פייגל איז דאס באקן מצה געווען פארבונדן מיט

גערוואַלדיקע הכנות. זי פלעגט ניט צולאָזן קיין פרעמדע צו קנעטן דאָס טייג. און איז ניט אָפּגעטראָטן ביז אַלץ איז געווען אַזוי ווי זי האָט געוואָלט.

ווען מען האָט פאַרן זיידן געבאַקן מצה איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב. אַזוי ווי איך בין געווען אַ צעבושעוועטער אינגל, און האָב זיך ליב געהאַט אויסשטעלן, פלעג איך נאָר באַשטיין די באָבע זאָל מיך לאָזן גיסן וואַסער אין בעקן. זי פלעגט זיך פון מיר ניט קענען אָפּטשעפּען.

דאָס גיסן וואַסער האָט מיך אָבער ניט צופרידנגעשטעלט. איך האָב גע־וואָלט טאָן עפּעס וואָס זאָל זיין מערער אויפפאַלנד און מיט גרעסערן ספּעק־טאַקל. האָב איך זיך אין דער באָבען איינגעגעסן זי זאָל מיך לאָזן שיטן דאָס מעל.

מ'האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ קעסטל האַרט ביים זאַק מעל; די באָבע האָט מיר פאַרשאַרט די אַרבל פון העמדל און אין אַ קוואַרט האָב איך אָנגעפילט מעל און געשאָטן אין בעקן אַריין. דאָס אַריינשיטן די מעל האָט געדאַרפט געטאָן ווערן מיט אַ מאָס, וואָס די באָבע האָט באַשטימט. אין קנעטן האָט זי געוואוסט וויפל מעל מ'דאַרף נאָך צוגעבן. מיר איז אָבער ניט אָנגע־גאַנגען די עובדא, איך האָב נאָר געוואָלט זיך אויספיינען פאַר די אינגלעך אין דרויסן און בין אַרויס אויפן גאַניק זיך פאַר זיי אויסבאַרימען. אַז די באָבע האָט מיך שוין אויפגעזוכט פלעגט זי מיך שוין מערער ניט וועלן אָנגעטרויען אַט די אַרבעט.

# יאַנקל בונים און די פאַבריקאַנטן

צוליב דער ענגשאַפט און אומבאַקוועמע דירות, איז פאַרן זיידן יאַנקל בונים ניט געווען מעגלעך צו האָבן אַלמערס מיט ספרים.

מיין טאַטע ע״ה האָט מיר דערציילט אַז אין דאָרף זיינען ביים זיידן אין שטוב, געווען עטלעכע אַלמערס מיט הונדערטער ביכער און ספרים. אין פאָגראָם האָבן די פויערים זיי צעריסן און פאַרברענט.

אַחוץ וואָס דער זיידע יאַנקל בונים האָט אויסגעשריבן די „רעטש" די „הצפירה" און מיט אַ שותף דעם „פריינט", פלעגט ער נעמען ביכער אויף פראָקאַט ביי לעווינ׳ען, דער איינציקער אין שטעטל וואָס האָט פאַרקויפט שרייב־מאַטעריאַלן און אַרויסגעגעבן צו לייענען ביכער פאַר 5 קאָפּיקעס אַ וואָך.

דער קרעמער און דער ביבליאָטעקאַר לעווין, איז געווען אַ שטיקל מחותן מיטן זיידן. יאַנקל בונים׳ס אַ שנור און לעווינ׳ס ווייב זיינען געווען שוועסטער.

לעווין פלעגט דעם זיידן גערן אויסלייען אַ בוך אַפילו אָן געצאָלט. דער זיידע איז געווען ביי אים אין קראָם אָן אָפטער גאַסט און האָט דערפאַר גע־האַט די געלעגנהייט צו לייענען אַלע ניי דערשינענע ביכער אין אידיש, העברייאיש און רוסיש.

די ערשטע אידישע ביכער צום לייענען — מענדעלע׳ס „די קליאַטשע"; „פישקע דער קרומער" און „די טאַקסע" האָט מיר געבראַכט דער זיידע יאַנקל בונים. ער פלעגט אויך אויסשרייבן העפטן און צייטונג־ביילאַגעס. ער האָט מיך באַזאָרגט מיט שלום עליכמ׳ס ביכער, און מעשיות וואָס זיינען געווען געדרוקט אין העפטן.

יעקב דינעזאָנ׳ס דערציילונגען „יאָסעלע" און „הערשעלע", האָבן מיר געבראַכט נאָענט מיט מענטשלעכער אכזריות. דער רחמנות צו די צוויי — דעם יתום און דעם אומגליקלעך אָרעמען ישיבה־בחור „הערשעלע" האָט מיך צעריסן מיט ווייי און געוויין.

דער זיידע יאַנקל בונים האָט געבעטן לעווינ׳ען ער זאָל מיר געבן לייענען נאָר די ביכער וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעקליבן. צושטייער האָט ער מיר געגעבן דריי קאָפּיקעס אַ וואָך.

אויף יאַנקל בונימ׳ס אָנווייז האָב איך געלייענט אין אידישער איבער־זעצונג שעקספיר׳ס „קעניג ליר". אַ גרויסן רושם האָט אויף מיר געהאַט

אַ בוך „קאַלט און וואַרעם" טענענבוים האָט זיך אַנגעגעבן פאַרן מחבר. אין אמת׳ן איז דאָס געווען זשול ווערנ׳ס.

אין בוך האָט זיך דערציילט פון אַ מאַטראָז וואָס איז דורך אַ שיף־בּרוך פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַן אינדזל. ער דערשלאָגט זיך צוריק צו אַ ישוב. ער וואַנדערט אין אומבאַקאַנטע און ריזיקאַלישע ערטער. עס טרעפן זיך מיט דעם מאַטראָז אויסטערלישע נסים. ער רייזט, וואַנדערט, און באַטייליקט זיך אין אַן עקספּעדיציע צום נאָרד־פּאָל.

אין בוך זיינען מיט אַלע פּרטים געווען באַשריבן די ווייסע־בּערן; די חדשים נעכט; די עסקימאָסן; דעם וואַל־פיש פאַנג מיט האַרפּונען און דעם נאָרד־פּאָל אומעט פון הימל און אייז.

אַחוץ מיר באַזאָרגן מיט ביכער איז יאַנקל בונים באַשטאַנען אַז איך זאָל זיך לערנען רוסיש. דאָס איז געווען ניט גרינג. מלמדים האָבן ניט געוואָלט אַפּלאָזן אַ תּלמיד אין מיטן טאָג.

יאַנקל בונים האָט אָבער אַזוי באַזאָרגט אַז דעם ערשטן האַלבן טאָג זאָל איך גיין אין „נאַראָדני אוטשילישטשע". (פאָלקס־שול) און דעם צווייטן האַלבן טאָג אין חדר.

ווען אין קריניק זיינען אויפגעקומען דריי מאָדערנע חדרים מתוקנים. האָט מען מיך פאַר צוויי זמנים געשיקט צום „אָזשעראַנער" אין מתוקן חדר.

איך בין אויך געגאַנגען צו מאָדערנע מלמדים וואָס האָבן געלערנט לייענען און שרייבן אידיש. איך פלעג זיך אָבער ביי זיי האַלטן ניט מערער ווי איין זמן.

אין שטעטל איז דער זיידע יאַנקל בונים געווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן בעל קורא. צוליב זיין קורצן אָטעם האָט ער זיך מיט דעם ניט געקענט קיין סך אָפּגעבן. צוליב כבוד וועגן, פלעגט אים זיין חבר און פריינט, בערל פישקע׳ס שוואָגער מרדכי שמעון, וועלכער איז געווען דער בעל קורא אין קאַווקאַזן בית מדרש, איינבעטן ער זאָל לייענען.

דער זיידע האָט מיין טאַטן און אויך דעם מוזיניק מאיר (דער וואָס איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָק פון דער באָמבע). אויסגעלערנט לייענען.

אַ בעל־מלאכה׳שער מנין האָט איינגעבעטן יאַנקל בונימ׳ען ער זאָל פאַר זיי לייענען. ווען דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט האָט איינער פון די זין געלייענט. סוף כל סוף האָט ער עס אויפגעגעבן. ער האָט אויף די זין זיך ניט געקענט פאַרלאָזן. מיין טאַטע איז זעלטן געווען אין דער היים און מאיר האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט די „ברידער און שוועסטער" און פירן אַ קאַמף ניט נאָר קעגן די רייכע, דער מלוכה, נאָר אויך קעגן גאָט.

יאַנקל בונים איז ניט געווען קיין אָפּגעלאָזענער. ער האָט ניט ליב געהאַט אויסגעפּוצטקייט, אָבער ער איז באַשטאַנען אויף זויבערקייט, איינגע־

ברודיגטקייט פלעגט ער ניט קענען פאַרטראָגן. מענטשן וואָס האָבן זיך ניט געהאַלטן ריין האָט ער אויסגעמיטן.

איך געדענק ווי דער זיידע האָט שאַרף אויסגערעדט דעם אינגסטן זון מאיר פאַר זיך ניט האַלטן ריין.

מאיר איז אפשר דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר. די נויט אין שטוב האָט אים אַריינגעיאָגט אין פאַבריק און ער האָט געמוזט העלפן שלעפּן דעם יאָך און פאַרגרינגערן די ביטערע אָרימקייט.

וואָס האָט געוואוסט אַט דער אינגל? ביי אים גיין אין פאַבריק האָט גע־מיינט אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער און דאָס וועט אים געבן אַ געלעגנהייט זיך איבערנעמען פאַר די אינגלעך אין זיין עלטער וואָס זיינען נאָך געגאַנגען אין חדר.

כדי צו באַווייזן אַז ער איז „אַ פאַבריטשנער", פלעגט מאיר אויסשמירן די הויזן מיט „דעגרע" („גריס") אַז דאָס פעטס איז פאַרטריקנט געוואָרן האָט עס געגעבן די הויזן אַ גלאַנץ.

מיטיק פלעגן די גאַרבערס גיין עסן אַהיים. די זויבערע האָבן איבער־געטאָן די מלבושים. מאיר האָט אָבער זיך געוואָלט אויסבאַרימען און אויס־שטעלן פאַר די אינגלעך, פלעגט ער קומען עסן מיטיק מיט די גלאַנציק־בלאַטיקע הויזן. דער זיידע איז זעלטן אין צייט פון דער מיטיק־שעה געווען אין הויז.

דורך אַ צופאַל איז דער זיידע אָנגעקומען ווען מאיר איז געווען אין הויז. ער איז אויפגעצאָרנט געוואָרן און האָט מאיר'ן מיטן האַרבן וואָרט אָנגעזאָגט ער זאָל זיך ניט דערוועגן מערער קומען מיט אַזאַ הילוך אין שטוב.

יאַנקל בונים האָט ניט ליב געהאַט זיך אויסשטעלן מיט זיין קענטשאַפט. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרליידן קיין עם־הארצות.

שבת בייטאָג אין בית מדרש פלעגן אידן זיך אַרומקלייבן אַ לערנער און אים אויסהערן. אידן האָבן געפרעגט קשיות און פאַרפירט וויכוחים.

יאַנקל בונים האָט זיך קיינמאָל ניט געזעצט ביי די טישן. ער פלעגט זיצן אָפּגערוקט אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטענדער און זיך צוהערן צום לערנער. אַ ניט־ריכטיקער טייטש האָט אים שטאַרק געאַרט און ער פלעגט זיך ניט שעמען אויסרעדן דעם לערנער.

יאַנקל בונים האָט געקענט די טעכניק פון אָנשרייבן „אַ פּראָשעניע". ער האָט אָבער אויסגעמיטן זיך פאַרנעמען מיט דעם און האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי זיך אַרויסדרייען. אָבער אַז מען איז צו אים צוגעשטאַנען האָט ער צוליב געטאָן.

רוסיש האָט ער גוט גערעדט און האָט ליב געהאַט צו פירן אין דעם לשון שמועסן. ביי זיין שוועסטער־קינד איטשע „ליא" אין הויז, צוליב דעם וואָס דער

פריסטאַוו און דער נאַזיראַטעל זיינען געווען דאָרטן איינגייער, איז רוסיש געווען די אומגאַנגס־שפּראַך. סיי איטשע ליא׳ס קינדער און איטשע אַליין פלעגן אַ סך מאָל מיטן ז״דן שמועסן אויף דעם לשון.

יאַנקל בונים האָט ניט געקענט פאַרטראָגן שנאה ביי מענטשן. ער האָט געלערנט זיינע קינדער זיי זאָלן אויסמיידן באַוווּסטזיניק ווערן פון שנאה און בייזקייט. ער פלעגט זיך טאַקע שנעל אויפהיצן און ווערן אין כעס. ער פלעגט זיך אָבער גיך אָפּקילן.

דער זיידע האָט ניט געקענט פאַרליידן קיין עוולה און פאַלשקייט און אַז ער האָט דערפילט דאָס מען וויל אים אָפּנאַרן פלעגט ער זיך אויפהיצן. אַז מען האָט געוואונען זיין צוטרוי איז ער אַנטקעגן געקומען מיט וואַרעמקייט און טיפער פריינטשאַפט.

יאַנקל בונים האָט ניט געהאַלטן אַז אַ מענטש דאַרף כסדר טראָגן אַ כעס. ער האָט אַפילו מוחל געווען דעם שמיד און די פויערים אין דאָרף וואָס האָבן געטויט זיין פאָטער און צעשטערט זיין פאַרמעגן. „גאָט האָט זיי גע־שטראָפט מיט בלינדקייט, טעמפּקייט און אומוויסנקייט״, פלעגט ער זאָגן.

דאָס וואָס ער האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן האָט אים געהאַלטן פאַר־בונדן מיט דער גרויסער וועלט, און האָט אויך גורם געווען אַז ער זאָל קענען זיין אָביעקטיוו און פריי פון קליין־שטעטלשער באַגרענעצטקייט.

אָט דאָס אַלץ האָט אים גרינגער געמאַכט צו איבערטראָגן דעם גרויסן און טראַגישן איבערקער אין זיין לעבן.

יאַנקל בונים האָט געוווּסט אַז עס קומען אָן נייע און אַנדערע צייטן. און ער האָט ניט געוואָלט און ניט געמאַכט קיין פאַרזוכן צו שטערן זיינע קינדער זיך פירן ווי זיי ווילן.

דער ענין יחוס, איז יאַנקל בונים׳ען ניט אָנגעגאַנגען. אים האָט ניט געאַרט וואָס זיינע זין חבר׳ן זיך מיט בחורים פון ניט קיין געהויבענעם שטאַנד.

גרויסע געשעענישן זיינען אָנגעלאָפן. אין שטעטל האָט זיך געקאָכט און געטומלט מיט די „בונטאַווטשיקעס״. די גאַרבאַרעס האָבן זיך געגרייט צום ערשטן סטרייק. די פאַבריקאַנטן זיינען געווען אומרואיק. וואָס עס טוט זיך האָבן זיי ניט געוווּסט גענוי, נאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס גרייט מען קעגן זיי צו.

ווי אַזוי בטל מאַכן די אסיפות פון דער יונגער חברה האָבן די באַלע־באַטים און פאַבריקאַנטן ניט געוווּסט. פאַרשטאַנען האָבן זיי אָבער, אַז די אויפהעצער שטאַמען פון באַלעבאַטישע היימען.

ווען די צוגרייטונגען צום ערשטן סטרייק זיינען אָנגעגאַנגען און אחדות איז געשאַפן געוואָרן צווישן די גאַרבאַרעס, האָבן אַ סך טאַטעס צוגעזען

מיט צער ווי זייערע קינדער חבר'ן זיך מיט די „זשוליקעס". ווי עס זיינען אָנגערופן געוואָרן די צעלאָזענע און אומ'יחוס'דיקע בחורים.

באַלעבאַטים וואָס האָבן געזען דעם זיידנס זין זיך מישן מיט די חברה לייט, זיינען געקומען צו יאַנקל בונים'ען אויסרעדן פאַר וואָס ער דערלאָזט עס.

— וואָס קען איך זיי טאָן? האָט יאַנקל בונים געענטפערט די באַלע־באַטים. זיי זיינען דערוואָקסענע בחורים און טראָגן שוין דעם עול פון פרנסה. זיי זיינען ב'אמת מקיים דעם — „בזעת אפיך תאכל לחם".

די באַלעבאַטים זיינען אויף אים געווען אש להבה. יאַנקל בונים'ען האָט עס אָבער ניט געאַרט. ער האָט געהאַלטן אַז ער דאַרף ניט צופרידנשטעלן די פאַבריקאַנטן און זיין צוליב זיי אַ זשאַנדאַר קעגן זיינע אייגענע קינדער. אויב זיי ווילן זיך חבר'ן מיט די בחורים, איז דאָס זייער זאַך.

# ערשטע אַגיטאַטאָרן אין קרינֿיק

פון זיבעצן קינדער וואָס די באָבע סימע פייגל האָט געבוירן, זיינען געבליבן אַכט; זעקס זין און צווי טעכטער.

אַז סימע פייגל פלעגט זיך דערמאָנען אין די קינדער וואָס זיינען ניט אויפגעוואַקסן, איז זי פאַרגאַנגען אין צער. זי האָט זיך ניט באַקלאָגט און ניט געוויינט, זי האָט געהאַלטן אַז עס איז באַשערט געווען דאָס קינדער אירע זאָלן ניט אויפוואַקסן, אָבער ווי געטאָן האָט עס איר. אַמאָל פלעגט זיך איר דוכטן אַז ווען אַלע קינדער לעבן, וואָלטן עטלעכע געבליבן אַרום איר. אַלע זיינען זיי אַוועק, איבער דער וועלט האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט און זי איז געבליבן אַליין.

יעדעס מאָל ווען אירס אַ קינד פלעגט פאַרשווינדן פון שטעטל איז איר אַ טיפער ווייטיק איבערגעבליבן. דער זיידע יאַנקל בונים האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף די קינדער לאָזן פאָרן. אין שטעטל איז אַ חלול און אַ יונגער מענטש מוז אַרויס אין דער וועלט אַריין. סימע פייגל האָט דעם מאַן ניט געוואָלט זיך שטעלן אַנטקעגן.

צעפאָרן זיינען די קינדער ניט דערפאַר וואָס זיי האָבן געוואָלט איבער־לאָזן טאַטע, מאַמע. די בייזע אָרימקייט און די סכנה פאַר דער פרייהייט און לעבן האָט זיי געיאָגט אין דער פרעמד אַריין.

וועגן עלטסטן זון אהרן וועלוול, וועמען דער זיידע האָט געשיקט צו קרובים קיין ביאַליסטאָק, ער זאָל זיך לערנען אַ מלאכה, זיינען אין שטעטל אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז ער בונטעוועט דאָרטן די וועבער אַרבעטער.

אין קרינֿיק איז ער זעלטן געקומען און פלעגט ווייניק לאָזן הערן פון זיך.

פלוצים, קיינער האָט זיך אויף אים ניט געריכט, האָט זיך אהרן וועלוול באַוויזן אין קרינֿיק.

דאָס וואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיק און האָט זיך געהאַלטן סודות׳דיק האָט שטאַרק געמאַכט די שושקערייען וועגן אים אַז ער איז גע־ווען פאַרמישט אין אַ וועבער־„סטאַטשקע" און האָט זיך אין ביאַליסטאָק גע־חבר׳ט מיט „בונטאָווששיקעס".

עטלעכע וואָכן נאָך אהרן וועלוול׳ס אָנקומען קיין קרינֿיק, איז פון גראָדנע אַריינגעפאָרן חיים לייזער, יונה דעם סטאָליערס. וועגן אים האָט מען געוואוסט אויף זיכער אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט געפערלעכע געדאַנקען וועגן די רייכע און דער מלוכה.

דאָס וואָס מען האָט גענומען זעןביידע בחורים צוזאַמען האָט אַרויסגע־רופן אַ פאַרשטאַרקטן חשד אַז אויף עפּעס ניט גלאַט האָבן זיי זיך פאַרלייגט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אַז די צוויי בחורים רודערן אויף די אינגערע גאַרבאַרעס. מען האָט אויך דערזען, אַז צופיל בחורים גייען צום פעלד אַרונטער און ווערן דאָרטן נעלם.

פאַרנומען זיך צו געבן די ערשטע אַגיטאַציע האָט אהרן וועלוול זיינע אינגערע ברידער משה בערל און חיים שלמה, וועלכע זיינען שוין געווען גאַרבאַרעס.

אהרן וועלוול פלעגט מיט זיי אַרונטערשפּאַצירן פרייטיק צונאַכט אויף סאָקאָלקער גאַס.

ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף זייער אָרימקייט און אויך אויף דער שרעק־לעכער לאַגע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די קרינקער גאַרבאַרעס.

דער מצב פון די גאַרבאַרעס איז דעמאָלט געווען אַ שרעקלעכער. דאָס וואָס מען האָט אָפּגעטאָן קעגן זיי, איז געווען ברוטאַלע און ווילדע רויבעריי.

אין די גאַרבאַרניעס איז געווען איינגעפירט אַ סיסטעם פון „מייסטארעס״. דאָס איז געווען אַ סאָרט „קאָנטראַקטאָרס״ וואָס קען נאָר צוגעגליכן ווערן צום קאָנטראַקטאָר־סיסטעם אין דער „סוועט־שאָפּ״ עפּאָכע. אין אַמעריקע אָבער איז עס געווען מילדער.

די „מייסטארעס״ פלעגן צושטעלן אַרבעט פאַרן פאַבריקאַנט. די קאָנט־ראַקטאָרס האָבן געדונגען און געצאָלט די אַרבעטער. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין די גאַרבאַרניעס וואָס האָבן באַלאַנגט צום פאַבריקאַנט. אָבער באַלעבאָס איבער די אַרבעטער איז געווען דער „מייסטער״.

אַ גאַרבערס העכסטע פאַרדינסטן זיינען געווען ביז צוויי רובל אַ וואָך. שכירות האָט מען אָבער ניט געצאָלט יעדן וואָך — נאָר עס האָט זיך פאַרצויגן דריי און אַמאָל זעקס חדשים.

אין צווישנצייט פלעגן די „מייסטארעס״ צוּוואַרפן אַ פּאָר גילדן (אַ גילדן איז געווען 15 קאָפּיקעס) געטאָן האָבן זיי עס ערשט דעמאָלט ווען אַן אַרבעטער איז צוגעשטאַנען מיט געוויין. נאָר אויסנאַמען האָבן דעם „מייסטער״ גערירט: ווען מען האָט געדאַרפט געלט פאַר אַ רופא; דאָס ווייב איז געלעגן געוואָרן; אַ ברית אָדער אַ חתונה.

די אַרבעטס־צייט האָט זיך אָנגעהויבן 5 אינדערפרי און האָט זיך גע־ענדיקט נאָר ווען דער „מייסטער״ האָט געשיקט אַהיים. דער געוויינלעכער אַרבעטס־טאָג איז געווען פון 5 פרי ביז 9 אָדער 10 אַזייגער ביינאַכט.

דאָנערשטיק האָט מען געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט און ביז אַ האַלבן טאָג פרייטיק. שבת גלייך נאָך הבדלה האָט מען ווידער געמוזט אָנהייבן אַרבעטן.

עס איז קלאָר אַז אַזאַ לאַגע האָט געשאַפן די אמת גינסטיקע געלעגנהייט פאַר די אַריינגעשיקטע אַגיטאַטאָרן.

אהרן וועלוול׳ס אינגערע ברידער, אימפעטיקע, סענטימענטאַלע און עמאָציאָנעלע אינגלעך, זיינען טיף און שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דער אַגיטאַציע און האָבן דעם ברודער׳ס רייד גענומען פאַרטרויען אַנדערע אינגלעך אין פאַבריק.

אין שטוב האָט אויך אַהרן וועלוול גענומען אַריינציען זיין פאָטער אין שמועסן וועגן דער לאַגע פון די גאַרבאַרעס. ער האָט זיך פאַררופן אויפן מצב פון די באַלעמעלאָכעס און די עוולות וואָס עס טוען אָפּ קעגן זיי פרומע אידן וועלכע האַלטן נאָר אין קלייבן מצוות.

דער זיידע האָט ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן וועגן די אַלע זאַכן. אהרן וועלוול האָט אים גענומען באַזאָרגן מיט ביכלעך, בראָשורן און פראָקלאַמאַציעס. ער האָט דעם זיידן געבראַכט איב קאַהאַנ׳ס פּאָפּולערן אַגיטאַציע ביכל — „רפאל נריצך״.

יאַנקל בונים׳ען זיינען גראַדע געווען געפעלן די רייד פון אהרן וועלוולען און אויך פון דעם וואָס קאַהאַן האָט געזאָגט דורך „רפאל נריצך״. ער האָט אָבער ניט געקענט מסכים זיין מיט דעם וואָס די מענטשן וועלכע זאָגן אַז זיי קעמפן פאַר יושר, פאַרנעמען זיך אויך מיט אַ קאַמף קעגן גאָט און קעגן אמונה.

„גאָט פון זיין טראָן, פלעגט דער זיידע זאָגן, קענט איר ניט אַרונטער־זעצן. אויב איר קעמפט טאַקע באמת צו מאַכן אַ סוף צום אומ׳יושר, קענט איר עס ניט טאָן אויב איר גלויבט ניט אין גאָט. גאָט און אידישקייט איז די העכסטע פאָרמע פון עטיק, און אָן עטיק קענט איר ניט איינפירן אַ ממשלה פון יושר, און יושר איז נאָר דער גלויבן אין גאָט און אידישקייט״.

דעם זיידן האָט ניט געאַרט וואָס זיינע בחורים׳לעך פאַרנעמען זיך מיט שאַפן אחדות צווישן די באַלעמעלאָכעס, ער האָט זיי נאָר אָנגעזאָגט זיי זאָלן זיך ניט אָפּקערן פון גאָט׳ס וועגן.

אַחוץ די צוויי אַגיטאַטאָרן — מיין פעטער אהרן וועלוול און חיים לייזער, יונה דעם סטאָליערס, זיינען אין קריניק שוין אויך געווען עטלעכע יונגע מענטשן וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר סאָציאַליסטן און האָבן זיך צוליב דעם אויפגעפירט קאָנספּיראַטיוו.

די דאָזיקע גרופּע יונגעלייט — דער ביאַליסטאָקער יאַנקל צאַלעס, לייזער הארקאַוויטשער, און זיין שוועסטער באַשקע די „געלע״ האָבן אויך געהאָלפן אין אַגיטירן די גאַרבאַרעס.

שפּעטער זיינען צוגעקומען און האָבן זיך מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט; הערשל פּינקע דעם שמש׳ס; גאַבייטשיקס טאָכטער; יאָסל אייזיק האַלפּערן, אברהם פּאַרצע, און איטשקע גראָדנער.

די אַלע נעמען האָבן ניט קיין באַדייטונג פֿאַר פרעמדע, באַזונדערס איצט, אין אָט דער שווערער, ברוטאַלער און צינישער צייט. אין יענע יאָרן אָבער, זיינען זיי געווען טיף אידעאַליסטישע בחורים און מיידלעך פון באַלעבאַטישע משפחות, וועלכע זיינען געווען גרייט זיך אַליין ברענגען פאַר אַ קרבן, כדי מאַכן מעגלעך, (אַזוי האָבן זיי געגלויבט) אַז דער אָרימער מענטש זאָל זיין פאַרזיכערט מיט „ברויט, גליק און פרייהייט״. זיי זיינען געווען די ערשטע אין קריניק וואָס האָבן אָנגעהויבן אויפקלערונג צווישן די דערשלאָ־גענע גאַרבאַרעס און זיי געלערנט קעמפן פאַר אַ גרינגערן לעבן און קעגן קנעכטשאַפט.

די אַלע אויפגעקלערטע און „באַוואוסטזיניקע״ האָבן איינגעטיילט די שטעטל אין ראַיאָנען און יעדער פון זיי האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט פון צוציען די יונגע מענטשן אין זיין ראַיאָן צו דער „אחדות באַוועגונג״. די אַגיטאַטאָרן פלעגן אויפזוכן די „יאַטן״ און זיי נעמען אויף שפּאַצירן אַרונטער סאַקאַלקער אָדער שישליוויצער גאַס און דאָרט האָט מען זיי געגעבן „אויפ־קלערונג״.

ווען די אויפקלערער האָבן שוין געהאַט געוואוסט אַז עס זיינען פאַראַן אַ הונדערט „פאַבריטשנע״ מיט וועלכע מען קען שוין זיין זיכער. האָט מען זיי צוזאַמענגעבראַכט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון די „סכאָדקעס״.

די צונויפזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען שבת בייטאָג, אין איינעם פון די שטעטלשע וועלדער; ווירניענס, יענטעס, אָדער אין „ראַזבאַניקער״. אָנגע־זאָגט האָט מען יעדן באַזונדער אַז ער זאָל צוקומען שטילערהייט צום באַ־שטימטן פונקט.

כדי ניט אַרויסרופן קיין חשד ביי די שטעטלשע, פלעגן די יונגע חברה גיין פאָרוויז און דורך פאַרשיידענע גאַסן און שטעגן.

אין וואַלד פלעגן זיך די גאַרבאַרעס אויסזעצן אין אַ האַלבן קרייז. אַן „אויפגעקלערטער״ אָדער אַן אַריינגעשיקטער אַגיטאַטאָר פלעגט האַלטן אויפ־קלערערישע רעדעס, לייענען פאַרן עולם ביכלעך אָדער פראָקלאַמאַציעס און אויך זיי מודיע זיין וואָס עס טוט זיך פון יענעם זייט קריניק. דאָרטן אין דער גרויסער וועלט שליסן אַרבעטער און אָרימע מענטשן אחדות און אַ בונד צו קעמפן אויף פאַרגרינגערן זייערע לעבנס.

נאָך די רעדעס האָבן זיך אַלע גענומען פאַר די הענט, געגעבן אַ שבועה און אין סימבאָל פון געמיינזאַמען בונד און אחדות האָבן זיי געזונגען קאַמף־לידער וואָס די אַגיטאַטאָרן האָבן זיי אויסגעלערנט.

# ערשטער גאַרבער סטרייק

איינדרוקספולע און אימפּאָזאַנטע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין וואַלד וואו אחדות איז געשלאָסן געוואָרן צווישן די פֿאַבריק אַרבעטער; דאָס זיינען געווען סצענעס וואו גלויבן און נאַאיוויקייט האָבן געגעבן אויסדרוק צו עמאָציע און פּאַטאָס.

דער איינדרוק פון ספּעקטאַקל ווען מען האָט געגעבן די שבועה איז געבליבן אין זכרון און אין די בלוטן פון די גאַרבאַרעס. די סצענע איז דורכ־געפירט געוואָרן מיט אַזאַ פייערלעכקייט אַז יעדער איינער איז געוואָרן באַ־ווירקט פון אַ טיף הייליקער דורכלעבונג.

די וואָס זיינען געווען אין וואַלד ווען די שבועה איז צום ערשטן מאָל אָפּגעגעבן געוואָרן, פלעגן עס יאָרן שפּעטער דערציילן מיט פּאַטאָס און גרויס בענקעניש.

מיין פעטער חיים שלמה, (היימאַן קאָהן) ווערט אַפילו איצט, באַיונגט און באַנייט ווען ער דערציילט פון די „שבועה־סצענעס". דאָס וואָס ער האָט מיר איבערגעגעבן, גיט מיר די געלעגנהייט זיי דאָ איבערצודערציילן.

„„אויפגעקלערטע" זיינען אין יענער צייט געווען אין קריניק ניט קיין סך. אידן זיינען געווען טיף פאַרוואָרצלט אין די שטייגערס און מנהגים פון אידיש לעבן און דאָס וואָס די אַגיטאַטאָרן האָבן זיי דערציילט און האָבן פון זיי פאַרלאַנגט, האָט געמיינט מרידה און אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג אין זייער לעבן און באַנעם.

די גאַרבאַרעס וועלכע מען האָט אָנגעהויבן אַגיטירן דורך אינטימע שמועסן אויף די שפּאַצירן, און שפּעטער, דורך „סכאָדקעס" אין וואַלד, זיינען נאָך אַלץ ניט געווען קיין זיכערער עלעמענט.

די אַגיטאַטאָרן האָבן געהאַט פאַר זיך צוויי צוועקן: פאַרשטאַרקן די אחדות און פאַרהיטן דאָס די פאַבריקאַנטן מיט די „מייסטאַרעס" זאָלן זיך ניט דערוויסן פון די הכנות.

די אינגערע וואָס זיינען שוין געווען אויפגעקלערט, האָבן דעמאָלט געקענט אַביסל פון אַגיטאַציע־זשאַרגאָן און האָבן שוין אויך געזונגען די ניגונים און די ווערטער פון די „ברידער און שוועסטער" לידער. פאַר די גרויסע „מאַסן" אָבער, זיינען די אַלע זאַכן נאָך געווען פרעמד.

ווען מ'האָט געמאַכט די ערשטע גרויסע „סכאָדקע" אין „ראַזבויניקער"

וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען אַן ערך 5 וויאָרסט פון שטעטל האָבן די פירער מיט דער הילף פון די „זיכערע עלעמענטן" צוגעגרייט אַן אמת'ן ספּעקטאַקל.

ווען די גאַרבאַרעס זיינען געזעסן אין האַלבן קרייז האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קול, וואָס איז געקומען פון נאָענט, אָבער דעם בעל דבר האָט מען ניט געזען.

דאָס קול האָט דערציילט פון שווערן לעבן און דער שקלאַפישער לאַגע אין וועלכער די פאַבריקאַנטן און „מייסטארעס" האַלטן די גאַרבאַרעס. דאָס וואָס דער קול קומט פון אַ פאַרבאַרגענעם ווינקל און מען קען ניט זען דעם פנים פון בעל דרשן, האָט געשאַפן אַ שטימונג פון מיסטעריע און גרויס נייגיר.

עס איז געשאַפן געוואָרן דער איינדרוק ווי עס וואָלט זיך אָפּגעשפּילט די סצענע ווי מיט להבדיל משה'ן אין מדבר ווען גאָט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט דורך זיין קול. עס האָט נאָר געפעלט דער ברענענדער דאָרן.

ווען דאָס קול איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט מען אַלעמען געבעטן זיך אויפצושטעלן און מאַכן אַ קרייז. אויף דאָס ניי האָט זיך דערהערט דער קול. „ברידער, האָט דאָס קול אויסגעשריען — איז אמת אַלץ וואָס איך האָב פאַר אייך גערעדט? יע! האָט מען געענטפערט. — ווילט איר שאַפן אחדות? האָט דאָס קול ווידער געפרעגט: מיר ווילן, האָט די מאַסע געענטפערט! — וועט איר זיך האַלטן אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע? מיר וועלן! האָבן זיי אויסגערופן; וועט איר אַלץ וואָס איר האָט געהערט האַלטן אַ סוד פון די פאַבריקאַנטן און מייסטארעס? — מיר וועלן! — אויב אַזוי וועט איר מוזן שווערן".

באַלד האָט זיך באַוויזן איינער פון דער חברה מיט אַ ספר און אַ פּאָר תפלין. ער האָט די הייליקייטן אויפגעהויבן אין דער הויך און די מאַסע האָט נאָכגעזאָגט דעם פאַרבאַרגענעם קול אַ שבועה צו האַלטן אחדות, און אַ סוד פון אַלץ וואָס איז גערעדט געוואָרן.

נאָך דער צערעמאָניע, האָט מען זיך גענומען ביי די הענט און די „אויפגעקלערטע" האָבן געזונגען; „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט, צו אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט, צוזאַמען, צוזאַמען די פאָנע איז גרייט זי פלאַקערט פון צאָרן פון בלוט איז זי רויט, מיר שווערן אַ שבועה אויף לעבן און טויט".

אויף תמיד זיינען געבליבן איינגעקריצט אָט די סצענעס ביי די וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין וואַלד.

אַז די „אחדות" באַוועגונג האָט גענומען זיך אויסברייטערן זיינען די אַריינגעשיקטע אַגיטאַטאָרן צוריק אַוועק קיין ביאַליסטאָק, די אַרבעט פון

אויפקלערן די גאַרבאַרעס איז איבערגעלאָזן געוואָרן צו די שטעטלשע „אויפ־געקלערטע״. די הויפּט אָנפירער זיינען דעמאָלט געוואָרן הערשל פּינקע דעם שמש׳ס, איטשקע גראָדנער און מיין פעטער משה בערל. אַקטיוו איז אויך געווען דער צווייטער פעטער חיים שלמה.

פאַרן יאָר וואָס עס האָט געדויערט די אויפקלערונגען און צוגרייטונגען, האָבן די פאַבריקאַנטן ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג פון דעם וואָס עס גייט באמת אָן צווישן די גאַרבאַרעס. זיי האָבן דערפילט נאָר אַז עפּעס רודערט זיך, געגנוי האָבן זיי אָבער ניט געוואוסט. די שבועה וואָס די אַרבעטער האָבן געגעבן ביים ספר און תפלין, איז הייליק אָפּגעהיט געוואָרן.

די אַרבעטער האָבן אַזוי שטאַרק געהאַלטן דעם סוד, אַז אַפילו ווען דער סטרייק איז אויסגעבראָכן, האָבן אַלץ די באַלעבאַטים געמיינט אַז דאָס איז ניט מערער ווי אַ מין שפּיצל פון דער חברה.

דער סטרייק איז געקומען צופעליק. דעם פאַבריקאַנטס הערשל גראָס־מאַנ׳ס אַ מייסטער האָט אַ פּאַטש געטאָן אַן אַרבעטער, און דאָס איז געווען דער סיגנאַל וואָס האָט אין צאָרן אויפגעהויבן די אַרבעטער אין אַלע פאַבריקן. צום ערשטן האָבן די גאַרבאַרעס אין גראָסמאַנ׳ס פאַבריק פאַרלאָזן די אַרבעט. דעם צווייטן אָונט, דאָס איז געווען אַ דינסטיק, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה פון אַלע גאַרבאַרעס און דאָרטן איז באַשטימט געוואָרן דאָס אויף מאָרגן זאָל קיינער ניט גיין אַרבעטן.

צום אָנהויב האָבן די פאַבריקאַנטן און די מייסטאַרעס געמיינט אַז דאָס איז אַ מין שפּאַס אַזאַ. זיי האָבן זיך געוויצלט און אָפּגעלאַכט פון די „סטאַטש־ניקעס״ עה, האָבן זיי געזאָגט, זיי וועלן ווערן הונגעריק, וועלן זיי קומען צוריק אַרבעטן. אַז אָט דער וואָונטש איז ניט מקוים געוואָרן, האָט מיין זיידן חיים אשר׳ס שוועסטער־קינד, אייזיק קרושענאנער, וועלכער איז געווען דעמאָלט פון די גאָר אָנגעזעענע באַלעבאַטים, געזאָגט: „מ׳וועט שוין זע איך מיט זיי גאָר ניט קענען אויפטאָן, ווייזט אויס אַז עס איז ביי דער חברה אַן אָפּגערעדטע זאַך״.

באַלעבאַטים זיינען אַלאַרמירט געוואָרן, און האָבן גלייך אויפגעהויבן דאָס שטעטל אין אומרו. זיי האָבן שמשים געשיקט אין די הייזער פון אַרבע־טער זיך דערקונדיקן פאַר וואָס זיי זיינען ניט געקומען אַרבעטן. דער ענטפער איז געווען ווי מען האָט אָפּגערעדט: „אָפּשאַפן די מייסטאַרעס; שכירות זאָל געצאָלט ווערן יעדן וואָך און דאָס דירעקט פון די פאַבריקאַנטן און די אַרבעטס־צייט זאָל זיין 12 שעה אַ טאָג — פון 7 פרי ביז 7 באַנאַכט״.

די פאָדערונג דאָס שכירות זאָל געצאָלט ווערן דירעקט פון פאַבריקאַנט איז געווען גאָר אַן ערנסטע.

(די „מייסטאַרעס״ אַחוץ דעם וואָס זיי פלעגן צאָלן די בידנע עטלעכע רובל שכירות ווען עס האָט זיך זיי געלוינט, האָבן אויך אַ סך מאָל אָדער

אַנגעזעצט דאָס געלט: דערקלערט זיך באַנקראָט; אָדער אַנטלאָפֿן אינגאַנצן מיט די שווער פֿאַרהאָרעוועטע פֿאַרדינסטן פֿון די אַרבעטער און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך פֿאַר די האָרעפּאַשניקעס אָננעמען).

אויף אַזאַ קראַמאַלע האָבן זיך די פֿאַבריקאַנטן ניט געריכט. זייערע אַן אסיפה האָט באַשלאָסן רופֿן די „מורדים" צום רב.

דער קרינקער רב ברוך לאַווסקי, זצ"ל, איז שטאַרק באַליבט ביי די אַרבעטער און אָרימעלייט ניט געווען. ער איז געווען זייער תקיף ביי די גבירים און זיי האָבן פֿון אים גאָר שטאַרק געהאַלטן. ער איז אויך געווען אַ רייכער איד און זיינער אַ זון וויגדער, איז געווען פֿון די גאָר גרויסע פֿאַבריקאַנטן. דער רב נאָך אים, ר' זלמן סענדער, איז פֿאַרקערט געווען אין שטענדיקן קריג מיט די גבירים און תקיפים און זייער שטאַרק באַליבט ביי די אַרבעטער. זלמן סענדער זצ"ל, האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן שם אין דער אידישער וועלט. ער האָט זיך שטענדיק איינגעשטעלט פֿאַר די באַלמעלאָכעס און פֿלעגט שטראָפֿן די פֿאַבריקאַנטן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַפֿילו צו דאַווענען אין בית המדרש וואו עס האָבן געדאַווענט די גבירים. ער פֿלעגט מתפּלל זיין אין „קאַווקאַזן בית המדרש" וואָס איז פֿאַר אַ צייט געווען אָנגענומען ווי די בית התפילה פֿון די אַרבעטער מענטשן. שפּעטער אַז תקיפים האָבן איבער־גענומען די גבאות פֿון דעם בית המדרש, איז ער געגאַנגען דאַווענען אין מנינים וואו באַלמעלאָכעס האָבן מתפּלל געווען.

וועגן זלמן סענדער'ן זצ"ל ווערט דערציילט אַז אויף דער פֿראַגע דאָס עס שטייט: „רבי מכבד את עשירים", איז זיין ענטפֿער געווען: „רבי האָט געוואוסט ווער עס איז אַן עושר, איך ווייס ניט".

דער רב ר' ברוך סטאַווסקי, האָט געשיקט רופֿן צו זיך הערשל פּינקע דעם שמש'ס וואָס איז געווען דעמאָלט אין דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון סטרייק.

ווען הערשל איז געקומען איז דער רב, געזעסן אַרומגערינגלט מיט אַלע פֿאַבריקאַנטן. ער האָט גלייך גענומען הערשלען שטאַרק אויסרעדן פֿאַר וואָס מען לאָזט אַז אידישע אַרבעטער זאָלן זיך באַטייליקן אין מרידה.

„אויף אייך וואונדערט מיך זייער שטאַרק, האָט ר' ברוך געזאָגט הערשל פּינקעס, איר קענט דאָך לערנען, פֿרעג איך אייך איז דאָס אַ יושר און אַ אידישער וועג ווי אַזוי שליכטן אַ סכסוך? אידן אַז זיי האָבן אַ טענה איינער צום צווייטן קומען זיי צום רב נאָך אַ דין תורה און דער רב פּסק'נט ווער עס איז גערעכט".

אויף דעם האָט אים הערשל פּינקעס געענטפֿערט: „רבי, אייך וואונדערט אויף מיר, און מיך וואונדערט אויף אייך. אַ דין תורה קען נאָר זיין ווען איינער האָט די מאַכט, און דער צווייטער האָט די רעכט. אָבער איצט איז גאָר אַן אַנדער געשיכטע — אַז מיר האָבן די מאַכט, זעט איר דאָך אַליין,

און אַז מיר זיינען גערעכט — זאָג איך אייך רבי אַז עס איז אַזוי. איז צו וואָס דאַרף מען אַ דין תורה?

„עס קען טאַקע זיין אַז איר זייט גערעכט, האָט ר׳ ברוך געזאָגט, און האָט מסתמא אויך די מאַכט אָבער איצט איז דאָך אין מיטן זמן, וואַרט ביזן סוף זמן, דעמאָלט וועט איר קענען דורכקומען מיט אייערע פאָדערונגען״.

הערשל האָט אים אויף גיך געענטפערט: „רבי, סטייטש רבי, איר זאָלט דאָס אַזוינס זאָגן? עס שטייט דאָך בפירוש: „פועל חוזר באותו היום״ און אַפילו אין מיטן שעה״.

הערשל פינקע דעם שמש׳ס האָט געפרעגט דעם רב פאַרוואָס ער פאַר־לאַנגט כסדר דאָס קהל זאָל אים געבן הוספות. ער האָט אים דערמאָנט אַז דער רב פאַר אים האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט ווינציק. ער האָט אים אויך אויפגעוואָרפן דאָס ער האַלט מיט די פאַבריקאַנטן ווייל ער איז אַליין אַן עושר און אויך דערפאַר וואָס זיין זון ווִיגדער איז אַ פאַבריקאַנט.

אָט די „חוצפה״ האָט ר׳ ברוכ׳ן און די באַלעבאַטים דערשטוינט. דער רב האָט גלייך געהייסן הערשלען פאַרלאָזן זיין שטוב.

זעענדיק אַז די אַרבעטער זיינען איינגעשפּאַרט און חוצפה׳דיק, האָבן די פאַבריקאַנטן מיט דער הסכמה פון רב, זיך געווענדט קיין גראָדנע צום גובערנאַטאָר. אין אַ וואָך אַרום זיינען קיין קריניק אָנגעקומען אַ מחנה זשאַנ־דאַרן מיט אַ זשאַנדאַרמערסקן פּאָלקאָווניק בראש.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אַז קרינקער האָבן געהאַט „געסט״ אַזויפיל פּאָליציי. די זשאַנדאַרן האָבן גלייך אָנגעהויבן זיך אויפפירן מיט טעראָר און רציחה. מ׳האָט געכאַפּט די סטרייק־פירער און זיי געשלאָגן מכת רצח. דאָס האָט נאָך שטאַרקער אויפגעבראַכט די באַלמעלאָכעס און דער קאַמף וואָס האָט צעטיילט דאָס שטעטל אין צוויי פיינטלעכע מחנות, איז געוואָרן ניט נאָר פאַרביסענער, נאָר אויך בלוטיקער.

די אָנפירער האָבן זיך גענומען אויסבאַהאַלטן. זייערע היימען זיינען באַפאַלן געוואָרן און אין צענדליקער אידישע הייזער איז מען ניט געשלאָפן רואיק דורך די נעכט, די מורא אַז זשאַנדאַרן וועלן באַפאַלן, האָט זיי גע־האַלטן אויפגערעגט און וואַך. הערשל פינקע דעם שמש׳ס און נאָך צענדליקער האָט מען אַרעסטירט און פאַרשיקט אין גראָדנער טורמע.

דעמאָלט האָט מען אין קריניק געזונגען שטילערהייט אין די הייזער פון די באַלעמעלאָכעס דאָס ליד; „טריט פון טיראַנען האָט זיך געטאָן הערן, צוועלף אַזייגער באַנאַכט, דעמאָלט האָט ביי אונז געטאָן פאַלן אַ שטערן, פונקט אַזאַ וואָס גלאַנצט אין דער נאַכט. ס׳איז אונז ניט פאַרטריקנט די טרערן פאַר די וואָס מ׳האָט אין סיביר אַוועקגעשיקט, דאַרפן מיר פלוצים אַ בשורה

דערהערן, אַז מ׳האָט שוין אַ נייעם ברוודער אַרעסטירט. ווי שווער, ווי עס טוט באַנג, צו לעבן אין אַזאַ לאַנד״.

די אַלע אָנפאַלן אויף די פירער פון דער „סטאַטשקע״ האָט אויך ניט אויסגעמיטן דעם זיידן. עטלעכע מאָל האָבן שווערע טריט און שטאַרקער קלאַפּן אין טיר אים געהאַלטן וואַך גאַנצע נעכט.

קיין סך צייט האָבן די זשאַנדאַרן ניט געדאַרפט אָפּגעבן צו זוכן ביים זיידן אין שטוב. דעם אָרימען ענגען חדר האָבן זיי איינס און צוויי אויסגעפּאַרשט. אַז זיי האָבן זיך איבערצייגט דאָס די וואָס זיי זוכן געפינען זיך ניט אין בעט און ניט אונטערן בעט און אויך ניט אין דעם איינציקן אַלמער, זיינען זיי אַוועק. אַוועק נאָר פאַר וויַיל, אויף מאָרגן זיינען זיי ווידער געווען ביים זיידן „צוגאַסט״.

נחום אַנשל, האָט גראַד געוואָלט האָבן איינזעעניש מיטן זיידן. ער האָט אים געשיקט רופן און אים פאַרגעלייגט ער זאָל זען אָפּרעדן די בנים זיינע פון „מישן זיך מיט די ׳בונטאָוושטשיקעס׳ ״. דער זיידע האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער קען גאָר ניט אויפטאָן, זיינע זין וועט ניט העלפן קיין שטראָף־רייד. זיי ווייסן שוין וואָס זיי טוען און אַנשמייסן זיי קען ער ניט.

# סטרייקער לאָזן ניט דאַוונען

די פאַבריקאַנטן האָבן מיט גוואַלד און דער הילף פון זשאַנדאַרן זיך פאַרנומען צעברעכן דעם סטרייק. זיי האָבן אַריינגעבראַכט גאַרבאַרעס פון די אַרומיקע שטעטלעך און אין קריניק איז געוואָרן אַ חורבן.

דער חילול איז געווען גרויס; סטייטש אידן קעגן אידן? אומברענגען און אָפּטאָן רשעות קעגן אידישע משפחות?

די באַלעמעלאָכעס האָבן זיך צוזאַמענגענומען און זיינען שבת אַוועק אין גרויסן בית מדרש וואו די פאַבריקאַנטן האָבן געדאַוונט, ניט לאָזן לייענען.

דעם צווייטן שבת איז שוין די בית התפילה געווען באַוואַכט פון זשאַנדאַרן, די באַלעמעלאָכעס מיט ווייבער און קינדער האָבן זיך אָבער אַריינגעריסן; אַ חילול איז באַגאַנגען געוואָרן; די יונים האָבן געשלאָגן אידן און אַ גרויסע צאָל אַרעסטירט. דאָס שטעטל איז אויפגעשטורעמט געוואָרן. דער צאָרן און די יללות האָבן געצוואונגען מען זאָל די אַרעסטירטע אָפּלאָזן.

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשוואַכט דעם טעראָר און נישט אָפּגעשטעלט האָבן זיך די באַנאַכטיקע „אַביסקעס". יונגוואַרג וועלכע די זשאַנדאַרן האָבן געטראָפן אינדערהיים זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

אויפן שטעטל האָט זיך אַרויפגעלייגט אַ שפּאַנונג און אָנגעשטרענגטקייט. געשלעגן זיינען פאָרגעקומען צווישן אַריינגעבראַכטע סטרייקברעכער און די „סטאַטשניקעס".

ביטערקייט פון אידן קעגן אידן האָט געפליצט אַרויס פון יעדן איינציק שטוב אין שטעטל. די סטרייקברעכער וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין די פאַבריקן, זיינען ווען מען האָט זיי אָפּגעלאָזן אויף שבת, זיך צעלאָפן צו זייערע שטעטלעך.

די פאַבריקאַנטן זעענדיק אַז זיי קענען גאָר ניט אויפטאָן מיט אידן פון דערבייאיקע שטעטלעך, האָבן געשיקט שליחים קיין סמאַרגאָן, קיין ראַמאַנאָווקע, וואָלינער גובערניע, און בערדיטשעוו, איינצורעדן גאַרבאַרעס זיי זאָלן קומען קיין קריניק.

ווען די „סטאַטשניקעס" האָבן זיך דאָס דערוואוסט, האָבן זיי באַשלאָסן אַז בלוט וועט זיך גיסן, די דאָזיקע פרעמדע וועלן אין קריניק ניט אַריינגעלאָזן ווערן.

כדי ניט דערלאָזן, אַז די פאַרפירטע אידן זאָלן אָנקומען אין שטעטל, איז בויטיק געווען באַוועגונג־מענטשן זאָלן זיי אָפּהאַלטן אין ביאַליסטאָק.

פאַר דער שליחות האָט מען אויסגעוויילט מיין פעטער משה בערל. ער האָט געדאַרפט אָנזאָגן זיין עלטערן ברודער אהרן וועלוול, וועלכער איז געווען אַן אָנפירער אין ביאַליסטאָקער „באַיעוואָי אָטריאַד" (די שוץ גרופע פון דער באַוועגונג), אַז ער זאָל זען מען זאָל אָפּשטעלן די פרעמדע אַרבעטער ווען זיי וועלן אָנקומען אויפן וואָקזאַל.

משה בערל דער 15 יאָריקער בחור'ל, האָט מיט אַ שטיקל ברויט אין קעשענע זיך געלאָזן צופוס קיין ביאַליסטאָק.

ביאַליסטאָק פון קריניק איז געווען אַן ערך זיבן רוסישע מייל, אָדער אַרום 50 וויאָרסט. אַזאַ מהלך האָט געדאַרפט נעמען עטלעכע טעג גאַנג. משה בערל איז אָבער ניט געגאַנגען; דער אימפעט, די יוגנט און דער גלויבן, האָט אים אונטער'געאיילט און געיאָגט. ער האָט ניט גערוט. ער איז געלאָפן און האַסטיק געשפאַנט טאָג און נאַכט. אויפן וועג האָבן אים פויערים געלאָזן זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ פור. אין צוויי מעת לעת איז ער אָנגעקומען קיין ביאַ־ליסטאָק.

אהרן וועלוול מיט זיין חברה האָבן אָפּגעוואַרט דעם באַן, און אויף די וואָס מען האָט ניט געווירקט, האָט מען מיט גוואַלט געצוואונגען זיך אומ־קערן צו זייערע היימען. די סמאַרגאָנער, ראַמאַניוקער און בערדיטשעווער האָבן קריניק ניט דערגרייכט.

ווען די פאַבריקאַנטן האָבן געזען דאָס זיי קענען ווינציק אויפטאָן. האָבן זיי געלאָזן וויסן די באַלעמעלאָכעס זיי זאָלן קומען אַרבעטן, מען וועט זיי געבן אַלץ וואָס זיי ווילן.

דער ערשטער קרינקער גאַרבער סטרייק איז געוואונען געוואָרן!

דעם סטרייק האָבן די באַלעמעלאָכעס געוואונען. דער זיידע יאַנקל בונים האָט אָבער פאַרלאָרן. די זין זיינע האָבן זיך דערקונדיקט אַז אַ סטרייק איז אַ מין איבונג פאַר דער גרויסער איבערקערעניש ווען די אַרבעטער וועלן זיך צוזאַמענעמען, צעשטערן, ווי מען האָט עס דעמאָלט אָנגערופן: „דעם קאַפּיטאַליזמוס" און דער „סאַמאָדערזשאַווי" (זעלבסטהערשאַפט).

די אַרבעטער זיינען געווען צופרידן וואָס זיי וועלן קריגן זייערע שכירות יעדן וואָך; וואָס מען האָט אָפּגעשאַפט די „מייסטאַרעס"; וואָס זיי אַרבעטן ניט מערער ווי פון זיבן ביז זיבן. דעם זיידנס זין זיינען אָבער ניט געווען צופרידן מיט דעם. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אויפרייצן קעגן די גבירים און דער „סאַמאָדערזשאַווי". עס האָט ניט גענומען לאַנג און פּאָליציי האָט אויף דאָס ניי גענומען וועקן אין די נעכט דעם זיידנס הויזגעזינד.

דער אינגסטער זון חיים שלמה האָט געמוזט עוקר זיין קיין ביאַליסטאָק. דאָרטן האָט אים זיין עלטסטער ברודער אהרן וועלוול אויסבאַהאַלטן. אָבער ער האָט אים אויך גענומען צוזאַמענפירן מיט די אָרטיקע בונדיסטן.

אַ קוואַרטיר וואו עטלעכע רעוואָלוציאָנערע יונגעלייט האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט איז באַפאַלן געוואָרן פון פּאָליציי און אַלע זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג ווען מען האָט די אַרעסטירטע געפירט פון דער ביאַליסטאָקער טורמע, וואָס האָט זיך געפונען אויף וואַשליקאָווער גאַס (אין רוסיש — „ניקאָלאַיעווסקי אוליצאַ״) צום איספּראַווניק פאַר אַן אויספאָרשונג, איז אהרן וועלוול מיט אַ גרופּע באַפאַלן די וואַך און אַלעמען באַפרייט.

אהרן וועלוול האָט פאַרבאַהאַלטן חיים שלמה׳ן אין וועבער פאַבריקן. געשלאָפן איז ער אויך דאָרטן. די מיידלעך שפּוליאַרקעס, האָבן מיט אַ כיוון געאַרבעט באַנאַכט כדי זיי זאָלן קענען דינען ווי אַ מין שוץ פאַר רעוואָ־לוציאָנערן וועלכע האָבן זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי.

לאַנג האָט מען חיים שלמה׳ן ניט געקענט האַלטן אין די פאַבריקן. די באָבע סימע פייגל איז געקומען שאַפן געלט צווישן אירע רייכע קרובים — די באַרישעס אויף אַוועקצושיקן חיים שלמה׳ן פון רוסלאַנד. ער איז אַוועק פריער קיין לאָנדאָן און שפּעטער קיין אַמעריקע. אַדאַנק אים איז די גאַנצע משפחה אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע. ער האָט פאַר זיין געלט זיי אַלעמען געבראַכט. אַריבערגענומען צו זיך האָט ער אויך זיין געליבטע יאכע פייגל ע״ה, אַ גרויס פאַרשוין און זייער אַ קלוגע. באַקאַנט האָט ער זיך מיט איר אין דער באַוועגונג און וועגן זיי קען מען זאָגן ווי אין די ראָמאַנסן — זיי האָבן זיך געפירט מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט אויפן שטייגער פון זיידן יאַנקל בונים און דער באָבען סימע פייגל.

פון דעם פעטער חיים שלמה האָבן מיר עס גע׳ירש׳נט דעם נאָמען — „קאָהן״. אַ לאַנדסמאַן קאָהן, צו וועמען חיים שלמה איז פאַרפאָרן אין ניו־יאָרק, האָט אים גע׳עצה׳ט בייטן פון נאָמען — „קרינקער״ אויף „קאָהן״.

יאַנקל בונים׳ס עלטסטער זון אהרן וועלוול, האָט פאַר די קרינקער יונגוואַרג וואָס האָבן געדאַרפט אַנקומען קיין ביאַליסטאָק, געדינט ווי אַ מין פאַרשטייער צווישן זיי און דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג.

אהרן וועלוול, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס און פעסטן פּנים, איז גע־ווען אַן אויסערגעוויינלעכער העלד. געוואַגט, אומדערשראָקן האָט ער פּאַקטיש ניט געוואוסט פון פּחד. ווען ער איז געווען אין דער אָנפירערשאַפט פון ביאַליסטאָקער „באַיעוואָי אָטריאַד״ האָבן די וועבער פאַבריקאַנטן און די פּאָליציי געציטערט.

אהרן וועלוול איז געווען פאַרשיקט אין סיביר אויף פיר יאָר פאַר אַן אַטענטאַט וואָס ער און נאָך עטלעכע האָבן געמאַכט אויף אַ וועבער פאַבריקאַנט.

דער פאַבריקאַנט נחום קאַלנער, פלעגט באַקעמפן די אַרבעטער מיט רציחה און פאַרביסנקייט ניט נאָר אין זיין פאַבריק, נאָר בכלל.

אין גרויסן וועבער סטרייק פון יאָר 1895 — אָדער 1896, האָט ער געשפילט אַ ביטערע ראָלע. ער איז געווען דער ראש המדברים פאַר די וועבער פאַבריקאַנטן, און האָט זיי ניט דערלאָזן צו גרייכן אַ פשרה מיט די אַרבעטער. קיין שום וואָרנונג האָט אים נישט אָפּגעשראָקן. פאַרקערט, ער איז געוואָרן מערער פאַרביסענער און איינגעשפּאַרטער. אין היץ פון סטרייק האָט ער צו דער פּאָליציי פאַר׳מסר׳ט עטלעכע בחורים. דאָס האָט פאַרזיגלט זיין גורל.

אַ שבת צו נאַכט, ווען דער נחום קאַלנער, איז געגאַנגען פון דאַוונען, האָבן אים עטלעכע חברה אָפּגעוואַרט נעבן זיין וואוינונג אין סאַראזער גאַס, אויף „זאַוויקערס הויף", און אים דערשאָסן.

צוזאַמען מיט אהרן ווערלווען האָט מען אַרעסטירט נאָך עלף פירער פון „באַיעוואָי אָטריאַד". גע׳משפט האָט מען פינף און אהרן ווערלווען האָט מען פאַר׳משפּט אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף פיר יאָר אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין אירקוטסקער גובערניע.

אין פאַרשיקונג איז מיט אים אַוועק זיין געליבטע. אין מאָסקווער „בוטירקע" טורמע האָבן זיי חתונה געהאַט. אויף איר פאַרלאַנג און נאָכן משפט איז זי גלייך ווי אַלע אַרעסטאַנטן געגאַנגען קיין סיביר מיטן עטאַפּ.

אין פאַרשיקונג האָט זי געבוירן צוויי קינדער — אַ אינגל און אַ מיידל. איך געדענק נאָך ווי די קינדער סאַשאַ און העלענאַ מיט זייער מוטער, זיינען פון סיביר געקומען קיין קריניק.

אהרן ווערלוולס געליבטע מירטשע, אַן אַקטיווע און איבערגעגעבענע טוערין אין דער באַוועגונג, איז געגאַנגען קיין סיביר מערער צוליב רעוואָלוציאָנערער מאָדע ווי צוליב ליבשאַפט צו אים.

געווען איז מירטשע אַ ראָמאַנטישע מיידל. אין איר האָט זיך אַחוץ אהרן ווערלוולען געליבט נאָך אַ בחור ניאָמקע. דער בחור איז איר גראָדע געווען מערער געפעלן און זי האָט זיך געהאַלטן נענטער צו אים.

דאָס וואָס אהרן ווערלוול איז פאַר׳משפט געוואָרן צו פאַרשיקונג, האָט גורם געווען אַז מירטשע זאָל זיך אָפּפרעמדן פון ניאָמקען און זיך פאַרבינדן מיט אהרן ווערלווען.

צרות פון די זין האָט זיך פאַר יאַנקל בונים׳ען ניט געענדיקט. גרויס עגמת־נפש האָט אים גענומען פאַרשאַפן דער זון משה בערל.

אין די צוגרייטונגען פאַרן צווייטן קרינקער גאַרבער סטרייק, האָט משה בערל גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין „בונד", און האָט זיך שוין פאַרנומען מיט געבן אַגיטאַציע די גאַרבאַרעס.

דער צווייטער סטרייק איז פאַר די פאַבריקאַנטן שוין נישט געווען קיין פּלוצימדיקע דערשיינונג. זיי זיינען ניט געווען אַזוי צעטומלט און פאַרלאָרן ווי אין ערשטן סטרייק, און האָבן זיך פאַרנומען צו באַקעמפן די „סטאַטש־ניקעס" מיט אַ גרויסער פאַרביסנקייט און אכזריות.

די ערשטע זאַך וואָס די פּאָליציי האָט געטאָן איז פאַרנעמען אַלע פירער. משה בערלען האָט מען פינף טעג געפּייניקט אין קרינקער „רעשאָטקע" (שטעטלשע תפיסה). מען האָט אים אָפּגעשלאָגן די לונגען, און ווען ער איז אַרויס פריי, האָט ער געשפּיגן מיט בלוט.

דער זיידע האָט זיך אָנגעזעצט אויפן זון ער זאָל אַנטלויפן פון קרינִיק. משה בערלען פאַרקליידט אין ווייבערישע מלבושים, האָט מיין מאַמע ע"ה אונטערן אָרעם אַרויסגעפירט ווייט אַרויס פון שטעטל.

אהרן װעלוול איז שוין דעמאָלט געווען אין תפיסה. האָט משה בערל נאָך עטלעכע וואָכן זיך וואַלגערן ביי די ביאַליסטאָקער קרובים, פאַררייזט קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן, איז משה בערל שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן, און דער גרויסער מענטש און הומאַניטאַר פּעטער קראָפּאָטקין, האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז און אים געהאַלטן ביז זיין ברודער חיים שלמה האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע.

קראָפּאָטקין האָט זיך מיט משה בערלען באַקאַנט אין דער ביבליאָטעק וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן אויפגעהאַלטן אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל, אין קאָ־מוירשל ראָוד.

אין דער ביבליאָטעק פלעגן זיין תושבים — קראָפּאָטקין, טעפּלאָוו, טשייקאָווסקי, עמאַ גאָלדמאַן, ווען זי פלעגט קומען קיין לאָנדאָן.

די גרופּע פון אָנגעזעענע רעוואָלוציאָנערן פלעגט מקרב זיין אַלע רוסישע פּאָליטיש־אַנטלאָפענע. אַזוי ווי משה בערל איז אויך געווען קראַנק פון דער פּאָליציייאישער פּייניקונג אין קריניק, האָט קראָפּאָטקין אים אַריינגענומען צו זיך. ער האָט אויף אים אַכטונג געגעבן און אים בפועל ממש געשטעלט אויף די פיס.

# די גאַס „קאַווקאַז"

לאַנג האָט גענומען איידער איך האָב זיך געקענט צוגעוואוינען צו מיין טאַטן ווען ער איז געקומען פון די זעלנער. בשום אופן האָב איך ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם זיידן חיים אשר און דער באָבע ריווע, וואָס מיר זיינען זיי געווען — טאַטע און מאַמע.

עס האָט מיר לאַנג גענומען צו פועל'ן אַז דער מאַן מיטן „קאַמעץ"־בערדל, (וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צוגעקלעפּטע פּיצל פּלאַסטער ביים אונטערשטן ליפּ) וועלכן מען האָט מיר געהייסן רופן — „פּאַפּאַ" איז גאָר מיין טאַטע.

מאַנאַטן האָט גענומען מיר איינצורעדן און איינצובעטן איך זאָל זיין אין שטוב וואו מיינע עלטערן האָבן געוואוינט.

די דירה וואָס די מאַמע האָט געדונגען ביי אַלטער מילב, איידער דער טאַטע איז געקומען, איז געווען פאַררעכנט פון די בעסערע. די נייע מעבל מיטן אויסטערלישע אַלמער, וואָס מען האָט פאַרפיינערט אויף „שאַפע", און דער גרויסער לאָמפּ מיטן אַבאַזשור, האָט געגעבן דער דירה אַן אויסזען פון האַלב גביר'ישקייט.

די דירה איז געווען אַרונטער „קאַווקאַז".

די גאַס האָט געהאַט אַ שלעכטן נאָמען און אַז מען פלעגט זאָגן — „קאַווקאַז" האָט מען עס גלייך פאַרבונדן מיט די „וואוילע יונגען" וואָס האָבן דאָרטן אַמאָל געוואוינט.

די איינוואוינער האָבן זיך שוין לאַנג געביטן. די באַנדע „אחים" וואָס דורך זיי האָט עס די גאַס געקראָגן דעם שלעכטן שם, זיינען שוין פון לאַנג ניט געווען. נאָר עלטערע אידן האָבן געדענקט די צייטן ווען די „אחים" האָבן געהערשט און געשראָקן דעם גאַנצן געגנט אַרום קריניק. אָבער „קאַווקאַז" איז געבליבן קאַווקאַז און איינוואוינער פון שטעטל האָבן צו „קאַווקאַזער" געהאַט אַ ביסל חשד און ביטול.

קאַווקאַז איז ניט געווען איין גאַס, נאָר אַ קייט פון עטלעכע גאַסן וואָס האָבן געהאַט די פאָרמע פון אַ „חית". אויף די גאַסן האָבן געוואוינט גאָר באַלעבאַטישע מענטשן. פון דער גרופּע גאַסן איז אָבער געווען איינע וואָס איז געווען פאַררעכנט ווי אמת'ער „קאַווקאַז". די דאָזיקע גאַס — אָדער געסל, איז געווען אַ מין „דעד־ענד".

אַרויפצו „קאַווקאַז" האָבן געוואוינט פאַרמעגלעכע און באַלעבאַטישע פאַמיליעס. אין יענעם טייל האָט אויך געוואוינט דעם זיידן יאַנקל בונים'ס

שוועסטער קינד בערל פישקעס, וועלכער איז געווען דער „סטאַראָסטאַ" פון שטעטל.

אַרונטער אָבער, האַרט ביי אַ קליינעם בלאָטיקן דורכגאַנג איז געלעגן „זשאַבע געסל". אין אַן ערך פופצן צי צוואַנציק הייזער האָבן געוואוינט די ביסל „אומ׳יחוס׳דיקע" וואָס זיינען באַטראַכט און באַהאַנדלט געוואָרן ווי די „אַנטאַטשאַבלס" ביי די הינדוסן.

די מענטשן האָט מען גערופן — „קאַפּיצעס". באַטראַכט און געקוקט אויף זיי האָט מען ווי אויף אומווירדיקע און אויסוואורפן.

די „קאַפּיצעס" זיינען געווען פערד־הענדלער און פערד גנבים. צווישן זיי זיינען אויך געווען „קעשעניקעס". מיט איין וואָרט, כמעט דאָס גאַנצע ביסל קרינקער „אונטערוועלט" האָט זיך געפּלאָדיעט אין די עטלעכע הייזער און דעם בלאָטיקן שטעגל אַרונטער קאַווקאַז.

די קינדערלעך פון די קאַפּיצעס זיינען געווען רוישיקע, געוואָגטע, פאַרשייטע יאַטן און גרויסע שלעגער. סיי זומער און סיי ווינטער זיינען זיי אַרומגעלאָפן באָרוועסע, פאַרברודיקטע און אומגעוואַשענע און אַ סך זיינען געווען באַצירט מיט פאַרפּאַשיוועטע קעפּ.

זיי זיינען געווען די שויבן־ברעכער; די פּרוכט־רייסער; די וואָגן־נאָכלויפער און דער שרעק פון אַלע אינגלעך.

ביי חתונות זיינען זיי געשטאַנען הינטער די פענצטער און ווען מען האָט חתן־כלה געפירט צו דער חופּה אויפן שול־הויף, זיינען זיי געלאָפן אין פאָראויס און געצונדן פייער־ווערק.

אויף חתונות פלעגן זיי אָפּטאָן פאַרשיידענע שטיק; שטעכן די מחותנים מיט שפּילקעס; פאַרבינדן ווייבערשע קליידער איינע צו דער צווייטער. אין אַלע סקאַנדאַלן זיינען זיי געווען אין פאָראויס און אין אויבנאָן.

די וואוינונג אונזערע ביי אַלטער מילב, איז געשטאַנען האַרט ביים גרע־נעץ וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס אויבערשטע קאַווקאַז פון בלאָטיקן שטעגל וואו עס האָבן געוואוינט די „קאַפּיצעס".

די שכנות איז געווען אַ נאָנטע און פאַר אַזאַ אינגל ווי איך בין געווען, אַ הייסער, ווילדער און קאָכיקער איז געווען אוממעגלעך זיך האַלטן אָפּגע־זונדערט און אויסמיידן די „זשאַבע געסל" יאַטן.

ווען איך וואָלט עס אַפילו געוואָלט, וואָלט איך עס ניט געקענט באַווייזן. די יאַטן וואָלטן מיר צעבראָכן די ביינער; זיי האָבן פיינט געהאַט אַז מען האָט זיך געהאַלטן פאַרריסן קעגן זיי. איך וואָלט פּשוט איינגעשטעלט דאָס לעבן ווען איך בלאָז זיך מיט גדלות.

ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען צושטיין צו די אינגלעך; פון אָנהויב האָב איך פאַר זיי שטאַרק מורא געהאַט; זיי פלעגן מיר אַרונטעררייסן דאָס היטל און פון אונטער דער ערד זוכן ווי אַזוי זיך פאַרטשעפּען מיט מיר.

פון חדר בין איך אַ שטיקל וועג ביזן הויז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. אויסגעזעצט אויף קלעצער אָדער גאַניקעס האָבן זיי מיך אָפּגעוואַרט. ווען זיי פלעגן מיך דערזען האָבן זיי זיך אַ יאָג געטאָן נאָך מיר. איך פלעג אַריינלויפן אין הויז אַ האַלב־טויטער.

איך פלעג זיך שטעלן ביים פענצטער זען וואָס זיי טאָן. זיי האָבן געמאַכט צו מיר פאַרשיידענע גרימאַסן, האָבן זיך געקרימט און געשריען: „בו, בו!"

צו לאַנג האָט אַזוי ניט געקענט אָנגיין און איך האָב באַשלאָסן מיט זיי שלום מאַכן.

איינמאָל ווען זיי האָבן מיך אַ יאָג געטאָן, בין איך געבליבן שטיין. דאָס האָט זיי פאַר אַ ווײַלע פאַרגליווערט און דערשטוינט. זיי האָבן זיך איבער־געקוקט. דער שטאַרקערער פון די אינגלעך איז האַרט צוגעגאַנגען צו מיר און האָט אַ ברום געטאָן: „נו!" — וואָס נו? האָב איך געפרעגט. ער האָט אויסגעפּלאַצט מיר גלייך אין פּנים אַריין — „ווער מיינסטו ביסטו? ביי אונז זיינען ניטאָ קיין יחסנים, אַלע זיינען דאָ גלייך, וואוינסט אויף קאַווקאַז דאַרפסטו זיין אַ קאַווקאַזער!".

— וואָס ווילסטו פון מיר? האָב איך געפאָרשט. אַ צאַצקע, האָט ער אויסגעשריען.

דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז איך דאַרף אים צאָלן אַ מין סאָרט „קאָנטריבוציע" פאַר אָנהאַלטן „פרידן" מיט מיר.

ווען איך פלעג אים ברענגען די „צאַצקע" האָט ער מיך זיך געלאָזן צוזעצן אויף די קלעצער. און שפּעטער צו האָבן מיך די אינגלעך אַריינגענומען אין זייער „קאָמאַנדע".

אַז איך האָב עסקים מיט דער חברה האָט זיך ערשט מיין מאַמע דערוואוסט ווען מיין ברודער מאיר איז געבוירן געוואָרן.

אָנשטאָט צו ברענגען אינגלעך פון מיין חדר לייענען קריאת־שמע פאַר דער קימפּעטאָרין, האָב איך געבראַכט די כאַפּטע קאַווקאַזער אינגלעך. איך האָב געוואָלט זיי זאָלן קריגן די אַלע נאַשערייען — ווי צוקערקעס, יאַדרעס און טאָרט וואָס מען האָט נאָך קריאת־שמע לייענען צעטיילט די קינדער.

ווען די מאַמע האָט דערזען די פאַרברודיקטע, באָרוועסע און צעשווי־בערטע יאַטן, איז איר זיכער דער קימפּעט פאַרשטערט געוואָרן.

„זשאַבע־געסל" יאַטן האָבן זיך ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדט אין ווילדקייט און אָנטאָן היזקות. זיי האָבן אויך ווי אַלע קינדער ליב געהאַט הערן און זיך דערציילן מעשיות און אויך חלומ׳ען פון ווייטע לענדער און מאָדנע אַנדערש־דיקע מענטשן.

אין זומער באַנאַכטן פלעגן די „זשאַבע געסל“ אינגלעך זיך אויסזעצן אויף קלעצער אָדער גאַניקעס און מיט נייגיר אויסהערן מעשיות וואָס אַ אינגל וועלכער האָט געקענט דערציילן האָט איבערגעגעבן.

די מערסטע מעשיות זיינען געווען פון שדים און רוחות, פון לאַפּיטוטן און פּיפּערנאָטער; פון גיהנום און די רשעים וואָס בראָטן זיך אין אים; פון די מתים וואָס קומען יעדע נאַכט אין דער קאַלטער שול פּונקט נאָך צוועלף אַזייגער אינמיטן נאַכט, טוען זיך אָן טליתים, רופן אויף צו דער תורה און דאַוונען ביז דער לעצטער שטערן פאַרשווינדט.

געווען אינגלעך וואָס האָבן עדות געזאָגט אַז זיי אַליין האָבן געהערט קולות פון מתים וואָס זיינען געקומען פון דער קאַלטער שול.

אויף יעדער זאַך און אין יעדער דערשיינונג האָבן די יאָטן אַריינגעטייטשט פאַרשיידענע באַדייטונגען און אָנווייזונגען. אַ גליאיק־רויטער זון־אונטער־גאַנג איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ סימן פון אָנקומענדע מלחמות.

די אינגלעך פלעגן זינגען לידער, מיט ווערטער און ניגונים אָנגעפילט מיט בענקעניש און מיסטעריע.

ניט אַלע אינגלעך וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף די קלעצער, האָבן אָפּגעשטאַמט פון די „קאַפּיצעס“. אַ סך זיינען צוגעשטאַנען צו דער „קאַמאַנדע“ אַזוי ווי איך.

די פירער זיינען געווען אינגלעך פון די אַנדערע קאַווקאַזער גאַסן און גראַדע ניט פון „זשאַבע געסל“.

דער הויפּט־אָנפירער איז געווען יאַנקע קאַטיוט. פאַר וואָס מען האָט אים געגעבן דעם צונאָמען, ווייס איך ניט.

יאַנקעס טאַטע איז געווען אַ מלמד, אַ גרויסער אָרימאַן און זיין איינציק פאַרמעגן איז געווען אַ ציג.

סיי דער מלמד, זיין ווייב און יאַנקעס ברידער און שוועסטער זיינען גע־ווען רואיקע און געלאַסענע מענטשן. ער אָבער איז געווען אַ קאָך, אַ פייער אַ אינגל.

אַרומגעגאַנגען איז ער שטענדיק באָרוועס. די בלאָטע איינגעוואַקסן אין פלייש איז געוואָרן דער קאָליר פון זיינע פיס.

געווען איז ער העכער פון אַלע אַנדערע אינגלעך. אַ לייב האָט ער געהאַט ווי פון בראָנז. ער האָט זיך געקענט בויגן און מאַכן שטיק ווי אַקראָבאַטן, אָדער די „קונצן־מאַכער“ ווי מען האָט זיי גערופן אין שטעטל.

די אינגלעך האָבן אויף יאַנקען געקוקט מיט פאַרגאַפונג און פאַרערונג. ער האָט ליב געהאַט זיך באַרימען אַז ער קען זיך בויגן און ברעכן נאָר דערפאַר ווייל ער שמירט זיין גוף יעדן טאָג מיט פוטער. די אינגלעך האָבן אים אין אַלץ געגלויבט.

יאנקע קאטיוט איז געווען אַ געשיקטער און קלוגער אינגל. ער האָט געהאַט געניאַלע איינפאַלן. אין זיינע מלחמות מיט אינגלעך פון אַנדערע גאַסן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איינפאַל און אמת׳ע סטראַטעגיע. ער איז געווען געוואַגט און קיינער האָט זיך מיט אים ניט געקענט פאַרמעסטן.

יאַנקע האָט ליב געהאַט צו אויסהערן און אויך אַליין דערציילן מעשיות. זיינע מעשיות זיינען געווען נאָר פון שדים, רוחות און מתים. ער האָט פאַרזיכערט אַז ווען מען לייגט צו דעם אויער צום שוועל אין אַ שטוב וואו עס ליגט אַ מת, קען מען הערן ווי דער טויטער ראַנגלט זיך מיטן מלאך המות און לאָזט ניט ער זאָל אים אַוועקנעמען מיט זיך.

די „קאָמאַנדע" האָט ער אָרגאַניזירט אויף אַן אמת מיליטערישן שטייגער; „סאָלדאַטן, אָפיצירן, גענעראַלן, ראָטעס, פּאָלקן און אַרמייען".

דערפאַר וואָס ער האָט ליב געהאַט צו הערן ווי איך דערצייל מעשיות און אויך צוליב מיין געוואַגטקייט, האָט ער מיך אַריינגענומען אין זיין „שטאַב" און געמאַכט פאַר זיינעם אַן אַדיוטאַנט.

אין „שטאַב" זיינען אויך געווען הערשל „בויטע", און זיידקע „קירבעסעס". הערשל בויטע איז ניט געווען קיין צעלאָזענער. ער איז גראָדע געווען אַ גוטער און אַ פּאָלגער. זיין פאָטער ישראלטשע דער קלעזמער, איז געווען אַ פריילעכער לונג און לעבער. ער איז קיינמאָל ניט איינגעזעסן אויף אַן אָרט און איז אפשר פופצן מאָל געווען אין אַמעריקע.

זיידקע „קירבעסעס", איז שוין געווען אַ געוואַגטער און שטאַרקער אינגל.

זיידקע האָט ליב געהאַט זיך צו שלאָגן און זיין אַ פירער. אַ קלוגער אינגל, האָט ער געהאַט אָריגינעלע איינפאַלן, האָט אָפּגעטאָן שטוקעס און ער האָט געהאַט הנאה חוזק מאַכן פון אַנדערע אינגלעך.

ווינטער האָט מען געטראָגן שוואַרצע „פאַרפעלנע" היטלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קאַראַקול, נאָר זיינען געווען געמאַכט פון געוואַנט.

איך און זיידקע זיינען געווען ווי „אַ צווילינג". אַז מיר האָבן געוואָלט מאַכן שפּאַס מיט אַנדערע אינגלעך, פלעגן מיר איינשמירן די היטלעך אין סאַזשע און זיך אַרויסלאָזן זוכן אַ קרבן.

פון פריער פלעגן מיר באַשטימען פון וועלכן אינגל מען דאַרף חוזק מאַכן. מיר האָבן אים אויפגעזוכט, פאַרצויגן אַ שמועס און זיך געוועט מיט אים, אַז מיר׳ן טרעפן וואָס ער האָט היינט געגעסן.

די שטוקעס האָבן מיר אָפּגעטאָן נאָך שבת, ווייל דעמאָלט זיינע אַלע קינדער געווען כמעט פריי פון לערנען.

די שבת׳דיקע מאכלים ביי יעדן איז געווען די זעלבע. די טשאָלענטן; אַ שטיקל פלייש; אָפּגעדעמפטע בולבעס; אַ צימעס אָדער פון פערל-גרויפּן, פון מערן, ברושקע, אָדער גאָר פלוימען מיט בולבעס.

„געטראָפן" האָבן מיר אויף דעם שטייגער: איך, אָדער זיידקע, האָבן דעם אינגל אָנגענומען ביי די אַקסלען און מיטן קאָפּ האָט איינער פון אונז געפירט איבערן אינגל'ס פּנים. דאָס היטל וואָס איז געווען איינגעריכט אין סאַזשע, האָט אויסגעשמירט זיין געזיכט.

— „האָסט היינט געגעסן אַ ברושקענעם צימעס". עס האָט געקענט גע־מאָלט זיין אַז עס איז גאָר געווען אַ מערן־צימעס. מען האָט אַזוי לאַנג געפירט דאָס היטל איבערן פּנים, ביז מען האָט געטראָפן דעם ריכטיקן מאכל.

אַז איך און זיידקע זיינען מיטן אינגל פּאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר אים אַרומגעפירט צווישן דער גאַנצער „קאָמאַנדע" און חברה האָט געהאַט שפּאַס און פון וועמען אָפּצולאַכן און מאַכן חוזק.



יאָסל 5 יאָר אַלט

# מיין מומע שרה׳ס מעשיות

אַ סך פון די מעשיות וואָס איך האָב אין די זומער־פאַרנאַכטן דערציילט פאַר די „קאַווקאַזער" יאַטן, ווען מיר זיינען געזעסן אויף קלעצער און גאַניקעס, האָב איך געהערט פון מיין מומע שרה.

טראָץ דעם וואָס זי איז געווען עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, האָט זי פאַר מיר געציטערט אימת־מות. איך פלעג איר הרג׳ענען און שלאָגן.

אַז שרה איז עלטער געוואָרן, האָב איך ניט געוואָלט ליידן וואָס זי חבר׳ט זיך מיט אינגלעך און מיידלעך אין אירע יאָרן.

ווען איך האָב איר געזען שפּאַצירן אָדער פאַרברענגען מיט אירע פריינט, פלעג איך מיט צאָרן איר מאַכן ווילדע און רציחה׳דיקע סקאַנדאַלן. אַז זי האָט מיר נאָר אַפילו פון ווייטן דערזען, פלעגט זי זיך לויפן באַהאַלטן.

איך האָב שרה׳ן טעראָריזירט און פאַרפאָלגט אויף אַ שרעקלעכן אופן. וואָס מערער זי איז פון מיר אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן, אַלץ גרעסער איז געווען ביי מיר די גלוסט איר צו יאָגן, כאַפּן און שלאָגן.

איך האָב געהאַט אַ באַזונדער הנאה פון זען איר אַן איבערגעשראָקענע. מיט ווילדקייט האָב איך זיך איינמאָל אַריינגעריסן אין מאָטל טשאָלנע׳ס הויז און שרה׳ן פון דאָרטן מיט אַ שטעקן אַרויסגעטריבן. מיר איז ניט געווען געפעלן וואָס זי חבר׳ט זיך מיט מאָטל טשאָלנעס אַ בחור׳ל.

די מעשיות וואָס שרה פלעגט מיר דערציילן זיינען געווען זייער טשיקאַווע און אויסטערלישע. אַ סך פון זיי האָט זי געהערט פון זיידן. אָבער זי האָט אויך געקענט אויסטראַכטן שיינע געשיכטעס.

ווען מיינע עלטערן פלעגן דאַרפן גיין צו גאַסט, אָדער אויף אַ שפּאַציר איז שרה געקומען אַכטונג געבן אויף מיר און אויפן איינגערן ברודער מאיר.

שרה האָט ליב געהאַט דערציילן פון אירע העלדישע ברידער. באַזונדער פון עלטסטן אהרן וועלוול וואָס איז געווען פאַרשיקט אין סיביר און פון די אַנדערע צוויי וועלכע זיינען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

אירע מעשיות האָבן זיך שטענדיק פאַרענדיקט — זיי, (די ברידער) ליידן און האָבן געליטן דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַרן אָרימען מענטשן".

שרה האָט אין מיר געוועקט פאַרערונג צו אירע ברידער — די וואָס זיינען פאַרטריבן צוליב זייער ליבע צום אָרימען מענטשן. זייערע גע־

שטאַלטן אין מיין דמיון זייַנען געווען פון הויכע, שטאַרקע און אומדער־שראָקענע העלדן וואָס טוען איינשטעלן זייערע לעבנס פאַר די אָרימע.

פון איר האָב איך זיך אויך דערוואוסט אַז ווייט אַוועק זיצט אַ קייסער, אַ שלעכטער מענטש. ער האַלט סאָלדאַטן און „סטראַזשניקעס" כדי זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַר די רייכע.

שרה האָט מיך געלערנט זינגען לידער. אַ צאָל פון זיי האָט זי געהערט זינגען דערוואַקסענע. אין יענער צייט האָט יונגוואַרג אויפגעפירט עטלעכע גאָלדפאַדנ׳ס שטיק און די לידער פון זיי, זייַנען געווען פאַרשפּרייט און מען האָט זיי נאָכגעזונגען.

אַ ליד וואָס האָט געשמעקט מיט מרידה און אַ מין שנאה צום קייסער׳ס קינדער האָט געהאַט די ווערטער: „קלינג, קלאַנג, קלינג, קלאַנג, ווען מען קינדער פאָרן עס, דעם קייסער׳ס, דעם קייסער׳ס. אויפן אויוון זיצן זיי, אונטערן אויוון שוויצן זיי, שוועבעלעך רייבן זיי, קאַטשקעלעך פאַרטרייבן זיי, אָן לשון בלייבן זיי". ביים סוף פון די לעצטע ווערטער האָט מען זיך געדאַרפט פאַרגיין אין געלעכטער: „הא, הא, אָן לשון בלייבן זיי".

שרה האָט אויך געהאַט אַ טבע זיך רייצן מיט מיר. זי האָט ליב געהאַט אָפּצולאַכן פון אַנדערע קינדער און אַפילו פון דערוואַקסענע.

פון וועמען זי האָט די טבע גע׳ירש׳נט ווייס איך ניט. איר פאָטער, יאַנקל בונעם ע״ה האָט ניט ליב געהאַט חוזק׳ן פון מענטשן.

יאַנקל בונים׳ס קינדער זייַנען געווען גוטע, האַרציקע, ערלעכע און איידעלע מענטשן. נאָר אָט די שלעכטע טבע פון „אָפּלאַכן־אָנציען" ווי זיי אַליין האָבן עס גערופן, האָט כמעט יעדער פון זיי געהאַט.

זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדער הנאה פון „אָנציען" אַ מענטשן און אים שטעלן אין פאַרלעגנהייט. אַז זיי פלעגן זיך אַ נעם טאָן צו אַ קרבן, האָבן זיי אים געשטעלט „אַ קלאָץ־קשיא" און צווישן זיך האָבן זיי זיך איבער־געוואונקען, אויפגעלייגט מיט געלעכטער אין די אויגן און אַ שמייכל אויף די זייטן מויל. מיט הנאה האָבן זיי אָנגעקוואָלן ווען דער קרבן האָט אַ הילפלאָזער ניט געקענט ענטפערן אויף דער קאַפּויערדיקער שאלה, און איז געבליבן שטיין נשתומם און פאַרטעמפּט.

מיר איז שרה דערגאַנגען די יאָרן מיט נאָכמאַכן ווי מיין באָבע ריווע רעדט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל צו ווייזן אַז ריווע איז הויך געוואַקסן. מיט גרימאַסן האָט זי נאָכגעקרימט ריווע׳ס לשון.

איך פלעג אַריינפאַלן אין אַ צאָרן און ווײנען ווען זי האָט גענומען ריווע׳ן נאָכקרימען און נאָכמאַכן ווי זי גייט און רעדט. באַזונדערס האָט שרה ליב געהאַט צו נאָכמאַכן ווי ריווע רעדט אויס דעם זיידן חיים אשר׳ס נאָמען.

ביזן סוף פון אירע טעג האָט די באָבע אויף איר אידיש־פּוילישן דיאַלעקט דעם זיידנס נאָמען אַרויסגערעדט — ניט — חיים אָשר, נאָר „כאַעם אושער".

בכלל האָט מען מיר ווי געטאָן צוליב די קאָנטראַסטן אין וואוקס צווישן חיים אשר'ן און ריווע'ן. און וואָס אַלע אין יאַנקל בונימ'ס משפחה האָבן געהאַט צו צווי נעמען.

שרה פון טאַטנס צד האָט זיך מיט מיר געריצט צוליב דער באָבע ריווע'ס דיאַלעקט. און מיין פעטער פון דער מאַמעס צד — דער לץ, דאָדיע דער בעקער, פלעגט זיך אויף מיר אָנזעצן צוליב די צווי נעמען וואָס עס האָט געהאַט דער זיידע יאַנקל בונים, די באָבע סימע פייגל און אַלע זייערע קינדער, מיט דעם אויסנאָם פון איין טאָכטער העניע.

אַז דעם פעטער דאָדיע דעם בעקער האָט זיך פאַרגלוסט אַ רייץ טאָן מיט מיר, פלעגט ער רואיק און געלאַסן נעמען אויסרעכענען די נעמען פון זיידן יאַנקל בונים, און זיין הויז־געזינד.

געטאָן האָט עס דאָדיע אויף דעם שטייגער; די לינקע האַנט האָט ער געמאַכט אַ פויסט. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער פון דער לינקער אויפגע־הויבן איינציקע פינגער און גענומען רעכענען: „יאַנקל בונים, סימע פייגל, אהרן וועלוול, אבא יודל, לייזער הערש, משה בערל, חיים שלמה, מאיר יונה, שרה רבקה. ווען ער האָט געדאַרפט דערמאָנען העניען וואָס האָט געהאַט איין נאָמען, פלעגט ער בלייבן אַ ווײַלע פאַרהאַקט. באַלד אָבער פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן — „העניע־פּעניע" האָט ער אַרויסגעשאָסן האַסטיק און זיך פאַר־גאַנגען אין געלעכטער פון דער המצאה.

ווען מיין ברודער מאיר איז געבוירן געוואָרן, האָט מען זיך אָנגעהויבן ווינציקער אומקוקן אויף מיר. דאָס פלעגט מיך גוואַלטיק אַרן. איך האָב נאָר געטראַכט פון איינפאַלן וואָס זאָלן אַרויסרופן זאָרג פאַר מיר.

כדי אויפרייצן די עלטערן און משפחה־מענטשן האָב איך זיך אָנגעהויבן מערער פאַרטאָן מיט די „קאַווקאַזער" אינגלעך. איך פלעג זיין פון די ערשטע צווישן זיי וואָס פלעגן זיך לויפן שלאָגן, ברעכן שויבן, רייסן אויבס, און בכלל אָפּטאָן ווילדע שטיק.

ביים גרענעץ וואָס האָט אָפּגעטיילט קאַווקאַז פון „זשאַבע געסל" שטעג וואו עס האָבן געוואוינט די „קאַפּיצעס", איז געווען אַ ברונעם פון וועלכן די איינוואוינער פון אַרונטער קאַווקאַז האָבן געשעפּט וואַסער.

דאָס שטעגל וואו די „קאַפּיצעס" האָבן געוואוינט איז געווען אַ ביסל אָפּגערוקט פון וועג. אויפן צווייטן זייט פון שטעגל האָבן געוואוינט אַן ערך פופצן צי צוואַנציק גוי'אישע משפחות וואָס האָבן דאָרטן געהאַט הייזלעך און גרויסע סעדער.

פונקט אַנטקעגן ברונעם האָט געוואוינט אַ פּוילישער גוי מאַריל מיט צווי טעכטער, עלטערע, דאַרע און מיאוסע מוידן.

די שיקסעס האָבן באַטריבן אַ „פּרעטשקאַרניע" (וועשעריי, לאַנדרי בלע"ז) און זיי פלעגן עטלעכע מאָל אַ טאָג קומען צום ברונעם שעפּן וואַסער. זיי

האָבן מיר געקענט און אַ סך מאָל האָב איך זיי געהאָלפן שעפּן וואַסער און טראָגן די עמער ווען זיי האָבן גענוצט אַ שטעקן אָנשטאָט אַ קאָראָמיסל.

דעם שטעקן פלעגט מען אַריינרוקן אין דראָט וואָס איז געווען איינגע־פעסטיקט ביי די אויערן פון עמער. איין מענטש האָט געהאַלטן דעם פאָדערשטן עק פון שטעקן, אַ צווייטער דעם הינטערשטן און אַזוי האָט מען געטראָגן וואַסער.

אַ סך מאָל האָב איך די גוי׳עס געהאָלפן אַריינטראָגן דאָס וואַסער. זיי האָבן מיך דערפאַר מקרב געווען און איך בין ביי זיי געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית. דער אַלטער מאַריל האָט מיך זייער ליב געקראָגן.

ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט פלעג איך קומען אין דער גוי׳אישער שטוב. מאַריל האָט מיך געלאָזן רייסן אין זיין סאָד אַלע פרוכטן וואָס האָבן דאָרט געוואַקסן.

מאַריל איז געווען אַ קראַנקער — הויט און ביינער. ער האָט געהוסט מיט אַ טעמפּן כריפּ. ער האָט געליטן אויף „טשאַכאָטקע" און די יסורים זיינע זיינען געווען זייער גרויסע. אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן און זיך געוואָרעמט אויף דער זון.

זיין אויסזען איז געווען אַ טיפּיש־פּוילישער; אַ פּאַרריסענע נאָז; קורץ געשוירן און די האָר ווי שפּילקעס אויף אַ יאַזש. פון דער קראַנקהייט איז אים דאָס פּנים געווען געל. די אויגן אַריינגעוואַקסן טיף אין קאָפּ און די באַקן־ביינער זיינען געווען שפּיציק און האָבן זיך שאַרף אָנגעזען.

איינמאָל ווען איך בין געקומען אין דער גוי׳אישער שטוב, איז מיך באַפאַלן אַ פּחד. מאַריל איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ ברעט אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער, אַ ווייסע העמד און אַ קליינעם שוואַרצן שניפּס.

אין די הענט איינגעשלאָסן איינער אין צווייטן איז געווען אַריינגעשטעקט אַ צלם. נעבן צלם איז געלעגן אַ גלאַנציק פּאַפּירן־בלעטל — די שריפט אַריינגענומען אין אַ שוואַרצן דרוק־רעמל.

אַרום מת זיינען געווען אויסגעזעצט אַן ערך צוואַנציק צי דרייסיק מענטשן. אויף אַ קליינעם טישל האָבן געברענט גרויסע ליכט און אַ שייגעץ — אַ ריז, איז געזעסן דערנעבן און געשפּילט אויף אַ האַנט־האַרמאָשקע.

פון גרויס שרעק האָב איך געוואָלט אַנטלויפן. מאַריל׳ס אַ טאָכטער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַנט און אַ שלעפּ געטאָן צו זיך.

ווי אייזן זיינען געווען אירע ביינערדיקע הענט. זי האָט מיך אַריינגע־זעצט צווישן אירע פיס און איך האָב זיך ניט געקענט רירן.

נאָך דעם ווי אַ גלח האָט „אָפּגעבעטשעט" (ווי מען פלעגט ביי אונז באַצייכענען גוי׳אישע תפילות) האָט מען דעם מת אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן און דער עולם האָט זיך געלאָזן גיין צום קלויסטער. די שיקסע האָט

מיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביים האַנט און האָט מיך אַזוי אַריינגעפירט אין קלויסטער.

אין קלויסטער איז אַ טויט־שרעק מיך באַפאַלן. דער אינעווייניקסטער אויסזען האָט מיך געהאַלטן אין פחד. איך בין מבולבל געוואָרן פון די אַלע בילדער און געמעלאכצן אויף די ווענט. די שיקסע האָט פון מיר אַראָפּגענומען דאָס היטל.

גאָר דערשראָקן בין איך געוואָרן ווען עס האָבן זיך פּלוצים דערהערט מוזיק־קלאַנגען און די גרויס און טיף פון קלויסטער איז אָנגעפילט געוואָרן פון אַ פאַרבאָרגן קול.

די מאַסע מענטשן האָט זיך גערוקט טיפער אין אינעווייניק. מיט אַמאָל האָט אַלע געטאָן אַ פאַל אויף די קני. די שיקסע האָט מיך אָפּגעלאָזן. איך האָב אָנגעטאָן דאָס היטל און זיך געלאָזן לויפן צום דרויסן.

אין קאָרידאָר האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין אַ גוי׳ע וואָס האָט מסתמא פאַרשפּעטיקט. פון מיין פּאַניקע און אויך דאָס וואָס איך האָב געהאַט דאָס היטל אויפן קאָפּ, האָט די גוי׳ע דערקענט אַז איך בין אַ אידיש קינד. זי האָט מיך אָנגעיאָגט און מיטן פויסט דערלאַנגט אַ זעץ אין פּלייצע. איך האָב נאָך באַוויזן אַרויסלויפן אין דרויסן און בין דאָרטן געפאַלן באַגאָסן מיט בלוט. די מרשעת האָט מיר אָפּגעשלאָגן אַ לונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה דאָקטוירים. זיי האָבן געהייסן מיר געבן טרינקען אַ סך מילך און עסן נאַשערייען.

מיר איז דאָס געווען געפעלן. מען האָט זיך ווידער אויף מיר גענומען אַרומקוקן.

איך האָב זייער געוואָלט לאַנג זיין קראַנק. ווען עס האָט אויפגעהערט זיך באַווייזן בלוט, האָב איך אַליין עס גענומען „פאַבריצירן". מיט אַ נאָגל פלעג איך רייסן די יאַסלעס, לאָזן בלוט, אַריינשפּייען עס אין אַ טיכל און ברענגען ווייזן דער מאַמען אַז איך בין נאָך אַלץ אַ חולה.



# דריטער טייל

## דאָס שטעטל



אַ טייל פון קרינקער מאַרק

# קרינ יק

„גנבים" איז געווען דער צונאָמען פאַר קרינקער. די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך האָבן אויך געהאַט זייערע צונעמען ווי למשל: „סאָקאָלקער יבירניקעס"; „ביאַליסטאָקער קוכן־פרעסער"; „וואַשליקאָווער־ציגן"; „שיש־ליוויצער־קאָזעס".

קרינקער האָבן געקראָגן דעם צונאָמען צוליב דער באַנדע אידישע גזלנים, אָנגעפירט פון עטלעכע ברידער, וואָס זיינען באַקאַנט געווען מיטן נאָמען „אחים".

די גזלנים פלעגן באַרויבן דורכפאָרער, פּריצישע הויפן און פּאַרלאָזענע קרעטשמעס. זיי האָבן אויך גע'גנב'עט פערד און מען האָט שוין געוואוסט אַז אַ פאַרפאַלענעם פערד דאַרף מען זוכן אין קרינקי.

די „אחים" באַנדע האָט טעראָריזירט דעם גאַנצן געגנט אַ סך יאָרן. און זי איז פאַרשוואונדן ווען עטלעכע אָנפירער זיינען געשטאָרבן און אַ צאָל זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, אָדער סיביר. די איבער־געבליבענע האָבן זיך „אויסגעמענטשלט" זיינען געוואָרן רואיק און זיך פאַרנומען מיט ערלעכע און אָנשטענדיקע מלאכות.

קרינקי איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע אידישע שטעטל; אידן האָבן געוואוינט טיף אין שטאָט, די גוים ביים אָנהויב פון שטאָט.

געבויט איז קרינקי געווען ווי אַ רייף און דער פורעם איז געווען ווי פון אַ קוויט. דער מאַרק — אין צענטער און פון אים — האָבן זיך געשניטן אַלע גאַסן. מ'קען זאָגן, אַז דאָס שטעטל און די גאַסן זיינען געלעגן צופוסנס דעם מאַרק.

דער מאַרק אַליין איז געווען אַרומגענומען מיט דריי רינגען; געבויט איז ער געווען קיילעכדיק. אין ערשטן מאַרק־רינג האָבן געוואוינט אַ סך רייכע און באַלעבאַטישע מענטשן און דער האָטעל פון שטעטל וואָס האָט באַלאַנגט צום זיידנס שוועסטער־קינד, איטשע „ליא", איז געווען גלייך אין דער ערשטער רייע מאַרק־הייזער. עטלעכע שענקען וואָס האָבן זיך געפונען אין שטעטל זיינען אויך דאָרטן געווען.

אין צווייטן רינג, אָפּגערוקט אַביסל פון די הייזער זיינען געשטאַנען „בודקעס" — הילצערנע ביידלעך וואָס זיינען געווען בבחינה קראָמען. קיין סך סחורה האָט מען ניט געקענט האַלטן אין אַזאַ „בודקע" און פאַרקויפט האָט מען דאָרטן מערסטנס איינעם אָדער צוויי אַרטיקלען. גלייך נאָך די „בודקעס" אין דריטן רינג זיינען געווען די קראָמען. דער גאַנצער האַנדל פון שטעטל

איז געווען קאָנצענטרירט אין די קראָמען. פאַרקויפט האָבן די קלויטן פאַר־שיידענע סחורות און אין זיי האָט מען געקענט קריגן אַלץ אין וואָס עס האָבן זיך גענויטיקט ניט נאָר די שטעטלשע, נאָר אויך די אַרומיקע פויערים.

צוויי מאָל אַ וואָך — זונטיק און דאָנערשטיק, פלעגן פויערים ברענגען דאָרפישע אַרטיקלען צו פאַרקויפן און אין אויסבייטן האָבן זיי מיטגענומען דאָס וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַר זייער געברויך. אויף די דאָזיקע צוויי מאַרק־טעג איז געווען אָנגעוויזן די הויפּט־לייזונג.

צוויי מאָל אַ יאָר פאַר אַ וואָך אָדער צוויי זיינען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָר גרויסע ירידים צו וועלכע ס׳פלעגן זיך צענויפפאָרן ניט נאָר פויערים פון ווייטע דערפער, נאָר אויך אידן פון אַרומיקע שטעטלעך.

אין סאַמע מיטן פון מאַרק איז געווען דער „סארײ״ אין אים זיינען געשטאַנען אַלע פייער־מכשירים — ווי די לעש־קישקעס און „באַטשקעס״ אַזעלכע פעסלעך אויף צוויי רעדלעך וואָס זיינען געווען אָנגעפילט מיט וואַסער און מ׳פלעגט זיי שלעפן צו לעשן אַ שרפה.

אין מאַרק איז געווען חצקל דעם שיינקער׳ס הויז וואו אַלע חתונות זיינען פאָרגעקומען. די חופות וואָס מ׳האָט ניט געפירט צו דער קאַלטער שול, זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטערן פרייען הימל הארט ביים „סאריי״.

צופוסנס פון מאַרק האָבן זיך געשניטן די גאַסן. אַלע הויפּט־גאַסן, אַחוץ קאַווקאַז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל ווייטער אָפּגערוקט, זיינען אָנגעהויבן געוואָרן פון מאַרק.

געהאַט האָט קריניק אפשר אַ צענדליק גאַסן, אַחוץ זייטיקע געסלעך און שטעגן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די גרויסע גאַסן. יעדער נאָמען פון אַ גאַס האָט געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט די אייגנשאַפטן אירע. למשל: „טעפּערשע גאַס״; דאָרטן האָט מען געמאַכט טעפּ. „קאָנצעלאַריע גאַס״ דאָרטן איז געווען די קאַנצעלאַריע; „גאַרבאַרסקע גאַס״ דאָרטן זיינען געווען אַלע גרויסע גאַרבאַרניעס; „פּאָטשט גאַס״ און אַזוי ווייטער.

די ערד פון שטעטל איז געווען אַ רייכע און פעטע. דעם נאָמען קריניק, האָט דאָס שטעטל געקראָגן צוליב די קרעניצעס וואָס זיינען דאָרטן געפלאָסן. וואו מ׳האָט נאָר געגראָבן האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָן וואַסער־שטראָמען.

אַרויס פון שטעטל, צו די פעלדער צו, זיינען געווען אַ סך זומפּן. די ערד אַרום די זומפּן איז געווען שוואַרץ און פעט און מ׳האָט פון דעם גע־שניטן טאָרף, אָדער ווי די שטעטלשע האָבן עס גערופן: „טאָרפ״ און דאָס האָט געניצט פאַר איינהייצן. ס׳איז געווען בבחינת קוילן און האָט געקאָסט זייער ביליק, און אַ גרויסע צאָל הייזער זיינען באַהייצט געוואָרן פון טאָרף.

פויערים פלעגן צושטעלן דעם טאָרף. זיי האָבן געשניטן די ערד אַרום די זומפּן אין פאָרמען פון ציגל. זיי האָבן די פאָרמען געטריקנט און שפּעטער פלעגן זיי אויף פורן עס ברענגען אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן.

דאָס שטעטל האָט אַחוץ דער קאַלטער שול געהאַט עטלעכע בתי מדרשים און אַ פּאָר מנינים. דאָס אָנגעזעעענסטע חסידים שטיבל איז געווען די סלאָנימער, די אַנדערע חסידים ווי די „גערער", „קאָצקער", „קאָברינער" האָבן געהאַט מנינים. זיי זיינען אָבער געווען אַזוי ווייניק דאָס זיי פלעגן דאַווענען אין די מתנגד'ישע בתי־מדרשים. זייערע רביים זיינען קיינמאָל ניט געקומען קיין קריניק, ווי עס האָט געטאָן דער סלאָנימער, און זייער ווינציק פון די „גערער" אָדער „קאָצקער" זיינען ווען עס איז געפאָרן צו זייער רבי'ן.

קריניק איז אויך באַרימט געוואָרן דורך די גרויסע רבנים גאונים וואָס האָבן שטענדיק פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין שטעטל. די נעמען — הרב אברהם חריף (ר' אַוורעמטשיק), הרב ברוך לאַווסקי זצ"ל, הרב זלמן סענדער זצ"ל און דער באַרימטער הרב שאַפּירא. אַחוץ גרויסע און באַרימטע מורה הוראת מיטן גרויסן צדיק ר' יאָסעלע ז"ל, האָט זיך געגרויסט די אַרומיקע געגנט.

פון קריניק האָט אויך געשטאַמט אַ איד, אייזיק־בנימין זעליקס. ער האָט זיך אָנגעגעבן ווי „אַ גוטער איד" און איז אַרומגעפאָרן אין וואָלין. געווען איז ער פון גאָר קליינעם יחוס און האָט ווינציק געקענט לערנען. צוליב פּרנסה האָט ער זיך פאַרשטעלט ווי „אַ גוטער איד". אין וואָלינער געגנט איז ער געווען באַוואוסט און באַרימט ווי אַ „בעל מופת". אויפגעדעקט האָט אים אַ קרינקער וועלכער איז צוליב געשעפט פאַרפאָרן אין אַ וואָלינער שטעטל פונקט דעמאָלט ווען אייזיק־בנימין זעליקס, האָט געפּראַוועט שבת. צוליב נייגעריקייט איז דער קרינקער געגאַנגען אין חסידים־שטיבל זען דעם רבי'ן מיט וועלכן די געגנט האָט געקלונגען. ער האָט אויפגעדעקט דעם שווינדל און דער „גוטער איד" האָט געמוזט זיך גלייך אָפּטראָגן פון שטעטל.

אויף די עלטערע יאָרן האָט זיך אייזיק־בנימין זעליקס, אויף דאָס ניי באַזעצט אין קריניק און זיך אויפגעהאַלטן פון גיין איבער די הייזער.

קריניק איז געווען דאָס איינציקע שטעטל אין גאַנצן געגנט וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע קאַפּעליע קלעזמאָרים. יאָרן איז געווען אַ מנהג אַז פּרייטיק פאַרנאַכט, פּרשה בהעלותך זאָלן די קלעזמאָרים שפּילן אין שול. ווען ר' ברוך סטאַווסקי, איז געוואָרן קרינקער רב, האָט ער דעם מנהג אָפּגעשאַפט. דערפאַר וואָס ווייבער פלעגן פאַרשפּעטיקן בענטשן ליכט.

דער קלעזמאָרים־אָנפירער משה קריינעס, איז געווען דער פידלער און האָט אויך געגעבן אונטערריכטן קינדער וואָס האָבן געוואָלט שפּילן אויף אַן אינסטרומענט. זיין הויפּט־לימוד איז געווען אויף פידל. ער פלעגט לערנען מיט גרויס טומל, צוקלאַפּנדיק מיטן פוס צום טאַקט פלעגט ער שרייען: „איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי!".

אַ אידישער דאָקטאָר האָט ניט געהאַט קיין מזל אין שטעטל. געווען איז אַ דאָקטאָר גאָלדבערג, מען האָט אים געגעבן דעם צונאָמען „לופּאַטש" דער־

פאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ געשפּאָלטענע ליפּ. אידן האָבן אים גערופן צו אַ חולה נאָר אום שבת, ווייל מען האָט ניט געטאָרט אַרומגיין מיט געלט. זעלטן אַז מען האָט אים געצאָלט. סוף כל סוף איז ער פון שטעטל אַנטלאָפן.

אין שטעטל איז געווען איין אויסגעשטודירטע אַקושאָרן, אַ פּוילישע מיטן נאָמען סטעפּאַנאָווטשעכע. גענוצט איר האָבן שוין אויפגעקלערטע און מערער פאַרמעגלעכע. אין שטעטל אָבער האָט מען צו אַ געווינערין גערופן די אידישע הייבאַם מרים רייזל, משה דעם חזנ׳ס. פורים פלעגט זי צו די קינדער וואָס זי האָט אָפּגענומען שיקן אַ צוקער־לעקעך שלח־מנות. פאַר אַ צייט האָט זי פּשוט ניט דערלאָזן אַז אַ אידיש אויסגעשטודירט מיידל זאָל זיך איינאָרדנען אין קרינקי. איינע אַזאַ, עליע דעם מוליאַרס אַ טאָכטער, וועלכע האָט אין ווילנע אויסגעשטודירט אַקושערקע האָט מרים רייזל אָפּגעטאָן אַ מיאוס שפּיצל אויף אַזאַ שטייגער אַז די אויסגעשטודירטע האָט געמוזט אַנטלויפן פון שטעטל אין מיטן נאַכט און אַפילו ניט קענען מיטנעמען די פּאָלערינע און די קורסיסטן היטל מיט וועלכע זי האָט זיך געפּוצט.

חזנים האָבן די קרינקער ניט ליב געהאַט. אַ חזן איז עפּעס דאָרטן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. אַז אַ חזן פלעגט יאָ אַמאָל אָנקומען אין שטעטל , אַ סך פון זיי מיט גאָר פיינע און גוט געשולטע כאָרן, האָבן אידן וואָס האָבן אים געוואָלט הערן אָפּגעדאַוונט מיטן ערשטן מנין און ערשט זיינען זיי געקומען זיך אונטערהאַלטן — ניט דאַווענען מיטן חזן. אָבער, דער חזן האָט געקענט זיין דער בעסטער, האָט ער קיינמאָל ניט אויסגענומען — נאָך איידער ער האָט געענדיקט זיין דאַווענען האָבן שוין אידן געקרימט זיך און אים מבטל געווען — פע, פע... ער האָט ניט אויסגענומען און פּטור.

געהאַט האָבן די קרינקער אַ באַזונדער דיאַלעקט־מאַניער. אַנשטאָט ס׳איז „דאָ״, פלעגן זיי זאָגן — „עס איז אידאָ״. „אסלעס״ אַנשטאָט יאַסלעס. „סמאָטע״ אַנשטאָט שמאַטע. און אַזוי — „ספּאַצירן״; „מונדזשיר״; „דזשיר״ אַנשטאָט דיר, און נאָך אַ סך אַזעלכע לאָקאַלע שפּראַך־מאַניערן ווי „מאַמי־טאַטי״, אַנשטאָט „טאַטע־מאַמע״ אַזוי — „זיידי־באָבי״ אַן „עין״ צום סוף וואָרט האָבן זיי פאַרביטן אויף אַ „יוד״ זיי האָבן ניט געקענט אַרויסרעדן קיין „ה״, אַנשטאָט „האָבן״ פלעגן זיי זאָגן „אָבן״ אאז״וו.

טראָץ דעם וואָס דאָס שטעטל איז געווען אַן „אויפגעקלערטע״, האָט געהאַט אירע קולטור־ און דערציאונגס־אינסטיטוציעס, און אויך אַלע „חברות״ וואָס האָבן געשטאַלטיקט דאָס אידיש לעבן ווי: „גמילת חסדים״, „ביקור חולים״, „מעות חיטים״ און „הכנסת־כלה״. אַ סך חדרים, אַ רוסישע פאָלקס־שול און אַ העכערע רוסישע שול; חדרים מתוקנים, און אַ ביבליאָטעק. האָבן פראַנק און פריי אַרומגעשפּאַצירט חזירים, זיי פלעגן זיך פילן ניט נאָר ווי ביי זיך אין דער היים, נאָר נאָך מערער, אין די גאַסן איז זיי ניט „אָנגעשטאַנען

זיך אויסציען און זיי פלעגן פאַרקריכן נאָר צום מאַרק און זיך דאָרטן צעלייגן.

די חזירים האָבן געגוג צרות אָנגעטאָן. מאַמעס פלעגן היטן קינדער זיי זאָלן ניט אַרויסגיין מיט שפּייז אין דרויסן. ניט איינמאָל איז געשען אַז אַ קינד מיט שפּייז אין האַנט איז געשלעפּט געוואָרן פון אַ חזיר איבער עטלעכע גאַסן. די אידישע קהילה האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרמאָסטן זיי פאַריאָגן פון די גאַסן, די גויים האָבן אָבער שטענדיק געוואונען אין די געריכטן, און דאָס שטעטל האָט שלום געמאַכט — „גלות" און צוזאַמען מיט ליידן פון גויים מוז מען, ווייזט אויס, אויך שוין אין איין וועג ליידן פון זייערע חזירים.

דאָס וואָס אין קריניק איז שטענדיק געפלאָסן קוואַליק וואַסער, האָט איר געהאָלפן אַ סך אין ווערן אַ צענטער פון לעדער גאַרבעריי. די מינעראַל וואַסער האָט געהאָלפן מאַכן אַ גוטע לעדער און אים אויסצייכענען פון אַנדערע שטעט וואו עס זיינען געווען גאַרבערייען.

קיין גרויסע און ביטערע קבצנים זיינען אין קריניק ניט געווען. ווינציק קרינקער זיינען געגאַנגען איבער די הייזער. נאָר טעוול „וואַטשול" און בלומקע מרדכי „בעדזדוש'ס" ווייב פלעגן זיך אַ סך מאָל אַרויסלאָזן שבת אויפצוקלייבן שטיקער חלה.

מרדכי „בעזדוש" און זיין ווייב בלומקע, זיינען געווען וואַסער־טרעגער. פאַר אַ קאָפּיקע פלעגן זיי אויף אַ „קאָראָמיסלע" צוברענגען וואַסער פון די ברונעמער. ביידע זיינען געווען יאַדושלעווע און אַ סך מאָל האָט זיי דער קורצער אָטעם אָוועקגעלייגט אויף עטלעכע טעג אין בעט. ווען דאָס פלעגט געשען איז בלומקע אַרויס איבערן שטעטל אויפקלייבן חלה פאַר איר הויזגעזינד.

געהאַט האָבן זיי צוויי צי דריי טעכטער, זיינען זיי געווען אויסערגע־ווינלעכע פאַרשוינען, ניט איין באַלעבאַטישער בחור פלעגט אויסגיין פון ליבשאַפט צו איינער פון די טעכטער. אָבער וועלכער באַלעבאַטישער מענטש וואָלט זיך עס משדך געווען מיט מרדכי בעזדוש?

אַ חוץ מרדכי'ן זיינען אין שטעטל געווען נאָך אידן וואָס האָבן געהאַט צונעמען ווי: „מאָטש־פּאָטש"; „די קאַטשקעס"; „די קוגעלעך"; „די גימ־זשעלאַך"; „די בעבעלאַך"; „די עבעלאַך"; „לאַפּאַנץ — מיט די גלעקלעך"; „דראַטש"; „שאַמוש"; „פּלעכטל"; „סקרייטשיק"; „איטשקע מלאך־המות". דער דאָזיקער איטשקע פלעגט גיין שטענדיק צעבראַסטעט, מיט אַן אויפגעקנעפּ־פלטער העמד, צעשויבערטע האָר און אויגן האָט ער געהאַט אַרויסגערוקטע פון די אויגן פאַרמעס. ער האָט אויסגעזען פונקט אַזוי ווי די שטעטלשע האָבן געגלויבט און זיך פאַרגעשטעלט עס דאַרף אויסזען דער מלאך־המות.

נאָך צונעמען זיינען געווען: „איטקע־קיטקע"; „לייזער דראַלעס" און „אַלטער חלות". שמחת תורה צו די הקפות פלעגן ווייסע חברה'ניקעס

זינגען מיטן ניגון פון „עוזר דלים״: „לייזער דראלעס. הושיעה נא, אלטער חלות הצליחה נא, איטקע־קיטקע עניני ביום קראינו״.

עס זיינען געווען צונעמען: „קירבעס״; „מוכאלאפ״; „מילב״; „סלאבעץ״; „דער פארברענטער״ און „יענטע קליין־קעפעלע״.

די וואס האבן ניט געהאט קיין קאמישע צונעמען האט מען באצייכנט אדער לויט זייער מלאכה, לויט זייער אפשטאם און אויף די נעמען פון א טאטן אדער א מאמען. מענטשן זיינען געווען באקאנט אויף די נעמען פון די שטעט אדער שטעטלעך פון וואנען זיי האבן געשטאמט. ווי: „איטשקע גראד־נער״; „שמואל אזשארער״; „דער לאפיניצער״. עס איז געווען א בחור וואס מ׳האט גערופן „איטשקע די מיידל״. דעם איטשקע האט ניט געוואקסן קיין בארד, און אלע האבן געוואוסט אז אים האט מען ניט מל געווען. געקליידט האט ער זיך אבער מענעריש און האט זיך געהאלטן פאר א מאן. געזאגט האט מען אז דא אין אמעריקע האט ער אפילו חתונה געהאט.

די קרינקער משומדת, מלכה האט חתונה געהאט פאר א פוילישן וואוילן יונג יאנעק, א מין „אמאטאר״ פאטאגראפער, מען האט געשמועסט אז ער האט איר ארויסגענומען פון א גראדנער בארדעל, ביי אים אין הויז איז געווען דער אויפזאמל פון אלע קרינקער יונגע לייט וואס האבן זיך געשפילט אין אפיקורסות. אז מ׳האט געזען א אידישן יונגנמאן ארויסקומען פון יאנעק׳ס הויז, האט מען געוואוסט אז ער האט שוין געגעסן חזיר.

יאנעק און זיין מאמע ימח שמם זיינען געווען ווילדע שונאי ישראל. געלעבט און פארקערט האבן זיי צווישן אידן, האבן אויך גוט גערעדט אידיש, אבער אלע אויפהעצעס קעגן אידן האט געשטאמט פון זיי. יאנעק׳ן אז עס האט זיך געלוינט איז ער געווען א גוואלטיקער רעוואלוציאנער. אבער מען האט אויך געוואוסט אז ער איז א מסור. די משומדת, איז ניט געווען בעסער פון אים. זי האט געשפילט די ראלע פון א פרומע קאטוילין, און האט אויך ארויסגעוויזן ניט קיין גאר איבעריקע אהבת ישראל, זי, ווען מען האט ארויסגענומען פון א בארדעל, האט געשפילט די ראלע פון א „צדקניות״. און ווי בחורים האבן איבערגעגעבן פלעגט זי זיך ניט לאזן אנרירן.

ביי יאנעק׳ן איז דער משומדת ניט געווען גאר גוט און ווען ער האט זיך אנגע׳שיכור׳ט, פלעגט ער איר אויפווארפן איר אידישן אפשטאם.

אין מארק ביים איינקויפן האבן ווייבער איר אויסגעמיטן. זי פלעגט גראדע אמאל זיך פארבענקען א שמועס טאן מיט א אידישער פרוי. אבער מען האט איר ניט צוליב געטאן. קינדער האט זי ניט געהאט, און אז איר איז געווען ביטער, און האט זיך געוואלט אפרעדן פון הארצן, פלעגט זי פארטרויען די אידישע יונגעלייט וואס זיינען געקומען אין איר הויז פראווען אפיקורסות, דאס זי איז צופרידן וואס זי האט ניט קיין קינדער. „א פאר גוים ווינציקער אויף דער וועלט, פלעגט זי זאגן״.

# פאַרשווינען און טשיקאַוויסטן

געגרויסט האָט זיך קרינקער יונגוואַרג מיט שמעון סיקאָרסקי, אַ שטעטל־שער, וועלכער האָט געהאָלפן אין אַטענטאַט אויף פאָן פּלעווע. סיקאָרסקי׳ס טאַט האָט עס באַשטעטיקט דאָס קרינקער חברה איז געוואַגט, העלדיש און אידעאַליסטיש.

דאָס שטעטל האָט געהאַט ניט נאָר העלדישע און געוואַגטע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן אין דער 1905 רעוואָלוציע און נאָך פריער גענומען אַ וויכטיקן און אָנגעזעענעם אָנטייל, נאָר אויך אידן מוסרים און אויסוואורפן.

צוויי געדענק איך:

דער ערשטער קאַטשאַנדרע, אַ מסור פון אַ גרויסן פאַרנעם. האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער גרעסערער נאַטשאַלסטוואַ.

ער האָט געהאַט אַ מיאוסן אויסזען: די רעכטע אויג איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרדעקט פון אויג־דעקל. ביי די ווייס נאָר איז געווען אַ ביסל אָפן און פון דער עפענונג האָט זיך אַרויסגעזען רויט פלייש.

קאַטשאַנדרע איז אין קרינק ניט געווען כסדר, ער האָט שפּאַנירט אויף קרינקער וועלכע זיינען געווען אין אַנדערע שטעט. באַזונדערס אין ביאַליסטאָק און גראָדנע.

אַ ווייב האָט ער געבראַכט אַ פאַרשוין. געשמועסט האָט מען אָבער, אַז פונקט ווי דער פּאָליאַק יאַנעק אַזוי האָט אויך קאַטשאַנדרע זיין ווייב אַרויסגענומען פון אַ באָרדעל.

חברה האָט אים אַ סך מאָל געוואָרנט און אויך געדראָט. שפּעטער האָט מען גערעדט, אַז קרינקער יאַטן האָבן קאַטשאַנדרע׳ן אויסגעשניטן די צונג.

דער צווייטער מסור מיירעם ציגעס, אַ רמז אויף זיין גרויסן צונג. איז קיינמאָל פון שטעטל ניט אַרויסגעפאָרן.

מיירעמען האָבן די יאַטן ניט געוואָלט טשעפּען, זיי האָבן געהאַלטן אַז צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט נאַטשאַלסטוואַ, קען ער ראַטעווען אידן פון צרות. ער האָט געטאָן טובות — אַז מען האָט אים געגעבן אין „האַנט״.

ציגעס האָט זיך נאָר געאיילט. ער איז ניט געגאַנגען, נאָר אונטערגעלאָפן. אין אימפּעט פון זיין אייליקן גאַנג איז דאָס היטל אים שטענדיק געווען פאַררוקט אויפן פּאַטעלניצע און די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע אָפן און צעפלאָכטע.

אַז מען האָט אים אויסגערעדט פאַר זיינע מעשים, פלעגט ער טענה׳ן — „אַן אַנדערער קען זיין נאָך ערגער״.

דאָס שטעטל האָט אים געדולדעט ווי אַנדערע אַנשיקעניש.

דעם זיידן יאַנקל בונים, האָט צינגעס פאַרשאַפט צרות און עגמת־נפש.

פון יאַנקל בונים׳ען האָט די מלוכה געמאָנט זעקס הונדערט רובל פאַר צוויי זין וואָס האָבן זיך ניט געשטעלט צום „פּריזיוו״. פּאָליציי פלעגט אָפט קומען צום זיידן פאַרנעמען די שטוב חפצים פאַרן „חוב״.

צינגעס האָט געוואוסט ווען פּאָליציי דאַרף קומען און פאַר מודיע זיין, האָט אים דער זיידע געצאָלט „וואָכער״.

אַז מען האָט אים געצאָלט פלעגט מיירעם צינגעס אַריינלויפן אָנזאָגן מען זאָל פאַרשטעקן דאָס בעטגעוואַנט.

אין איילעניש און פּאַניקע, האָט מען פון זיידנס שטוב גענומען טראָגן צו אַ שכן אָדער קרוב דאָס בעטגעוואַנט און די אַנדערע חפצים וואָס מען האָט געהאַלטן אַז זיי זיינען, מ׳שטיינס געזאָגט, עפּעס ווערט.

די מאַכט האָט געמאָנט ניט נאָר ביים זיידן, נאָר אויך ביי זיינע קינדער. ביי אונז אין שטוב ווען מען האָט זיך גערי̇כט אויף פּאָליציי פלעגט ווערן אַ גרויס גערודער. אַ סך מאָל פלעגט די מאַמע אַוועקפירן די קינדער שלאָפן ביי קרובים און די עלטערן פלעגן שלאָפן אָן בעטגעוואַנט. מען האָט מורא געהאַט פּאָליציי זאָל ניט איבערפאַלן אין מיטן נאַכט.

עס איז געווען דאָס אמת׳ע לעבן. נאָר דער גרויסער אידישער בטחון איז ביי̇געשטאַנען צו דורכלעבן אָט די שפּאַנונג, אָנגעצויגענקייט און מורא.

קריניק האָט געהאַט טשיקאַווע פאַרשוינען און געשען זיינען דאָרטן טשיקאַווע זאַכן.

עס זיינען געווען תמימות׳דיקע אידן וואָס זייער השגה איז ווייט ניט געגאַנגען.

געווען אַ איד, ווען ער האָט זיך געקויפט אַ ניי־היטל האָט ער זיך געוואונטשן צו פאַרמאָגן דעם גילדן וואָס די היטל האָט געקאָסט.

אַ טשיקאַווע אידענע איז געווען איטקע בערטשעקאָוויטש. זי פלעגט אידן אויסטיילן די פּאָטשט.

איטקע איז גראדע געווען אַ פּייאיקע קרעמערן, נאָר אַן אָפּגעלאָזענע — אַ גרויסע שלומפּער. וועגן איר האָט מען געזאָגט אַז זי שלעפּט אַרויף אויף זיך אפשר זיבן־אַכט קליידער. זי איז געווען אַ שטיקל לץ. האָט האָלט געהאַט טרייבן שפּאַס, און האָט זיך ניט געקימערט אַז מען האָט פון איר געטריבן שפּאַס.

פאַרוויילונגען זיינען אין שטעטל געווען ווייניק. אַמאָל האָט פאַר־בלאָנדזשעט אַ צירק. זומער פלעגט אָנקומען אַ חברה פון פיר, פינף קאָ־

מעדיאַנטן. אויף אַ טוך וואָס זיי האָבן אויפן ברוק אויסגעשפּרייט פּלעגן זיי מאַכן פאַרשיידענע קונצן; האָבן זיך געבראָכן; זיך געקייקלט; געשפּרונגען אויף און דורך רייפן. שטעטלשע זיינען געווען פאַרגאַפט פון זייערע אַקראָ־באַטישע שטיק.

אַ גערודער פלעגט ווערן ווען ציגיינער זיינען אָנגעקומען. זייער לאַגער האָבן זיי געמאַכט אויפן „וויגאָן״, נאָענטביים טייך.

דאָס אָנקומען פון ציגיינער האָט דערשראָקן אידישע מאַמעס. די קינדער פלעגן זיי אָנזאָגן און לערנען ווי זיך צו היטן, ציגיינער זאָלן זיי נישט פאַרשלעפּן. אַ ציגיינער קינד וואָס האָט געהאַט העלע האָר און אַ ווייסע הויט, האָט מען פאַררעכנט ווי אַ צוגערויבטס.

דער רעש פון די ציגיינער האָט אָנגעפילט דאָס שטעטל. אַפילו באַלע־באַטישע מענטשן פלעגן קומען צום „וויגאָן״, זיך שטעלן פון וויטן און באַ־וואונדערן דעם ציגיינערשן טומל און גערויש.

די יונגע חברה פלעגט בלייבן אויפן פעלד ביז טיף אין דער נאַכט, און מיט בענקעניש זיך צוהערן צו די געזאַנגען וואָס די ציגיינער האָבן געזונגען ביי שייטערן.

אַריינגעפאָרן און אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, זיינען די ציגיינער מיט אַ רוישיק ליד; „מי ציגאַני, (וואָס האָט געקלונגען ווי — ׳מיצי אני׳) טשעסני לידי, גדעי מי יעדעם, טאם מי בודיע״. („מיר ציגיינער זיינען ערלעכע מענטשן, וואו מיר פאַרפאָרן דאָרטן בלייבן מיר״) „מי ציגאַני, וואדקו פילו, אי קאָני מי לאָווילאָ״. („מיר ציגיינער, האָבן בראָנפן געטרונקען און פערד האָבן מיר געלאַטכנט״).

אַמאָל האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן אַ מאַן און אַ פרוי — גאַסן־זינגער. דאָס פּאָרל אַזש פון אוקראַינע, פלעגן גיין פון גאַס צו גאַס און באַזינגען מיט אַ וויינענדיקן ניגון און טרויעריקע ווערטער דעם אידישן חורבן פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. אַ סך ווערטער פון זייער דיאַלעקט האָט מען נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן אָבער דעם עולם פאַרווילט און געמאַכט ווייבער וויינען.

דער מאַן האָט געשפּילט אויף אַ באַנדורע, די פרוי פלעגט פאַרמאַכן די אויגן, אויסשפּרייטן די הענט און מיט אַ הייזעריקן, האַרבן קול זינגען: „ווער עס האָט נאָר די בלאַט געלעזן, פון דער באַרימטער שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט דאָרט געטראָפן אין איינע, צוויי און דריי טאָג !״.

פון זיי האָט מען זיך אויסגעלערנט אַ סך פאָלקס־ און גאַסן־לידלעך, און קינד און קייט האָט געזונגען; „זיי זשע מיר געזונטערהייט מיין ליבע כלה, נאָך דיר וועל איך בענקען מערער ווי נאָך אַלע, זיי זשע מיר געזונטער־הייט און בעט פאַר מיר גאָט, מען זאָל מיך נישט פאַרשיקן קיין דאַלני וואָלאָדי־וואָסטאָק״.

קרינקער האָבן פון אָנהויב ניט געקענט תופס זיין די ווערטער פון

אוקראַיניש־אידישן דיאַלעקט, און פלעגן מבולבל ווערן אין פלאָנטער פון ווערטער וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדער באַדייט. עס האָט זיי גענומען צייט צו באַנעמען אַז „מאַן מאַן", ווי די זינגערין האָט אויסגערעדט — איז גאָר „מיין מאַן".

אַן אויפגעלאָף איז געוואָרן, ווען דעם זיידן חיים אשר'ס פלימעניק — ישראל „דער גרויסער", האָט געבראַכט אַ גראַמאָפאָן מיט אַ גרויסער טרובע. הונדערטער מענטשן פלעגן זיך אויפזאַמלען ביי די פענצטער אויסצוהערן די לידלעך און חזנ'ישע געזאַנגען. די וואָס זיינען אַריין אין שטוב, האָבן עס גע־האַלטן פאַר אַ גאָר גרויסע זכיה.

אַחוץ די חזנ'ישע געזאַנגען, פלעגט ישראל שפּילן אויפן גראַמאָפאָן טשיקאַווע גאַסן־לידלעך. די פּאָפּולערסטע פון יענער צייט זיינען געווען: „מוישעלע מאַן־מאַן, אינדערערד זאָלסטו אַראָן, אויפן פייער זאָלסטו ברענען, וויפל איז דער שיעור זיך צו בעטן ביי דיר זאָלסט צו זיך, מיך נעמען".

אַ צווייט לידל האָט זיך געזונגען: „אוי געוואַלד אַ גנב, ער האָט דאָך מיך באַ'גנב'עט, ער האָט צוגענומען אַלץ וואָס איך פאַרמאָג; זיבן העמדער ווי די בעכער, דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער. אוי, געוואַלד אַ גנב, ער האָט דאָך מיך באַ'גנב'עט!".

אַ גאָר אויסטערלישער טיפּ איז געווען יאַנקל יהודה דער שמיד. דעם רב איז ער פּשוט דערגאַנגען די יאָרן. באַזונדערס האָט ער זיך געהאַט אָנגעזעצט אויפן רב ר' ברוך סטאַווסקי. אַזוי ווי די באַלעבאַטים האָבן זיך ניט גערעכנט מיט דער מיינונג פון „פּראָסטן עולם" שייך שטאָטישע ענינים — ווי למשל — קאַראָבקע, פאַרדינגען די הייוון אָדער די באָד, האָט זיך „עמך" קעגנגעשטעלט. מען פלעגט מעקב הקריאה זיין און גלאַט געמאַכט סקאַנדאַלן.

יאַנקל יהודה דער שמיד איז געווען אַ גרויסער לץ און האָט זיין פּראָ־טעסט קעגן די אויפפירונגען פון די באַלעבאַטים אויסגעלאָדן אויפן רב.

יאַנקל יהודה האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ווען עס האָט זיך אים פאַרגלוסט דערגיין דעם רב די יאָרן, האָט ער עס געטאָן נאָכן דאַווענען. גלייך נאָכן ערשטן מנין האָט ער זיך אונטערגעלענט מיט אַ „קרוטשאַק" בראָנפן און פאַרביסן מיט אַ ציבל אָדער קנאָבל.

קומען פלעגט יאַנקל יהודה פּונקט ווען דער רב פלעגט נאָר וואָס אויפ־שטיין. דער רב נאָך אַ פאַרשלאָפענער, האָט אויסגעהערט די קריוודעס וואָס דער שמיד און דער „עמך" האָט געהאַט צו די באַלעבאַטים.

יאַנקל יהודה פלעגט זיך ניט וועלן זעצן, אַ געזונטער איד איז ער געווען און אונטערגעטרונקען אויך, האָט זיין קול פּשוט אַרויסגעוואָרפן אַ שרעק אויפן רב.

ר' ברוך סטאַווסקי, פלעגט זיך ביי אים בעטן — „ר' יעקב יהודה, זאָל זיין געגוג, איך בעט אייך לאָזט מיך צו רו, איך וועל חלש'ן דאָ פאַר אייערע אויגן". ער האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן ביז ער האָט אַלע טענות אויסגעלאָדן.

יאַנקל יהודה'ס זון ליפע, איז שוין געווען אינגאַנצן אָפּגעראָטן פון טאַטן. ער האָט זיך ניט געמישט אין קהל'שע ענינים. דערפאַר האָט ער געטרונקען צוויי מאָל מערער ווי זיין פאָטער.

ליפע האָט געהאַט די באַרימטסטע קילע אין שטעטל.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן טאָג, ווען דער פראָסט האָט געברענט, האָט ליפע אַ פאַרשנאָשקעטער זיך געלייגט אין מיטן מאַרק אויף אַ שטיין, אויסגעטאָן די שטיוול און געזאָגט — „נו, גאָט צו דאַנקען, איך בין שוין ביי זיך אויפן אויוון".

אַ רושם איז געווען די איינפירונג פון גאַסן־באַלייכטונג. אויף סלופּעס האָט מען איינגעאָרדנט לאָמפּן וואָס זיינען אַראָפּ און אַרויף געצויגן געוואָרן מיט דראָטן. געברענט האָבן זיי אויף קעראָסין און מיט שעטקעס, און אַ גוי פלעגט זיי אָנצינדן.

שפּעטער צו איז אויך אין שטעטל געעפנט געוואָרן אַן „אילוזיאָן" דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס די קרינקער האָבן געזען לעבעדיקע מענטשן זיך באַוועגן אויפן לייוונט. דעם אויפרודער וואָס דאָס האָט געמאַכט די ערשטע צייטן איז געווען אַ גוואַלטיקער. אַ טייל מענטשן האָבן עס פּשוט געוואָלט דערקלערן ווי כישוף.

גרעסער ווי דער אויפרודער פון „אילוזיאָן", איז געווען דער אָמניבוס וואָס האָט געפירט פּאַסאַזשירן פון קרינקי קיין סאָקאָלקע. בעלי־עגלות זיינען געלאָפן צום רב ער זאָל אים אסר'ן, — ער ברענגט אום זייער פּרנסה. זיי זיינען געפאָרן צו חסיד'ישע רבים — צוזאַמען מיט די ווייבער האָבן זיי דעם אָמניבוס מיט זיינע באַלעבאַטים געשאָלטן מיט טויטע קללות.

עס פלעגט טרעפן אַז צוליב שלעכטע וועגן איז דער אָמניבוס קאַליע געוואָרן, דער מאָטאָר האָט ניט געאַרבעט, אַ ראָד האָט געפּלאַצט. דעמאָלט איז ביי די בעלי־עגלות געווען אַ גרויס פריידן — „איר זעט, פלעגן זיי זיך איבערנעמען, אונזערע קללות האָבן געהאָלפן".

צווישן גויים האָט דער אָמניבוס אַרויסגערופן גרויס פחד. אַז זיי פלעגן אים דערזען, זיינען זיי זיך אין שרעק צעלאָפן — „גערופן האָבן זיי אים — „טשאָרט אָבכאַיקע". עס הייסט דער טייפל יאָגט עס.

דעם אָמניבאָס'עס אָנקומען און אָפּפאָרן איז פון די ווייסע־חברה אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס שמחה. זיי פלעגן אים נאָכלויפן ביזן מאַרק ווען ער איז אָנגעקומען, און אים אַרויסבאַגלייט אַ שטיק וועג מיטן שאָסיי.

אויף זיין אָנקומען האָבן אויך געוואַרט עלטערע אידן און די ליידיקגייער; רייכע זינדלעך. גרויסע פּוילאַקעס האָבן גאָר אויפגעלעבט. זיי פלעגן

זיך פאַרזאַמלען לעם חצקל דעם שענקער׳ס הויז, האָבן דעם אָמניבאָס אַרומ־געטאַפּט און באַוואונדערט דעם שכל פון וואָגן וואָס לויפט אָן פערד.

אַחוץ׳ן שאָופער אַ גוי (שאַפיאָר ווי מען האָט אים גערופן) איז קאָנדוק־טאָר געווען דער „פאַרברענטער״

דער „פאַרברענטער״ אַ בעל עגלה בן בעל עגלה, איז אַלס אינגל געווען אַ וואוילער יונג, אַ שלעגער און אַ ווילדער ווייס־חברה׳ניק. פאַר זיינע שטוקעס האָט מען אים שטאַרק פיינט געהאַט.

די צרות וואָס ער האָט אָנגעטאָן האָט מען געקענט איינטיילן אַ גרעסערע שטעטל ווי קריניק.

ניט נאָר האָבן ווייסע חברה׳ניקעס מחותנים און מחותנת׳טעס אויף חתונות פאַרבונדן די קליידער איינע צו די צווייטע. נאָר זיי פלעגן אויך באַ־וואַרפן אַ סך חתונות מיט קנוילן אַפּפאַל און שמאַטעס.

אַ מנהג איז אויך געווען ביי דער חברה צינדן אויף חתונות פייער־ווערק.

דער „פאַרברענטער״ איז געווען דער הויפּט „שטורעם־פויגל״ פון דער באַנדע, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַלע מיאוסע מעשים.

איינמאָל אויף אַ חתונה האָט זיך דער „פאַרברענטער״ צעווילדעוועט. ער האָט אָנגענומען אַ מויל מיט קעראָסין, אָנגעצונדן אַ פּאַפּיר און פון מויל אַ גאָס געטאָן די קעראָסין אויפן ברענענדן פּאַפּיר. דאָס פייער האָט אים געפּלאַצט אין פּנים. דאָס אונטערשטע טייל פּנים ביזן נאָז — די מאָרדע און די באַקן זיינען אים פאַרברענט געוואָרן.

נאָכן אומגליק האָט ער זיך אָנגעהויבן לייטישן. ער איז געוואָרן רואיק און געפירט „שטאַט״, האָט חתונה געהאַט און געפירט אויף זיין שטייגער אַ באַלעבאַטיש לעבן. זיין אמת׳ן נאָמען האָט שוין קיינער ניט גערענקט — עס איז געבליבן דער „פאַרברענטער״.

ווי אַ קאָנדוקטאָר האָט מען דעם „פאַרברענטן״ אויסגעפּוצט אין אַ מונדיר, מיט וועלכן ער פלעגט זיך גרויסן און איבערנעמען.

דער סיגנאַל אַז דער אָמניבוס פאָרט אָפּ איז געגעבן געוואָרן דורך אַ שאַל פון אַ טרובע. דער „פאַרברענטער״ מיט טיפן ערנסט פלעגט זיך אויס־ציען אין זיין גאַנצער גרויס, מיט אַ זויבער טיכל האָט ער אַרומגעווישט דעם בלאָז־רער, אים אַריינגענומען אין מויל און אַרויסגעלאָזן אַ שאַל.

יאַטן פלעגן דעם „פאַרברענטן״ שטעכן מיט קנאה. די נגיד׳ישע זינדלעך די פּוילאַקעס און ליידיק־גייער, האָבן אים מקנא געווען זיין מונדיר און דאָס וואָס ער קען פראַנק און פריי פאָרן הין און צוריק צווישן קריניק און סאָקאָלקע.

# משוגעים און צעדרייטע

קריניק האָט געהאַט משוגעים עד לרוב. צווישן זיי אינטערעסאַנטע, ווילדע און גלאַט טעמפּע.

דער טשיקאַוועסטער איז געווען שלמה דובראַווער. נאָר אים האָט מען ניט געקענט פאַררעכענען פאַר אַ שטעטלשן. זיין טעריטאָריע איז געווען — צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון אַרומיקן געגנט.

צווישן די סטאַנדאַרנע, סיזאָן־משוגעים און גלאַט צעדרייטע, זיינען אויך געווען אַ פּאָר גויים, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט און איינגעוואַקסן מיט אידן און מיטן ישוב.

דער ווילדסטער — מאַטקע, אַ טעמפּער, רויער בחור, איז אַחוץ זיינע משוגעת׳ן געווען אַ גרויסער נאַר. אים האָבן געפעלט די איינפאַלן וואָס משוגעים באַוויזן אַ סך מאָל. זיין משוגעת — זיך עסק׳ן מיטן טויטן טאַטן.

מאַטקע׳ס מוטער — אַ קליינינקע־איינגעבויגענע אידענע, אָבער זייער אַ פלינקע און ענערגישע, האָט זיך מפרנס געווען פון אַן אייזן־קראָם.

ווען מאַטקע איז אַרויס פון די כלים, איז ער באַפאַלן זיין מאַמען, האָט איר געשלאָגן מיט רציחה און דערביי געשריען מיט באַנומענע קולות.

אויף ביידנס גוואַלדן איז זיך דאָס שטעטל צונויפגעלאָפן. עס האָט גענומען קוראַזש און כוח מאַטקען בייצוקומען. אַ סך מאָל פלעגט ער מיט אַ שטיק אייזן יאָגן די וואָס האָבן געזוכט אים איינשטילן.

זיין הויפּט־חלאת איז געווען — טראָגן שפּייז צו זיין טאַטנס קבר, און שרייען: „איך מוז פאַרן טאַטן אָבן וואָרמעס!"

יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער שעה פלעגט ער מיט אימפּעט אונטער־שפּרינגענדיק און הויבנדיק האַסטיק מיט די אַקסלען, זיך טראָגן צום בית עולם.

ווייסע חברה׳ניקעס פלעגן אים נאָכלויפן און שרייען: „וואו גייסטי דאָס מאַטקי? — ברענגען דעם טאַטן וואָרמעס! — „ער איז דען הונגעריק?" — שוין אַוועק אַ האַלבער טאָג און ער האָט נאָך ניט געגעסן, ער וועט ניט קענען איינליגן".

אויפן פאָטערס קבר פלעגט ער אויסגיסן דאָס געקעכץ — „נאַ טאַטי, זיי זיך מחיה, מאָרגן וועל איך דזשיר ברענגען אַ בעסערן וואָרמעס!".

אַנגעפאַלן איז מאַטקע אויף זיין מאַמען ווען זי האָט ניט צוגעגרייט קיין וואָרמעס, אָדער האָט געזוכט אים אָפּצורעדן פון גיין אויפן בית עלמין.

אַ צווייטער משוגענער מאיר „ציצון״, איז געווען אַן אָפּגעלאָזענע בריאה. שטענדיק פֿאַרברודיקט און אָפּגעריסן. זיין הויפּט־טענה האָט ער געהאַט צו זיין מאַמען פֿאַר וואָס זי האָט אים „אַנטוואוינט״ צו יונג.

דער דריטער משוגענער (דאָס איז געווען אַ באַרימטע „טראַיקע״) שמעון „אַ זשאַנקי״, איז געווען אַ גיבור, מיט ברייטע פּלייצעס; אַ שטאַרקן פּנים און אַ געדיכט בלאָנד־געקרויזלטע באָרד.

ער פֿלעגט זיך בעטן מען זאָל אים רעדן אַ שידוך. שאַרף האָט ער ניט געקענט רעדן. זיינע איינציקע שאַרפֿע ווערטער זיינען געווען — „איך וויל אַ זשאַנקי״.

חברה פֿלעגן אים פֿרעגן — „שמעון, קענסט דען מפרנס זיין אַ זשאַנקי?״. ער פֿלעגט אויסרעכענען אַז ער קען וואַסער־טראָגן, האָלץ האַקן און טאָן נאָך אַרבעטן וואָס וועלן אים ברענגען פּרנסה.

אַ באַליבטער זאָג זיינער איז געווען: „איך שוגע (משוגע), אַלע שוגע!״

אַז אַ פֿאָטאָגראַפֿער איז געקומען אין שטעטל פֿון גראָדנע צי פֿון ביאַלי־סטאָק, האָט ער זיך פֿאַרלייגט אויפֿזוכן אָט דעם דריילינג און אים אָפּ־פֿאָטרעטלען.

דער פֿאָטאָגראַפֿער פֿלעגט די דריי חברה׳לייט אויסשטעלן אין די פֿאַר־דרייטסטע און קאָמישסטע פּאָזעס; איבערגעקערטע מאַנטלען; פֿאַרדרייטע היטלען; אַ בעזעם אין האַנט; רייטנדיק אויף אַ קאָטשערע און נאָך אַזעלכע איינפֿאַלן.

די פֿאַרטרעטן האָט דער פֿאָטאָגראַפֿער נאָכדעם אויפֿגעקלעפּט אויף אַ קעסטל וואָס איז געווען פֿאַרשטעלט מיט אַ גלאָז און עס אַרויסגעשטעלט אין דרויסן פֿון זיין „סטודיאָ״.

אַז די שטעטלשע האָבן דערזען די משוגעים אין די פּאָזעס, זיינען זיי שעה׳ן לאַנג געשטאַנען אַרום קעסטל און זיך אונטערגעהאַלטן מיט געלעכטער און וויצן אויפֿן חשבון פֿון די צעדרייטע.

אַ משוגענער מיירעם, האָט אינגאַנצן ניט גערעדט.

וועגן מיירעמען זיינען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשיידענע מעשיות און לעגענדעס. אַ הויכער שיינער מאַנספּערשוין, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר און אַ שוואַרצע לאַנגע באָרד, איז זיין אויסזען געווען ענלעכער צו אַ רוסישן פּאָפּ, ווי צו אַ אידן.

זומער איז ער געגאַנגען באָרוועס. מפרנס געווען האָט ער זיך פֿון וואַסער־טראָגן. געשלאָפֿן איז ער אין גרויסן בית מדרש.

דערציילט האָט מען אַז ער שטאַמט פֿון גאָר גרויסן יחוס, איז זייער געבילדעט, האָט געענדיקט עטלעכע אוניווערסיטעטן און קען פֿליסיק אַ סך שפּראַכן.

אַזוי ווי ער האָט ניט גערעדט איז קיינמאָל נישט באַשטעטיקט געוואָרן די אַלע מעשיות. מען פֿלעגט אָבער קומען צו אים ער זאָל שרייבן אויסלענדישע

אַדרעסן. מענטשן האָבן געזאָגט דאָס מען קען זיך „שפּיגלען" אין זיין האַנט־שריפט. זיין מאַכן זיך שטום איז געקומען פון אַ נדר וואָס ער האָט אויף זיך גענומען פאַר אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך.

צו די אַלע מעלות וואָס די שטעטלשע האָבן אים צוגערעכנט איז אויך געווען פידל שפּילן. קיינער האָט עס אים אָבער קיינמאָל ניט געהערט.

געהאַלטן האָט מען אים ניט פאַר אַ משוגענעם, נאָר פאַר אַ מין מתורף וואָס האָט זיך געגעבן אַ נדר און פירט אים אויס.

ער האָט געהאַט אַ סך משוגענע שטיק, און אַ טבע פון פאַרגיין זיך גלאַט אַזוי, אין אַ ווילדן געלעכטער.

דער משוגענער איטשע קוגעלעך, אַז אימיצער איז געשטאָרבן, איז ער מיט פרייד געלאָפן איבערן שטעטל, געקלאַפּט אין די לאָדנס און אָנגעזאָגט די בשורה.

איטשע פלעגט טאָן שווערע אַרבעט אין גאַרבאַרניעס, אויף איין פאַבריק פלעגט ער זיך לאַנג ניט האַלטן. צו אַ נייער פאַבריק פלעגט איטשע ברענגען צושלעפּן פעל פון דער פאַבריק וואו ער האָט פריער געאַרבעט. די נייע פאַבריק פלעגט ער זאָגן — האָט ניט גענוג פעל אין דער צייט ווען די אַלטע האָט פעל עד לרוב.

עס זיינען געווען צעדרייטע מיט קאַפּויערדיקע איינפאַלן און פרויען גרויסע „באַלבאַטוכענעס" וואָס מען האָט פאַררעכנט ווי אָבנאָרמאַל.

משוגענע ווייבער זיינען געווען דריי; איינע אַ גויע.

מייטע אַן עלטערע פרוי, פלעגט אויף אַ סך קליידער, אַרויפשלעפּן אַן אויבער־קלייד מיט אַ שלעפּע.

פון געוואַנט פלעגט מייטע מאַכן אַ פיגור. זי האָט עס געטוליעט, געוויגט און צו דעם געזונגען שלאָף־לידער. מען האָט איר געפונען אַן אויסגעגאַנגענע אָנגעשפּאַרט אַן וואַנט פון אַ מויער, מיטן פיגור איינגעפּרעסט צום ברוסט.

יענטע „קליין קעפּעלע" איז בדרך כלל ניט געווען קיין משוגענע, נאָר אַ מינדערזיכטיקע.

די עלטערן האָבן איר געהאַלטן זויבער און ציכטיק, נאָר פון הויז פלעגן זיי איר ניט אַרויסלאָזן, אָבער אַזוי גיך ווי מען האָט אָפּגעטאָן אַן אויג פון איר פלעגט זי זיך אַרויס׳גנב׳ענען.

יענטע איז באמת געווען אַ טראַגישע געשטאַלט. איר גוף — נאָרמאַל און פול אַנטוויקלט — אַ שיין פּנים׳ל מיט רויטע בעקעלעך. נאָר די קאָפּ ווי פון אַן איין יאָריק קינד. געגרעדט האָט זי האַלבע ווערטער.

קיינער האָט איר ניט באַלעסטיקט. נאָר צוליב אַן אומגליק וואָס איז איר געשען איז זי, פאַר אַ שטיקל צייט געווען פאַר ווייבער, אַ צענטער פאַר שפּאַס און קאָך.

יענטע „קליין קעפּעלע" איז טראַגעדיק געוואָרן!

פון אָנהויב האָט מען אין שטעטל ניט געוואָלט גלויבן. אָבער יענטע האָט זיך אָפּגעגנב׳עט פון דער היים־שמירה און איר פאַרריסן בויך איז געוועז אין אַלעמענס אויגן.

ווען ווייבער האָבן איר דערזען, איז געוואָרן אַ גערודער און אויפקאָך — „יענטע קליין קעפּעלע איז אין גאַס!".

רוישיקע ווייבער האָבן זיך געשטעלט ביי די גאַניקעס איר אָפּוואַרטן. מיט כיטראַסט האָט מען איר אַריינגענאַרט אין אַ הויז. צענדליקער ווייבער זיינען אויפגעלאָפן. מען האָט יענטע׳ן אַוועקגעזעצט אויבנאָן. ווייבער האָבן גענומען טאַפּן דעם בויך און זיך איבערווינקען.

— „יענטע, יענטע, ווער האָט עס דיר געגעבן אַזאַ גרויסן בויך? — „דער אבענטער", האָט זי געענטפערט.

דאָס האָט געמיינט אַז דער „פאַרברענטער" האָט עס איר געמאַכט מעוברת.

צי דער „פאַרברענטער" איז טאַקע געווען דער שולדיקער, איז מען קיינמאָל ניט געוואויר געוואָרן. ער האָט געלייקנט שטיין אוןביין און זיך געשוואוירן אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן.

עס האָט געקענט גריילעך זיין, אַז דעם „פאַרברענטנס" שונאים האָבן יענטע׳ן איינגערעדט זי זאָל אַזוי זאָגן.

די משוגענע אַדאַטשקע, איז געווען אַ גוי׳ע פון אַ דערבייאיקן דאָרף. כמעט אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער האָט זי געדינט. לאַנג אין איין הויז פלעגט זי זיך ניט האַלטן. ביי אונז האָט זי אפשר צוואַנציק מאָל געדינט. מען פלעגט איר אָפּקומען מיט עסן. אַקליידל און אַמאָל האָט מען איר צוגעוואָרפן אַ רובל.

אַדאַטשקע איז געווען אַ מיאוסע מיט אַ ליסייעטן פנים. איר משוגעת איז געווען — רייד; זי האָט געקענט רעדן שעה׳ן אָן אויפהער; רעדן גלאַט אָן זין און שכל.

איר האָט געטראָפן אַזאַ אומגליק ווי יענטע „קליין קעפּעלע". באַשולדיקט האָט זי דעם פאַבריטשנעם אוראַדניק, ווענען אידן האָבן צוליב זיין הויכן וואוקס גערופן — „סטיבון".

אַ מעוברת׳טע האָט מען אַדאַטשקען אין קיין הויז ניט געוואָלט אַריינלאָזן. פון רחמנות האָט איר מיין מאַמע ע״ה, אַריינגענומען.

צוליב איר לאַגע איז אַדאַטשקע געוואָרן צעדרייטער. עס האָט זיך ביי איר אָן אויפהער געגאָסן רייד, צוזאַמען מיט טויטע קללות אויפן „סטיבון".

כדי פּטור צו ווערן פון שוואַנגערשאַפט האָט זי זיך געשלאָגן אין בויך. און אים געקוועטשט אויף די ראַנדן פון טיש.

זי איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט זי זיך באַוויזן מיט אַ ליכטיקן אינגל אויפן האַנט. מיט אַ קינד האָט איר קיינער ניט געוואָלט אַריינגעמען. אַ שטיקל צייט האָט זי זיך אַרומגעבלאָנקעט און איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן.

סיזאָן משוגעים זיינען געווען צוויי: קותיאל און מיין זיידן יאַנקל בונים׳ס אַ לייבלעך שוועסטער־קינד — שמחה, רחל מאַטשקעס

קותיאל איז געווען אַ שטילער מענטש און אַ גרויסער פאַרשוין. די משוגעת איז אים צום ערשטן מאָל באַפאַלן ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן. ער האָט שוין אָבער געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע — זיבן צי אַכט קינדער.

ער איז געווען אַן אַריינגעפאַרענער און פון אָנהויב האָט קותיאל זיך פאַרנומען מיט מלמדות. פּלוצים האָט ער עס אויפגעגעבן און איז געוואָרן אַ גאַרבער. פאַרדינט האָט ער ווייניק, אפשר דריי צי פיר רובל אַ וואָך. איך ווייס עס, ווייל אַ שטיקל צייט האָט ער געאַרבעט אין מיין טאַטנס פאַבריקל.

קותיאל׳ס משוגעת האָט זיך אָנגעהויבן ווען ער איז געוואָרן אַ קאָברינער חסיד. אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען נאָרמאַל, אָבער ווען די חלאת האָט אים אַרום תמוז צייט אָנגעכאַפּט, איז ער געלאָפן איבער די גאַסן מיט אַ געשריי, אַז דאָס שטעטל קען זיך רייניקן פון זינד נאָר דורך טבילה. אַ באָרוועסער איז ער געלאָפן צום טייך און צענדליקער מאָל האָט מען אים אָפּגעראַטעוועט.

שמחה, רחל מאַטשקעס, איז געווען אַ תלמיד חכם. ער האָט געהאַט סמיכה, נאָר האָט ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַ כסא־הרבנות. ער האָט געהאַלטן אַז אים קומט צו זיין רב אין קריניק. ער האָט געקענט שחיטה, און צו דעם האָט מען אים אויך ניט צוגעלאָזן. דאָס פלעגט אים עסן און ווי טאָן.

איינמאָל אַ יאָר איז שמחה׳ן באַפאַלן אַ משוגעת צו וועלן אויף זיך אַליין באַווייזן אַז ער קען שחיטה; עטלעכע מאָל האָט ער זיך ניט דערקוילעט. צום סוף האָט ער זיינס אויסגעפירט — די שחיטה איז אים געלונגען — דאָס לעצטע מאָל האָט ער עס געמאַכט ווי אויף אַ בהמה.

אין קריניק האָט מען אויך געבראַכט אַזעלכע אין וועמען עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ „דיבוק". געפירט האָט מען זיי דורכן שטעטל צום דערבייאיקן דאָרף קרושענאַן. וואו עס האָבן געוואוינט קיידאַרים (טאַטאַרן) און מען האָט געהאַלטן אַז זייערע אַ הייליקער היילט דיבוקים.

די קראַנקע — אויסשליסלעך מיידלעך און יונגע פרויען — פלעגן קרייען ווי העגער; וואָיען ווי הינט און מיאַקען ווי קעץ.

געפירט האָט מען די צעדרייטע אין פויערשע פורן. ווייסע־חברה׳ניקעס האָבן זיי אַרויסבאַגלייט גלייך אויפן וועג צו קרושענאַן.

צו דער „הייליקער" קיידער האָט זיי טאַקע געגעבן אַ רפואה, האָט מען קיינמאָל ניט געוואוסט. צוריק זיינען די חולאים דורכן שטעטל ניט געפאָרן.

# פאַרווײַלונגען און שפּילן

אַן ערנסטער ישוב באַוואוינט פון אַ גרויסע צאָל שווערע האָרעפּאַשנע מענטשן, זײַנען אין קריניק גאָר צעלאָזענע יונגען געווען ווינציק. קיין גאָר גרויסע עולם הזה׳ניקעס זײַנען אויך ניט געווען. מען האָט ניט געוואוסט פון מענטשן וואָס זײַנען נאָר אַרײַנגעטאָן אין דער אכילה. זויפער זײַנען אויך ניט געווען קיין סך.

באַזונדערס ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען זײַנען אויפגעקומען, איז פאַר דער יונגוואַרג געווען אַ חילול זיך אַרײַנלאָזן אין „לייכטזיניקע״ זאַכן.

אַ רעוואָלוציאָנער האָט געדאַרפט זײַן ערנסט. פאַרווײַלונג און שפּיל האָט מען אָנגענומען ווי אַן אויסדרוק פון ליידיקגייעריי און אַן ענין פאַר דער „בורזשואַזיע״.

דאָס האָט אָבער ניט געמיינט אַז קריניק איז געווען אַ ישוב מיט „אַ לאַנגן נאָז״.

יונגוואַרג האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג — לערנען און פאַרמערן דאָס וויסן, אָבער זיי האָבן ניט פאַרבראַקירט פאַרווײַלונג. אויפגעקלערטע פלעגן אַפילו מיט אייגענע „טאַלאַנטן״ אויפפירן טעאַטער שטיק.

אַחוץ שפּילן אַמאָל טעאַטער, זײַנען אין שטעטל געווען לצים און גלאַט טשיקאַווע פאַרשוינען וואָס האָבן צוגעשטעלט קאָך, אונטערהאַלטונג און געלעכטער.

געווען איז אַ איד מיטן צונאָמען: „לאַפּאַנץ מיט די גלעקלעך״. זײַנע זין און אייניקלעך האָבן דעם צונאָמען געקראָגן בירושה.

איך געדענק דעם ערשטן „לאַפּאַנצ׳ס״ אַ זון, ער האָט געוואוינט אַרונ־טער קאַווקאַז, אין דער טעריטאָריע פון די „קאַפּיצעס״ אויף זשאַבע געסל.

דער „לאַפּאַנץ״ פלעגט אַ צייט זיך אויפפירן רואיק און סאָליד. ווען די פאַרדרייטקייט האָט אים אָנגעכאַפּט, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין טשיקאַווע מלבושים: קליידער אָנגענייט מיט לאַטעס פון פאַרשיידענע ראַשיקע קאָלירן. אַ היטל מיט גלעקלעך; אויפן פּלייצע האָט ער אַרויפגעלייגט אַ פּויק מיט צענדליקער קלאַפּ־מכשירים; צו די פאַרשיידענע טאַצן און קלאַפּערגעצייג איז געווען צוגעבונדן אַ שטריקל, וואָס ער האָט צוגעפּעסטיקט צו אַ צוגעקלאַפּטן „האַטשיק״ (הוק) אויף אַ שטיוול... ווי אַ צוגאָב האָט ער אין די הענט אויך געהאַלטן מעשענע טעלער.

מיטן דאָזיקן הילוך פלעגט „לאַפּאַנץ״ זיך אַ לאָז טאָן צום מאַרק, זײַן משונה׳דיקער אויסזען האָט אויפגעיאָגט ווײַסע־חברה׳ניקעס און אַפילו באַלע־

באַטישע מענטשן. מען האָט אים אַרומגערינגלט און ער פלעגט אָפּגעבן „קאָנצערט" אויף אַלע קלאַפּ־מכשירים.

ער האָט געבויגן און געוואָרפן דעם גאַנצן גוף, געטרייסלט מיטן קאָפּ און דערביי אַרויסגעלאָזן משונה'דיקע קלאַנגען און קולות, ווילדע, ליאַרמענדיק און צעדרייט.

דעם גוי'אישן קוימען־קערער יאַקוב, האָט מען קיינמאָל ניט געזען אָן אָפּגעוואַשענעם און איבערגעטאָנענעם. אַלעמאָל איז ער געווען איינגעריכט אין סאַזשע.

אויפן פּלייצע האָט יאַקוב געטראָגן דעם קער־בעזים אויף וועלכן עס איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ שווערע שטיק אײַזן.

פויערים האָבן יאַקוב'ן געניצט בבחינה אַן אַנאַנס. ביי אים אויפן ברוסט איז שטענדיק געהאַנגען אַ שילדל וואָס האָט אויף דעם נוסח געמאָלדן: „קטאָ זנאַיע, קטאָ מאייע סווינקאָ, נעכאַי פּריוועזע דאָ קרינקו נאַ רינקו". (ווער עס ווייסט פון אימעצן וואָס האָט אַ חזירל, זאָל ער עס ברענגען אויפן קרינקער מאַרק).

קליינוואַרג האָבן געהאַט שפּילן מיט וועלכע זיי פלעגן זיך מתעסק זיין אויף אַ גרויסן שטייגער. נאָר אינגלעך פון משוגע פרומע טאַטעס, אָדער גאָר פון ווילדע חסידים, זיינען פון זיי אָפּגעשטאַנען.

מיידלעך האָבן געשפּילט אין „פּילקע און צייכנס" (ביינדלעך פון שאָפּענע קנאָכן). דער קונץ איז באַשטאַנען אין וואַרפן די ביינדלעך און זיי שנעל קענען אַריינכאַפּן אין האַנט.

אינגלעך האָבן געהאַט צווי האַסטיקע און געשיקטע שפּילן. די פּאַר־שפּרייטסטע האָט געהייסן „טשאַרט".

אין דעם שפּיל האָבן זיך געקענט באַטייליקן אַן ערך צען אינגלעך און ווינציקער. יעדער אינגל האָט געהאַט אַ שטעקן ניט העכער פון גאַרטל, און די שפּילער פלעגן זיך דאַרפן אויסשטעלן אין אַ ריי.

אַן עק פון שטעקן האָט מען געשטעלט אויפן שפּיץ פון רעכטן פוס און דעם אויבערשטן עק האָט מען צוגעהאַלטן מיט אַ פינגער; אין דער זעלבער צייט פלעגן אַלע צעפּאַכן די רעכטע פוס און אַ שליידער טאָן דעם שטעקן. דאָס האָט געהייסן „בוגערן". ביי דעם שפּילער וואָס דער שטעקן איז ניט פאַרפלויגן ווייט — איז געוואָרן „טשאַרט".

דער „טשאַרט" האָט געהאַט אַ פּאָזיציע אין מיטן פון שפּיל־פּלאַץ, אין אַ בערגל ערד האָט ער געדאַרפט אַריינשטעקן אַ העלצל. די שפּילער פלעגן שטיין ביי אַ גרענעץ וואָס איז געווען אָנגעצייכנט פון קרייד.

די קונץ איז געווען וואַרפן אַזוי די שטעקנס אַז זיי זאָלן אַרויסקלאַפּן דאָס העלצל פון בערגל ערד. דער „טשאַרט" פלעגט דאַרפן לויפן אויף גיך

אַריינשטעלן צוריק דאָס העלצל און אויך ניט דערלאָזן די שפּילער קריגן זייערע שטעקנס. די שפּילער פון זייער זייט האָבן געדאַרפט ניט דערלאָזן דעם העלצל שטיין אין בערגל.

דער ציל פון „טשאַרט" איז געווען ווערן אויס „טשאַרט". כדי דאָס זאָל זיך אים איינגעבן האָט ער געדאַרפט אָנרירן אַ שפּילער מיט זיין שטעקן און אַרויסקלאַפּן דאָס העלצל. דער שפּילער האָט דאָס ניט געדאַרפט דערלאָזן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אימפּעטיקער, פאַרמעסט פון געשיקטקייט, שנעלקייט און חכמה צווישןביידע שפּילער.

אַן ענלעכע שפּיל נאָר אַנדערש געשטייגערט איז געווען „מאָנטשיק". אינגלעך פלעגן אויך שפּילן אין קנעפּלעך און קאָלירטע שטיקלעך גלאָז.

תשעה־באב האָט מען אַחוץ אויסאַרבעטן און אויסשניידן פון האָלץ שווערדן, זיך אויך פאַרנומען מיט וואַרפן „סיסקעס" (שטעכלקעס). פאַר מיידלעך איז געווען אַ סכנה זיך צו באַווייזן אין דרויסן. די געוואַגטע זיינען אַרויס אין גאַס איינגעבונדן די קעפּ אין טיכער. אמת׳ע ווייסע חברה׳ניקעס פלעגן די טיכער אַרונטעררייסן און דאָס מיידל אָנשטעקן אַ פולע קאָפּ מיט „סיסקעס".

גאָר צעלאָזענע אינגלעך פלעגן אויך וואַרפן די שטעכלקעס אין בערד. ניט איין איד איז נאָכדעם שטונדן געווען פאַרנומען אין אויספּלאָנטערן די „סיסקעס" פון די בערד.

תשעה־באב איז פאַר די ווייסע חברה׳ניקעס געווען דער פריילעכסטער און צעהוליעטסטער טאָג.

ערב פסח איז געווען גאָר אַ ווילדער טאָג. פאַרשייטע יאַטן און שטיפער זיינען די ערב־פסח נאַכט נישט געשלאָפן.

די חברה פלעגט זיך אַרויסלאָזן איבערן שטעטל אויפקלייבן שפּענדלעך, העלצלעך. גאָר געוואַגטע האָבן פשוט אַוועקגעשלעפּט פון די סטאָליאַרעס און שינדל־מאַכער גאַנצע קלעצער. זיי האָבן אויך אָפּגע׳גנב׳עט פעסלעך פון „מאַזשע" („גריס" וואָס מען האָט גענוצט אויף שמירן רעדער פון פורן), וואָס פלעגן ברענען העל און לאַנג. מען האָט אויסגעגראָבן אויפן פעלד אַ גרוב, אָנגעוואָרפן איר מיט געהילץ און עס אונטערגעצונדן.

פאַרטאָג זיינען שוין די יאַטן געשטאַנען אַרום גרוב און געשריען מיט באַנומענע קולות: „פאַרברענט חמץ, פאַרברענט פסח׳דיקע אַלקעס" (קניידלעך).

גאָר מחיה געווען האָבן זיך די יאַטן ווען זיי האָבן געטראָגן כשר׳ן די חמצ׳דיקע כלים. די פאַנען האָט מען געווייסט. אָבער בלעכענע, צינענע כלים האָט מען געבראַכט צו אַ שלאָסער טונקען אין הייס־וואַסער.

זומער האָבן די חברה געהאַט אַ ספּאָרט — גיין רייסן „אַרבעס־סטרוטשעס", אויף די פעלדער פון פוילישן פּריץ ווירניעז.

די וועכטער האָבן זיי קיינמאָל ניט געקענט איינהיטן — די יאַטן פלעגן מאַכן אַ חורבן. זיי האָבן צעטראָטן און צעטראַמפּלט די פעלדער.

רייסן די אַרבעס זיינען געגאַנגען גרופּעס, און אין דעם איז געווען פאַר־בונדן אַ סטראַטעגיע.

די חברה לייט פלעגן מיט אַ שטריק אַרומבינדן די אויבער־העמדער (בלוזקעס) און ווי אין אַ זאַק, האָבן זיי געלייגט די „סטרוטשעס״.

דער שכל פון גיין אין גרופּעס איז געווען צו האַלטן די וועכטער כסדר פאַרנומען און צעטומלט כדי זיי זאָלן ניט וויסן נאָך וועמען זיך יאָגן פריער.

איינמאָל האָט דער פריץ אַראָפּגעבראַכט קאָזאַקן, זיי האָבן זיך פאַרשטעקט און פלוצים זיינען זיי אַרויס פון די באַהעלטענישן און גענומען זיך יאָגן נאָך די אינגלעך.

מיך און אַ צווייטן אינגל האָט אַ קאָזאַק געיאָגט. ער האָט אונז אָבער ניט געקענט כאַפּן. אַ שלאַקס־רעגן איז אויסגעפאַלן און דער קאָזאַק אָן אויס־געשעפּטער האָט אויפגעגעבן דעם געיעג.

אין שטעטל האָט מען שוין געוואוסט וואָס עס איז געשען מיט מיר און דעם צווייטן אינגל.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר ביידע, מידע, אויסגעשעפּטע און צע־ווייקט ביז די ביינער, אָנגעקומען אין שטעטל.

איך האָב מורא געהאַט אַריינגיין אין הויז. אונטערן טיר אין פיר־הויז האָב איך געהערט דער מאַמעס געוויין.

איר צער האָט מיר צוגעגעבן מוט אַריינצוגיין אין שטוב. אַ פאַרשול־דיקטער בין איך געבליבן שטיין ביים שוועל. די מאַמע האָט מיט שטוינונג אַ ווילע מיך אָנגעקוקט. — דער קאָזאַק וואָלט זיכער, ווען ער פאַקט מיך, ניט איינגעטיילט קיין ערגערן חלק.

ווינטער, שבת צו נאַכט, דינען די לעב־יונגען געפאָרן „קוליק״. אין פערד איינגעשפּאַנטע שליטנס, דער טומל, געוויש, יונג־געלעכטער און די גלעקלעך פלעגן פאַרקלינגען די גאַסן.

אינגלעך האָבן זיך געשליטלט נאָר באַרג־אַרונטער, אַרויף האָט מען דעם שליטן געשלעפּט און געזונגען: „זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס, דינסטיק בולבעס, מיטוואָך בולבעס, דאָנערשטיק און פרייטיק בולבעס, שבת אין אַ נאָווינע אַ בולבענעם קוגל, זונטיק ווייטער בולבעס!״. די יאַטן האָבן זיך געוואָרפן מיט „קולבעס״ (קנוילן) שניי, געמאַכט שניי־מענטשן און זיי געשטעלט ביי פענצטער איבערצושרעקן ווייבער און קינדער.

די דערוואָקסענע בחורים און מיידלעך האָבן שבת געשפּילט אין „פאַנדן״ און „באַהעלטענעשן״. פרייטיק צו נאַכט, האָט מען געקנאַקט יאָדרעס. אין די שבתים זומער איז מען געגאַנגען שפּאַצירן אין די וועלדער און ווינטער האָט מען זיך געגליטשט אויפן „סאַזעלקע״.

געשלעגן האָבן אינגלעך צווישן זיך געפּירט — ווילדע און אכזריות'דיקע. די מלחמות זיינען געווען פון גאַס קעגן גאַס. די הויפּט־אַנשי־מלחמה זיינען געווען די „קאַווקאַזער" יאַטן. זעלטן אָבער האָבן זיי זיך געמישט אין די מלחמות צווישן די באַזונדערע גאַסן.

אינגלעך פון אַלע גאַסן האָבן פאַר די „קאַווקאַזער" געציטערט אימת מות.

די הויפּט־כלי־זין אין די מלחמות, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סך מאָל אין מאַרק, זיינען געווען שטיינער, און ניט איין דערוואַקסענער פאַרבייגייער האָט געקראָגן אַ צעשפּאָלטענע קאָפּ.

# נחום אַנשל דער גרעסטער גביר

דער גרעסטער פאַבריקאַנט און גביר פון שטעטל איז געווען נחום אַנשל קינישינסקי.

אַ געבוירענער פון קאָברין, האָט ער אַריינגערייזט אין קריניק, נאָכדעם ווי ער האָט באַ׳גנב׳עט מיין עלטער זיידע מאיר יונה.

נחום אַנשל איז געווען דעם עלטער־זיידנס אַ שטיקל קרוב. געקומען איז ער צו אים אין „הויף" אויף דער אימעניע מעסקעניק, פונקט דעמאָלט ווען מאיר יונה איז געווען פאַרנומען זיך משתדל זיין מען זאָל אים ניט פאַרטרייבן פון זיין נחלה. דער זיידע יאַנקל בונים איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן. נחום אַנשל האָט געפירט אַזוי די געשעפטן, אַז ווען מאיר יונה איז געקומען איז ער עוקר געוואָרן.

אין קריניק האָט נחום אַנשל פאַר אַ מילנער צעפירט מעל צו בעקערייען. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער געוואָרן אַ בוכהאַלטער ביים גרויסן גביר דוד מאַרעין (דוד טאָדרעסעס) וועלכער האָט געהאַט אַ גוראַלניע אין הויף פון פוילישן פּריץ ווירניען.

דוד טאָדרעסעס איז געווען אַ גביר מיט אַ גרויסן פאַרנעם. זיין מויער אויפן מאַרק אַרומגערינגלט מיט אַ סאָד, איז געווען די שענסטע וואוינונג אין שטעטל.

דוד׳ן האָט אָנגעהויבן גיין שלעכט. ער איז געוואָרן אָרימער, אָבער אין דער זעלבער צייט, איז נחום אַנשל געוואָרן רייכער.

דוד איז אַזוי פאַראָרימט געוואָרן, אַז ער האָט אַלץ אויספאַרקויפט און האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין גראָדנע.

ניט לאַנג נאָך דוד מאַרעינ׳ס אַוועקפאָרן פון שטעטל, האָט נחום אַנשל געעפנט אַ גאַרבעריי.

יאָרן שפּעטער אַז נחום אַנשל איז שוין געווען דער גביר, פלעגט דוד מאַרעין קומען צו אים נאָך אַ נדבה.

די ירידה האָט דוד׳ן אינגאַנצן דערשלאָגן. ווען ער פלעגט קומען צו נחום אַנשלען, איז ער געווען איינגעשרומפּן און אונטערטעניק. נחום אַנשל פלעגט אים אָפּ׳פטר׳ן מיט עטלעכע רובל, און אויף גיך אים משלח געווען קיין גראָדנע.

נחום אַנשל׳ס גאַרבאַרניע איז כסדר געוואָקסן. עס האָט לאַנג ניט גע־

נומען און דער קאָנטראָל פון דער לעדער פאַבריקאַציע איז געלעגן ביי אים אין די הענט.

קריניק איז געווען אַ גרויסער צענטער פון לעדער גאַרבאַריי. אויסגעאַרבעט האָט מען דאָרטן פון פערדן־פעל, לעדער פאַר שיך און שטיוול. די הויפט־קויף־צענטערן זיינען געווען מאָסקווע און וואַרשע.

גאַרבאַרייען זיינען געווען פאַרשיידענע. אין די נאַסע גאַרבאַרניעס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די גאַנצע פעל. דעם לעדער האָט מען געשניטן אין דריי טיילן; „לאַפּעס, דובקעס און שילדער". „לאַפּעס" זיינען געקומען פון די פיס. „דובקעס" (פאַרגרייזט פון פוילישן „דופּאַ") פון הינטער חלק און „שילדער" פון די זייטן און האַלז.

די טיילן באַזונדער זיינען אויף דאָס ניי געגאַרבט געוואָרן. די גרעבערע „לאַפּעס און דובקעס" זיינען עקספּאָרטירט געוואָרן קיין מאָסקווע. די דינערע און איידעלערע טיילן וואָס זיינען געקומען פון „שילדער" האָט וואַרשע איינגעקויפט.

פון די „שילדער" האָט מען געשניטן דריי טיילן: „בלעטער" פאַר קאַמאַשן. „סאַיוזן" פאַר שטיוול און „שפּיצקעס" פאַר קינדערשע שיך.

פון אָנהויב האָט נחום אַנשל זיך פאַרנומען אַליין אויסאַרבעטן די „לאַפּעס" „דובקעס" און „שילדער". שפּעטער צו האָט ער נאָר געגאַרבט די גאַנצע פעל און די טיילן האָט ער פאַרקויפט צו קליינע קאָנטראַקטאָרס וואָס מען האָט גערופן „ליינקעטניקעס".

פון דעם געשעפט איז נחום אַנשל ניט נאָר נתעשר געוואָרן, נאָר עס האָט אים אויך געגעבן אַ קאָנטראָל איבער די קליינע גאַרבאַרעס, וואָס האָבן נאָר געמוזט צו אים אָנקומען.

אַ סך פון זיי האָבן נים געהאַט געגוג געלט. פלעגט ער רעכענען פּראָצענטן אויף די וועקסלען וואָס זיינען ניט געצאָלט געוואָרן אין צייט.

געווען איז נחום אַנשל אַן „ערשטער גילדע קופּעץ". וואָס פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע פּריווילעגיע. זיין טיטל פון ערשט־ראַנגיקן סוחר, האָט אים געגעבן דאָס רעכט פון קענען רייזן און וואוינען אין אַלע שטעט אויסערן תחום המושב.

אין שטעטל האָט נחום אַנשל פאַרנומען דעם אויבנאָן און איז געווען דער הויפּט טאָן־געבער.

ער האָט געקענט גוט לערנען און האָט טאָקע שבת צווישן מנחה און מעריב געלערנט מיט אידן אין „גרויסן" בית־מדרש.

ער האָט געהאַט אַ גוטע שטימע, און איז געווען אַ פיינער מנגן. ווען נחום אַנשל האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, איז מען אים גערן געקומען הערן.

פונקט ווי זיין פאַרנעמלעכע פּאָזיציע — אַזוי איז אויך געווען זיין פיזישער אויסזען, און זיינע אויפפירונגען; שווער. האַמעטנע און פאַרריסן.

גערעדט האָט ער מיטן שאַרפן „רייש" איינגעהאַלטן און מיט זיכערקייט. ער האָט געלאָזן וויסן אַז ער איז דער גביר און תקיף.

מען האָט אים פיינט געהאַט צוליב זיין אכזריות. ווען נחום אַנשל האָט געדאַרפט עפּעס דערגרייכן, האָט ער קיין זאַך נישט געלאָזן אים שטיין אין וועג. ער האָט ניט געהאַט קיין רחמנות און איינזעעניש. קבצנים האָט ער פיינט געהאַט, און האָט פון דעם ניט געמאַכט קיין סוד. ער האָט נאָר געוואָלט מען זאָל אים פאָלגן און אים זיין אונטערטעניק.

ווען ר' זלמן סענדער זצ"ל איז געוואָרן רב אין קריניק, האָט נחום אַנשל גלייך מיט אים פאַרפירט אַ מחלוקה דערפאַר וואָס זלמן סענדער האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון די אַרבעטער און אָרימע.

זלמן סענדער איז ביז גאָר געווען באַליבט אין שטעטל און מען האָט זיך מיט אים געגרויסט. באַזונדערס האָבן זיך די קרינקער איבערגענומען מיט אים ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָננעמען די כסא הרבנות אין וואַרשע. „אין קריניק האָט ר' זלמן סענדער געזאָגט, איז אים ליבער צו זיין רב ווי אין כרך וואַרשע".

ווען נחום אַנשל האָט נאָך געאַרבעט ביי דוד טאָדרעסעס, איז ער געוואָרן אַן איינגייער ביים שיינעם באַלעבאָס דעם טאַבאַק קרעמער שמואל טאַבאַטש־ניק.

שמואל טאַבאַטשניק׳ס ווייב העניע, און דער עלטער זיידע יאָסל פּרו־זשאַנסקי, (יאָסל „טשערבוך") זיינען געווען ברודער און שוועסטער.

שמואל האָט געהאַט טעלעכע זין און דריי טעכטער; ראָשקע, האָדע און שיינקע. זיי זיינען געווען קליין־געוויקסיקע, אָבער שיינע. אַלע האָבן זיי געהאַט אַ טבע צו זיצן אויפגעקנוילטע דעם קאָפּ איינגענורעט אין די אַקסלען.

נחום אַנשל האָט זיך גענומען „פּוצן" צו די טעכטער. שמואל האָט אים אָבער געלאָזן וויסן, אַז אויב ער וויל אַ טאָכטער מוז עס זיין די עלטסטע — ראָשקע.

די אַנדערע צוויי טעכטער האָט שמואל טאַבאַטשניק חתונה געמאַכט — האָדען פאַרן ביאַליסטאָקער וועבער ניסל. שיינקע וואָס האָט געהאַט געפירט אַ ליבע מיטן זיידן יאַנקל בונים׳ס פלימעניק ברוך הערש, פאַר ישראל הערצקע, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ גרויסער לעדער פאַבריקאַנט.

נחום אַנשל האָט ראָשקע׳ן ניט געלאָזן האָבן קיין גרויסע דעה. זי איז אָבער ניט געווען פון די ווייבער וואָס לאָזן זייערס איבערגיין. אַזוי ווי נחום אַנשל האָט מיט איר ניט געוואָלט האָבן קיין שאַרפע קריגערייען, האָט זי אין אַ סך זאַכן געהאַט איר וועג. אין איין זאַך האָבן זיי ביידע געהאַט האַרמאָניע — רשעות!

ראָשקע איז געווען צעקריגט מיט ביידע שוועסטער. בכלל האָט זי זיך געהאַלטן אָפּגעפרעמדט פון דער משפחה. דעם זיידן חיים אשר האָט זי

גראָדע געהאַט גערן. אַלע ערב יום־טוב פלעגט זי אים פאַרבעטן אויף לעקעך און בראָנפן.

ראַשקע׳ס רשעות האָט ניט געהאַט קיין שיעור. נאָך איר פאָטערס טויט, ווען ביי איר מוטער איז אויסגעגאַנגען דער קליינער קאַפּיטאַל, פלעגט איר ראַשקע אַ מאָל צוואַרפן עטלעכע רובל. קיין גרויסע עסקים האָט זי מיט איר אייגענער מוטער ניט געוואָלט האָבן.

אויף אַ גליטש, האָט זיך די אַלטע העניע טאַבאַטשניק גע׳ביזק׳ט. זי האָט זיך געהייסן פירן צו נחום אַנשלען. ווען ראַשקע האָט דערזען אַז די קראַנקע קלייבט זיך בלייבן ביי איר, האָט זי דעם בעל עגלה געהייסן דעם חולה אַוועקפירן צום זיידן חיים אָשר.

דער זיידע האָט דעמאָלט געוואוינט אויף קאַנצעלאַריע גאַס, אין איין צימער, מיט אַ פיר־הויז. אין דער פיר־הויז האָט מען געשטויסן קאָרע, און דער שטויב האָט זיך געשפרייט און איז כסדר געהאנגען איבער דער דירה.

די באָבע ריווע האָט פאַר דער מומע העניע טאַבאַטשניק, אָפּגעטראָטן איר בעט און איז געשלאָפן מיט די טעכטער. יעדן טאָג, ביז העניעס פטירה, פלעגט דער פעטער ישראל גיין צו נחום אַנשלען מיט אַ קריגל פאַר מילך.

אַרבעטער האָבן נחום אַנשלען געהאַסט, ניט נאָר פאַר זיין גרויסן בויך און תקיפות, וואָס האָט סימבאָליזירט אַן אמת׳ן „בורזשוי״. נאָר אויך פאַרן אופן ווי ער האָט זיי באַהאַנדלט.

אין ערשטן סטרייק איז נחום אַנשל געווען דער איינציקער וואָס האָט ניט דערלאָזן גרייכן אַ פּשרה מיט די אַרבעטער.

אין צווייטן סטרייק, וואָס איז אגב אורחה פאַרלאָרן געגאַנגען, האָט נחום אַנשל דערמוטיקט די זשאַנדאַרן זיך אויפפירן מיט אכזריות.

ער פלעגט געבן עצות דעם זשאַנדאַרמערסקן פּאָלקאָווניק ווי אַזוי ער זאָל פירן דעם קאַמף קעגן די סטרייקער. דורך נחום אַנשלס אָנווייזן זיינען הונדערטער יונגע בחורים געפּייניקט געוואָרן אין קרינקער „רעשאָטקע״ און צענדליקער האָט מען פאַרשיקט אין גראָדנער טורמע.

דער סטרייק איז דעמאָלט געבראָכן געוואָרן דורך הונגער און זשאַנדאַר־מערסקער אכזריות. נחום אַנשל האָט זיך געהאַט פאַרלייגט אָנלערנען די קבצנים, און ער האָט זיינס אויסגעפירט.

נחום אַנשלס אכזריות האָט געהאָלפן פאַרגרעסערן די שנאה צו אים. די שטעטלשע האָבן זיין נאָמען געשאָלטן; „זאָל נחום אַנשל אַזוי לעבן; אַזוי לאַנג זאָל נחום אַנשל ליגן און קרענקן; וואָס מאַכט דער חולה? — נחום אַנשל זאָל אַזוי מאַכן; אַזאַ צדיק איז געשטאָרבן און נחום אַנשל איז געזונט ווי אַ שטיין״.

ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אויפגעקומען אין קריניק, איז די פראַגע וואָס מען זאָל טאָן מיט נחום אַנשלען שטענדיק געווען אויף דער אַגענדע פון די צענטראַלע קאָמיטעטן.

שטימונגען זיינען געווען אים איינגאַנצן פטר'ן. דער „בונד" וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס, האָט צו דעם ניט דערלאָזן. זיי האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף נחום אַנשלען אָנשרעקן אַביסל.

וועגן די אַנאַרכיסטן וואָס האָבן שוין געגומען קריגן אַ גרויסן אָנהאַלט צווישן די יונגע גאַרבאַרעס, האָט מען געוואוסט אַז זיי האָבן זיך פאַרלייגט אוּן וועלן נחום אַנשלען סוף כל סוף פטר'ן.

כדי ניט צו דערלאָזן, אַז די אַנאַרכיסטן זאָלן קריגן דעם קרעדיט פאַר פטר'ן נחום אַנשלען, האָבן זיך עטלעכע יונגע בונדיסטן מתקנא געווען, און אַליין, בסוד פון אייגענעם קאָמיטעט, פאַרטראַכט און צוגעגרייט אַן אַטענטאַט אויף נחום אַנשלען.



# דער זיידע יאַנקל בונים אַרעסטירט

אַ שטיקל צייט זיינען קרינקער געווען אויפגעקאַכט פון אַ נבלה וואָס פּאַבריקאַנטן מיט נחום אַנשלען אַלס הויפּט־שולדיקן האָבן אָפּגעטאָן.

די גאַרבאַרעס וואָס האָבן געדאַוונט אין „גרויסן" בית מדרש, האָט מען צוליב דעם וואָס זיי זיינען געקומען דאַוונען אין ניט זויבערע קליידער, און מיט „דעגרע" („גריס" וואָס מען האָט גענוצט אויף ווייכן פעל) אויף די שטיוול. געלאָזן וויסן, אַז זיי וואָלטן די באַלעבאַטים געטאָן אַ טובה ווען זיי זוכן זיך אָפּ אַן אַנדער בית התפילה.

אויף נחום אַנשל׳ס פּלאַן, האָט מען די באַלמעלאָכעס גענומען אָפּזונדערן און אָפּפרעמדן פון בית המדרש עסקים און פאַרזען געבן אַן עליה.

די גאַרבאַרעס האָבן זיך געטומלט. עס האָט זיי אָבער גאָר ניט געהאָלפן. נחום אַנשל איז געווען דער גבאי, און ער האָט שוין געזען מען זאָל פון די גאַרבאַרעס פּטור ווערן.

סוף כל סוף האָבן זיך די אַרבעטער אַרומגעזען אַז די באַלעבאַטים וועלן זייערס אויספירן, און אויף אַן אַסיפה האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אַן אייגענעם בית־מדרש.

ניט וויט טאַקע פון „גרויסן" בית מדרש, איז געווען אַ ליידיקער זאַל וואו אַמאָל זיינען דאָרטן געווען איינקוואַרטירט סאָלדאַטן. אין דעם זאַל האָבן די גאַרבאַרעס געמאַכט אַ בית התפילה.

פאַר אַ גבאי, פאַרוואַלטער און הויפּט־פירער האָבן די באַלמעלאָכעס געמאַכט דעם זיידן יאַנקל בונים.

כדי אויפצוהאַלטן דעם בית מדרש, פלעגט דער זיידע יעדן פרייטיק גיין אויף די פאַבריקן אויפנעמען צווישן די באַלמעלאָכעס זייערע וועכנטלעכע שטייערן („דיוס" בלע"ז).

פאַבריקאַנטן איז דאָס נישט געווען געפעלן און זיי האָבן אונטערגעשיקט דעם מסור מיירעם צינגעס, וועלכער איז געווען אונטער־שמש אין „גרויסן" בית מדרש, ער זאָל דעם זיידן דערגיין די יאָרן.

צינגעס האָט זיך אויפן זיידן אָנגעזעצט און אים געדראָט אַז ער וועט איבערגעבן די פּאָליציי, דאָס דער גאַרבאַרסקער בית מדרש איז ניט קיין בית התפילה, נאָר אַן אויפזאַמל פּלאַץ פאַר „בונטאָווטשיקעס".

אויפן וועג צו די פאַבריקן, איז מיירעם צינגעס מיט אַ פּאָליציאַנט פאַר־לאָפן דעם זיידן דעם וועג, און אים אַרעסטירט.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון דעם אין די פאַבריקן, האָבן די אַר־בעטער געוואָרפן די אַרבעט. אַן עולם וואָס האָט זיך אויפגעקליבן אויפן מאַרק, האָט זיך געלאָזן גיין צום „רעשאָטקע״ באַפרייען מיט גוואַלט יאַנקל בונים׳ען.

אימעצער איז געלאָפן אָנזאָגן נחום אַנשל׳ען. און ער איז אַוועק פועל׳ן ביים פריסטאַוו מען זאָל דעם זיידן באַפרייען.

רואיק איז אָבער פון דער געשעעניש ניט געוואָרן. די גאַרבאַרעס זיינען געווען פול מיט צאָרן אויף די פאַבריקאַנטן.

די באַלעבאַטים פון זייער זייט האָבן אָפּגעמאַכט אַז דעם גאַרבאַרסקען בית מדרש דאַרף מען פאַרמאַכן. אויף זייער מסירה אַז עס איז ניט קיין בית מדרש, נאָר אַ צענטער פאַר רעוואָלוציאָנערע אסיפות, האָט די פאָליציי פאַר־זיגלט דעם בית התפילה.

דאָס וואָס די פאַבריקאַנטן האָבן אָפּגעטאָן איז געווען ווי אויל אויף פייער. צווישן די אָנפירער פון די רעוואָלוציאָנערע גרופּן, איז געווען אָפּגע־מאַכט אַז „אָנלערנען״ נחום אַנשלען, וועט זיין אַ מין וואָרנונג פאַר אַלע פאַבריקאַנטן.

דריי יונגע היציקע רעוואָלוציאָנערע בחורים׳לעך האָבן אויף זיך אַליין געשטעלט צו מאַכן אויף נחום אַנשלען אַן אַטענטאַט.

פון די דריי איז איינער — שלמה׳קע „קירבעסעס״, מיין חבר׳ל זיידקעס ברודער, אָפּגעפאַלן. די צוויי איבערגעבליבענע — לייבקע נאָסקעס און דוד, יאַנקל דעם געלנס, האָבן געמאַכט אַלע הכנות פאַרן אַטענטאַט.

דעם אָנפאַל אויף נחום אַנשלען גערענק איך ווי ער וואָלט טאַקע אָט ערשט געשען.

די באָבע ריווע האָט געוואוינט אויף גאַרבאַרסקער גאַס פונקט קעגנ־איבער נחום אַנשל׳ס מויער.

שבת צו נאַכט איז דאָס געווען. אַ קלאָרע אויסגעשטערנטע נאַכט. אַ פרישער שניי האָט דעם דרויסן פאַרדעקט מיט ווייסקייט און אויפגעלויכטנ־קייט.

די באָבע ווי איר טבע — איז געזעסן ביים פענצטער און זיך געוויגט אין דער פינצטערניש. די טאָכטער יענטע האָט געבעטן דער באָבען זי זאָל אָנצינדן דעם לאָמפּ. ריווע האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין צום טיש. מיט אַמאָל האָבן זיך פון דרויסן אַריינגעריסן געשרייען און אַ גרויס טומל.

יענטע איז אַרויסגעלאָפן, איז באַלד אַריינגעקומען אַן אויפגעציטערטע; „מען האָט געשטאָכן נחום אַנשלען!, לייבקע נאָסקעס, האָט אים געשטאָכן!״. די באָבע האָט זיך ווי אַ ריס געטאָן צום דרויסן, זי האָט זיך אָבער אָפּגע־האַלטן, איז רואיק צו צום פענצטער אַרויסקוקן אויפן אַנגעלאָפענעם עולם. נחום אַנשלען האָט מען געשטאָכן, נאָר ניט דערשטאָכן.

ווי לייבקע נאָסקעס, (לואיס שיין, ווי ער הייסט איצט) האָט מיר איבער־געגעבן, האָט ער נישט געשטאָכן נחום אַנשלען.

אין פּלאַן פאַרן אַנפאַל איז געווען באַשטימט אַז דוד, יאַנקל דעם געלנס דאַרף שיסן און אויב ער טרעפט ניט, דאַרף לייבקע צולויפן און נחום אַנשלען שטעכן.

לייבקע האָט געדאַרפט דוד׳ן אָנזאָגן ווען מען ענדיקט דעם דאַווענען אין „גרויסן" בית מדרש.

נחום אַנשל אַרומגערינגלט פון פאַבריקאַנטן איז געגאַנגען אַרונטער גאַרבאַרסקער גאַס. זיין זון בערל, אַליין אַ גרויסער פאַבריקאַנט, האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם. עטלעכע טריט פון נחום אַנשל׳ס הויז האָט דוד, יאַנקל דעם געלנס, אויסגעשאָסן, און גלייך האָט ער מיט האַסטיקייט אַ יאָג געטאָן אַ מעסער אין נחום אַנשל׳ס בויך. צוליבן גראָבן פוטער, און דיקן בויך, האָט דער מעסער ווייט ניט געגרייכט. נחום אַנשל איז נאָר אַביסל פאַר־וואונדעט געוואָרן.

לייבקע נאָסקע׳ס באַשטייט, אַז ערשט אין נחום אַנשל׳ס הויז האָט מען אים פאַרבונדן מיטן אַטענטאַט, נאָר צוליב דעם וואָס מען האָט אים פאַרן אַנפאַל געזען אין „גרויסן" בית מדרש.

ווער עס איז געווען דער צווייטער אַנפאַלער האָט מען אין נחום אַנשל׳ס שטוב ניט געקענט דערגיין.

אין דער צייט ווען מען איז ביי נחום אַנשלען געזעסן און געפּרובירט טרעפן ווער עס איז דער צווייטער אַנפאַלער, איז דוד, יאַנקל דעם געלנס, געזעסן אין אַ טראַקטיר און האָט רואיק געגעסן אַ כוסה, נאָך אַ כוסה.

צוזאַמען מיט לייבקע נאָסקע׳ס האָט מען אויך אַרעסטירט אַן אומשולדיקן פּאַליאַק, אַ פרומען קאַטאָליק, וועלכער איז געווען דער גלאָקן־ציער אין פּוילישן קלויסטער.

ווען מען האָט לייבקען אַרעסטירט איז ער אפשר אַלט געווען 16 יאָר. גאָר יונג איז ער אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פון זיין גאַנצער משפחה איז ער געווען דער איינציקער וואָס האָט נאָך אַלס אינגל זיך גענומען מישן אין רעוואָלוציאָנערע עסקים און לויפן צו „סכאָדקעס".

די ערשטע אַגיטאַציע האָט ער געקראָגן פון די באַלמעלאָכעס וואָס האָבן געאַרבעט אין זיין פאָטערס טאָקעריי.

גאָר יונג האָט לייבקע אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער בונדישער באַוועגונג. ווען מען האָט אים אַרעסטירט איז ער שוין געווען אַנגעזען אין צענטראַל קאָמיטעט פון בונד.

עטלעכע טעג איז לייבקע געזעסן אין קרינקער „רעשאָטקע". אין אַ שטאַרק־פראָסטיקן טאָג האָט מען אים מיט הענט געבונדן אויף הינטן, מיטן עטאַפּ אָוועקגעשיקט אין גראָדנער טורמע.

ווען מען האָט לייבקען געפירט איבער די קרינקער גאַסן, זיינען די גאַרבאַרעס געשטאַנען שטום און צוגעקוקט ווי מען טרייבט אים און דעם אומשולדיקן גוי אַרומגערינגלט פון „סטראַזשניקעס" מיט נאַקעטע שווערדן.

פון „בונד" האָט מען נחום אַנשלען אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט קעגן לייבקען עדות זאָגן, וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.

נחום אַנשל האָט זיך גלייך גענומען מתעסק זיין צו באַפרייען לייבקען. ער איז אַליין געפאָרן קיין גראָדנע. און האָט גע'פועל'ט לייבקען און דעם גוי אַרויסלאָזן אויף ערבות.

ווען לייבקע איז געקומען קיין קרינקי, האָט אים נחום אַנשל פאַרבעטן צו זיך און אים געפרעגט וואָס ער קאָן פאַר אים טאָן. „זעט מען זאָל מיך באַפרייען". איז געווען לייבקע'ס פאַרלאַנג.

נחום אַנשל האָט געדונגען די בעסטע אַדוואָקאַטן, און דורך זיין מי זיינען לייבקע און דער גוי אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן.

# אַנאַרכיסטן אין קרינּיק

אין קרינּיק איז קלאַסן־קאַמף נּיט געווען קיין טעאָריע איינגעשריבן אין אַגיטאַציע ביכלעך.

אין דער צייט ווען אין די אַרומיקע שטעטלעך וואָס האָבן נּיט געהאַט קיין אינדוסטריע, איז זיין אַ סאָציאַליסט געווען אַ מין פוץ פאַר אַ פּאָר אינטעליגענטן און אויפגעקלערטע. איז אין קרינּיק די אידייע פון אַ סאָ־ציאַלער־רעוואָלוציע געווען דער ציל פון כמעט דער גאַנצער יוגנט.

די גאַרבאַרעס בכלל זיינען געווען אויפשטענדלער און קעמפער, און זייער אָרט אין דער אַרבעטער קאַמף־געשיכטע שטייט אין אויבנאָן.

עס איז אמת אַז אַ צאָל פון ערב רב האָט געטומלט, און אַז יונגע אינגלעך האָבן שלעכט באַנומען וואָס און ווי אַזוי זאַכן דאַרפן געטאָן ווערן. אָבער, זיי זיינען געווען אַ גאָר וויכטיקער טייל פון דער מחנה וואָס האָט געשטויסן רוסלאַנד זיך צו באַפרייען פון דער זעלבסטהערשאַפט.

די גרויסע פירער און טעאָרעטיקער פון די רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען האָבן גוט געוואוסט די פּסיכאָלאָגיע פון דער „מאַסע‟, און האָבן זייערע לאָזונגען צוגעפּאַסט צום וויסן און פאַרלאַנג פון אַרבעטער מענטשן.

לעניִנ׳ס זאָג — „ראַביטיע ראַבאָוו‟, „רויבט די רויבער‟ איז נּיט געווען גלאַט אַ היסטערישער אויסרוף אין אַ רעדע. נאָר אַ גוט פאַרטראַכטער מיטל פאַרן ציל.

פאַר די קרינקער גאַרבאַרעס זיינען די ערשטע שונאים געווען די רייכע. ערשט שפּעטער האָבן זיי אָנגענומען אַז מען דאַרף אויך קעמפן קעגן דער זעלבסטהערשאַפט.

ציוניזם האָט נּיט געווירקט אויף קרינקער, נאָר אַ קליינע צאָל באַלע־באַטישע יונגעלייט האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם. די עטלעכע ציוניסטישע בחורים האָבן זיך געזאַמלט אַרום אידישן אַפּטייקער. זיי האָבן נּיט געהאַט קיין שום השפעה.

עס איז אויפגעקומען אַ פּועלי ציוניסטישע גרופּע, זי האָט זיך אָבער נּיט אָנגעזען און איז געבליבן באַגרענעצט צווישן אַ קליינע צאָל מענטשן.

נאָך פאַרן אויפקומען פון „בונד‟, זיינען שוין אין קרינּיק געווען בחורים און מיידלעך וועלכע האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער רוסלענדישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע.

צווישן זיי זיינען געווען אמת טיכטיקע און איבערגעגעבענע אידעאַליסטן.

ווען מיין פעטער אהרן וועלוול איז געקומען פון ביאַליסטאָק אָרגאַניזירן די גאַרבאַרעס, האָט ער שוין געהאַט די מיטהילף פון אַ באַוואוסטזיניקער גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

די ערנסטקייט און נאַאיווקייט פון די יונגע מענטשן, האָט גורם געווען זיי זאָלן אָפּטאָן זינלאָזע — אָבער העלדישע אַקטן.

מנחם, מאָטל אריה׳ס, סימבאָליזירט דעם אַמאָליקן טיפּ פון נאַאיוו־רעוואָלוציאָנערן בחור.

מנחם איז געווען פון די גאָר ערשטע סאָציאַליסטן אין קריניק. די שבועה אין „ראָזבאָניקער״ וואַלד צו די גאַרבאַרעס, וואָס מען האָט געגרייט צום ערשטן סטרייק זאָגט מען אַז ער האָט געגעבן. געשוואָרן האָט מען אויף אַ ספר און אַ פּאָר תפילין, און נאָך דער צערעמאָניע האָבן די „באַוואוסטזיניקע״ געזונגען די „בונדישע־שבועה״.

עס זיינען דעמאָלט געווען צוויי בונדישע שבועה־געזאַנגען. די איצט באַקאַנטע; „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט, צו אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט, צוזאַמען, צוזאַמען די פאָן איז גרייט, זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלויט איז זי רויט, מיר שווערן אַ שבועה אויף לעבן און טויט״, און די סאַמע ערשטע שבועה — „הייליק איז די נאַטור מיט אירע פרייהייטס־קליידער״.

נאָכן ערשטן סטרייק איז מנחם אַוועק אין מיליטער. לאַנג האָט ער זיך דאָרטן ניט געהאַלטן. ער אַנטלויפט און קומט אין קריניק פּונקט ווען דער צווייטער סטרייק איז אָנגעגאַנגען.

אויפן מאַרק, האָט ער אַ „גאָראָדאָוואָי״ וואָס האָט געשלאָגן אַ סטרייקער, געשפּאָלטן דעם קאָפּ. ער איז עוקר געווען צו אַ שוועסטער אין איירלאַנד. דאָרטן זוכט ער אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון דער שוועסטערס מעבל־פאַבריק, זי פאַריאָגט אים, און מנחם פאַררייזט קיין אַמעריקע.

אין שיקאַגאָ, איז מנחם׳ען געווען שווער זיך צופּאַסן צום אַמעריקאַנעם לעבן. ער באַגייט זעלבסטמאָרד נאָך דערפאַר — „וואָס דער קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע וואַקסט און ווערט שטאַרק. און עס וועט זיין שווער צו מאַכן אַ סאָציאַלע־רעוואָלוציע״.

בחורים פון דעם סאָרט זיינען געווען אַ סך אין קריניק. אַ גרויסע צאָל האָט די מעסיקייט פון „בונד״ ניט צופרידנגעשטעלט. קאָכיקע יאָטן, האָבן זיי געוואָלט — דירעקטע־אַקציע״.

די היציקע בחורים האָבן עס אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דעם אַנאַרכיסטישן איינפלוס צווישן די יונגע גאַרבאַרעס.

געבראַכט די ערשטע אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע האָט יאַנקל „טשייני״. דעם נאָמען האָט ער געקראָגן ווען זיינער אַ קרוב, אַן אויסגעדינטער סאָלדאָט,

האָט פאַרצערטלט אויף רוסיש אים גערופן — „טשאָרני״ (שוואַרצער) קינדער האָבן עס פאַרגרייזט אויף — „טשייני״.

יאַנקלען האָט ישראל איסר דעם שוחט׳ס אָוועקגענומען אַרבעטן קיין ביאַליסטאָק. ווי אַ בונדאָוועץ, פלעגט יאַנקל קומען צו דער גרופּע וואָס האָט זיך דעמאָלט געזאַמלט אין „פאַבריטשנער געסל״. אימעצער האָט אים דאָרטן געגעבן אַ ביכל — „דער אַלעף־בית פון אַנאַרכיזם״.

יענעם טאָג טאַקע, איז פּאָליציי באַפאַלן דעם זאַמל־פּונקט. אַ פּאָליציאַנט האָט יאַנקלען געשלאָגן מיט גרויס אכזריות דערפאַר וואָס ער איז אַ קרינקער: „עה, האָט דער נאַדזיראַטעל געזאָגט, ביסט פון די קרינקער בונטאָווטשטשי־קעס!״.

אַ בייזער צאָרן צום נאַדזיראַטעל, איז אויפגעצונדן געוואָרן ביי יאַנקלען. ער האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי צו נעמען נקמה אין אים.

דערפאַר וואָס אין „בונד״ האָט מען יאַנקלען אָפּגערעדט פון נעמען נקמה אין פּאָליציסט, איז ער אַוועק אויפזוכן די אַנאַרכיסטן.

דער אַנאַרכיסטישער אינטעליגענט און טעאָרעטיקער אין יענער צייט, איז געווען יעקב קרעפּליאַק ע״ה. צוליב זיין ראָלע אין באַליסטאָק פון דער־ציען און לערנען דער יוגנט די אַנאַרכיסטישע אידייע, האָט מען קרעפּליאַק׳ן גערופן — „פּראָפעסאָר״.

קרעפּליאַק האָט יאַנקל טשיינען מקרב געווען און צוזאַמען האָבן זיי גענומען פּלאַנעווען אַן אַטענטאַט אויפן נאַדזיראַטעל.

געזאָלט האָט מען דעם פּאָליציאַנט שיסן, נאָר צוליבן גערודער וואָס אַ שאָס מאַכט, האָט מען אויסגעקליבן אים שטעכן מיט אַ קינזשאַל.

צוויי בחורים האָבן דעם נאַדזיראַטעל אָפּגעשטעלט, כלומרשט אים עפּעס פרעגן. יאַנקל האָט דעמאָלט פון הינטן אַרום דערלאַנגט דעם פּאָליציאַנט מיטן קינזשאַל אין נאַקן.

יאַנקל׳ס געוואַגטקייט האָט געהויבן זיין מערכה צווישן די אַנאַרכיסטן. זיי האָבן אים גענומען אָנטרויען קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן. באַזונדער איז יאַנקלען ביז גאָר געווען געפעלן וואָס ער קען טראָגן אַ רעוואָלווער.

אַז יאַנקל טשייני איז געקומען צוריק קיין קריניק, האָט ער עטלעכע בחורים דערציילט פון די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן, וועלכע פירן זיך אויף אַנדערש ווי די בונדאָווצעס. — „דער בונד, האָט ער זיי געזאָגט, קען די רעוואָלוציע ניט ברענגען. ווי דער בונד פאַרנעמט זיך, וועט קיינמאָל גאָר ניט אַרויסקומען. נאָר טעראָר איז דער איינציקער מיטל״.

יאַנקל׳ס רייד האָבן אויף די בחורים, געמאַכט אַ גרויסן רושם. זיי האָבן צוגעצויגן נאָך עטלעכע. שבת אין ווירניענס־וואַלד האָבן זיי צווישן זיך אויפגעזאַמלט צוועלף רובל.

יאַנקל טשייני איז מיטן געלט געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. קרעפּליאַק האָט אים איינגעשאַפט צוויי רעוואָלווערן און אַ פּעקל אַנאַרכיסטישע בראָשורן. ביידע, יאַנקל טשייני, און קרעפּליאַק האָבן זיך געלאָזן קיין קרינִיק אָרגאַניזירן אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע.

אַ צוויי וויאָרסט פון שטעטל איז קרעפּליאַק צוליב פאַרזיכטיקייט געבליבן אויפן פעלד לעם „פאַראָוקע״ (די מיל וואו מען האָט געשטויסן קאָרע). יאַנקל איז אַוועק אין שטעטל אָנזאָגן די עטלעכע בחורים אַז ער האָט פון ביאַליסטאָק געבראַכט אַן אינטעליגענט־אַגיטאַטאָר וועלכן מען רופט — „פּראָפעסאָר״.

די נאַכט איז קרעפּליאַק געשלאָפן אויפן פעלד. אויף מאָרגן, שבת, האָבן זיך די בחורים פאַרזאַמלט אין ווירניענס־וואַלד. קרעפּליאַק האָט פאַר זיי געהאַלטן די ערשטע אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע־רעדע. — די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין קרינִיק האָט זיך אָנגעהויבן.

דער אָנהויב האָט געבראַכט גאָר וויכטיקע געשעענישן אין שטעטל. די יוגנט איז צעריסן געוואָרן אין צוויי פיינטלעכע מחנות. קאַמפן פאַר דער השפּעה אויף דער קרינקער יוגנט, זיינען צווישן די בונדיסטן און אַנאַרכיסטן געווען ביטערע און בייזע.

עס זיינען אין שטעטל אויך געווען אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען; „פּע־פּע־עס״, „איסקראָווצעס״, „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״, „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״ און „פּועלי ציון״. אין פאַרגלייך מיטן בונד און די אַנאַרכיסטן איז זייער איינפלוס געווען גאָר אַ קליינער.

עס זיינען געווען צייטן ווען אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט די הויפּט־השפּעה אויף דער קרינקער יוגנט. דירעקטע־אַקציע, טראָגן אַ רעוואָלווער און באַגיין העלדישקייטן, האָט געהאַט פאַר זיי אַ גאָר גרויסע באַדייטונג.

ראָמאַנטישע און היציקע בחורים׳לעך און מיידלעך זיינען געווען פאַר־כאַפּט פון דער בראַוואַדאָ וואָס די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט פאַרזאָרגט.

פיזישע צונויפשטויסן צווישן בונדיסטן און אַנאַרכיסטן זיינען אָפט פאָרגעקומען. באַזונדערס אין דער 1905 רעוואָלוציע, זיינען זיי געווען שאַרף און פיינטלעך.

כאַראַקטעריסטיש איז ווי ביידע גרופּעס האָבן געוואָלט דורך לידלעך צונישט מאַכן איינער דעם צווייטן.

בונדיסטן האָבן געזונגען: „די אַנאַרכיסטן, קאָמוניסטן, פּראָוואָקאַטאָרן זיינען זיי, זיי „פּראָוואָליאַען״ די פאַרזאַמלונג, און אַליין צעלויפן זיי!״.

גרויסע העלדן האָבן די קרינקער אַנאַרכיסטן אַרויסגעגעבן. די גרעסטע צאָל בחורים און מיידלעך וואָס זיינען געגאַנגען גרייטע און מיט גרויס ענטוזיאַזם זיך געבן אַלס קרבנות פאַר דער רעוואָלוציע, זיינען געווען קרינקער אַנאַרכיסטישע יאַטן.

# די גרויסע שרפה

אידישע הייזער, אַחוץ מויערן, זיינען אין קריניק געווען הילצערנע מיט שינדל־דעכער. נאָר גוי׳אישע הייזער וואָס האָבן זיך געפונען ביים עק אָדער אָנהויב פון שטעטל, האָבן געהאַט שטרוי דעכער.

די גרעסטע צאָל שרפות זיינען געווען אין גוי׳אישע שטיבלעך און שייערן. פויערים אַליין האָבן זיי געלאָשן. אַ סך מאָל זיינען אידן פון שטעטל זיי גע־קומען העלפן.

איידער אַ פרייוויליקע פייער־לעשער בריגאַדע: — „וואָלנע פּאָזשאַרנע", איז געשאַפן געוואָרן, האָבן טומלדיקע חברה לייט הנאה געהאַט לויפן מיט אַן עמער וואַסער לעשן שרפות. באַזונדערס פלעגן זיך שטאַרק מתעסק זיין די ווילדע יונגען וואָס האָבן ליב געהאַט זיך מאַכן וויכטיק אין אַ גערודער.

איינגלעך פלעגן גאָר אויפלעבן; זיי זיינען געלאָפן איבער די גאַסן מיט געשרייען: „פּאָזשאַר! פּאָזשאַר!".

אין דרויסן פון מאַרק זיינען געשטאַנען עטלעכע „באַטשקעס" (פּעסלעך בלע״ז) וועלכע מען האָט פאַר אַ שרפה אָנגעפילט מיט וואַסער. ערשט ווען מען פלעגט די פּעסלעך צושלעפּן צו דער ברענענדיקער געביידע האָט מען דאָס וואַסער איבערגעגאָסן אין עמערס.

די פּעסלעך פון שטיין כסדר אין דרויסן, זיינען געווען דורכגעפוילט פון רעגנס און שנייען. אַ סך מאָל האָבן אויף די רעדער געפעלט רייפן, און אַז מען האָט אַ שלעפּ געטאָן אַ פּעסל, זיינען די רעדער צעפלויגן.

קיינעם אין שטעטל איז ניט איינגעפאַלן צו שאַפן אַ חברה פון פייער־לעשער.

ערשט ווען השכלה, און ווי אַ צוגאָב די מרידה באַוועגונגען צווישן די גאַרבאַרעס האָבן זיך געגומען איינוואָרצלען, איז פאַרטראַכט געוואָרן צו איבן יונגעלייט וואָס זאָלן זיין ניצלעך אויף לעשן אַ שרפה.

אונטערגענומען זיך צו שאַפן אַ פייער־לעשער בריגאַדע האָט גמליאל, דער איינציק אַסימילירטער איד אין שטעטל.

גמליאל האָט געהאַט גרויס אָנזען צווישן אידן, מען האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער האָט אויפגעגעבן אַ קאַריערע פון אַ גרויסן אָפּערא־זינגער אין פּעטערבורג, דערפאַר וואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט שמד׳ן.

גערעדט האָט ער ווינציק אידיש, און דאָס וואָס ער האָט גערעדט איז געווען מיט אַ שווערן רוסישן אַקצענט.

גמליאל, אַ נידעריקער מיט אַ גרויסן בויך וואָס איז געלאָפן פאָראויס און זיין קליינער פעטער גוף מיטן גרויסן קאָפּ האָט פון אים געמאַכט אַ קאָמישע פאַרזעניש.

קיין קרינקער געבוירענער איז גמליאל ניט געווען, ער האָט אָבער געהאַט אַ קרוב עליע קאַפּל׳ס (עליעס אַ זון קאַפּל זאַלקין, איז געווען אַ באַרימטער לעדער־פאַבריקאַנט אין ביאַליסטאָק).

גמליאל האָט געהאַט אַ לעדער פאַבריק און געוואוינט האָט ער אין אַ צווייי שטאָקיקן מויער אויפן מאַרק. זיין וואוינונג איז געווען פאַררעכנט פון די שענסטע אין שטעטל. געפירט האָט ער זיך אויף אַן אמת גרויס־שטאָטישן שטייגער.

גמליאל האָט געשאַפן אַ פייער־לעשער בריגאַדע און איז געוואָרן דער הויפּט־פירער.

ווי אַ פעטערבורגער, האָט ער די קרינקער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" גע־מוסטערט אויפן גרויס־שטאָטישן שטייגער.

ער האָט די בריגאַדע איינגעטיילט אין גרופּן און באַזאָרגט פאַר זיי ספּעציעלע בגדים פון אַ מיליטערישן אויסזען. און האָט זיי געפירט אויף אַ האַלב־מיליטערישן שטייגער.

די בריגאַדע האָט גמליאל איינגעטיילט אויף צוויי גרופּן; די איינגערע האָט מען גערופן — „טוכעניקעס". די וואָס זיינען געווען אויסגעדינטע זעל־נער — „לאַדאָשניקעס".

„טוכעניקעס" האָבן געדאַרפט ברענגען די פעסלעך מיט וואַסער; גרייטן די עמערס און זען עס זאָל זיין וואַסער. „לאַדאָשניקעס" האָבן זיך מתעסק געווען מיט לעשן פון די פייער־קישקעס, און ראַטעווען פון אַ ברענענדיקער געביידע חפצים און מענטשן.

„טוכעניקעס" האָבן געטראָגן טוכענע היטלען; „לאַדאָשניקעס" — מע־שענע היטלען מיט צוויי דאַשיקעס און אויף דער רעכטער היפּ אַ האַק אויפן שטייגער פון אַ שווערד.

דורך בלאָזן אויף אַ טרובע אין מיטן מאַרק פלעגט אַלעקסאַנדער, אַ ריזיק־צעוואַקסענער גוי צוזאַמענרופן די פייער־לעשער פאַר איבונגען.

אויפגעזאַמלט זיך האָבן די „פּאָזשאַרניקעס" אין זייערע האַלב־מילי־טערישע קליידער אויפן מאַרק. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען און מיט זעלנערשע געזאַנגען און מיליטערישן גאַנג, זיינען זיי אַוועק אַרונטער שישלי־וויצער גאַס.

אין „יענטע׳ס" וואַלד האָט מען זיי עטלעכע שעה אונטעררעכט „די תורה" פון לעשן פייערן, און מיטן זעלבן מיליטערישן גערודער האָבן זיי צוריק אַריינמאַרשירט אין שטעטל.

אויסגעצירט אין די בגדים פון אַ „הויפּט־קאָמאַנדיר" וואָס איז פאַר־

צייכנט געוואָרן דורך אַ גרויסן אָדלער איינגעדריקט אויפן מעשענעם היטל. פלעגט גמליאל ביי די פּאַראַדן שטיין אויפן גאַניק פון זיין הויז.

די פייער־לעשער פלעגן מיט קעפּ אויסגעדרייט צו אים פאַרביימאַרשירן. ער פלעגט אַ רוף טאָן: „זדראַוו מאלאַצי!" די פאַרביימאַרשירער האָבן אָפּ־געענטפערט: „זדראַוו מי זשעלאַיעם וואַשע בלאַגאָראָדיע!"

איין וויכטיקן אויפטו האָט גמליאל דערגרייכט: ער האָט גע׳פּועל׳ט מען זאָל אין מיטן מאַרק אויפבויען אַ „סאריי" (אַ פייער־הויז), וועלכן דער צע־וואָקסענער גוי אַלעקסאַנדער האָט אָפּגעהיט. אין „סאריי" זיינען די פייער־מכשירים אויסגעהיט געוואָרן פון היץ, נעץ און רעגנס.

די גרויסע שרפה וואָס האָט צעשטערט איבער אַ דריטל פון שטעטל, האָט געמאַכט אַ סוף צום שפּיל אין „פּאַזשאַרניקעס".

די שרפה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פרייטיק פרי, געדענק איך גענוי און קלאָר.

איך האָב דעמאָלט געלערנט ביים מלמד צאַלקע דובראָוואַער.

„צאַלקע מיט דער ציגענער בערדל" ווי זיינע תלמידים האָבן אים גערופן, איז געווען זייער אַ גוטער און וואוילער. תלמידים האָט ער קיינמאָל ניט געשלאָגן.

געהאַט האָט צאַלקע עטלעכע זין גאַרבאַרעס, און צוויי שטומע טעכטער. די עלטסטע אַ גוואַלטיקע יפת־תואר.

צאַלקע האָט געוואוינט אַרויף קאַווקאַז האַרט נעבן סאָקאָלקער גאַס. אַביסל אָפּגערוקט פון זיין שטוב, אַן ערך צוויי הייזער, האָט געוואוינט דער מלמד שמואל אָורעמל פון אַלינקע.

עס האָט געמוזט זיין אַרום צען אַזייגער אינדערפרי. צאַלקעס אַ טאָכטער איז אַריינגעלאָפן, און האָט גענומען שלעפּן צאַלקען ביים אַרבל פון דער קאַפּאָטע און ווייזן צום דרויסן.

צאַלקע האָט זיך ניט אומגעקוקט. מיט אַ האַנט־מאַך האָט ער איר געטריבן פון זיך. זי האָט זיך אָבער איינגעקלאַמערט און אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

אַ ווילע שפּעטער איז צאַלקע אַריינגעלאָפן אַ צעטראָגענער — „גייט אַ היים, עס ברענט ביי שמואל אָורעמל׳ען!"

יענער פרייטיק איז געווען אַ הייסער. ווען איך בין אַרויס פון חדר האָב איך געזען פלאַמען שלאָגן פון שמואל אָורעמל׳ס שטוב. אַביסל אָפּגע־רוקט איז אויף אַ דאַך געשטאַנען שלמה קירבעסעס און האָט מיט אַן עמער פון אַ פאַס געשעפּט וואַסער און עס אויסגעגאָסן אויף דער ערד.

שמואל אָורעמל׳ס וויב איז געשטאַנען אַ פאַרווירטע, האָט געבראָכן די הענט און געוויינט. שמואל אָורעמל אַליין מיט אַ צעפּאַכעטער קאַפּאָטע

און אַן אָפּגעדעקטע קאָפּ איז געלאָפן אַרום ברענענדן הויז און געשריען: „פאָזשאַר! פאָזשאַר!" „עס ברענט!".

ווי מען וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט, קיינער האָט ניט געהאָלפן לעשן דאָס פייער.

אַ ווינט, ווי עס וואָלט אַ געהיימע האַנט געפירט, איז אָנגעקומען און האָט פונקען געטראָגן צו דערבייאיקע הייזער. אין מינוטן האָבן שוין גע־ברענט עטלעכע הייזער מיט אַמאָל.

עס איז געוואָרן אַ טומל. מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן פאַרלוירן און ווי פאַרווירטע געשריען: „פאָזשאַר! פאָזשאַר! עס ברענט!".

פון הייזער האָט מען געשלעפּט מעבל און בעטגעוואַנט. כהרף־עין איז דער פייער אַריבער פון קאַווקאַז צו די דערבייאיקע גאַסן.

קריניק האָט גענומען ברענען!

דאָס פייער האָט זיך געיאָגט פון הויז צו הויז. מענטשן זיינען אַרומגע־כאַפּט געוואָרן מיט פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט. קיינער האָט ניט געלאָשן. מען האָט פּשוט געלאָזן ברענען.

פון דער איינגעאיבטער און מיליטעריש־געמושטירטער „פאָזשאַרנע קאָמאַנדע" איז ניט געווען קיין זכר. — יענטעס וואָלד האָט געברענט — און גמליאל דער „הויפּט־קאָמאַנדיר" איז מיט די „פאָזשאַרניקעס" געלאָפן לעשן דעם וואָלד. דאָס שטעטל איז איבערגעלאָזן געוואָרן אויף הפקר.

די שרפה איז שוין ווייט געווען איבער די גרענעצן פון קאַווקאַז. אַרום די ברענענדיקע שטיבער האָט געררודערט סומאַטאָכע און טומל. איינער איז דעם צווייטן געלאָפן אונטער די פיס.

די וואָס האָבן געוואוינט ווייט פון קאַווקאַז און זיינען געווען זיכער אַז צו זייערע שטיבער וועט דער פייער ניט גרייכן, און די וואָס זיינען שוין געווען נשרפים. זיינען געקומען העלפן זייערע קרובים ראַטעווען שטוב־חפצים.

צו אונז זיינען אָנגעלאָפן די פעטערס ישראל און פרץ, און אויך עטלעכע פון די „טשערעבוכעס". זיי האָבן זיך גלייך גענומען וואַרפן דורך אַ פענצטער אין אַ גאָרטן אונזער מעבל און דאָס בעטגעוואַנט.

קולות אין דרויסן האָבן געליאַרעמט, געוויינט, געשריען און גערודערט; „פאָזשאַר! פאָזשאַר! עס ברענט! — דער מאַרק ברענט!".

די וואָס האָבן געוואוינט האַרט ביים מאַרק און זיינען געקומען העלפן ראַטעווען קרובים אויף קאַווקאַז, האָבן זיך גענומען יאָגן צום מאַרק צו.

דער זיידע חיים אשר איז געלאָפן ראַטעווען די ספרי־תורות פון קאַווקאַזן בית המדרש.

צעטראָגענע אידן, און וויינענדיקע ווייבער זיינען געלאָפן מיט חפצים פון די ברענענדיקע שטיבער.

קינדער האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס און מיט שמחה האָבן זיי געשריען: „אַ פּאָזשאַר! אַ פּאָזשאַר!“.

אַרונטער קאַווקאַז איז געלאָפן אַ איד אָן אַ קאַפּאָטע, אין גרויסן טלית־קטן, האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט אין אַ מלבוש זיך איינגעהילט, ער האָט געשטופּט אַ „באָטשקע“. די אייזערנע רייפן פון „פּאָזשאַרנעם־פּעסל“ האָבן געדרודערט אויפן ברוק. דער איד איז געלאָפן האַסטיק און צעטראָגן, און איז מיט אַמאָל ניט געוואָרן אין אַ זייטיק געסל.

ווען די „פּאָזשאַרניקעס“ האָבן זיך דערוואוסט וואָס עס טוט זיך אין שטעטל, האָבן זיי געלאָזן ברענען דעם וואַלד. זיי זיינען געקומען ווען אַ דריטל פון שטעטל איז שוין געווען פאַרצערט.

ווען מיין טאַטע, אויך „אַ פּאָזשאַרניק“ איז אָנגעקומען, איז שוין אונזער שטוב געווען האַלעוועשקעס.

פאַרנאַכט צו האָט זיך דער פייער גענומען אַביסל איינשטילן. נשרפים האָבן זיך צעשפּרייט אויף די פעלדער.

אויף צוויי זייטן פון שטאָט האָבן זיי זיך אויסגעלייגט — אויפן וויגאָן־פעלד צו וועלכן מען האָט געקענט צוקומען פון קאַווקאַז, פון מיל גאַס און פון אָנהויב סאָקאָלקער גאַס, און אויפן בית עלמין.

עס איז פרייטיק, אידן האָבן שוין געהאַט אַלץ צוגעגרייט פאַר שבת. אַ סך האָט זיך איינגעגעבן ראַטעווען חלות; דעם טשאָלנט און ליכט.

ווייבער זיינען געזעסן אַרום זייער ביסל אָרימקייט און געקלאָגט. ניט ווייט איז געווען דער טייך פון שטאָט. ווי ביי די נהרת־בבל, אַזוי זיינען אויך איצט אידן געזעסן, געוויינט און געקלאָגט.

איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט מען צום וויגאַן געשלעפּט די חפצים וואָס מען האָט געוואָרפן פון די פענצטער אַרויס. ווען אונזער ביסל אָרימקייט איז שוין געווען אויפגעזאַמלט, האָט מען זיך געכאַפּט אַז מיינע צוויי ברידערלעך — מאיר און וועלוול זיינען פאַרפאַלן געוואָרן.

די מאַמע אין יאָמער האָט זיך מיטן טאַטן געלאָזן איבערן פעלד זוכן און זיך נאָכפרעגן אויף די פאַרפאַלענע קינדער.

מען האָט דעם טאַטן געגעבן אַן עצה ער זאָל זיי זוכן צווישן די נשרפים אויפן בית עלמין.

— „ווי קומען זיי אויפן בית עלמין? — האָט די מאַמע געיאָמערט. שוין די קינדער זיינען ניטאָ! פאַרברענט די קינדער! אומגעקומען זיינען מיינע אויגן אין קאָפּ!“

דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך פאַרנומען צום אָפּגעברענטן הויז, אפשר זוכן אין די האַלעוועשקעס?

נאָענט האָט זיי דער פייער ניט צוגעלאָזן. די פלאַמען האָבן געיאָגט פון דער חורבה אַוועק.

אין לעצט ברירה האָבן זיי זיך געלאָזן צום בית עלמין. מיך האָט מען איבערגעלאָזן היטן דאָס ביסל אָרימקייט.

מיטאַמאָל האָב איך זיך דערפילט וויכטיק: אין מיין רשות האָט מען איבערגעלאָזן אָפּצוהיטן די מעבל און דאָס בעטגעוואַנט.

איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין טאַטנס פּאָזשאַרנעם מונדיר. דער ראָק האָט מיך איינגעדעקט, די היטל איז אַראָפּגעפאַלן אויפן פּנים. קינדער האָבן זיך געזאַמלט אַרום מיר — און איך האָב זיך פאַר זיי אויסבאַרימט: ״איך בין אַ פּאָזשאַרניק!״.

אין אַ פאָר שעה אַרום זיינען דער טאַטע און די מאַמע אָנגעקומען מיט די קינדער אויף די הענט.

דורך די חורבות און פלאַמען האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צום בית עולם וואו זיי האָבן געפונען די קינדער.

מערי פון די „טשערעבוכעס״ און חיה שרה, ישראל׳ס ווייב, האָבן די קינדער ווען מען האָט געראַטעוועט פון אונזער שטוב, אַוועקגענומען אויפן בית עלמין. זיי האָבן געפּרובירט זיי ברענגען צוריק, נאָר די פלאַמען האָבן זיי ניט געלאָזן גרייכן קאַווקאַז.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. ווייבער האָבן געצונדן ליכט און איבערן גאַנצן פעלד האָבן ליכט־פלעמלעך, שבת׳דיקע ליכט־פלעמלעך, זיך געריסן צו גאָט׳ס הימל.

אידן האָבן זיך געשטעלט אין מיטן פעלד מקבל שבת זיין; פון צענדליקער ווינקלען האָבן זיך געטראָגן צו גאָט׳ס נאַקעטע וועלט און צו פעלדער און וועלדער; „בואי כלה, בואי כלה, לקרת שבת נקבלה״.

איבער די פלאַמען וואָס האָבן זיך נאָך ניט איינגעשטילט און זיך געריסן צו די וואָלקנס איז אויפגעגאַנגען דאָס אידיש געזאַנג אויפן וויגאַן אוןביים קרינקער טייך — „בואי בשלום״.

גאָט׳ס שבת איז אָנגעקומען אויפן ברייטן פעלד מיטן ערשטן אידישן געזאַנג; „שלום עליכם מלאכי השרות, מלאכי עליון״.

גויים און שקאָצימלעך זיינען געשטאַנען אָפּגערוקט אָן אַ זייט און גע־קוקט אין פאַרגאַפונג — דאָס שטעטל ברענט און אידענעס צינדן ליכט און זינגען תפילות — „אָ, סובאָטאָ, סובאָטאָ, זשידאָווסקי פּראַזניק!״.

דער רב ר׳ זלמן סענדער זצ״ל, האָט גלייך מתיר געווען שבת. אידן דאַרפן עסן און „פּקוח נפש דוחה שבת״. די גאָר פרומע האָבן אַפילו ניט געוואָלט הערן פון דעם, און דער רב האָט גוזר געווען אויף זיי.

אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן האָבן אידן מחלל שבת געווען.

אויף מאָרגן, שבת, האָבן אידן צעלייגט פייערן און די וואָס האָבן גע־ראַטעוועט דעם טשאָלנט האָבן אים געקאָכט.

ביים זשאַבע געסל, האָב איך געזען ווי אַ אידענע האָט אויף אַ טליענדן פייער פון אַן אָפּגעברענט הויז אַוועקגעשטעלט וואַרעמען אַ טעפּל, זי האָט צוגעשאַרט צום טעפּל שטיקלעך ברענענדע האָלץ און מיט יאָמער און געוויין אויף אַ גרויסן קול האָט זי געבעטן: „גאָט זיי מיר מוחל".

ביי די זייטן זיינען געזעסן ווייבער און געהיט דאָס קאָכן. אין מיטן פון פעלד זיינען געשטאַנען אידן איינגעוויקלט אין טליתים און געדאַוונט, און פון אַ געראַטעוועטער ספר תורה אויסגעשפּרייט אויף אַ טיש אין מיטן פעלד האָבן אידן געלאָזן וויסן גאָט אַז זיי האַלטן נאָך אַן זייער בונד מיט אים.

# דער טאַטע אַנטלויפט פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג

צווויי מעת לעת זיינען מיר נאָך דער שרפה געלעגן אויפן וויגאָן.

די וואָס האָבן ניט געליטן האָבן צו די נשרפים געבראַכט שפּייז, בגדים און בעטגעוואַנט.

זונטיק פרי זיינען אידן פון אַרומיקע שטעט אָנגעקומען מיט הילף. אַ סך שטעטלשע האָבן געטיילט זייער וואוינונג מיט אַ נשרף־משפחה.

דעם זיידן חיים אשר׳ס משפחה האָט זיך איינקוואַרטירט ביי די „טשערע־בוכעס״. מיין טאַטע און דער זיידע יאַנקל בונים האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויפ־זוכן אַ וואוינונג.

אידן זיינען נישט געשטאַנען ליידיק.

גלייך זונטיק, האָט מען זיך שוין גענומען בויען. וואו די קראָמען זיינען געווען, האָט מען אויפגעשטעלט ליידיקע ביידלעך. פון אַרומיקע שטעטלעך האָט מען סוחרים און קרעמער געבראַכט סחורה און האַנדל האָט זיך אָנגע־הויבן ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען.

דער נס אין אומגליק איז געווען וואָס גאַרבאַרסקי גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען די פאַבריקן, איז געבליבן גאַנץ.

די פאַבריקן האָבן געאַרבעט, אידן האָבן פאַרדינט, און האָבן זיך גע־נומען אויפבויען אַ נייע־שטאָט.

די שרפה האָט מען אָבער גרינג ניט געקענט פאַרגעסן. ווייבער האָבן מיט ווילדע קללות געשאָלטן דעם מלמד שמואל אָורעמל, פון וועמענס הויז דער פייער האָט זיך אָנגעהויבן.

די גאַנצע ביטערקייט און צאָרן האָבן די ווייבער אויסגעגאָסן אויף שמואל אָורעמל׳ס משפחה. זיי זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ מין „חרם״, קיינער האָט מיט זיי ניט געוואָלט האָבן קיין עסקים. און סוף כל סוף ניט קענענדיק איבערטראָגן די שנאה און בייזקייט, איז שמואל אָורעמל אַוועק פון שטעטל. ווייבער זיינען נאָכגעגאַנגען די פור און האָבן אים נאָכגעשיקט קללות.

פאַרשיידענע וואַריאַציעס האָבן צירקולירט ווי די שרפה האָט זיך אָנגע־הויבן — איין וואַריאַציע איז געווען ענלעך צו דער מעשה וועגן שיקאַגער־פייער.

— „שמואל אָורעמל האָט געהאַט אַ קו, אין שטאָל איז געלעגן שטרוי. אימעץ פון הויזגעזינד איז געגאַנגען פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערן אין שטאָל, די קו האָט אַ שטויס געטאָן די לאַמטערן און דאָס שטרוי האָט זיך אָנגעצונדן״.

די דירה וואָס דער זיידע יאַנקל בונים האָט געקראָגן אויף ניי־גאַס, איז געווען ווייט אַוועק פון צענטער, זי איז געלעגן אויפן צווייטן זייט פון פוילישן קאָשטשיאָל און זייער ווינציק קרינקער האָבן געוואוסט וואו די גאַס געפינט זיך.

צוויי וועגן האָבן געפירט צו ניי־גאַס; דורך מיל גאַס אויף אַ וועג וואָס האָט זיך געשניטן פון קלויסטער, און דורך גאַרבאַרסקער גאַס אויף אַ שטעג וואָס איז געלעגן צווישן זומפן און פעלדער.

די איינוואוינער פון גאַס זיינען געווען נאָר גויים; פּאָליאַקן און קיידאַרים. (טאָטאַרן) די קיידאַרים האָבן זיך געהאַלטן נאָנט מיט אידן און כמעט יעדער פון זיי האָט גערעדט אידיש.

די מערסטע קיידאַרים זיינען געווען נאַסע גאַרבערס. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. אין ניי גאַס האָבן זיי געהאַט זייערע אייגענע הייזער און סעדער און האָבן זיך געפירט אויף זייער באַזונדער שטייגער אָפּגעשיידט פון די קריסטן.

דער אויסזען פון דער גאַס איז געווען אינגאַנצן אָפּגעראַטן פון שטאָטישע גאַסן. אַז מען איז אַריין דאָרטן האָט מען בשום אופן ניט געקענט גלויבן אַז דאָס איז אַ טייל פון קרינִיק. דער אויסזען איז געווען אַפילו אַנדערש ווי פון די גאַסן ביים אָנהויב שטאָט וואָס גויים האָבן באַוואוינט.

די ניי־גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ דאָרף; קליינע הייזקעס מיט שטרויענע דעכער: גרויסע סעדער און שייערן האָבן אַרומגענומען די הייזקעס.

אויף יענעם זייט פון די הייזקעס האָבן זיך געצויגן פעלדער.

אין מיטן פון גאַס זיינען געווען צוויי ברונימער. און אַפילו דאָס וואַסער שעפּן האָט מען דאָרטן געטאָן אַנדערש ווי אין שטעטל. סיי די עמער און סיי דער אופן פון זיי אַרונטערלאָזן אין ברונעם זיינען געווען אויפן דאָרפישן שטייגער. די עמער זיינען געווען גאָר גרויסע און אַרונטערגעלאָזן האָט מען זיי מיט אַ ראָד. אויפן זעלבן שטייגער האָט מען די פולע עמערס אַרויפגע־בראַכט.

אונזער דירהביי אַ פּוילישער פאַמיליע איז געווען אַ קליין אַלקערל וואָס האָט קוים געהאַט פּלאַץ פאַר צוויי בעטן, קיין אַנדערע מעבל האָט מען דאָרטן ניט געקענט אַריינשטעלן.

דאָס אַלקערל האָט ניט געהאַט קיין פענצטער, שטענדיק איז דאָרטן געווען נאַכט.

אין אָט דעם פינצטערן און אומגליקלעכן חדר האָבן געלעבט, געגעסן און געשלאָפן צען מענטשן: דער זיידע, די באָבע, די עלטער־באָבע ריינע גיטל; און די צוויי קינדער — מאיר און שרה. מיין טאַטע, מאַמע, איך, און די צוויי ברידערלעך, מאיר און וועלוול.

דער זיידע מיט זיין משפחה זיינען געשלאָפן אין איין בעט צופוסנס און

צוקאָפּנס און אונזער משפּחה אין דער צווייטער. די נעכט זיינען שטענדיק אַוועק אין אומרו און גערודער; דער זיידע האָט ניט געקענט שלאָפן צוליב דער ענגשאַפט און דעם גערוך פון די אַלע מענטשן. ער פלעגט די נעכט אָפּזיצן אויפן פעלד. זיין אויפשטיין האָט געהאַלטן אַלעמען כסדר וואַך.

ווען מ׳איז שוין אויפגעשטאַנען פון דער מאַטערניש און גערודער, האָט מען זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם שווערן גערוך וואָס האָט זיך דורך דער נאַכט פאַרלייגט אין אַלקערל. דאָס האָט אַלעמען גלייך אַרויסגעטריבן אין דרויסן אַרויס.

קאָכן האָט מען געדאַרפט ביי די גויים, און די עלטער־באָבע ריינע גיטל האָט זיך ניט געוואָלט צורירן צום שפּייז וואָס איז געקאָכט אויף אַ גוי׳אישן אויוון.

זי האָט גענומען איינגיין און דער זיידע איז געלאָפן צום רב ער זאָל איר גוזר זיין צו עסן. זי האָט אָבער דעם רב אויך ניט געוואָלט פאָלגן. „פון זעלבן אויוון וואו מ׳קאָכט טרפות, וועל איך ניט עסן״, זי האָט זיך איינגעשפּאַרט און איז טאַקע שטאַרק פאַרשלאַפט געוואָרן און מ׳האָט איר געמוזט אַוועקנעמען אין דער אידישער „באָלניצע״.

באַלד נאָך דעם ווי מ׳האָט איר צוגענומען איז די באָבע, איר טאָכטער, אויך פאַרשלאָפט געוואָרן און מ׳האָט איר אויך צוגענומען אין דער „באָלניצע״ וואָס איז אייגנטלעך געווען דער „הקדש״. נאָך דער שרפה האָט מען טאַקע דאָרטן איינגעקוואַרטירט אַ סך נשרפים.

אַזוי ווי עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אַרומגיין די חולאים, האָט זיך דער זיידע מיט זיינע צוויי קינדער אויך איבערגעצויגן אין „באָלניצע״. דאָרטן האָבן זיי שוין זאַלבעפינף געוואוינט אין איין צימער. אונז איז אויך געראַמער געוואָרן אין גוי׳אישן אַלקערל.

פאַר די פאָר חדשים וואָס מיר האָבן דאָרטן געוואוינט, בין איך געווען אַן אויפגעלעבטער; איך האָב זיך געשפּילט מיט די שקצים אין גרויסן סאָד און אַ סך מאָל האָט מיר אַ זון סעמיאָן, גענומען מיט זיך אין פעלד וואו ער האָט געפּאַשעט שאָף און בהמות. ער האָט מיך געלערנט פאַרשיידענע שפּילן און אויך דערציילט גאָר וואונדערלעכע מעשיות.

ער האָט מיך געלערנט שניצן פּייפלען פון ווערבעס און אויך ווי אַזוי צו שפּילן אויף זיי. צופיל פאַרברענגען מיט אים האָב איך ניט געקענט. אַ אידיש איינגל דאַרף גיין אין חדר!

ווי אַלע קינדער מסתמא, האָב איך אויך געשטעלט פאַרשיידענע קשיות וואָס אַ גרויסער קען גלייך ניט פאַרענטפערן. איך האָב נאָר געוואָלט דערגיין — פאַר וואָס הייסט איין מענטש טאַטע און אַ צווייטער מאַמע, פאַרוואָס איז דאָס ניט פאַרקערט.

בכלל האָב איך געוואָלט דערגיין דעם סוד וואָס טיילט אָפּ אַ מאַן פון

אַ פרוי און סיי די מאַמע און סיי דער טאַטע האָבן שטענדיק מיך אָפּגעטריבן ווען איך פלעג זיי באַאומרואיקן מיט די מאָדנע פראַגן.

דער אַריינגיין צום הויז האָט מען געדאַרפט דורך אַ סאָד. איינמאָל ווען איך בין געגאַנגען פון חדר אַ היים האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין אַ שיקסל וואָס איז געשלאָפן אונטער אַ בוים אינגאַנצן אַן אויפגעדעקטע. מיין אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איר לייב און איך בין פשוט געוואָרן אַן אויפגע־טרייסלטער. איך בין וויינענדיק געלאָפן אָנזאָגן דער מאַמען אַז דאָס שיקסל איז אַ „מום". פון דער מאַמעס געלעכטער בין איך געבליבן צעטומלט, פאַר־וואונדערט און פאַרווירט.

אין חדר האָב איך די „אַנטדעקונג" פאַרטרויט אַ אינגל; „וואָס וואונ־דערסטו זיך, ביי גויים איז אַלץ אַנדערש!"

נאַאיווע קינדערשע יאָרן! תמימות'דיקע אידישע אינגלעך!

פון דער גוי'אישער דירה אין שותפות מיט דער באָבע ריווע האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אויף מיל גאַס צום שאַלקער מלמד.

נישט לאַנג נאָך דער שרפה, איז אַ נייער אומגליק באַפאַלן קריניק. אַ מגפה פון „שקאַרלעטינע".

אַ שטיקל צייט פאַר דער שרפה, איז אויך אויפן שטעטל געווען אָנגעשיקט אַ פּאָקן־מגפה. הונדערטער קינדער זיינען אומגעקומען. אין שטיבער האָט מען געלעבט מיט פחד. קינדער האָט מען אָפּגענומען פון די חדרים און זיי אָנגע־בונדן קמיעות.

מתנגדים האָבן אָפּגעלאַכט פון דעם. די ווייבער האָבן זיך צו זיי ניט צוגעהערט.

מיט דער קמיע אויף אַ רויטן־שנירל, האָב איך געוואוסט אַז איבער מיר וואַכט אַ גוטע שמירה.

איך פלעג זיך אָפּ'גנב'ענען פון שטוב און האָב אַפילו קיין מורא ניט געהאַט צו קומען אין הייזער וואו עס זיינען געלעגן פּאָקן קראַנקע.

ביי מיין חבר'ל זיידקע קירבעסעס, האָב איך געזען ווי זיין שוועסטער דאָבע ליגט אַ צעפלאַמטע. די פּאָקן האָבן געצונדן איר פּנים.

יאַנקע קאַטיוטס אַ ברודער איז אויך געשטאָרבן פון פּאָקן.

איך האָב געזען ווי טעוול וואַטשול, האָט דעם קערפּערל איינגעוויקלט אין אַ ליילעך, עס גענומען אונטערן אָרעם און אַוועק עס ברענגען צו קבורה.

יאַנקע'ס מאַמע האָט געריסן די האָר און געיאָמערט. ביזן גאַניק נאָר האָט זי דעם מת אַרויסבאַגלייט. טעוול האָט איר ניט געלאָזן גיין צום בית עלמין.

יאַנקע קאַטיוט איז דעמאָלט אַרויס אין דרויסן זיך אויסבאַרימען — אַ ברודערל זיינער איז געשטאָרבן.

די שקאַרלעטינע חלאת האָט מיך ניט אויסגעמיטן. איך בין געוואָרן

פאַרביי, און אידער מען האָט געקענט אַוועקנעמען זיי צו אַ קרוב, זיינען אויך די צוויי ברידערלעך קראַנק געוואָרן.

איך געדענק נאָך ווי די צוויי אינגערע קינדער זיינען געלעגן אין וויגעלעך און איך אין אַ בעט. די מאַמע און די באָבע האָבן זיך מתעסק געווען אַרום אונז. געהיילט האָט אונז דער אידישער דאָקטאָר „לופאטש" (אַ צונאָמען דער־פאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ צעשפּאַלטענע ליפּ).

ער איז געווען אַ גאָר גוטער דאָקטאָר און זייער אַ פרומער. נאָר אידן האָבן בעסער גערופן דעם פּוילישן דאָקטאָר דזשיטקאָווסקי, און דער אידישער דאָקטאָר איז צוליב דעם אַוועק פון קריניק.

אין שטעטל האָט אַ מגפה געבושעוועט. אין לאַנד האָבן געבושעוועט אומרוען און צעטרייסלונגען.

ניט רואיק איז געווען. די מלחמה מיט יאַפּאַן האָט שוין דערגרייכט קרינקער היימען. איבער די גאַסן האָבן זיך געטראָגן געוויינען פון ווייבער און קינדער, וועמענס מענער און טאַטעס, זיינען צוגענומען געוואָרן.

אין אַ פרימאָרגן האָט מיך אַ גרויס יאָמער אויפגעוועקט. אין שטוב האָבן אַלע געוויינט. דער זיידע יאַנקל בונים איז אָנגעקומען. דער טאַטע אַ צע־טראָגענער איז אין אומרו איבערן שטוב געגאַנגען, ער האָט ניט געקענט זיצן, ניט שטיין. — זיין רייע איז געקומען; פון גראָדנע האָט מען געלאָזן וויסן ער זאָל איבערלאָזן ווייב און קינדער און פאָרן ווייט אַוועק פון אַלע זיינע נאָענטע און ליבע זיך שלאָגן מיטן „יאַפּאַנעץ" פאַרן צאַר און פאַר דער „מאַמעלע רוסלאַנד".

אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך געטומלט און גערודערט. אויף מאָרגן האָט די מאַמע אין אַ שטרויענעם קערבל גענומען איינפּאַקן דעם טאַטנס קליידער. זיין טלית און תפילין. די באָבע האָט געטריקנט „סוכאַרעס". אַ גאַנצן טאָג האָט מען געהאַלטן די טיר פאַרקייטלט. און אָנקומער האָט מען געפרעגט: „קטאָ טאַם?".

שפּעט אין דער נאַכט האָט אַ שטאַרקער קלאַפּן אין טיר און אַ האַרב קול גערופן: „אָטוואָריטיע".

דער טאַטע איז האַסטיק צוגעלאָפן, האָט מיר און די צוויי אַנדערע קינדער אַ קוש געטאָן אין שטערן און איז דורכן פענצטער מיטן קערבל אין האַנט אַוועק אין דער פינצטערניש אַריין. אַוועק ווידער פון ווייב און קינדער; אַוועק ראַטעווען דאָס נפש און אויפלעבן ערגעץ אַנדערש, ווייט אַוועק, אין אַ ניי לאַנד און אַ פרעמדע ערד.

ווידער בין איך געבליבן אָן אַ טאַטן, נאָר איצט אין שותפות מיט נאָך צוויי ברידערלעך.

# אַרבעטער רעגירן קריניק

אָנגעקומען זיינען שטורעמדיקע צייטן. אין שטעטל האָט מען גענומען הערן און רעדן פון ערטער און נעמען וואָס זיינען פריער געווען אומבאַקאַנט; סטעסל, מאַקאַראָוו, קוראָפּאַטקין, פּאָרט־אַרטור, „יאַפּאַנטשיקעס". און זייער גענעראַל נאָגי. די רייד אין די בתי מדרשים, אין מאַרק זיינען אפשר געווען בטלנ׳יש, אָבער אין אַ סך היימען זיינען די רייד געקומען צוזאַמען מיט צער און געוויין.

הונדערטער קרינקער האָט מען אויפגעקליבן און אויף פורן אַוועקגעפירט קיין גראָדנע כדי זיי פון דאָרטן צעשיקן אויף מיליטערישע פונקטן און צום פראָנט, ווייט אַוועק צו יענער זייט סמבטיון.

די מלחמה מיט די „יאַפּאַנטשיקעס" האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט. אָבער אין לאַנד האָט זיך גענומען רודערן.

קריניק האָט זיך ניט געדאַרפט אויפרודערן; קרינקער גאַרבאַרעס זיינען אויפגעשטאַנען, געלעבט און געלייגט זיך שלאָפן מיט דער אילוזיע פון „אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע".

קרינקער האָבן זיך ניט געדאַרפט איבן פאַר דעם; איין רוף, איין שטאַרק וואָרט און גלייך וואָלטן די גאַרבאַרעס אַרויס אין די גאַסן און זיך גענומען שאַפן אַן אָרדענונג פון „אַרבעטער מאַכט".

די נאַאיווע קרינקער בחורים און מיידלעך וואָס האָבן שוין געוואוסט פון די ביכלעך אַרויס אַלע וועגן און מעטאָדן ניט נאָר פון אָנפירן די רע־וואָלוציע, נאָר וואָס וועט זיין אויף „מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע". זיינען געווען איינגעגלויבט אַז דאָס איינציקע וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן איז צונעמען דאָס געווער פון די עטלעכע פּאָליציאַנטן; צערייסן דעם קייסערס פּאָרטרעט און דערקלערן די „הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט".

די כסדר׳דיקע סטרייקס וואָס האָבן געברויזט אין שטעטל כמעט יעדן יאָר; די העלדישע ווידערשטאַנדן און דאָס וויסן אַז מען קען די פאַברי־קאַנטן „אָנלערנען" האָט געשאַפן אַ סך זיכערקייט און זעלבסט־איינגע־גלויבטקייט ביי די גאַרבאַרעס.

די אינגערע וואָס זיינען שוין געווען אָנגעהעריקע צום „בונד" אָדער צו די אַנאַרכיסטן, האָבן געוואוסט „אויף זיכער", אַז עס ווענדט זיך נאָר אין זיי און די וועלט וועט אויפגעשטעלט ווערן אויף אַ געזעלשאַפט; „פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט". דאָס איינציקע וואָס דאַרף נאָר

געטאָן ווערן איז צעשטערן די זעלבסטהערשאַפט און אומברענגען די „בור־זשואַזיע".

ווען אין שטעטל איז אָנגעקומען די נייעס פון מאַרש וואָס דער פּראָוואָ־קאַטישער גלח גאַפּאָן האָט געפירט צום צאַרישן פּאַלאַץ אין פּעטערבורג; פון בלוטיקן סוף וואָס דער מאַרש האָט געהאַט און דעם סטרייק וואָס די אייזנ־באַן אַרבעטער האָבן אַרויסגערופן, האָבן די גאַרבאַרעס אין דעם דערפילט אַן אָנזאָג פון דער „שעה"; „די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז אָנגעקומען!"

עפּעס איבער אַ וואָך נאָך די געשעענישן אין פּעטערבורג, ווען רוסלאַנד, די גרויסע און פוילע, איז נאָך געלעגן איינגענורעט אין די פוטערן און אין די „כאַטקעס", האָט זיך שוין די קרינקער יוגנט גענומען רודערן.

דער „בונד" און די אַנאַרכיסטן, האָבן באַשלאָסן אויפזאַמלען די גאַר־באַרעס און זיי פירן אין אַ דעמאָנסטראַציע פון סאָלידאַריטעט מיט די פּעטער־בורגער אייזנבאַן־אַרבעטער.

צום באַשטימטן טאָג — 17טן יאַנואַר, 1905, האָבן די גאַרבאַרעס 12 אַזייגער געוואָרפן די אַרבעט, פון יעדער פאַבריק באַזונדער זיינען זיי אין רייען געקומען אין דער „קאַלטער" שול.

פון דער בימה האָבן רעדנער — אידן און גויים גערופן די אַרבעטער זיך אָנשליסן אין די רייען פון די פּעטערבורגער אייזנבאַן־סטרייקער און מיט זיי צוזאַמען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער „סאַמאָדערזשאַווע".

די רעדעס און די אָנגעגליטע ווערטער האָבן גערופן צו רעוואָלוציע.

די פירער פון „בונד" האָבן ניט געהאַט אין זינען אויפצוהויבן די אַר־בעטער אין רעוואָלט. זיי האָבן געמיינט דאָס מען וועט אָפּקומען מיט אָנהיצן אַ ביסל די גאַרבאַרעס מיט רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, כדי דורך דעם שאַרפן דעם „רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין". מען וועט זיך צעגיין אַהיים און די מצווה פון „דעמאָנסטראַציע" וועט מקיים ווערן.

די גאַרבאַרעס הערנדיק אַז אין פּעטערבורג האָט זיך שוין די רעוואָלוציע אָנגעהויבן און די רעדנער אַליין רופן צו אויפשטאַנד, האָבן אויפגעגליטע און אויפגעהיצטע גענומען פאָדערן דאָס מ'זאָל גלייך אַרויס אין גאַס, פאַר־כאַפּן דאָס שטעטל, און דערקלערן „די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט".

איבערן שול האָבן זיך געהויבן קולות; „דאַזדראַסטוואָיעט וולאַסט ראַבאָטשי" („לעבן זאָל די מאַכט פון אַרבעטער"). און אין געשלאָסענע רייען מיט רויטע און שוואַרצע פאָנען זיינען זיי מיט געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע אַרויס צום דרויסן פון שטעטל. יאַטן זיינען געלאָפן פאַראויס און געהייסן פאַרמאַכן די קראָמען, אין שרעק און אין האַסטיקייט זיינען זיך די קרעמער צעלאָפן אין די הייזער.

דער טאָג איז געווען אַ בלייאיקער; אַ געמיש פון שניי און רעגן האָט געווייקט דאָס שטעטל. די גאַסן אָבער זיינען געווען אָנגעגליט מיט געזאַנג

און אַנטשלאָסנקייט פון דער יוגנט וואָס איז געגאַנגען דורכן מאַרק מיט פלאַטערנדיקע פאָנען אַראָפצוּוואַרפן די זעלבסטהערשאַפט און די „בור־זשואַזיע".

צו די הייזער האָט דערגרייכט דער טומל פון דרויסן; דער רעגן און שניי געמיש, האָט זיך געריסן דורך די שויבן; אין שטוב איז געווען האַלב וואַרעם. די באָבע ריווע איז געזעסן אין זאָרג און געטראַכט פון איר זון מײשקע וואָס איז געווים דאָרטן אין דרויסן — „די יאַטן האָבן זיך צעבונטע־וועט" האָט אימעצ אויפגעעפנט די טיר און אַריינגעשריען (יאַטן, ביי אונז, האָט ניט געמיינט וואוילע יונגען, ווי עס איז שפּעטער פאַרגרייזט געוואָרן. די באַדייטונג האָט געמיינט בחורים און יונגוואַרג; אַ יאַט איז אַ בחור און אַ „יאַטל" איז אַן אינגל).

עס האָט זיך האַסטיק געשפּרייט פון הויז צו הויז די נייעס, „די יאַטן האָבן זיך צעבונטעוועט".

קריניק איז שוין געוואוינט געווען צו זען אַ סך בונטן פון די גאַרבאַרעס. קרינקער בונטן זיינען שוין ניט געווען קיין נייעס פאַר די שטעטלשע. אָבער דער „בונט" האָבן זיי זיך גלייך דערוואוסט, איז גאָר אַן אַנדערער; עס איז ניט נאָר קעגן די גבירים, נאָר אויך קעגן דער מלוכה.

קרינקער מענטשן האָבן אָנגעהויבן דערפילן אַז איצט קומט דער „סוף פון דער וועלט". אַלץ וועט איבערגעקערט ווערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף.

שכנים האָבן זיך גענומען קלייבן צו אונז אין הויז; „וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין? די יאַטן וועלן אַלץ אָפּשאַפן, ניט נאָר דעם צאַר, נאָר אויך געלט. עס וועט מערער ניט זיין קיין געלט!".

אַ שרעק איז באַפאַלן — „אויס געלט!".

די גרויסע קבצנים און דלפנים, די ביטערע אָרימעלייט זיינען אויפגע־ציטערט געוואָרן. די מאַמע איז געבליבן זיצן אין זאָרג און אַנגסט. „ווי אַזוי וועט מען עס לעבן אָן געלט?!"

פון אונטערן קישן האָט די מאַמע אַרויסגענומען אַ טייסטער, זיך גע־שטעלט אויף אַ טיש און דעם טייסטער אַריינגערוקט אין באַלקן; „וואָס עס זאָל ניט זיין, האָט זי געזאָגט, לאָמיר דערוויילע פאַרבאַהאַלטן די פּאָר רובל!".

די „פּאָר רובל", זי איז אויך געלאָפן באַשיצן איר „קאַפּיטאַל!".

ניט צוזאַמענרעדנדיק זיך, אָן באַשטימטע פּלענער, האָט זיך די יוגנט אַ לאָז געטאָן אַנטוואָפענען די עטלעכע פּאָליציאַנטן. דער „פּריסטאַוו" און אַ פּאָר „סטראַזשניקעס", זיינען אַנטלאָפן צו „יענטעס וואַלד". דאָס שטעטל איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון „פּראָלעטאַריאַט".

עטלעכע פון דער אַנאַרכיסטישער יוגנט האָבן געהאַט ביי זיך פּיסטאַלעטן און זיי זיינען געוואָרן די „באַוואָפנטע מאַכט".

חברה האָט זיך צעשפּרייט איבערן שטעטל. אַ טייל איז אַוועק אין קאַנצע־לאַריע, נאָך זיינען געגאַנגען צו די אַנדערע רעגירונגס געביידעס. דער ציל איז געווען צעשטערן און אומברענגען אַלץ וואָס סימבאָליזירט מיט זיך די זעלבסטהערשאַפט.

עס זיינען אויך אין דעם טומל צוגעשטאַנען פאַרדעכטיקע און טונקעלע עלעמענטן, גנבים און ווילדע יונגען, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער מאַסע אויסנוצן דעם גערודער פאַר ראַבירן און פאַרכאַפּן פאַר זיך.

צוויי חברה־לייט האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געלט וואָס האָט זיך גע־פונען אין קאַנצעלאַריע, און זיינען דעם צווייטן טאָג אַנטלאָפן פון שטעטל.

אויף מאָרגן האָט מען עקספּראָפּיאירט די עקספּראָפּיאַטאָרס.

יאַנקל טשייני וואָס האָט געשאַפן די ערשטע אַנאַרכיסטישע גרופּע אין קריניק, האָט גראָדע געהאַט ביי זיך עטלעכע און פערציק רובל וואָס ער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרכאַפּן פון קאַנצעלאַריע, איידער די צוויי חברה־לייט האָבן צוגענומען דאָס גאַנצע געלט. אויף מאָרגן זיינען צו אים געקומען אַ פּאָר שטאַרק באַטרונקענע און באַוואָפנטע יאַטן און אים געהייסן אָפּגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט פאַרכאַפּט.

חברה האָט זיך אויך געלאָזן גיין צום פּאַטשט. מען האָט דאָרטן צעבראָכן יעדע שטיקל מעבל; דעם קייסערס פּאָרטרעט, האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים און אים דורכגעשאָסן. און דערביי געזונגען: „שוועסטער און ברידער, לאָמיר זיך ניט ירצן (אָנשטאָט „אירצן״; אַזוי פלעגן קרינקער אַרויסרעדן) לאָמיר ניקאָלייען די יאָרן דערקירצן!; שוועסטער און ברידער, מען רעדט שוין דורך אַ דראָט, מיר דאַרפן ניט קיין קייסער, מיר דאַרפן ניט קיין גאָט!״.

„שוועסטער און ברידער מיר נעמען איין די וועלט, אַרונטער מיט דער בורזשואַזיע, מיר דאַרפן ניט קיין געלט!״.

חברה־לייט זיינען אויך אַוועק ראַבירן דעם מאָנאָפּאָל. אַ סך האָבן גע־שטעקט פלעשער בראָנפן אין די קעשענעס, אַנדערע האָבן זיך גענומען צום טרינקען.

די „באַוואוסטזיניקע״, האָבן מיט גוואַלט אָפּגעשטעלט די רויבערייען, פון די קעשענעס און זעק האָבן זיי צוגענומען די פלעשער בראָנפן און זיי צעבראָכן.

עטלעכע צעווילדעוועטע האָבן זיך פאַרנומען אומצוברענגען די פּאָלי־ציאַנטן און זייערע משפחות. לייבקע נאָסקעס, האָט געראַטעוועט די לעבנס פון פּריסטאַוו׳ס ווייב און זיינע קינדער.

ווי לייבקע דערציילט, איז ער אַנגעלאָפן פונקט דעמאָלט ווען עטלעכע חברה־לייט זיינען געשטאַנען מיט רעוואָלווערן איבער דעם פּריסטאַוו׳ס משפחה. עס האָט ניט געהאָלפן דער געבעט פון דער טויט צעשראָקענער פרוי, און נאָר לייבקע׳ס אַריינמישונג האָט זיי געראַטעוועט.

איבערן שטעטל האָבן זיך געטראָגן קולות און רעוואָלווער שאָסן. אין די

הייזער זיינען געזעסן טאַטעס און מאַמעס אָנגעפּילט מיט צער און זאָרג. שפּעט אין דער נאַכט אַריין איז שטיל געוואָרן. די רעוואָלוציע האָט זיך איינגעגעבן — קריניק איז אַריבער אין מאַכט פון „פּראָלעטאַריאַט".

אין שטוב ביי אונז זיינען אַלע געווען וואַך. מיין פעטער מיישקע איז אָנגעקומען אַן אויפגעלייגטער און אַ דורכגעווייקטער. ער האָט דערציילט אַלץ וואָס איז געשען אין דרויסן, און האָט אויך איבערגעגעבן דאָס יאַטן האָבן אָפּגעשניטן די טעלעגראַפישע דראָטן.

מיישקע האָט אין שטוב געבראַכט „רויב"; צווי זילבערנע לעפל. די באָבע ריווע איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, זי איז באַשטאַנען ער זאָל דאָס „רויב" גלייך אָפּגעבן. מיישקע איז אַרויס פון הויז און איז יענע נאַכט ניט צוריקגעקומען.

דורך דער נאַכט האָט זיך דער שניי און רעגן איינגעשטילט. דאָס שטעטל איז געלעגן אַן אומעטיקע און דורכגעווייקטע. די קראָמען זיינען געווען צוגעשלאָסן און אין די רייכע הייזער זיינען געווען די טירן פאַררינגלט און די לאָדנס פאַרהאַקט. פון זיך אַליין האָבן די יאַטן געשאַפן פּאַטרולן און געהיט דאָס שטעטל. ווינציק איינוואוינער זיינען דעמאָלט אַרויס אין דרויסן. נאָר יאַטן האָבן אָנגעפּילט די גאַסן.

רויטע און שוואַרצע פאָנען האָבן געפלאַטערט. איבער די גאַסן האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען; עס האָבן זיך אויפגעמישט די ווערטער פון דער „בונדישער שבועה" מיט אַנאַרכיסטישע געזאַנגען. גרופּקעס האָבן געזונגען: „ברידער און שוועסטער, פון אַרבעט און נויט, צו אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט".

אַנאַרכיסטישע יונגעלייט מיט שוואַרצע „רובאַשקעס" (אויבער העמדער) האָבן געזונגען עדעלשטאַט'ס: „אָ, ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג, וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן און טראָגן די שענדלעכע קייט, ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן, פאַר די וואָס באַרויבן אייער ברויט" און אין איין געזאַנג האָט זיך אויפגעגאָסן: „לאָמיר ניקאָלייען די יאָרן דערקירצן, מיר דאַרפן ניט קיין קייסער, מיר דאַרפן ניט קיין גאָט!".

פון פענצטער אַרויס, געוואוינט האָבן מיר דעמאָלט ביים שאָלקער מלמד אויף מיל גאַס, האָב איך געזען ווי עס גייט יאָשקע הצקל דעם שענקער'ס, אַביסל באַטרונקען, אָנגעטאָן מיט אַ שווערד וואָס ער האָט ביים זייט צוגעהאַלטן ווי אַן אמת'ער פּאָליציאַנט. ער האָט זיך געלאָזן אַרויף צום פּוילישן קאָשטיאָל, אפשר אַרעסטירן דעם גלח?.



אַ גרופּע קרינקער רעוואָלוציאָנערן אין הויף פון גראָדנער טורמע אין יאָר 1905. רעכטס איז דער גרויסער העלד — ניאָמקע פרידמאַן (ניאָמקע, הערשל דעם „קרעציקנס"); לינקס דורך די גראַטעס איז לייבקע נאָסקעס (לואיס שיין).

# סאָלדאַטן אין קרינִיק

צוויי מעת־לעת האָבן קרינקער יאַטן געהאַלטן דאָס שטעטל אונטער דער הערשאַפט פון „פּראָלעטאַריאַט".

נאָך פּעטערבורג, איז קרינִיק געווען די צווייטע שטאָט וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין מרידה קעגן דער זעלבסטהערשאַפט. קרינִיק איז אָבער געווען די ערשטע איבער דער גרויס פון דער רוסישער אימפּעריע וואו עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ „ראַבאָטשיא סאָוועט".

אויפן דריטן טאָג פון דער „ראַבאָטשי וולאָסט" זיינען דערגאַנגען נייעס אַז פון סאָקאָלקע ווערן אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן קיין קרינִיק. דער פּריסטאַוו האָט באַוויזן צו גרייכן סאָקאָלקע און האָט איבערגעגעבן וואָס עס טוט זיך אין שטעטל.

די סאָלדאַטן אַנטקעגן איז אַרויס דאָס גאַנצע יונגוואַרג. אַ טייל האָבן געהאַט ביי זיך אַ ביסל געווער, אַנדערע האָבן זיך באַוואָפנט מיט אייזנס; מיידלעך האָבן גענומען שטיינער אין די שירצן. די ערשטע מחנה סאָלדאַטן האָט מען אַנגעגעגנט אויף סאָקאָלקער גאַס אויפן וועג וואָס פירט צום מאַרק.

פּנים אל פּנים האָבן זיךביידע מחנות געשטעלט איינער קעגן צווייטן: סאָלדאַטן די שפּיזן אין די ביקסן אויסגעשטרעקט גלייך צו די פּנים׳ער פון דער צעהיצטער און נאַאיווער יונגוואַרג.

פון דער רעוואָלוציאָנערער מחנה איז אַרויס אין פאָראויס אַ שייגעץ, פּיאָדאָר דעראָשקע (שפּעטער האָט ער געשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע ווי אַ מסור און פּראָוואָקאַטאָר), וועלכער האָט גערעדט גוט אידיש און איז געווען אַ מיטגליד פון „בונד" און האָט גענומען אַדרעסירן די סאָלדאַטן. ער האָט זיי גערופן זיך צו סאָלידאַריזירן מיט די אַרבעטער און צושטיין צו זיי. אויף דער פראַגע פון קאָמענדאַנט צי דאָס איז אַ בונט, האָט דעראָשקע געענטפערט, „ניין, דאָס איז אַ רעוואָלוציע".

נאָך אים האָט נאָך אַ קריסט וואָס איז געווען אַקטיוו אין „בונד", אַלעק־סאַנדער קישקעל, אויך גענומען אַדרעסירן די סאָלדאַטן. אַ שטאַרק דראַמאַ־טישער מאָמענט איז אָפּגעשפּילט געוואָרן, ווען פּיאָדאָר האָט צעשפּילעט זיין אויבער־העמד און געהייסן די סאָלדאַטן שיסן אין אים.

דער קאָמאַנדיר וואָס האָט ווייזט אויס געהאַט אַ באַפעל צו שיסן האָט עס ניט געטאָן. שפּעטער האָט מען אים דערפאַר צוגענומען פון שטעטל, באַזייטיקט און באַשטראָפט. דער קאָמאַנדיר האָט זיך גענומען בעטן ביי דער

חברה מען זאָל אים לאָזן פרידלעך אַריינגיין אין שטעטל. ער האָט פאַר־זיכערט דאָס ער וויל ניט קיין בלוט־פאַרגיסונגען און וועט קיינעם גאָר ניט טאָן.

ווי די סאָלדאַטן זיינען אַריין אין שטעטל און זיך איינגעשטעלט אין מאַרק, האָט דער קאָמאַנדיר פּראָקלאַמירט קריגס־צושטאַנד.

עס האָט זיך תיכף אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך די וואָס האָבן זיך באַ־טייליקט אין אויפשטאַנד.

אַ ביטערער און בייזער טעראָר איז אויפגעקומען אין שטעטל. הונדער־טער בחורים זיינען אַרעסטירט געוואָרן, און צוגעבונדן מיט שטריק איינער צום צווייטן די הענט אויף הינטן האָט מען זיי געטריבן דורכן שטעטל מיטן עטאַפּ קיין גראָדנע.

דער ערשטער קרבן פון קריגס־צושטאַנד איז געווען אַן אומשולדיקער איד, יאַנקל צאַלעל דער בעקער. ער איז פאַרטאָג געגאַנגען צום שטאָל נעמען האָלץ. צוליבן ווינט, און געווען איז ער אויך טויבלעך, האָט ער ניט געהערט דעם באַפעל זיך אָפּצושטעלן — און דער וואַך־סאָלדאַט האָט אים דערשאָסן.

קרינקער בחורים האָט מען ניט געקענט בייקומען, דער טעראָר האָט פאַרשאַרפט דעם צאָרן און ווידערשטאַנד. די מאַכט האָט געמוזט אין צוגאָב צו די סאָלדאַטן אָנשיקן אויפן שטעטל קאָזאַקן און טשערקעסן.

די סאָלדאַטן האָט מען איינקוואַרטירט אין „יענטעס בית המדרש” און די קאָזאַקן און טשערקעסן האָט מען געמאַכט אַ לאַגער אין „יענטעס וואַלד”.

אַ טייל בחורים וואָס האָבן זיך געקענט אויסבאַהאַלטן זיינען זיך צעלאָפן פון קרינקי. צווישן זיי איז געווען לייבקע נאַסקעס און יאַנקל טשייני.

יאַנקל טשייני איז אַוועק פון קרינקי אויף אַ גאָר אויסטערלישן שטייגער.

די נאַכט פון דער רעוואָלוציע, ווען די באַבע האָט אַוועקגעשיקט מיישקע'ן ער זאָל אומקערן די צוויי גראַבעוועטע זילבערנע לעפל. איז ער אַוועק שלאָפן צו יאַנקל טשייני.

אין מיטן נאַכט, האָבן מיישקע'ן און יאַנקלען אויפגעוועקט צוויי בחורים פון דערבייאיקן שטעטל האָראָדאָק.

געהערט פון דער רעוואָלוציע אין קרינקי, זיינען זיי געקומען בעטן אַז מיישקע און יאַנקל זאָלן קומען צו זיי אין שטעטל „אויך מאַכן די רעוואָלוציע”.

אין דרויסן האָט געוואַרט אַ שליטן אַוועקצופירן זיי קיין האָראָדאָק. אויפן וועג האָבן זיך מיישקע און יאַנקל דערוואוסט, אַז יאַנקל „פּראָפעסאָר” (קרעפּ־ליאַק), האָט נאָך זיי געשיקט.

אין האָראָדאָק זיינען די קרינקער חברה באַגעגנט געוואָרן פון יעקב קרעפּליאַק ע"ה און פון דער דייטשער יוגנט וואָס האָט געאַרבעט אין וועבערייען אין דערבייאיקן שטעטל באַדקע.

די אָנפירער האָבן גלייך איינגעטיילט קאָמיטעס און געהייסן לאָזן אין

גאַנג די פאַבריק־פייפלען. די שטעטלשע האָבן געמיינט אַז עס איז אַ שרפה און זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויפן מאַרק. יאַנקל טשייני האָט אויפגעדעקט אַ שוואַרצע פאָן אויף וועלכער עס איז מיט רוסישע אותיות געווען אָנגע־שריבן: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך — „דאזדראסטוואָיעט אַנאַרכיע".

פון אַ פלאַטפאָרמע האָט יאַנקל קרעפליאַק גערעדט צום עולם. דער תמצית פון זיינע רייד זיינען געווען: „רייכע עסן שאָקאָלאַד און מיר די אָרימע האָבן ניט קיין ברויט".

ווען קרעפליאַק האָט געענדיקט זיין רעדע האָבן די „באָוואוסטזיניקע" אויסגעשריען „דאזדראַסטוואָיעט אַנאַרכיע".

פלוצים איז געוואָרן אַ טומל; „פּאָליציי גייט", דער עולם איז אין שרעק צעלאָפן.

פון דער רעוואָלוציע איז גאָר ניט געוואָרן.

שפּעטער האָבן חברה אויסגעפונען אַז אַן אַקציזניק איז עס געפאָרן מיטן געלט וואָס ער האָט געפירט פון מאַנאָפּאָל.

אויפן וועג צוריק אין קריניק, האָבן מיישקע און יאַנקל זיך דערוואוסט אַז דאָס שטעטל איז אינגאַנצן פאַרנומען פון סאָלדאַטן.

זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט. מיין פעטער מיישקע'ן האָט מען דעמאָלט גלייך אַרעסטירט. יאַנקל טשייני איז געקומען אַ היים צו זיך. דורכן פענצטער האָט ער געזען ווי מיירעם צינגעס, דער מסור, גייט פאַרויס פון אַ גרופּע סאָלדאַטן. מיירעם האָט אַ וויש געטאָן מיטן פינגער איבערן נאָז — וואָס האָט געמיינט: „צי אָפּ". און אין עטלעכע טעג אַרום איז יאַנקל אַוועק פון קריניק.

לייבקע נאָסקעס איז אויך אַנטלאָפן פון שטעטל. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט אין ביאַליסטאָק, שפּעטער האָט מען אים געלאָזן וויסן דאָס ער קען קומען צוריק קיין קריניק. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַ מין פאַסטקע.

געקומען אין שטעטל איז לייבקע דאַנערשטיק. פרייטיק פרי ווען ער איז נאָך געווען אין בעט, האָט ער אין שלאָף דערפילט אַז מ'זיצט אויף אים. אויפכאַפּנדיק זיך האָט ער דערזען עטלעכע קאָזאַקן און טשערקעסן מיט נאַקעט געווער אָנגעשטעלט אויף אים.

די הונדערטער קרינקער בחורים וואָס זיינען איינגעזעצט געוואָרן אין גראָדנער טורמע, האָבן דאָרטן געבראַכט טומל און אויפרודער. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויספאָלגן די תפיסה דיסציפּלין. האָבן געבראַכן די בענקלעך. און גערייצט צו הונגער־סטרייק.

אין קריניק גופא איז אויך ניט געווען שטיל. ניט די סאָלדאַטן און ניט די קאָזאַקן האָבן געקענט דערשטיקן די אויפגעהיצטקייט פון די קרינקער יאַטן.

די יוגנט האָט זיך געזאַמלט ווי פריער און האָט אָפּגעהאַלטן צוזאַמענ־טרעפונגען אויף זייער שטייגער.

די הויפּט־אויפזאַמלונגען זיינען געהאַלטן געוואָרן אין די וועלדער. ניט איינמאָל זיינען פון די דורכגעפאַלענע פאַרזאַמלונגען געשלעפּט געוואָרן אונ־טער אַ שטאַרקער קאָזאַקישער וואַך יונגע בחורים און מיידלעך איבער די קרינקער גאַסן.

רעוואָלוציאָנערע אויפזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בתי מדרשים. שבת פאַרן לייענען פלעגן זיך אַריינרייסן יאַטן מיט געווער, אַ רעד־נער איז אַרויף אויף דער בימה און האָט געהאַלטן אַ ברענענדע אַגיטאַציע־רעדע.

אַ סך פאַרזאַמלונגען אין די בתי מדרשים זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן שבת נאָכן טשאָלנט. ווען אידן זיינען געווען אין זייערע הייזער און די בתי מדרשים זיינען געווען ליידיק.

אַזוי ווי איך פלעג נאָכלויפן די גרויסע, האָב איך בייגעוואוינט אין קאַווקאַזן בית־מדרש אַ דעבאַטע צווישן אַן אַנאַרכיסט און אַ „בונדאָוועץ״.

די דיסקוסיע איז געווען אַ הייסע און אַ בייזע; די געשרייען און צווישנ־רופן פוןביידע צדדים זיינען געווען גיפטיקע און דראָענדע.

איך געדענק ווי עס האָט געהאַלטן נאָענט פון קלעפּ. אויפן גזימס פון אַ פענצטער איז געשטאַנען אַ מיידל און מיט היסטערישע צווישנרופן האָט זי אַרונטערגעשריען דעם קעגנערישן רעדנער.

אין דרויסן זיינען געשטאַנען יאַטן אויף וואַך. זיי האָבן זיך גערייצט און געוויזן געווער עטלעכע קאָזאַקן וואָס זיינען געזעסן האַרט ביי די פאַר־מאַכטע קראָמען.

קרינקער יאַטן פלעגן אָפט זיך רייצן מיט די קאָזאַקן. ווען עטלעכע זייערע האָבן זיך באַוויזן אין מאַרק, זיינען אויסגעוואַקסן יאַטן. זיי האָבן געוואָרפן לאָזונגען און געשריען: „עך קאָזאַקי, ווי דוראַקי, ווי נאפאלי קאַק סאָבאַקי!״ (עך קאָזאַקן, איר נאַראָנים, איר באַפאַלט דאָך ווי הינט) די קאָזאַקן פלעגן זיך אַ יאָג טאָן, און די יאַטן לויפנדיק פלעגן שרייען לאָזונגען און זינגען אַרבעטער־לידער.

פון אָנהויב האָבן קאָזאַקן אָנגעטאָן גרויסע צרות. באַזונדערס ווילד האָבן זיך אויפגעפירט די קאַלמיקן. דאָס איז געווען אַ ווילדע מאָנגאָלישע חברה וואָס האָט געיאָגט שרעק אויף די איינוואוינער.

מיין מומע דבורה האָבן זיי איינמאָל איינגעטיילט אַ חלק וואָס זי האָט געהאַט צו געדענקען חדשים לאַנג.

אין פאָרנט פון „בודקע״, די הילצערן ביידל וואו דבורה האָט געהאַנדלט, זיינען געלעגן ברויט. צוויי קאַלמיקישע קאָזאַקן האָבן אויף די „פּיקעס״ (שפּיזן) אַרויפגעשטאָכן עטלעכע ברויטן. דבורה האָט זיך נאָך זיי אַ יאָג

געטאָן. זיי האָבן זיך אומגעקערט און מיט אַ נאַגייקע האָבן זיי איר געשעדיקט אַ האַנט.

דבורה איז אַוועק צום עלטסטן זיך באַקלאָגן. מען האָט פֿאַר איר אַרויס־געפֿירט אַלע קאַלמיקישע קאָזאַקן און זי האָט אָנגעוויזן אויף די צוויי אָנפֿאַלער. דער עלטסטער האָט איר פֿאַרזיכערט אַז מען וועט זיי באַשטראָפֿן.

שווער איז געווען פֿאַר די איינוואוינער איבערטראָגן די ווילדקייט פֿון די קאָזאַקן. נאָכדעם ווי באַלעבאַטים זיינען געגאַנגען צום הויפּט זיך משתדל זיין, זיינען די קאָזאַקן געוואָרן רואיקער.

קלאַנגען זיינען אַרומגעגאַנגען אַז אַ קאָמאַנדיר זייערער איז אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליזם.

די שתדלנות פֿון באַלעבאַטים האָט אַ סך מאָל פֿאַרמיטן בלוט־פֿאַרגיסונגען און גרויסע טראַגעדיעס.

# דער פעטער מאיר

פון אַלע פעטערס האָב איך באַזונדער ליב געהאַט דער מאַמעס ברודער מיישקע, מיט וועלכן איך האָב זיך אין איין שטוב געהאָדעוועט און פאַררעכנט ווי אַ ברודער. און דעם טאַטנס ברודער מאיר. ביידע זיינען ביי מיר געווען בראַווע יונגען, וועלכע האָבן אָפּגעטאָן העלדישע מעשים.

אַפּילו מיין טאַטע איז ביי מיר געווען אַ העלד, דערפאַר וואָס אין אַ גאַרבער־סטרייק האָט אים פּאָליציי געזוכט און ער איז עטלעכע טעג געלעגן אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאַל.

ווען דער סטרייק האָט זיך פאַרענדיקט, איז דער טאַטע געקומען פון סאָקאָלקע וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן. און גאַרבאַרעס האָבן אים אָפּגע־וואַרט אין „פּראָפּיטקע", אַן ערך צוויי וויאָרסט פון שטעטל, און מיט פּאַראַד דורכן „וויגאַן" אים אַריינגעפירט אין קרינִיק.

איך געדענק מאיר'ן ווען ער איז געגאַנגען אין חדר, און ווען ער איז אַוועק אין פאַבריק.

מאיר האָט געהאַט הנאה זיך רייצן און מיך איבערשרעקן. ער האָט מיך איינמאָל אַזוי דערשראָקן אַז איך בין זיך פאַרגאַנגען אין היסטעריקע.

די באָבע סימע פייגל, ווי איר מוטער, ר' וועלוועלעס טאָכטער, פלעגט זיך אויסהיטן ווערן בייז אָדער אין כעס. דעמאָלט איז זי אָבער אויף מאיר'ן טאַקע בייז געוואָרן און אים צוגעוואָרפן: „בישט געשעדיקט זאָלסטו ווערן!" וואָס איז שוין ביי איר געווען אַ קללה.

די מעשה וואָס מאיר האָט מיר דערציילט איז געווען פון אַ טויטן וואָס קומט אין חלום — „מאַנען זיין לעבער".

דער איינפאַל איז געווען אַריינציען דעם צוהערער און נאָכדעם אים איבערשרעקן דורך פלוצים אַ געשריי טאָן — „דעם לעבער אַהער!".

אין פאַבריק האָט מאיר געקראָגן די ערשטע אַגיטאַציע פון „בונד". אין גראָדנער תפיסה וואו ער איז געזעסן דריי חדשים, איז ער געוואָרן אַן אַנאַרכיסט.

אַלע אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען זיינען געווען אין קרינִיק: „אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן"; אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן"; „עטישע אַנאַרכיסטן" און „פילאָ־זאָפישע".

מאיר'ס חברים זיינען געווען די גאָר יונגע יאָטן. ווייזט אויס, אַז קיין אַנגעזעענעם סטאַטוס האָבן זיי ניט געהאַט. איך דרינג עס פון דעם, וואָס

דער מאַמעס ברודער מיישקע, וועלכער איז אויך געווען אַן אַנאַרכיסט, האָט מיט מאיר׳ן און זיינע חברים ניט געהאַט קיין עסקים.

מיישקע׳ס נאָנטע חברים זיינען געווען יאַנקל טשייני, ניאָמקע יונה דעם סטאָליער׳ס און אַנשל אורעמל דעם שמיד׳ס.

מאיר׳ס חברים זיינען געווען ניאָמקע הערשל דעם קרעציקנס (וועלכער איז געוואָרן אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער העלד מיט וועמען קרינקער גרויסן זיך) און חייקל מוץ, וואָס איז אויך געווען אַ בראַווער בחור.

אגב אורחא, זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט חייקל מוץ אַנגעשפּיגן דעם נאַצישן קאָמענדאַנט ימח שמו, גלייך אין צורה אַריין, און איז געשטאָרבן ווי אַ קדוש אַ פאַרפייניקטער.

וואָס האָט מאיר דעמאָלט געוואוסט? אַ דרייצן־פערצן יאָריקער אינגל, נאַאיוו, פול מיט גלויבן, איז ער נאָכגעלאָפן די וואָס האָבן צוגעזאָגט באַפרייען די וועלט פון אָרימקייט.

דעם זיידן האָט מאיר שטאַרק מצער געווען.

יאַנקל בונים האָט געהאַלטן אַז פאַר איין משפּחה איז דאָ צופיל רעוואָלוציאָנערן. ער האָט דערפאַר געזוכט מאיר׳ן וואָס גיכער באַשטאַטן קיין אַמעריקע.

מאיר האָט פון דעם ניט געוואָלט הערן, ער איז געווען צופיל פאַרקאָכט אין דער באַוועגונג. אַ הייסער אינגל האָט ער געוואָלט זיך אויסצייכענען און אויך זיך אויסשטעלן. איבעראַל איז ער געלאָפן און אַלע אַקטיוויקייטן האָט ער געוואָלט אויספילן.

איך האָב אים גוואַלדיק ליב געהאַט!

דורך מאיר׳ן האָבן די בחורים מיך געלאָזן זיי נאָכלויפן. זיי האָבן מיר אַפילו אָנגעטרויט טראָגן פּראָקלאַמאַציעס. באַזונדערס האָט מיך שטאַרק מקרב געווען חייקל מוץ, וועלכער איז אפשר געווען מיט צען יאָר עלטער פון מיר.

איך געדענק ווי מאיר האָט מיך מיטגענומען צו אַ דעמאָנסטראַציע.

יענע דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ מורא׳דיקע. אַנאַרכיסטן האָבן גע־טראָגן זייערע בגדים וואָס זיינען געווען בבחינה עפּעס אַ מין יוניפאָרם; שוואַרצע „רובאַכעס״; שוואַרצע קוטאַשן; שוואַרצע בורקעס (אַזאַ מין קורץ רעקל ווי עס טראָגן ביי אונז מאַטראָזן) שוואַרצע פוראשקענע אָדער „פאַר־פעלנע״ היטלען, אַ שוואַרצן גומעלאַסט וואָס איז געווען אַרויפגעטאָן אויפן פּנים.

די דעמאָנסטראַנטן אין רייען ווי זעלנער, זיינען געגאַנגען אַרונטער מיל גאַס צום פּוילישן קאַשטיאַל. זיי האָבן געזונגען אידישע און רוסישע רעוואָ־לוציאָנערע לידער. אַ ליד — „מאַרש אַנאַרכיסטאָוו״ איז מיר געבליבן אין זכרון.

דאָס ליד האָט באמת געהאַט מאַרש מוזיק און אַלע זיינען געגאַנגען צום טאַקט פון געזאַנג און די ווערטער.

געזאַנג האָט מען אָנגעהויבן ווען אַ פירער האָט אויסגערופן: „דאַוואַי מאַרש אַנאַרכיסטאָוו״ און אַלע ווי אַ גוט איינגעשטעלטער כאָר האָבן אָנגעהויבן: „ספּאָיאַמטע פּעסניו פּאַד גראָמאַם אודאַראָוו, פּאַד ווזריווי פּולי, פּאַד פּלאַמיא פּאָזשאַראָוו, פּאַד זנאַמיעם טשאָרנים גיגאַנטסקאַי באָרבי, פּאַד זוואוקי נאַבאַטא פּריזיוונאַי טרובי!״ („לאָמיר זינגען אַ ליד וואָס זאָל ווי דונערן קנאַלן, ווי קוילן אויפרייסן, ווי פלאַמען צינדן, מיט דער שוואַרצער פאָן צום גיגאַנטישן געראַנגל, מיט פעסטן טראָט צום שאַל פון רוף״).

פון עולם האָט אַ קול אויסגעשריען: „דאַזדראַסטוואָועט אַנאַרכיע!״ און פון דער מאַסע האָט זיך געקייקלט: „הוראַ! הוראַ! הוראַ! הו־הו־ראַ־־אַאַאַ!״.

אויפן מאַרק האָבן קאָזאַקן זיך געקליבן. אידן האָבן האַסטיק זיך געלאָזן צו די שטיבער. קראָמען האָבן זיך פאַרמאַכט. אַ פחד האָט זיך געריסן אין אידישע הערצער און פון אידישע היימען האָט זיך געוויין פון מאַמעס געריסן צום דרויסן.

באַלעבאַטים מיט נחום אַנשלען און דעם רב בראש, זיינען געגאַנגען איינבעטן דעם הויפּט, זיינע קאָזאַקן זאָלן ווילד ניט ווערן. בלוט פון אידישע קינדער זאָלן דעם ברוק פון די קרינקער גאַסן ניט באַגיסן.

אידיש געבעט האָט זיך איינגעגעבן. קאָזאַקן זיינען אויפן מאַרק געבליבן שטיין. פון וויטן נאָר האָט צו זיי דערגרייכט: „דאַלאַי סאַמאַדערזשאַוואַ־דאַס־טראַסוואָועט אַנאַרכיע! הוראַ־הו־הו־ראַ־אַ־אַ!״.

אַ גורל׳דיקע איבערקערעניש אין מאיר׳ס לעבן איז געקומען פון אַ פאַרקרימטן אינצידענט וואָס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל.

אַ פרייטיק פרי, איז מאיר, חייקל מוץ און ביאַמקע, הערשל דעם קרעציקנס, געקומען צו נחום אַנשלען מאַכן אַן עקספּראָפּריאַציע.

זיי זיינען אַריין צו נחום אַנשלען אין קאַנטאָר און האָבן זיך געהייסן געבן געלט.

— אויף וואָס דאַרפט איר געלט קינדערלעך? האָט נחום אַנשל געפרעגט.

— אייך צו דער׳הרג׳ענען!

— אַזוי גאָר! איז וויפל געלט דאַרפט איר קינדערלעך אויף צו דער׳הרג׳ענען מיך?

— פינף טויזנט רובל!

— וואַרט אויס אַ ווייליכקע, איך גיי עס אייך תיכף ברענגען!

עטלעכע גויים מיט שטעקנס און אייזנס, האָבן ביי די דריי אינגלעך צוגענומען דאָס געווער. זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער און אַרויסגעוואָרפן. נחום אַנשל האָט גלייך געשיקט אַ שליח אָנזאָגן דעם זיידן יאַנקל בונים

די גוטע בשורה. מיט ווײ און גרויס צער האָט דער זיידע אויפגענומען די נײַעס פון זײַן זונס מעשים און האָט זיך פאַרשוואוירן אים אין שטוב ניט אַרײַנלאָזן.

מאיר דער אומשולדיק־נאַאיווער אינגל, האָט גאָר נישט חושד געווען אַז דאָס וואָס ער האָט געוואָלט אָפּטאָן וועט מאַכן אַזאַ אויפליאַרעם אין שטעטל. לאַנג נאָכן דאַווענען איז מאיר געקומען צו זײַן טאַטנס שטוב.

געוואוינט האָט דער זיידע בײַ פּינקע דעם שמש, דעם „שול אַרײַן רופער".

פרײַטיק פאַרנאַכט, פאַר שקיעה פלעגט פּינקע זיך שטעלן אין מיטן מאַרק, פאַרדרייסן דעם קאָפּ, אַרויפלייגן די רעכטע האַנט אויף דער רעכטער באַק און רופן: „אין שול אַרײַן! אין שול אַרײַן!".

אַרײַנגיין אין זיידנס שטוב האָט מען געקענט פון אַ הינטער־טיר, אָדער דורך פּינקע׳ס דירה. די הינטער־טיר איז געווען פאַרריגלט. איז מאיר אַרײַן אין פּינקעס שטוב. נאָך איידער ער האָט די טיר געעפנט האָט פּינקע מיט אַ שטעקן מאיר׳ן אַרויסגעיאָגט.

פון דעמאָלט אָן איז מאיר געוואָרן הפקר און נע ונד. ער האָט זיך גענומען וואַלגערן. שבת פרי נאָר, ווען דער זיידע איז געווען בײַם דאַווענען, פלעגט ער זיך צוכאַפּן אין שטוב. די באָבע פלעגט אים געבן עסן, האָט אים דעם קאָפּ געקאַמט און אים געגעבן וועש צו בײַטן.

אַ שבת. דער זיידע איז געווען קראַנק און האָט געדאַוונט ביחידות. מאיר האָט געדאַרפט אָנקומען. די באָבע האָט זיך געשראָקן אַז אויב דער זיידע וועט אים זען וועט ער זיך אויפרעגן, און מיט בושה אים פון שטוב פאַריאָגן.

איך בין דעמאָלט געווען בײַם זיידן אין שטוב. די באָבע האָט מיך אַרויסגעשיקט אָנזאָגן מאיר׳ן ער זאָל אַרײַנקומען ווען דער זיידע וועט שטיין שמונה עשרה. אַזאַ לאַנגן שמונה עשרה איז דער זיידע געוויס קיינמאָל ניט געשטאַנען.

מאיר האָט גענומען אונטערגיין. עס האָט קיינער ניט געוואָלט דערגיין וואָס עס טוט זיך מיט אים. אַליין צו זײַן צער און גורל האָבן אַלע אים איבערגעלאָזן.

אָן אָפּגעשוואַכטן און פאַרברודיקטן האָב איך אים איינמאָל געטראָפן שלאָפן אויף אַ באַנק אין קאַווקאַזן בית מדרש.

אַ ווײַנענדיקער בין איך געלאָפן עס אָנזאָגן מײַן מאַמען. זי האָט אים אַהיימגעבראַכט. מאיר איז נאָכדעם בײַ אונז געווען אַ גאָר לאַנגע צײַט.

ביידע זײַנען מיר געשלאָפן אין אַ שלאָף־באַנק. פון געלעגער פלעגט ער אַגיטירן דער מאַמען און פאַר איר געבן אויסגעמאָלן דעם אויסזען פון דעם אחרית־הימים וואָס די רעוואָלוציע וועט אויפשטעלן.

מאיר׳ס סוף איז געווען אַ טראַגישער.

אין קריניק האָט ער זיך שוין צו קיין זאַך ניט געקענט דערשלאָגן.

אַרבעט האָט מען אים ניט געגעבן. די באַוועגונג ווייזט אויס, האָט די מעשה מיט נחום אַנשלען פאַררעכנט ווי אַ פּערזענלעכן אַקט פון דריי יאָטן. אַ באַליידיקטער איז מאיר אַוועק קיין ביאַליסטאָק.

אַ פּאָר וואָכן נאָך מאיר׳ס אַוועקפאָרן קיין ביאַליסטאָק, איז פאַר אים אָנגעקומען אַ שיף־קאַרט.

עס איז אים אָבער ניט באַשערט געווען.

אַ פּאָר טעג אידער מאיר האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע איז ער אומגעקומען פון אַ באָמבע וואָס חברה זיינען געפאָרן וואַרפן אויף אַן אסיפה פון הויפט־נאַטשאַלסטוואָ.

עס איז פאַראַן אַ מיינונג אַז מאיר האָט גאָר ניט געדאַרפט פאָרן וואַרפן די באָמבע.

איך האַלט אַז דאָס איז אַ סברה פון מענטשן וואָס ווילן צונישט מאַכן מאיר׳ס חלק אין יענעם טראַגישן אינצידענט.

זיי גיבן אָן אַז מאיר האָט געזען די „דראָשקע" מיט באַקאַנטע אַנאַרכיסטן פאָרן און ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים לאָזן אונטערפאָרן.

אַזוי ווי קיין עדות זיינען ניטאָ וואָס זאָלן עס באַשטעטיקן, ווייל אַלע באַטייליקטע זיינען צעריסן געוואָרן פון דער באָמבע, ווערט קשה די סברה אַז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער „דראָשקע".

עס איז ניט קלאָר, ווי קומט עס וואָס ער האָט פּונקט אָנגעטראָפן די „דראָשקע" מיט די בחורים און זיי וויסנדיק אַז זיי פאָרן אויספירן אַזאַ קאָנספּי־ראַטיווע און געפערלעכע שליחות, האָבן גאָר דערלויבט אַז אַ זייטיקער זאָל מיטפאָרן? אַחוץ דעם איז מאיר געווען דער איינציקער וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

אויפן וועג צום פּלאַץ פון דער אסיפה איז די „דראָשקע" אַרויף אויף אַ שטיין — אַלע זיינען געוואָרן צעריסן. אומגעקומען מיט מאיר׳ן איז נאָך אַ קרינקער, ישראל איסר דעם שוחט׳ס.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געזען מאיר׳ן איז געווען ווען פּאָליציי האָט געבראַכט דער באָבען אַ בילד — אויף אַ ליילעך אויסגעשפּרייט איז געלעגן נאָר אַ קאָפּ — מאיר׳ס קאָפּ.

# ניאָמקע — העלד פון רעוואָלוציע

ווען אין שטעטל האָט דערגרייכט די נייעס פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, זיינען קרינקער אידן אויפגעציטערט געוואָרן.

ווילדע קלאַנגען האָבן זיך געשפּרייט. יעדן טאָג האָט מען זיך געריכט אַז באַלד וועט געשען דאָס זעלבע ווי אין ביאַליסטאָק.

מערק־טעג, אויף וועלכע אידן האָבן געוואַרט, און וואָס האָבן קרעמער פאַרזאָרגט מיט חיונה, זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט שרעק און אומ־זיכערקייט. יעדער פּויערים־געזעמל האָט אַרויסגערופן חשד און פּחד.

די אומרו האָט זיך געשפּרייט און איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון גרויס צו קליין. אַן אומשולדיקער געשלעג, אָדער קריג צווישן אַ אידן און אַ גוי, איז אויפגעשוואָלן געוואָרן אין אַ פּאַניקע.

קרינקער יוגנט האָט זיך גענומען גרייטן געבן די אַנפאַלער אַ ווידער־שטאַנד. אַז אַ מאַרק טאָג האָט זיך פאַרענדיקט און די לעצטע פּויערים האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָבן זיך אידן געפילט גרינגער און זיכערער.

גוי'אישע פּראָצעסיעס, אָדער לוויות וואָס זיינען שטענדיק אויפגענומען געוואָרן געוויינלעך און גלייכגילטיק, האָבן געטריבן איבערגעשראָקענע מאַ־מעס צו פאַרבאַהאַלטן די קינדער און פאַרהאַקן די פענצטער.

קינדער וואָס האָבן ליב געהאַט קוקן אויפן ספּעקטאַקל פון די קאַלירפולע גוי'אישע פּראָצעסיעס, זיינען פון מאַמעס אָפּגעטריבן געוואָרן פון די פענצטער.

קלאַנגען האָבן זיך אויך גענומען שפּרייטן אַז איליאָדאָר, דער „שוואַרצער מאַנאַך" קלייבט זיך באַזוכן קרינקי.

שטעטלשע גוים האָבן אויפגעלעבט. פון סאָקאָלקער גאַס ביזן רוסישן קלויסטער האָבן זיי אויפגעשטעלט בלומען־טויערן.

באַלעבאַטים זיינען געגאַנגען בעטן דעם רוסישן גלח ער זאָל זיך מיען אָפּקילן גוי'אישע געמיטער, און אויך זען פּועל'ן דער „שוואַרצער מאַנאַך" זאָל ניט קומען אין שטעטל.

דער „פּראַוואָסלאַוונער" גלח האָט געהאַט אַ גוטן שם צווישן אידן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אוהב ישראל. ער און אויך זיינע קינדער האָבן זיך געהאַלטן איינפאַך און פריינטלעך מיט אידן.

פאַרקערט, דער פּוילישער קסאָנדז, פאַר וועמען אידן פלעגן הויבן די היטלען, און קליינע קינדער האָבן זיי אינגאַנצן אַראָפּגענומען, איז געווען אַ גרויסער שונא ישראל.

צי דער גלח האָט זיך באַמיט, צי עס איז געווען אַן אַנדער סיבה, אַנשטאָט דעם מאַנאַך איז געקומען אַן אַנדער גרויסער „פּראַוואָסלאַוונער" גייסטלעכער — אַלץ איז אַריבער בשלום.

אַרום יענער צייט איז אויך דער גובערנאַטאָר געקומען באַזוכן דאָס שטעטל. עס האָבן זיך איבערגע׳חזר׳ט; בלומען־טויערן; געל־זאַמד אויפן ברוק; געקאַלכטע און אויסגעפּוצטע הייזער.

ווען דער גובערנאַטאָר איז געקומען האָט זיך אויף עטלעכע שטיבער באַוויזן די רוסישע פאָן, וואָס די שטעטלשע האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אויסזען און וועלכע קאָלירן זי האָט.

די הויפּט־תקיפים, האָבן זיך אויסגעצירט מיט צילינדערס און יום־טוב׳דיקע מלבושים, און זיינען בראש פון רב געגאַנגען צום ערשטן בלומען־טויער אויף סאָקאָלקער גאַס, אַנטקעגן טראָגן דעם גובערנאַטאָר אַ ספר־תורה און ברויט מיט זאַלץ.

דער גובערנאַטאָר איז געקומען זיך צו דערקונדיקן פאַר וואָס קרינקי איז ניט רואיק.

דאָס לעבן אין שטעטל איז געווען אויפגעהיצט; שרעק, שפּאַנונג, און אַנגעצויגנקייט האָבן געהאַלטן אידן אויפגערודערט.

די שנאה און ביטערקייט צווישן דער יוגנט, די רייכע און דער מאַכט, איז געוואַקסן. דער קאַמף צווישן זיי איז געווען אַ בייזער און פאַרביסענער.

דער אכזריות׳דיקער־פּאָליצייאישער טעראָר האָט די מרידה אין שטעטל ניט איינגעשטילט.

יעדן טאָג האָט מען קרינקער יונגוואַרג מיט פאַרבונדענע הענט אויף הינטן געפירט אויף פורן אין גראָדנער טורמע. די וואָס זיינען אָבער גע־בליבן אויף דער פריי האָבן דעם ווידערשטאַנד אָנגעהאַלטן. טעראָר האָט די קרינקער יאַטן ניט אָפּגעשראָקן.

קרינקער וואָס זיינען אַוועק אין אַנדערע שטעט האָבן אויך דאָרטן זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער באַוועגונג און דער רעוואָלוציע.

דער שרעק פאַר פויערשע אָנפאַלן און פּאָגראָמען, האָט ניט פאַרמינערט די בייזע באַציאונג צווישן דער יוגנט און די פאַבריקאַנטן.

ביידע צדדים האָבן כסדר געהאַלטן זיך פאַרמעסטן אין כוחות.

די באַלעבאַטים האָבן אויף זייער צד געהאַט — פּאָליציי, סאָלדאַטן און קאָזאַקן.

די יונגוואַרג האָט געהאַט — באַגייסטערונג, גרייטקייט און אידעאַליזם. זיי האָבן אויך געהאַט פּיסטאָלעטן און באָמבעס מיט וועלכע זיי האָבן גע־ענטפערט אויפן טעראָר.

די מאַכט האָט געוואוסט אַז קרינקער יאַטן איז שווער בייצוקומען. און

נאָכן גובערנאַטאָר׳ס באַזוך, האָט מען אויף קריניק אַנגעשיקט אַ מחנה פון פּאָליציייאישע אכזרים.

דער גרעסטער אכזר איז געווען אַן אוראַדניק, וואָס מען האָט גערופן דער „קליינער״.

דער קליין־געוויקסיקער אוראַדניק, איז געווען פלינק, אימפּעטיק און אומדערשראָקן. ער האָט פאַר קיין זאַך און פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט. ער האָט אַליין דורכגעפירט געפערלעכע שליחות׳ן, און אַן דער הילף פון אַ וואַך פלעגט ער פירן אַרעסטירטע פון קריניק קיין סאָקאָלקע.

די ווילדקייט און ברוטאַלקייט פון קאָזאַקן און פּאָליציי האָט ניט פאַר־מינערט די זאָרג און שרעק פון די פאַבריקאַנטן. אַנאַרכיסטישע יאָטן האָבן זיי געהאַלטן אין כסדר׳דיקער מורא. עקספּראָפּריאַציעס האָבן זיך פאַרמערט.

אויף נחום אַנשלס איניציאַטיוו האָבן די פאַבריקאַנטן באַשלאָסן אָפּהאַלטן אַן אסיפה אין „גרויסן״ בית מדרש, און זען געפונען מיטלען ווי אַזוי אַנצו־לערנען דער „ווילדער חברה״.

די אַנאַרכיסטן האָבן זיך דערוואוסט פון די הכנות, און האָבן באַשלאָסן וואַרפן אַ באָמבע אויף דער אסיפה און מיט איין מאָל פּטור ווערן פון גאַנצן בורזשואַזן געזינדל.

באָמבעס מאַכן האָבן די קרינקער אַנאַרכיסטן זיך אויסגעלערנט פון יאַנקל קרעפּליאַק.

די „מאַקאַדאָניער באָמבעס״ ווי מען האָט זיי גערופן, זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אַן איינפאַכן אופן; אין אַ בלעכענע פּושקע האָט מען אַריינגע־לייגט טשוועקעס; שטיקלעך אייזן, דינאַמיט און צו דעם צוגעפּעסטיקט אַ קנויט, אים אָנגעצונדן — ווען ער האָט זיך גוט צעברענט, האָט מען אַ וואָרף געטאָן די פּושקע.

דעם טאָג ווען די פאַבריקאַנטן האָבן אָפּגעהאַלטן זייער אסיפה געדענק איך קלאָר.

עס איז געווען זונטיק, איך האָב געלערנט ביים „טשעכאַנאָווצער״. דער חדר איז געווען פּונקט אַנטקעגן „גרויסן״ בית מדרש. פון פענצטער האָט מען געקענט זען דעם עזרת־נשים.

אויף גאַרבאַרסקי גאַס, ביי די טירן צום הויפּט־אַריינגאַנג אין בית מדרש, זיינען געשטאַנען וואַכן פון קאָזאַקן. פון חדר פענצטער האָבן מיר געזען ווי דער „קליינער״ אוראַדניק דרייט זיך אַרום.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קנאַל און אַ שטאַרקער גערויש. די שטוב האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, דער גאַנצער חדר איז געוואָרן אָנגעפילט מיט רויך און צעבראָכן גלאָז.

די קינדער זיינען צעשראָקענע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. אַ פּאָר טריט

פון חדר האָט איך געזען ווי דער „קליינער" אוראַדניק מיט אַ בלויזן שווערד, יאָגט אַ מענטשן צום מאַרק אַרויף.

איך בין נאָכגעלאָפן. דער אוראַדניק האָט דעם מענטשן אָנגעיאָגט און אים אַ זעץ געטאָן מיטן שווערד אויפן אַקסל. דער מענטש איז געפאַלן און געבליבן ליגן אויפן ברוק אַן אויפגעקנוילטער, דעם קאָפּ אַריינגערוקט אין אָרעם.

איך האָב געמיינט עס איז מיין פעטער מאיר — דער זעלבער וואוקס, די שוואַרץ־געקרויזלטע האָר.

איך האָב זיך איבער אים איבערגעבויגן און גענומען טרייסלען: „מאיר! מאיר!" ער האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף מיר — איך האָב אים דערקענט — ניאָמקע, הערשל דעם קרעציקנס, מאיר׳ס חבר.

קאָזאַקן האָבן גענומען אַרומרינגלען דעם מאַרק, און האָבן ניט אַרויס, אָדער אַריינגעלאָזן.

אויף אַ פויערשער פור האָט מען ניאָמקען אַוועקגעפירט.

אין אַ שטוב פון נויט און הונגער האָט זיך ניאָמקע געהאָדעוועט. זיין טאַטע הערשל, אַ שניידער־לאַטוטניק איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. גאָר יונג איז ניאָמקע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט באַלאַנגט אין דער זעלבער אַנאַרכיסטישער גרופּע מיט מאיר׳ן. ער, מאיר, חייקל מוץ און ישראל איסר דעם שוחט׳ס זיינען צווישן זיך געווען איבערגעגעבענע חברים.

געוואָרפן די באָמבע האָט מיישקע סידרער. אָבער אָנשטאָט איר אַ שליידער, האָט ער איר אַ שאַר געטאָן. די באָמבע האָט אויפגעריסן. קיינעם פון די פאַבריקאַנטן האָט ניט געשאַדט.

ניאָמקע איז דאָס געשטאַנען אויף וואַך, ביים בית מדרש. ווען ער האָט דערהערט דעם אויפרייס, האָט ער זיך געלאָזן לויפן געיאָגט פון אוראַדניק. געדאַרפט האָט ער לויפן דורך אַ זייטיק געסל צו קאַנצעלאַריע גאַס, אין טומל אָבער, האָט ער זיך פאַרנומען צום מאַרק.

פון אָנהויב האָט מען געמיינט אַז דער קלאַפּ פון שווערד האָט ניאָמקען פאַרוואונדעט. אין דער אידישער „באָלניצע" האָט מען אויסגעפונען אַז ער איז ניט באַשעדיקט.

ניאָמקע „דער קליינער" ווי מען האָט אים גערופן, האָט זיך איינגע־שריבן צווישן די גרויסע העלדן מיט וועלכע עס איז רייך די געשיכטע פון קאַמף פאַר רוסישער פרייהייט. ניאָמקע׳ס באַזונדערע העלדישקייט, האָט אפשר ניט צו זיך קיין גלייכן.

ניאָמקע איז אין סלאָנים פאַר׳משפּט געוואָרן אויף אַכט יאָר תפיסה. אויפן וועג קיין גראָדנע, האָט מען אים און די אַנדערע זיבן אַרעסטירטע

געגעבן לאַבנס ברויט אין וועלכע עס זיינען געלעגן רעוואָלווערן. זיי האָבן צעשאָסן די וואַך.

ניאָמקע איז אַנטלאָפן קיין קריניק, און מען האָט אים גלייך אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין גראָדנער תפיסה.

אַ פּרייטיק איז דאָס געווען, מען האָט ניאָמקען געבראַכט פון אַן אויס־פאָרשונג. אין קאָנטאָר פון טורמע, איז ער באַפאַלן זעקס וועכטער, האָט ביי זיי אַרויסגעריסן דאָס געווער און האָט זיי אַלע דערשאָסן.

ניט ווייט פון טורמע האָט ער זיך פאַרבאַריקאַדירט ביי אַ שניידער אין הויז. פון פענצטער האָט ער זיך דורכגעשאָסן מיט די סאָלדאַטן און פּאָליציי וועלכע האָבן דאָס הויז אַרומגערינגלט און האָט געטויט נאָך עטלעכע.

ווען ער האָט געזען, אַז די קוילן גייען אויס, האָט ער איינגעשניטן אַ האַנט, און מיטן בלוט אָנגעשריבן אויף אַ וואַנט: „קיין לעבעדיקן וועט איר מיך ניט קריגן. לאַנג לעבן זאָל אַנאַרכיע!״ מיט דער לעצטער קויל האָט ער זיך דערשאָסן.

דער „קליינער״ אוראַדניק האָט אויך געהאַט זיין סוף. אין סאָקאָלקע, ביי קאָפּעליושניק'ן אין אכסניה, וואו די קרינקער פלעגן אָפּשטייגן, האָט מען אים געשאָסן. איידער ער איז אויסגעגאַנגען האָט ער אָנגעגעבן אַז דער שיסער איז געווען אַפּראַיטשיק, יאָסל משה דעם שוסטערס.

געזאָגט האָט מען אַז געשאָסן דעם אוראַדניק האָט מיישקע סידרער. דער וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע אויף דער אסיפה פון די פאַבריקאַנטן אין גרויסן בית מדרש.

דער אוראַדניק האָט אַליין ניט געוואוסט ווער עס האָט אים געשאָסן. ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אפראַיטשיק'ן ווייל ער האָט אים אַמאָל גערדראָט.

אפראַיטשיק'ס משפט איז געווען אין וואַרשע פאַר אַ פעלד־געריכט. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס עדות זאָגן אַז אין צייט פון אַטענטאַט אויפן אוראַדניק איז אפראַיטשיק געווען אין קריניק. ער איז פאַר'משפט געוואָרן צו שטאַרבן אויף דער תליה.

זיין מוטער איז געפאָרן אין פּעטערבורג דערלאַנגען אַן אַפּעלאַציע צום קייסער, און ער האָט אים פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף 20 יאָר קאַטאָרגע.

מען האָט איבערגעגעבן אַז אין דער 1917 רעוואָלוציע, איז אַפּראַיטשיק באַפרייט געוואָרן. מען האָט אים געזען אין מאָסקווע.

# מיינע מלמדים — איך רוף אַ סטרייק איז חדר

פון אַלע מיינע מלמדים זיינען דריי געווען אמת'ע אכזרים. אַחוץ זיי איז אויך דער לערער פון דער רוסישער פאָלקס־שול, געווען אַ ווילדער און צעדרייטער און ער האָט די שילער אָנגעטאָן יסורים און צרות.

די בייזע מלמדים זיינען געווען טשיקאַווע אידן. אויף זיי האָט ניט געהאַט קיין שליטה דער אויפקומען פון חדרים מתוקנים און האַלב מאָדערנע חדרים.

אַפילו אַזאַ אַלטמאָדישער מלמד ווי אברהם שמואל פון די „קוגעלעך", האָט געלערנט אידיש לייענען און שרייבן. שוין אָפּגערעדט פון די אמת מאָדערנע קלאַסן וואו עס האָבן זיך שוין געלערנט אינגלעך און מיידלעך צוזאַמען און אַ לערערין מערקע, משה פנחס'עס, פלעגט שוין אירע שילער אַפילו אַרויסנעמען זומער זיך צו שפּילן אויפן פעלד.

פון די דריי העברייאישע לערער איז איינשטיין געווען דער איינגע־שפּאַרטסטער העברייאיסט.

ער איז געווען אונזערס אַ שטיקל מחותן. זיין ווייב איז געווען מיין מומע עטל'ס אַ שוועסטער. עטל'ס קינדער האָט איינשטיין פּאַרמיאוסט אידיש און האָט געזען אַז צווישן זיך זאָלן זיי נאָר רעדן העברייאיש.

די מומע עטל אַליין האָט אויך אַכטונג געגעבן אַז אירע קינדער זאָלן קיין אידיש וואָרט ניט אויסרעדן. און האָט כדי אָפּפרעמדן פון אידיש זיי ניט געלאָזן גיין באַזוכן דעם זיידן און דער באָבען.

דער „אזשיראַנער" לערער פאַרקערט, האָט אַחוץ לשון קודש, אויך גע־לערנט אידיש.

ביים „אזשיראַנער" וואו איך און אויך דער איצטיק באַוואוסטער פּועלי־ציון טוער ישראל סטאָלאַרסקי, האָבן געלערנט, זיינען די לימודים געפירט געוואָרן אויפן זעלבן שטייגער ווי אין די רוסישע פאָלקס־שולן. ער האָט געלערנט אַריפמעטיק און דעקלאַמירן העברייאישע שירים.

דער רוסישער לערער לעווענסאָן, וועמען די אינגלעך האָבן גערופן — „שלמה דובראָווער" — דער נאָמען פון געגנט משוגענעם, איז געווען אַן אמת'ער אכזר.

ער און דער צווייטער לערער קאַנעווסקי, פון דער „דוואוך קלאַסני, טראָך אדעלעני נאַראָדני אוטשילישטשי", זיינען געווען אַסימילירטע אידן, וועלכע האָבן אַ וואָרט אידיש ניט געקענט.

אין דער רוסישער שול האָט מען געגעבן דריי לימודים אַ טאָג. דער סדר: איין טאָג האָט אַ קלאַס געהאַט צוויי לימודים אין אַריפמעטיק און איינעם אין רוסיש, און דעם צווייטן טאָג איז עס געווען פאַרקערט.

לעוועגסאָן איז געווען דער לערער פון רוסיש. און איך בין ביי אים געווען פאַררעכנט פאַר אַ גאָר גוטן תלמיד.

אַריפמעטיק איז מיר טאַקע ניט געקראָכן אין קאָפּ. דערפאַר בין איך געווען אַ מאדים אין אויסליינגן, קאָמפּאָזיציע און זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק לידער און מעשיות.

אָפּגעזען אָבער פון די מעלות, האָט מיך לעוועגסאָן שטאַרק פיינט געהאַט, טראָץ דעם וואָס זיין טבע איז געווען שטויסן און שלאָגן שילער מיט דער אווירע, באַזונדערס מיך, פלעגט ער פאַרפאַלגן מיט בייזקייט.

מיין לערנען זיך אין דער רוסישער שול איז געקומען צו אַ סוף ווען לעוועגסאָן האָט מיר אַרויסגעגעבן זיך אויסצולערנען אין צוויי טעג אויף אויסנווייניק פושקינ׳ס באַלאַדע — זאָלאָטאַיאַ ריבקו״ (די גאָלדענע פישל).

אינדערפרי אין קלאַס, האָב איך אויפגעמישט די באַלאַדע און געלאָזן דעם בוך „רוסקי רעטש טרעטי טשאַסט״ אָפן אין „סקאַמעיקע״ (לערן־טישל).

דער טאָג איז געווען אַ פּראַסטיקער, אין קלאַס איז געווען מורא׳דיק קאַלט. איך אָבער האָב געפיבערט מיט אָנשטרענגונג און שרעק.

לעוועגסאָן איז אַריינגעקומען איינגעקנוילט פון בייזקייט און קעלט. די שילער האָבן זיך אויפגעשטעלט און אַלע אין כאָר האָבן געזאָגט: „דאָברי אוטראָ גאָספּאָדין אוטשיטל״, (גוט מאָרגן הער לערער). נאָכן אָפּזאָגן די רוטינע תפילה פאַרן צאַר און זיין משפחה, האָט לעוועגסאָן האַסטיק, ווי פון עמעצן געיאָגט, זיך אַ קער געטאָן צו מיר — „אוראָק זנאַיעש?״ (דעם לימוד וויסטו?). און ניט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער גלייך באַפוילן — „טשיטאַי!״ (לייען) איך האָב אויפגעהויבן דאָס טירל פון טישל און גענומען אַרויסלייענען פון אָפענעם בוך.

פלוצים איז ער מיט רציחה צוגעלאָפן צו מיר, האָט אַ געשריי געטאָן מיר גלייך אין אויער אַריין — „מערזאַוועץ!״. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בוך און מיט אַ ווילדן כוח האָט ער מיטן בוך גענומען מיך שלאָגן אויפן קאָפּ. איך בין געבליבן צעשראָקן און צעטומלט. מיט האַסט האָט ער מיך אָנגע־כאַפּט ביים קאָלנער, און אַרויסגעשטויסן אין קאָרידאָר. אין עטלעכע מינוטן האָט ער דורך אַ האַלב אָפענער טיר אַרויסגעשליידערט מיין מאַנטל און די ביכער.

איך האָב געהאַט אַ מלמד לייבע מאַטשעס, ער איז געווען אַ קאָצקער חסיד און האָט געפּראַוועט עצבות. ער פלעגט אַרומגיין שטענדיק דערשלאָגן און באַטריבט אַ סך מאָל האָט ער גאָר ווען מ׳האָט געלערנט, געכאַפּט אַ

דרימל, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פלעגט ער פרעגן: „וואו האַלטן מיר, האַ ?”.

אָבער אין תוך איז ער געווען אַ איד וואָס האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַס. שטיפן פלעגט ער צוויי מאָל אַ יאָר — פּורים און שמחת־תורה. ער האָט זיך געמאַכט האַלב שיכור, פלעגט איבערקערן די קאַפּאָטע אויף דער לינקער זייט, אָנטאָן אַ קאַפּעלוש, זיך שטעלן אויף אַ„ בודקע” און רופן אין „שול־אַריין”.

אין די יום־טובים פלעגט ער אויפזוכן תירוצים אַריינצוזאָגן דעם רב און די באַלעבאַטים אויף אַ לומדישן שטייגער. פון רב׳ס הויז, פלעגט ער אַרויס אין דרויסן צענויפזאַמלען צענדליקער אינגלעך און זיך לאָזן מיט זיי איבער די גאַסן צום מאַרק.

אַז ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אַרויפלייגן אַ האַנט אויפן באַק, פאַרדרייען דעם קאָפּ און אויסשרייען — „צאן קדשים” די קינדער אין כאָר האָבן געענטפערט — „מע־מע”.

אַז ער האָט געזען דאָס צופיל קינדער זיינען אָנגעלאָפן, פלעגט ער זיך האַסטיק אַ קער טאָן צו זיי און אָנהויבן שרייען: „קינדער טייערע, קינדער גוטע, נעמט וואַרפט שטיינער אויף מיר”. די קינדער פלעגן בלייבן פאַרווירט און פאַרשעמט און זיינען זיך אין שרעק צעלאָפן.

פון די בייזע מלמדים האָט דער „שאַלקער” געהאַט אַ טבע פון שמייסן אויפן נאַקעטן לייב.

נישט פאַר פאַרזינדיקן זיך האָט ער געשמיסן, נאָר גלאַט דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט הנאה פון קאַטעווען אויפן נאַקעטן הינטער־חלק פון אַ יונג לייב.

פלוצים, אָן וועלכער עס איז סיבה פלעגט דעם „שאַלקער” באַפאַלן אַט די ווילדע גלוסט.

ווען דאָס איז געשען, פלעגן די אויגן ביי אים ווערן אומרואיק. האַסטיק פלעגט ער מיטן קוק אַרומנעמען אַלע קינדער, ביז זיין אויג האָט אויסגע־ווײלט דעם קרבן.

ער פלעגט דעם אינגל אַליין הייסן אָפּשפּילן די הייזקעס, און זיך לייגן אויפן טיש. איין האַנט האָט דער שאַלקער געהאַלטן אויפן נאַקעטן לייב און מיטן צווייטן האָט ער געשלאָגן.

ביי אים האָבן תלמידים זיך לאַנג ניט געהאַלטן. ווייזט אויס, אַז שפּעטער האָט ער אויפגעגעבן דאָס מלמדות.

שייע לייב דער קאַליקע, האָט געהאַט אַן אַנדער טבע — קנייפּן אין הינטן און שלאָגן אין פּלייצע.

שייע לייב איז געווען מלמד אין תלמוד תורה. ביי אים האָב איך געוואָלט לערנען דערפאַר וואָס כמעט אַלע מיינע חברים׳לעך, וועמענס עלטערן האָבן ניט געקענט צאָלן שׂכר לימוד, האָבן זיי געשיקט לערנען צו שייע לייב׳ן.

געלערנט אין תלמוד תורה האָבן אפשר הונדערט קינדער. שטענדיק איז דאָרטן געווען אַ גרויסער טומל. שייע לייב האָט געדאַרפט זיין פון אייזן אויסצוהאַלטן פון די אַלע ווילדע קונדסים.

שייע לייב האָט זעלטן געקענט רואיק זיצן ביים לערנען. ער האָט שטענדיק צוהאַלטנדיק די האַלבע קוליע אויף וועלכער עס איז געלעגן מיט פעסלעך איינגעפעסטיקט זיין פאַראַליזירטע פוס, געדאַרפט לויפן איינשטילן קינדער וועלכע האָבן געטומלט אָדער זיך געשלאָגן.

אויף מיר האָט זיך שייע לייב אָנגעזעצט, אַלע ווילדע זאַכן וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין חדר, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף מיר. ער האָט געהאַלטן אַז אין אַלע שלעכטע אויפפירונגען האָב איך אַ האַנט. ער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן, ביז איך האָב אָפּגעמאַכט אים מיט עפּעס אָפּטאָן.

פאַר אַ קאָפּיקע האָב איך געקויפט אַ בריוול קליינע שפּילקעס. דורכן פּאַפּירל האָב איך דורכגעצויגן שטריקלעך און האָב אַרומגעבונדן אונטערן רעקל.

ביים לערנען האָב איך געזוכט שייע לייב׳ן דערצאָרענען. סוף כל סוף האָב איך אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר. כלומרשט ווי זיך צו באַשיצן האָב איך אויסגעדרייט צו אים די פּלייצע. שייע לייב האָט מיט אימפּעט אַראָפּגעלאָזן די האַנט אויפן פּלייצע און איז באַלד מיט אַ ווילדן ליאַרעם אָפּגעשפּרונגען.

דער „טקאטש" אַ גערער חסיד, איז געווען פאַררעכנט פון די גאָר גוטע מלמדים. זיין חדר איז געווען דער איינציקער אין שטעטל וואו די תלמידים האָבן שחרית געדאַווענט מיט אַן אייגענעם מנין. יעדן טאָג איז אַן אַנדער אינגל געווען בעל תפילה.

דער „טקאטש" איז געווען אַן אויפגערעגטער און פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער געשלאָגן מיט אַ קאַנטשיק. געשלאָגן האָט ער מיט רציחה און איבערן גאַנצן גוף. ער האָט ניט אויסגעקליבן. קלעפּ זיינען געפלויגן וואו דער קאַנטשיק איז געפאַלן.

איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַרטראַכט מורד זיין דעם „טקאטש".

איך האָב זיך צוזאַמענגערעדט מיט נאָך עטלעכע אינגלעך און מיר האָבן באַשלאָסן דערקלערן אַ סטרייק.

איך און מיין „שטאַב" — שלום, אברהם משה'ס דעם „שפּיגל פּאַלצער'ס", און יאַנקל, דוד דעם דאַמסקן־שניידערס אינגל. האָבן אויסגעאַרבעט אַלע פּלענער פאַר דער מרידה.

אַ טאָג פאַרן סטרייק, האָבן מיר אינדערפרי ביים מנין, געהייסן אַלע אינגלעך שווערן ביי אַ ספר תורה, אַז אַלץ וועט געהאַלטן ווערן בסוד.

שלום האָט געהאַט זייער אַ שיינע האַנטשריפט. האָב איך אים דעם אָונט פאַרן סטרייק דיקטירט באַזונדערע נוסחאות פאַר דריי הודעות: איינע אָנצוקלעפּן אין קאַווקאַזן בית מדרש וואו דער „טקאַטש" האָט געדאַוונט; די צווייטע אין גרויסן בית מדרש וואו די אָנגעזעענע באַלעבאַטים האָבן געדאַוונט, און די דריטע — פאַרן רבי'ן.

דעם טאָג פון סטרייק בין איך און שלום אַוועק פאַרטאָג, פאַרן ערשטן מנין, און האָבן די הודעות אויפגעקלעפּט אין ביידע בתי מדרשים.

נאָכן דאַווענען אין חדר האָבן מיר די הודעה פאַר רבי'ן אָנגעקלעפּט אויפן טיש.

דער פּלאַן איז געווען מיר זאָלן אַלע אַוועקגיין אין זוירניענס וואַלד. אָבער איידער מיר האָבן זיך ווי געהעריק אויפגעקליבן, איז שוין איבערן שטעטל באַוואוסט געוואָרן וואָס די אינגלעך פון „טקאַטש'ס" חדר, קלייבן זיך אָפּטאָן.

כהרף עין זיינען אָנגעקומען די טאַטעס פון די אינגלעך און זיי גענומען שלעפּן מיט גוואַלט אַ היים.

דוד דער דאַמסקי־שניידער האָט געשלעפּט זיין אינגל, צום רבי'ן, ער האָט זיך געריסן פון אים. דער „טקאַטש" און די טאַטעס זיינען צוגעשטאַנען צום בחור'ל ער זאָל אויסזאָגן פון וועמען עס שטאַמט די גאַנצע סומאַטאָכע. יאַנקל האָט אַלץ אַרויסגעגעבן.

אַז מיר'ן געזען דאָס דער „סטרייק איז געבראָכן", בין איך און שלום אַנטלאָפן פון שטעטל. מיר האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אויף אַ פעלד ביי די גוי'אישע שייערן. פאַר שפּייז האָבן מיר געריסן פּרוכט.

פון שטעטל האָט מען זיך אַרויסגעלאָזן אונז זוכן. ווען מיר האָבן שוין ניט געקענט אויסהאַלטן דעם הונגער, האָבן מיר זיך אַליין אומגעקערט אַהיים.

# ווילדע מעשים

די ווילדסטע מעשים פלעג איך אָפּטאָן סיי מיט די פאַרשייטע אינגלעך, און סיי ווען איך בין געווען אין שטוב.

איבערלאָזן מיך אַליין אין הויז איז געווען אַ סכנה. איך פלעג אַלץ איבערקערן קאַפּויר און אָנטאָן גרויסע היזקות — וואַרפן זיך מיט קישנס; שפּרינגען פון אַ טיש אין בעט; צעברעכן גלאָט אַזוי — אַ בענקל, אַ שטול.

האַלטן מיך ציכטיק איז פּשוט געווען אוממעגלעך.

די מאַמע האָט גראָדע געזאָרגט אַז איך זאָל זיין געקליידט ווי אַלע באַלעבאַטישע אינגלעך; זי פלעגט אויפנייען פאַר מיר הייזלעך און העמדער פון פלויש אָדער סאַמעט. אַ סך מאָל האָט אַ קרוב אָדער אַ שכן וואָס איז געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, צי וואַרשע, געבראַכט פאַר מיר אַ גאַרניטור. לאַנג נייַ איז ער ניט געווען. דעם צווייטן טאָג האָט מען אים שוין ניט דערקענט.

אין אַ נייעם גאַרניטור פלעגט מען מיך אויספּוצן פּרייטיק צונאַכט. שבת נאָכן טשאָלנט בין איך מיט דער „קאַווקאַזער קאָמאַנדע" געגאַנגען רייסן אויבס און קריכן אויף פּאַרקאַנעס און ביימער. אַ היים בין איך שוין געקומען אָן איינגעבראָדיקטער און מיט אַ צעריסענעם בגד.

דער מאַמעס שטראָף — האַלטן מיך פאַרשפּאַרט אין הויז; זי פלעגט אינגאַנצן צונעמען און פאַרבאַהאַלטן מיינע קליידער און לאָזן מיך אין אַ העמד. גיך האָט זי אָבער חרטה געהאַט — האַלטן מיך אין שטוב איז געווען נאָך ערגער, זי האָט זיך פּשוט מיט מיר ניט געקענט געבן קיין עצה.

פון מיינע ווילדקייטן איז אַ סך מאָל מיין לעבן געווען אין סכנה.

אינגלעך פלעגן רייסן האָר פון פערדישע ווידלען און מאַכן פון זיי סטרונעס. אַן עק פון אַזאַ האָר האָט מען צוגעהאַלטן מיט די ציין, איר אויסגעצויגן און מיטן נאָגל פון גראָבן פינגער האָט מען פון אַזאַ סטרונע אַרויסגעקראָגן קלאַנגען.

אַז די יאָטן פלעגן זען שטיין אַ צוגעבונדענעם פערד האָבן זיי זיך צוגעשאַרט צו אים, אַ הויב געטאָן דעם ווידל און האַסטיק אַרויסגעריסן אַ האָר.

איינמאָל האָב איך זיך אָנגעזעצט אויף אַ פערד. מיט אַ הינטערשטער פוס האָט ער מיר אַזאַ זעץ געטאָן אַז איך בין פאַרשליידערט געוואָרן אויף אַ ווייטן שטח. עטלעכע שעה בין איך געלעגן מיט גרויסע יסורים אין בויך און האָב זיך ניט געקענט רירן.

עס איז מיר באמת אַ זכות בייגעשטאַנען, ווי מיין באָבע ריווע פלעגט זאָגן. דער קלאַפּ האָט געקענט טרעפן אין פּנים און אַפילו טויטן.

איינמאָל האָב איך גאָר אָפּגעטאָן אַ ווילד־משונה׳דיקע זאַך.

דער טאַטע האָט מיך געשיקט אַרונטערברענגען פון בוידים אַן אַלטן מלבוש. איך האָב מיט אים איבערגעדעקט דעם קאָפּ און האָב געוואָלט זען צי איך וועל בלינדערהייט קענען טרעפן צום לייטער.

פון פאַל זיינען די ביינער ניט צעשאָטן געוואָרן, אָבער וואָכן בין איך געווען ברוין און בלאָ און פאַרשוואָלן.

נאָך דער שׂרפה ווען מיר האָבן געוואוינט אויף מיל גאַס, האָב איך זיך אויפגעפּאָרט מיט אַ אינגל יאָסל פון „פאַראַפּקע״ (זיין פאָטער האָט גע־האַלטן אַ דאַמף־מיל וואו מען האָט געשטויסן קאָרע און אויך געמאָלן מעל). ער איז געווען עלטער און העכער פון מיר, און אויך ווילדער. אים האָט מען גערופן — „גרויס יאָסל״ און מיך „קליין יאָסל״.

די ווילדסטע און אכזריות׳דיקע זאַכן פלעגן מיר ביידע אָפּטאָן. אינגלעך פון מיל גאַס האָבן פאַר אונז געציטערט. אַ אינגל אין אונזער „קאָמאַנדע״ האָט אונז ביידע געמוזט פאָלגן. אַ ווידערשפּעניקן פלעגן מיר אַריינלייגן אין „חרם״ און קיין אינגל האָט ניט געוואָגט זיך שפּילן און אַפילו רעדן צו אים.

נישט ווייט פון אונזער שטוב האָט געוואוינט אַ לעדער פאַבריקאַנט. זיינער אַ אינגל — אַ שעמעוודיקער און איידעלער, האָט צום „גרויסן״ יאָסל נישט געהאַט קיין מזל. ער פלעגט אים צו אונזער חברה ניט צולאָזן און אים כּסדר געטריבן.

אַן אומעטיקער, פאַרשעמטער און דערשלאָגענער, פלעגט דער אינגל שטיין פון ווייטן, און מיט בענקשאַפט צוקוקן ווי די אינגלעך שפּילן זיך.

איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז צוגעקומען נענטער צו די קלעצער אויף וועלכע די יאָטן פלעגן זיצן אין די זומער פאַרנאַכטן און זיך דערציילן מעשׂיות.

יאָסל פון „פאַראַפּקע״ איז אַרונטער פון קלאָץ, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, און גענומען טרייבן.

— „גיי אַוועק פון דאַנען, דו!״

— „לאָזט צאָך מיר שפּילן מיט אייך!״ — האָט ער וויינענדיק געבעטן.

— „גיי אַוועק, פאַרוואָס זאָלן מיר דיך לאָזן זיך שפּילן? ביסט אַ גאָר־נישט!״

— „איך בין שוין גאָרנישט קיין גאָרנישט, האָט ער אויסגעפּלאַצט, איך האָב נישט קיין שמעקעלע!״

— טאַקע? האָט זיך יאָסל געוואונדערט. לאָז זען! חברה קומט אַהער, זונדל האָט ניט קיין שמעקל! נו, לאָמיר זען!

די אינגלעך האָבן דעם בחור׳ל אַרומגערינגלט, ער האָט אַראָפּגעלאָזן די הייזקעס און באַוויזן — אַז ער האָט אַ גאָלדן רערל.

גוי׳אישע לוויות פלעגן אויף אונז מאַכן אַ גאָר גוואַלטיקן רושם.

אונז איז געווען געפעלן דער קאַלירפולער פּאַראַד פון די אינגלעך מיט די ווייסע שירצן; די פאָנען (שמאַטעס ווי אידן האָבן עס גערופן) וואָס מען האָט געטראָגן און דאָס געזאַנג פון גלח.

איינמאָל זאָגט צו מיר יאָסל — לאָמיר אויך מאַכן אַ גוי׳אישע לוויה!

מיר׳ן געכאַפּט אַ קאַץ, איר איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף, איך האָב איר צוגעהאַלטן און יאָסל האָט איר געשטיקט ביים האַלדז. זי האָט אַ ווילדע געקרעכצט, זיך געוואָרפן, האָט געוואָלט מיט די ציין זיך איינבייסן אין יאָסל׳ס האַנט, און מיט אַן אָפן מויל איז זי אויסגעגאַנגען.

די טויטע קאַץ האָבן מיר אין אַ הויף אַוועקגעלייגט לעם אַ שטאַל און פאַרדעקט מיט אַ שמאַטע.

אויף מאָרגן האָט די גאַנצע „קאָמאַנדע״, איך און יאָסל אין פאַראויס, נאָכמאַכנדיק ווי דער גלח „בעטשעט״, באַגראָבן די קאַץ ביים שטאַל.

צווישן די קאַווקאַזער יאַטן און די אינגלעך פון מיל גאַס, איז אָנגעגאַנגען אַ ברוגז. יאַנקע קאַטיוט, „קאָמאַנדיר״ פון די „קאַווקאַזער״ יאַטן, האָט ניט געקענט פאַרליידן וואָס מיל גאַס אינגלעך מאַכן נאָך די קאַווקאַזער. אויף מיר באַזונדערס האָט ער געהאַט אַ האַרץ דערפאַר וואָס איך בין אַוועק פון די קאַווקאַזער, און עסק זיך מיט די מיל גאַס יאַטן.

יאָסל פון „פּאַראָפּקע״ און יאַנקע קאַטיוט האָבן זיך שטאַרק פיינט געהאַט. אַז אַ קאַווקאַזער אינגל פלעגט קומען אויף מיל גאַס, האָט מען אים ניט דורכגעלאָזן מען האָט אים געיאָגט. פאַרקערט האָבן מיל גאַס אינגלעך גע־ציטערט צו דורכגיין קאַווקאַז. דער פּרייז דורכגעלאָזן ווערן דורך איינער פון די גאַסן, איז געווען אַ „צאַצקע״.

איינמאָל איז אונזערס אַ אינגל געקומען אַ וויינענדיקער און דערציילט אַז די קאַווקאַזער חברה האָבן אים אָנגעבראָכן דיביינער.

— מיר׳ן האַלטן מלחמה מיט זיי! האָט יאָסל צו־וויסן געטאָן די מיל גאַס אינגלעך.

— נאָך איינמאָל אַז אַ קאַווקאַזער אינגל וועט שלאָגן אַן אונזערן, האָט יאָסל מעשה קאָמאַנדיר פאַרזיכערט די יאַטן, שלאָגן מיר זיך!

דורך אַ אינגל פון אַן אַנדער גאַס האָבן מיר געלאָזן וויסן יאַנקע׳ן אַז אויב ער וועט טשעפּען אַ מיל גאַס אינגל — איז מלחמה.

יאַנקע האָט געענטפערט אַז ער האָט פאַר די מיל גאַס יאַטן ניט קיין מורא, אויב שלאָגן, זאָל זיין געשלאָגן.

פון וואַנען האָבן עס די קליין שטעטלדיקע אינגלעך געוואוסט אָט די אַלע פירונגען פון מלוכות?

די שטאָבן פון ביידע גאַסן האָבן זיך געטראָפן אויפן וויגאָן.

די הויפּט־פירער מיט זייערע „סוויטעס" זיינען געשטאַנען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן.

— מיר'ן אייך צעברעכן די ביינער, אויב איר וועט טשעפּען אַ קאַווקאַזער יאַט, האָט יאַנקע געוואָרנט.

— אַ קאַווקאַזער וועט מיל גאַס קיינמאָל ניט קענען דורכגיין, האָבן מיר יאַנקע'ן פאַרזיכערט.

— מיין פאָלק איז שטאַרק! האָט יאַנקע געזאָגט.

— אונזער פאָלק איז נאָך שטאַרקער! האָב איך און יאָסל געענטפערט.

— וועלן מיר זען! וועלן מיר זען!

— איבערמאָרגן קומען מיר צו אייך. האָט יאַנקע מודיע געווען.

די מיל גאַס אינגלעך האָבן געזען אַז די מעשה איז טאַקע אַן ערנסטע, האָבן זיי זיך דערשראָקן.

— וואָס עלן מיר טאָן? האָבן מיר איינער צום צווייטן געזאָגט. שלעכט, אויף די מיל גאַס אינגלעך קען מען זיך ניט פאַרלאָזן.

איך און יאָסל זיינען אַוועק צו די שקצים וועמענס טאַטעס ס'האָבן געאַרבעט אין „פּאַראָפּקע", און האָבן זיי איינגערעדט זיי זאָלן אונז העלפן מלחמה האַלטן קעגן די „קאַווקאַזער".

אויף מיל גאַס האָבן מיר זיך מורא געהאַט צו שלאָגן, האָבן מיר יאַנקע'ן געלאָזן וויסן אַז ער קען אונז קריגן ניט ווייט פון „פּאַראָפּקע".

מיר'ן זיך אויפגעזאַמלט אויפן וועג וואָס האָט געפירט צו ווירניענס וואַלד, און האָבן זיך געהאַלטן נאָענט פון „פּאַראָפּקע". ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָלן מיר קענען לויפן פאַר שוץ.

די שקאָצים און די עטלעכע בראַווע מיל גאַס אינגלעך האָבן זיך באַוואָפנט מיט שטיינער און לעדערנע וואַרפער; שטעקנס; מעסערס און „באַגייקעס". און מיר'ן זיך צעשטעלט ביי אַ בערגל וואַרטן פאַר די „קאַווקאַזער".

יאַנקע האָט באמת געקענט אַלע קונצן פון הלכות־מלחמה. זיין אַרמיי האָט ער צעטיילט אויף צוויי מחנות. איינע האָט ער געשיקט דורך קאַווקאַז צום וויגאָן. ער אַליין מיט דער „הויפּט־אַרמיי", איז מיט פּאַראַד און טומל דורכגעגאַנגען מיל גאַס.

.פון ווייטן האָבן מיר געזען יאַנקע'ן מיט זיין מחנה מאַרשירן ווי אמת'ע זעלנער. זיי זיינען געגאַנגען, גלייך, פעסט און זיכער.

ווען די „קאַווקאַזער" זיינען שוין געווען נאָענט פון אונז, איז יאַנקע

פון זיין מחנה אָפּגעטראָטן אַ שטיקל שטח, און האָט גענומען קלאַפּן מיט צוויי העלצלעך אין אַ בלעך.

דאָס איז געווען דער סיגנאַל: די קאַווקאַזער יאַטן האָבן זיך צעשאָטן פון די רייען און מיט געשרייען: „הוראַ! הוראַ!" האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונז. און באַלד איז אויך אָנגעקומען די מחנה פון קאַווקאַזער זייט און אונז אַרומגערינגלט.

די שקצים האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן. געבליבן זיינען איך און יאָסל און נאָך עטלעכע געוואַגטע מיל גאַס אינגלעך, וועלכע זיינען פשוט פון מורא פאַר מיר און יאָסלען, געבליבן מיט אונז.

מיל גאַס מאַמעס וואָס האָבן געזען דעם פּאַראַד פון די קאַווקאַזער יאַטן, האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז ניט גלאַט.

מיט טומל זיינען די מאַמעס געקומען צעפליען אויפן וויגאָן און האָבן די קאַווקאַזער יאַטן פאַרטריבן.

די צרות וואָס איך האָב מיין מאַמען פאַרשאַפט זיינען פשוט געווען נשתומם צו ווערן.

ניט נאָר האָב איך זיך אויפגעפאָרט מיט ווילדע אינגלעך, שלעגער, און שויבן־ברעכער, נאָר אויך מיט אַזעלכע וואָס האָבן מיך צוגערעדט גנב'ענען געלט פון דער מאַמען.

גאָר נאָענט בין איך געוואָרן מיט שלום, שמחה דעם פעלדשערס. ער האָט מיך צוגערעדט ניט נאָר גנב'ענען געלט און קויפן מיט דעם נאַשערייען, נאָר האָט אויך מיך אָפּגערעדט פון גיין אין חדר.

שלום איז געווען אַ טשיקאַווער אינגל. זיין טאַטע שמחה דער פעלדשער, איז שוין אויסנגעווען אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך; שערעשאָוו, סקידל, לונע, באַדקע. אינערגעץ האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און פלעגט קומען צוריק אין קריניק.

צוליב דעם וואָס שלום איז געווען אין אַזויפיל שטעטלעך, האָט ער זיך געהאַלטן קליגער און פאַרשטענדיקער פון די אַנדערע אינגלעך.

שלום'ען האָב איך שטאַרק מקנא געווען. פון רעכטן פוס איז אים געווען אויסגעשניטן אַ שטיקל ביין. ער פלעגט אויפהויבן די הויזן, ווייזן די וואונד און זיך אויסבאַרימען מיטן מום.

איך האָב אויך געוואָלט ליידן פון עפּעס אַ ווייטיק. פלעג איך פאַרבינדן אַ באַק און זיך באַקלאָגן אויף „צאָן־ווייטיק".

די מאַמע פלעגט איר „קניפּל־געלט" האַלטן אין „פּאַטשערקענעם" טייס־טער וואָס דער משומד — סאָלדאַט האָט איר געגעבן. איך בין דערגאַנגען אַז דאָס געלט האַלט זי פאַרשטעקט אין שעניק, און יעדן טאָג פלעג איך אַרויס'גנב'ענען אַ מטבע.

שלום האָט שוין געוואָרט אויף מיר. פאַרן געלט האָבן מיר געקויפט קוואַס און „טשאַסטעס״ (פּעיסטרי) מיר פלעגן אַרונטערגיין מיט סאַקאַלקער גאַס אויפן פעלד, און דאָרטן מאַכן אַ סעודה. אויפדערנאַכט — די צייט ווען קינדער גייען פון חדר זיינען מיר געקומען אַ היים.

דער רבי האָט געזען אַז איך פעל אויס פון חדר האָט ער געשיקט אַ אינגל זיך דערקונדיקן וואָס איז מיט מיר.

אין דערזעלבער צייט איז די מאַמע דערגאַנגען אַז עס פעלט איר געלט. צוליב אַ חוב וואָס זי האָט געדאַרפט צאָלן איז די גנבה אויפגעדעקט געוואָרן.

פאַרנאַכט ווען איך בין געקומען אַ היים, איז מיר געוואָרן זייער קשה דער מאַמעס וואָרעמקייט און ליבשאַפט. רואיק האָט זי זיך געוואָלט דערקונדיקן וואָס איך האָב געלערנט דעם טאָג. עסן האָט זי מיר געגעבן לאָקשן מיט מילך. אַ מאכל וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט.

— האָסט היינט יאָסעלע מסתמא שווער געלערנט, גיי אַרויס אין הויף זיך שפּילן אַביסל.

עפּעס איז מיר ניט געפעלן געווען איר צו גרויסע גוטסקייט.

איך בין אַרויס אין דרויסן. שפּילן האָב איך אָבער זיך ניט געקענט. איר רואיקייט און צו שטאַרקע זאָרגפעלטיקייט האָט מיך אַרומגענומען מיט זאָרג.

צום שלאָפן גיין האָט די מאַמע אויסגעבעט מיין שלאָף־באַנק. זינט איך האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר האָט זי עס ניט געטאָן.

דער ערשטער געדאַנק איז געווען אַנטלויפן. איך האָב אַ ווייל זיך גע־שלאָגן מיט דער דעה: לויפן, צי בלייבן?

ווי נאָר איך בין אַריין אין שלאָף־באַנק, האָט די מאַמע פון צופוסנס אַ ריס געטאָן דעם צודעק און מיט ריטער גענומען מיך קאַטעווען.

מיטן גאַנצן כוח האָט זי געשלאָגן, און דערביי געשריען און געוויינט.

— וועסט נאָך אַמאָל גנב׳ענען געלט, האַ? וועסט אין חדר ניט גיין, האַ? זאָג גזלן, רוצח, וועסט עס ווייטער טאָן? זאָג!

איר גאַנצן צאָרן און ביטער האַרץ האָט זי דעמאָלט אויסגעלאָזן צו מיר.

פון אָנהויב האָב איך אַ געשריי געטאָן. מיין שוויגן האָט איר נאָך מערער דערצאָרנט. אָן אויסגעשעפּטע האָט זי זיך מיד אַוועקגעזעצט און אויסגעבראָכן אין אַ גרויס יאָמער.

אַ גאַנצן חודש בין איך אין חדר ניט געגאַנגען. מיין לייב איז געווען אַזוי צעפּאַסעוועט, אַז איך האָב ניט געקענט זיצן.

די צייט וואָס איך בין געווען אין שטוב, בין איך זעלטן אַרויס אין דרויסן. איך בין געוואָרן ערנסטער, פאַרטראַכטער און שווייגנדיקער.

# אָנהויב פון דערוואַקסנקייט

קרינקער קינדער האָבן געוואָלט נאָכטאָן די דערוואַקסענע בחורים וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט נייע שפּילן.

יעדער אינגל האָט געוואָלט ווי די דערוואַקסענע יאָטן זיך רייצן מיט קאָזאַקן, לויפן איבערן מאַרק און שרייען: „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַווע!".

אינגלעך זיינען מקנא געווען די בחורים׳לעך וואָס מען האָט מיט פאַר־בונדענע הענט אויף הינטן, געפירט דורכן מאַרק, אַרומגערינגלט פון קאָזאַקן אָדער „סטראַזשניקעס".

אין שטעטל האָט געהערשט קריגס־צושטאַנד. מערער ווי צוויי מענטשן האָבן זיך ניט געטאָרט באַגעגענען און רעדן צווישן זיך. בחורים און מיידלעך פלעגן איינציקוויז אַוועק צום וואַלד אָפּהאַלטן „אַ סכאָדקע".

ווייבער האָבן געזונגען אַ שלאָף־ליד וואָס די קייסערינע זינגט כלומרשט ביים פאַרוויגן דעם צאַרעוויטש: „שלאָף אַלעקסעיקי יורש מיינער, שלאָף מיין ליכטיקער פאַרשוין, שלאָף בן־יחיד׳ל איינציק מיינער, שלאָף און ניט וויין. זועסט עלטער ווערן, וועסט זיין אַ גרויסער, סומעס געלט וועסטו האָבן, איבער שטעט און דערפער וועסטו זיין אַ קייסער, איינער אין דער גאַנצער וועלט!

— „עס וועלן פלאַצן די סאָציאַליסטן, זיי מיינען עס וועט עפּעס זיין. מען וועט צעשיסן די אַנאַרכיסטן אַז קיין איינער וועט פון זיי ניט זיין. איז שלאָף אַלעקסעיקי יורש מיינער, שלאָף און ניט וויין!"

אין שטילקייט און אויף געהיימע „סכאָדקעס" האָבן די בחורים און מיידלעך געזונגען: „ברידער מיר האָבן געשלאָסן אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד, מיר שטייען אין שלאַכט ווי געניאָסן, די פאָנען די רויטע אין האַנט! טרעפט דיך אַ קויל מיין געטרייער, אַ קויל פון דעם שונא דעם הונט. איך נעם דיך אַרויס פון פייער און הייל מיט קושן דיין וואונד! געטראָגן האָט מען דיך איבער אַלע גאַסן, זיי זיינען פאַרגאָסן מיט דיין בלוט. מען האָט דיך אין שפּיטאָל אַריינגעטראָגן, האָסט געלעבט נאָר עטלעכע מינוט!"

דערפאַר וואָס מיינע פעטערס מיישקע און מאיר זיינען געווען אַנאַרכיסטן, פלעג איך זיך פאַר׳גנב׳ענען צו אַנאַרכיסטישע „סכאָדקעס".

ביי די גרויסע בין איך געוואָרן אַ ניצלעך אינגל. איך האָב געהאָלפן טראָגן פּראָקלאַמאַציעס און זיי אויך פאַרשטעקן ביי אונז אין „קאָטאָך". אַ סך מאָל האָבן זיי מיר געהייסן שטיין אין דרויסן און אָנזאָגן צי עס קומט פּאָליציי.

פון די רייד וואָס איך האָב געהערט וועגן דער בורזשואַזיע האָב איך אָנגעהויבן טראָגן אַ שנאה אויף יעדן פאַבריקאַנט. איך בין מקנא געווען מיינע פעטערס, און האָב ווי זיי אויך געוואָלט עפּעס טאָן אַזוינס וואָס זאָל ברענגען שאָדן די גבירים.

אַ גרויסן אומ׳חן האָב איך געוואָרפן אויפן פאַבריקאַנט פלטיאל. זיין אויסזען אַליין איז געווען גענוג אַז איך זאָל אין אים זען דעם אמת׳ן בורזשוי. — אַ נידעריקער; אַ גרויסן בויך; אַ לאַנגע שוואַרצע זויבערע באָרד; געפּוצטע שטיוול און שיינע מלבושים. פלטיאל׳ס יעדער ריר האָט גערעדט מיט זאַטקייט און געגאַנגען און באַוועגט האָט ער זיך מיט באַזאַכטקייט און תקיפות.

ווען איך פלעג אים דערזען האָב איך געקראָגן אַ חשק אים וואַרפן אַ שטיין אין קאָפּ. פאַרוואָס איך האָב דאָס ניט געטאָן, קען איך ביז איצט ניט דערקלערן.

פלטיאל׳ס לעדער פאַבריק איז געווען אויפן צווייטן זייט מיל גאַס. אַ טייל פון פאַבריק איז אַרויס אין אַ שמאָל געסל בשכנות מיטן סלאָנימער שטיבל, וואָס איז פון פאַבריק געווען אָפּגעצאַמט מיט אַן הויכן פּאַרקאַן.

געלערנט האָב איך ביים „טשעכאַנאָוועצער". ווינטער ביינאַכט זיינען די קינדער פון חדר אַהיימגעגאַנגען מיט לאַמטערנעס. דער נאָענטסטער וועג אַהיים איז געווען דורכן מאַרק, דאָרטן איז שטענדיק געווען רעש׳איק און באַלויכטן. איך פלעג זיך אָבער פאַרנעמען צום שמאָל-זייטיק געסל וואו עס איז געווען די פאַבריק.

דער וועג איז געווען אַ פינצטערער און איך האָב געדאַרפט דורכגיין עטלעכע איבעריקע גאַסן. דורכשניידן „באָד" גאַס און אַ זייטיק שטעגל וואָס האָט געפירט צו „יענטעס" בית מדרש.

פאַרן אַריינגיין אין געסל, האָב איך אָנגעלייגט שטיינער אין די קעשענעס. ווי איך בין אַריין אין געסל האָב איך אָנגעהויבן לויפן און וואַרפן די שטיינער אין די שויבן פון פאַבריק. איך האָב עס איבערגע׳חזר׳ט איין מאָל אַ וואָך.

איינמאָל לויפנדיק אַזוי דורכן געסל, איז פון אַ באַהעלטעניש אַרויס אַ ריזיק געשטאַלט וואָס האָט זיך געלאָזן גלייך אויף מיר. איך האָב גענומען לויפן צוריק. האָט מען מיך פון דער צווייטער זייט גענומען יאָגן. איך האָב אויף דעם מענטשן אַ וואַרף געטאָן די לאַמטערן און מיט איין שפּרונג בין איך אַרויף אויפן פּאַרקאַן און אַראָפּגעשפּרונגען אין הויף פון סלאָנימער שטיבל. פון דער צווייטער זייט האָב איך נאָר געהערט אַ געשריי: „סטאַי! סטאַי! קאַראַאול, קאַראַאול, ראַזבאָיניק!".

פאַרן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע האָב איך גענומען אַריינציען נאָך אינגלעך. אַ פּאָר צענדליק פלעג איך אויפזאַמלען שבת נאָכן דאַווענען אין קאָווקאָזער בית מדרש. און פון דער בימה האָב איך פאַר זיי געהאַלטן רעדעס. די ווערטער זיינען געווען אמת׳ע קאָפּיעס פון רייד וואָס איך האָב געהערט

פון די גרויסע. אַ סך מאָל האָב איך פאַר די אינגלעך געמאַכט „סכאָדקעס" אין וואַלד.

אין אַלע שטעטלשע קאָכערייען האָב איך זיך געוואָלט מישן. אַז גויים האָבן געשלאָגן „פאַליעס" פלעג איך שטיין דערנעבן און מיטזינגען „דובי־נושקאָ".

אַ שרפה בין איך געלאָפן לעשן. איך פלעג פון „סארייִ" שלעפן די „באַטשקעס" וואַסער און עס איבערגיסן אין עמערס.

ווען מען האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצולעבן די „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע". האָב איך אין אַ בריוו אויפגעקלערט זיידקע דעם שלאָסער, ווי ניצלעך עס קענען זיין אינגלעך אין אַ שרפה. זיידקע האָט דערציילט פון מיין בריוו און אַ לאַנגע צייט האָבן יאַטן פון מיר חוזק געמאַכט.

זיידקע דער שלאָסער, איז געווען פון די שטאַרקע אין שטעטל. אַ איד אַ רשע, האָט מען פאַר אים מורא געהאַט. ער פלעגט פאַרריכטן און אויך צושטעלן געווער פאַר דער רעוואָלוציאָנערער חברה. ביי די יאַטן האָט ער צוליב דעם געהאַט אַ גרויסן אָנזען.

אויגן האָט זיידקע געהאַט קאַלטע. זיין קוק אַליין האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא.

געהאַט האָט ער עטלעכע טעכטער און איין אינגל. דאָס ווייב און די טעכטער האָט ער ניט ליב געהאַט. זיין גאַנצע ליבשאַפט האָט ער אָפּגעגעבן דעם בן יחיד.

מיר האָבן געוואוינט מיט אים אין שכנות. און איך פלעג זיך שפּילן מיט זיין אינגל. איך האָב אים אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן. איך האָב ניט געקענט ליידן וואָס ער איז פאַרצערטלט און וואָס זיין טאַטע היט אים אָפּ מיט גרויס זאָרג.

ווען מיין טאַטע איז געקומען פון אַמעריקע, האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער דירה. דער אינגל פלעגט אָבער קומען אויך דאָרטן זיך מיט מיר שפּילן. אַזוי ווי איך האָב אים ניט געקענט פאַרליידן האָב איך אים אַוועקגעטריבן, און ער האָט זיך באַקלאָגט אויף מיר פאַר זיין פאָטער.

איינמאָל האָט מיר אַ באַקאַנטער גוי, וואָס פלעגט ברענגען מעל צום פעטער דאָדיע דעם בעקער, גענומען אונטערפאָרן. גראַדע האָט ער געדאַרפט פאַרביי פאָרן דעם שלאָסערס הויז.

פון מייסטערסקיי פענצטער האָט מיך זיידקע דערזען. ער איז אַרויס האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פערד ביים צוים, מיך האָט ער פון וואָגן אַראָפּגע־שלעפּט און דערלאַנגט אַ פּראַסק אַז איך האָב זיך באַגאָסן מיט בלוט. דער גוי אַ דערשראָקענער איז אַנטלאָפן.

פאַרגאָסן מיט בלוט בין איך אַוועקגעלאָפן אַ היים. דער טאַטע האָט מיך גענומען ביים האַנט און מיר האָבן זיך געלאָזן צו זיידקען. ווי ער האָט

אונז דערזען איז ער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט אַרויס אונז באַגעגענען און ער האָט דעם טאַטן אָנגעזאָגט אַז ער וועט שיסן אויב מיר׳ן ניט אָוועקגיין.

ווען דער טאַטע איז צום צווייטן מאָל אָוועק קיין אַמעריקע, האָב איך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אינגאַנצן וועלכן עס איז רשות.

איך האָב זיך אָנגעהויבן חבר׳ן מיט עלטערע בחורים, און פלעג אָפט מיט זיי פאָרן קיין סאָקאָלקע און ביאַליסטאָק. אַ סך מאָל זיינען אָוועק טעג און די מאַמע האָט ניט געוואוסט וואו איך בין פאַרפאַלן געוואָרן.

אין שטוב בין איך געוואָרן רויִקער. אַ סענסיטיווער און ראָמאַנטישער אינגל בין איך געווען. האָב איך אַלץ גענומען אויפנעמען מיט ערנסטקייט און באַזאָכטקייט. איך האָב אָנגעהויבן זיך פאַרטראַכטן, און אַ סך זאַכן וואָס זיינען מיר ניט קלאָר געווען האָט מיך באַאומרויִקט.

מיר האָבן געוואוינט ניט ווייט פון „באָינע" (שעכט־הויז), און עטלעכע מאָל האָב איך געזען ווי מען בינדט די בהמות: מען וואַרפט זיי אַנידער, און ווי באַלד נאָכן שעכטן שינדט מען אָפּ דאָס פעל און דאָס וואַרעם פלייש צעשניידט מען גלייך אין חלקים. נאָך דעם האָב איך פשוט ניט געקענט עסן קיין פלייש.

איינמאָל האָט מען ניט ווייט פון שטעטל געפונען אַ דערמאָרדעטן גוי. עס איז דעמאָלט געווען אַ יום טוב, און דאָס גאַנצע שטעטל כמעט, איז געגאַנגען אָנקוקן דעם הרוג.

דער טויטער איז געלעגן אין אַ גראָבן ניט ווייט פון די בערג וואו מען פלעגט גראָבן ליים און זאַמד. ער איז געלעגן מיט אויסגעשפּרייטע הענט דעם צעשמעטערטן קאָפּ אָן אַ זייט, און פון אַ לאָך אין שטערן האָט זיך אַרויסגעזען פאַרגליווערט בלוט.

איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן זיינען אָנגעקומען דער „סלעדאָוואַטל" (אויספאָרשער) און אַ דאָקטאָר. דעם הרוג האָט מען מיט שטריק אַרויפגעבראַכט. פויערים האָבן אַרויסגעבראַכט טישן און עטלעכע „באַלעיעס" (ברייטע עמערס וואו מען וואַשט גרעט) מיט קאָכיק וואַסער. עטלעכע פויערים האָבן צוגעלויכטן מיט אַ לאַמטערן און אויפן פעלד פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט מען דעם טויטן געפּאַלמעסט.

פאַר גאָר אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך צו פלייש ניט געקענט צורירן. נאָר פון זען פלעגט מיך אָנהויבן איבלען און ווערן נישט גוט. מיר פלעגט זיך נאָר אויסדאַכטן אַז דאָס פלייש איז פון מענטשן.

גאָר פרי האָב איך אָנגעהויבן וויסן דעם זין פון ראָמאַנטישקייט. קיין פיזישע באַדייטונג האָט עס פאַר מיר ניט געהאַט, איך האָב אָבער סיי פון די ביכלעך און סיי פון די שמועסן וואָס איך האָב געהערט פון די עלטערע

בחורים, געוואוסט אַז ראָמאַנטישקייט איז פֿאַרבונדן מיט חלום׳ען און טראַכטן פֿון מיידלעך און זיין צו זיי נאָענט. וואָס די נאָענטקייט מיינט האָב איך ניט געהאַט קיין באַגריף.

פֿון די ראָמאַנען האָב איך נאָר זיך דערקונדיקט אַז ראָמאַנטישקייט — מיינט בענקעניש און זיין „צאַרט“. די באַדייטונג פֿון ביידע אויסדרוקן האָב איך ניט געוואוסט. פֿון דעם וואָס די גרויסע טוען האָב איך זיך משער געווען.

נעבן אונז האָט געוואוינט אַ משפּחה מיט אַ סך קינדער. איינע פֿון די מיידלעך פֿלעגט כּסדר זינגען ראָמאַנסען.

דאָס געזאַנג איז געווען שטיל — דאָס האָט זי געטאָן כּדי צו געבן „דער בענקעניש“ מערער באַדייטונג.

שעה׳ן בין איך געזעסן ביים פֿענסטער און געהערט איר זינגען.

געזונגען האָט זי נאָר ווען זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַן אַרבעט; צירעווען, אָדער נייען האָט זי באַגלייט מיט געזאַנג.

די הענט האָבן געטאָן די אַרבעט, אָבער דעם קאָפּ פֿלעגט זי אויפֿהויבן, און מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן פֿלעגט זי מיט אַ קרעכץ אויסזינגען:

„אוי, ווי, מאַמע, דער קאָפּ טוט מיר וויי,
שיק נאָך אַ דאָקטאָר, אָדער נאָך צוויי;
אַ דאָקטאָר קען היילן דעם קראַנקן זיין קרענק,
נאָר ניט מיר, מאַמע, און ניט נאָך וועמען איך בענק“.

„שטיי שוין אויף טאָכטער. די זון גייט שוין אויף,
די זון גייט שוין אויף:
אַז מען פֿאַלגט נישט קיין מאַמע גייט אויס אַזאַ סוף;
אוי, ווי, מאַמע, ביסט אַוודאי גערעכט.
דו ביסט אַזאַ מוטער וואָס וויל ניט זען אין מיר קיין שלעכטס.

„עס גייט אַרום אַ ווינט אויפֿן פֿרייען פֿעלד;
אויפֿן פֿרייען פֿעלד.
אוי, ווי, מאַמע, איך האָב פֿאַרשפּילט מיין וועלט;
מיין וועלט האָב איך פֿאַרשפּילט:
איך האָב גאָר ניט געטראַכט,

איך האָב געמיינט ס׳איז טאָג, צום סוף איז גאָר נאַכט“.

אַ מין קינדערשן ראָמאַנס, האָב איך דעמאָלט געפֿירט מיט אַ מיידעלע אין מיינע יאָרן. פּערל, אַלטער מוכאַלאָפֿ׳ס.

די ליבע איז באַשטאַנען אין זיצן אויף קלעצער און זינגען לידער.

שפּעטער האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט טאַניע, ראַשקע נחום אַנשל׳ס אינגערע טאָכטער. זי איז געגאַנגען אין גראָדנער גימנאַזיע. אויף „קאַניקל״ איז זי געקומען אַ היים. מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט אין שכנות מיט איר פֿאָטער שאַמשאָנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע לעדער פֿאַבריק.

שאַמשאָנאָוויטש איז קיין גרויסער לייט ניט געווען. זיין שווער נחום אַנשל, האָט פֿון אים קיין סך נחת ניט געהאַט. איינמאָל האָט שאַמשאָנאָוויטש זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פֿון קרינִיק; ער האָט געמאַכט פֿאַלשע וועקסלען אויפֿן נאָמען פֿון זיידן חיים אשר׳ס ברודער ישראל טוביה.

ישראל טוביה האָט אים געוואָלט איינזעצן. ער איז ערשט אָנטלאָפֿן ווען נחום אַנשל האָט געזאָגט מיט זיין שאַרפֿן „רייש״; „איך האָב אים אין דער ערד, זאָל ער זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט. מיט אַ גראָשן וויל איך דעם ליידאַק ניט אַרויסהעלפֿן״. שאַמשאָנאָוויטש׳ס ווייב ראָכקע, איז מיט געוויין צוגעשטאַנען צו ישראל טוביה׳ן און ער האָט גוט געמאַכט די וועקסלען.

טאַניע איז געווען אַ סך עלטער פֿון מיר. זי האָט שוין געוואוסט ווי זיך צו קושן און האַלזן. פֿון די רוסישע לידער פֿלעגט זי נאָר אָן אויפֿהער זינגען — „אַך זאַטשעם עטאַ נאָטש״. זי פֿלעגט זיך טוליען און גלעטן מיין קאָפּ.

ווען זי איז אַוועקגעפֿאָרן האָב איך נאָך איר געבענקט. אָבער מערער האָב איך איר שוין ניט געזען.

# דער טאַטע קומט און פאָרט צוריק

צוויי יאָר זיינען אַפּגעגאַנגען זינט דער טאַטע איז אַוועק אויפצולעבן אין אַ לאַנד טויזנטער מיילן פון אונז. דער ים האָט נאָר אַפּגעצאַמט די פיזישע זעאונגען, דורך אים האָבן זיך אָבער געשיפט הייסע און בענקענדיקע בריוו.

יעדן טאָג בין איך געלאָפן צו איטקע בערטשאַקאָוויטש, וואַרטן ביז זי וועט ברענגען די בריוו פון פּאָטשט.

דער פּאָטשטאַליאָן פלעגט אַריינפאָרן מיט אַ „בריטשקע" דורך סאָקאָלקער גאַס פונקט פאַרביי אונזער וואוינונג.

מיר האָבן שוין געוואוסט די גענויע שעה ווען די „דראָשקע" דאַרף זיך באַווייזן אויפן וועג צום פּאָטשט. די מאַמע פלעגט זיך שטעלן אויפן גאַניק נאָכקוקן ווי דער פּאָטשטאַליאָן זיצט איינגעפּעסטיקט מיט זיין שווערד ביים זייט, און היט דעם בריוו וואָס איר מאַן האָט איר געשיקט פון עבר הים.

דער טאַטע פלעגט שטילן אונזערע בענקענישן דורך די פּאָרטרעטלעך וואָס ער האָט כמעט אין יעדן בריוו אַריינגעלייגט; פּאָרטרעטלעך אין פאַר־שיידענע פּאָזעס; שטייענדיקע, זיצנדיקע, די הענט אין די הויזן־קעשענעס — די פּאָלעס פון רעקל פאַרשאַרט און פון וועסט־קעשענע האָט געגלאַנצט אַ גאָלדענע זייגער־קייט.

דאָס געלט וואָס איז פון טאַטן אָנגעקומען כמעט יעדע וואָך איז געווען באַגלייט מיט אַ געבעט — די מאַמע זאָל זיך איינפּאַקן און אַריבערקומען צו אים אין ווייטן און פרעמדן לאַנד.

די באָבע ריווע מיט וועמען מיר האָבן געוואוינט, האָט געלייענט יעדן בריוו פון טאַטן און האָט דיקטירט די ענטפערס. זי איז באַשטאַנען ניט אָפּלאָזן מיין מאַמען פון זיך.

אין די בריוו צום טאַטן וואָס זי האָט דיקטירט, האָט די באָבע ריווע דער מאַמען געהייסן קלאָר מאַכן אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט אַוועקלאָזן צום ווייטן לאַנד וואָס ליגט פון אונז אָפּגעטיילט מיט אַזאַ געהיימניספולן און בייזן ים.

ריווע פלעגט טענה'ן צו דער מאַמען — „צו וועמען וועסטו פאָרן? האָסט דאָרטן קיינעם ניט — ניט קיין ברודער, ניט קיין שוועסטער, ניט קיין קרוב. וועסט זיין אַזוי עלנד און פאַרטריבן ווי איך. אויב לייזער הערש וויל דאָס ווייב און קינדער זאָל ער קומען צו זיי!".

אַ נאָכמיטאָג האָבן מיר — די באָבע, די מאַמע, איך און דער מאַמעס שוועסטער יענטע, דער זיידע יאַנקל בונים און מיין מומע שרה זיך געשטעלט אויף סאָקאָלקער גאַס, וואַרטן אויף די בעלי עגלות.

אַ וויאָרסט פון שטעטל איז דער טאַטע אַרונטער פון פור. דער בעל עגלה איז געזעסן אויפן קעלניע אַנגעלענט אויפן בייטש, די קאָפּ אָן אַ זייט, און האָט זיך צוגעקוקט ווי די ווייבער שטויסן זיך וואָס גיכער דערגרייכן לייזער הערשן — זיך אַרומכאַפּן מיט אים, קושן און וויינען.

ביים שטוב זיינען שוין געשטאַנען צענדליקער מענטשן און געוואַרט אָפּצונעמען גרוסן פון זייערע נאָענטע וועלכע זיינען אין וייטן לאַנד.

אַן אַלטיטשקע ביי וועמען דער קאָפּ האָט פון עלטער־מידקייט שוין ניט געקענט זיך האַלטן רואיק, האָט נאָר געוואָלט וויסן צי דער טאַטע האָט געבראַכט אַ גרוס פון איר זון. וואָס הייסט ער האָט אים ניט געזען? עס קען ניט זיין! איר זון האָט געשריבן אַז ער וואוינט נעבן בית מדרש.

דער טאַטע איז לאַנג ניט אַרומגעגאַנגען אַן אויסגעפּוצטער מיט זיין גאָלדענעם זייגער און קייט, זיינע אויסלענדישע מלבושים, און מיט די מאָדנע שיך וואָס האָבן אויסגעזען ווי די שנוקעס פון חזרים.

אַוועק איז שוין אויך דער וואונדערן זיך איבער די מאָדנע ווערטער וואָס ער האָט גענוצט אין זיין שפּראַך. אַלע האָבן שוין געוואוסט אַז „נאָ" מיינט „ניין" און ניט אַ באַפעל צו אַ פערד אַז ער זאָל גיין.

אַחוץ גלעזלעך, בלעכלעך, און מאָדנע פושקעלעך, האָט דער טאַטע אויך געבראַכט מיט זיך עטלעכע הונדערט רובל וואָס ער האָט פון די אַמעריקאַנער געלטער אויסגעביטן אין ביאַליסטאָק.

מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער באָבן און זיך אַריבערגעצויגן אויף קאַווקאַז צו מאָטל ספּאַדווילער. אין אַ דערבייאיק הויז, ביי מאָטל טשאָלנעס, האָט דער טאַטע געדונגען אַ קעלער צו מאַכן אַ פאַבריקל אויף גאַרבן „שיל־דער" פעל פון וועלכע מען האָט געשניטן לעדער פאַר קאַמאַשן און שטיוול.

אַ פאַבריקל איז דאָס געווען אַן אַנטיק! — אָן פענצטער און אָן לופט; באַלויכטן פון גאַז־לאָמפּן; שטענדיק האָט געשטונקען מיט נעץ, און פון די ווענט האָט זיך געגאָסן אַ ווילגאָטש וואָס איז געקראָכן אין די ביינער און זיך געלייגט אויף די לונגען.

קיין אַרבעטער האָט ניט געוואָלט אַריינשמעקן אין דעם „קבר". מיט רחמים פלעגט דער טאַטע זיך איינבעטן אימעץ זאָל קומען אַרבעטן. נאָר אין לעצט ברירה האָט אַ באַלמעלאָכע איינגעוויליקט קומען פאַרדינען אַ פּאָר רובל.

אַ פּאָר חדשים נאָכן טאַטנס קומען, איז אויך צוריק פון אַמעריקע געקומען דעם טאַטנס אַן עלטערער ברודער.

דער ברודער אבא יודל איז אינגאַנצן געווען אָפּגעראָטן פון טאַטן.

פייאיק צו געשעפט, האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין חשק טאָן פיזישע אַרבעט. פאַרקערט, דער טאַטע אַ שווערער אַרבעטער איז אָן פאַבריק געווען פאַרלאָרן און הילפלאָז.

אַזוי ווי אבא יודל האָט זיך נאָך ניט געהאַט צוגעשלאָגן צו אַ געשעפט, איז דעם זיידן יאַנקל בונים איינגעפאַלן מאַכן אַ שותפות צווישןביידע ברידער.

געלט האָט אבא יודל געזאָגט אַז ער האָט ניט. דער זיידע האָט אָבער באַוויזן דעם טאַטן אַז די שותפות וועט זיך לוינען — אבא יודל איז אַ געשעפט־מענטש, מיט זיין פּייאיקייט וועט ער ברענגען מזל ברכה — „וועסט זען די אַרבעט וועט אַוועקגיין גוט און די פאַבריק וועט וואַקסן!".

דער מאַמען איז די גאַנצע מעשה ניט געווען געפעלן. זי האָט דעם טאַטן געזוכט אָפּרעדן. עס האָט איר אָבער גאָר ניט געהאָלפן — די שותפות איז געשלאָסן געוואָרן.

כדי ער זאָל קענען די מלאכה פון „שילדער־גאַרבעריי", האָט מען אבא יודלען געלערנט זיין „אַ שניידער".

דאָס איז געווען אַ העכסט־קוואַליפיצירטע אַרבעט. אַזאַ באַלמעלאָכע האָט געדאַרפט קענען דורך בלעכענע מאָדעלן שניידן אַזוי די פעל עס זאָל ניט זיין קיין שום ניוועץ. אַ שלעכטער „שניידער" האָט אַפילו געקענט אַ רייכן פאַבריקאַנט טרייבן צו באַנקראָט.

ניט איין שאָדן האָט אבא יודל אָנגעטאָן.

דער טאַטע איז געווען אַ „פאַלצער". אַן אַרבעט פון מאַכן די פעל מיט גרויסע מעסערס דינער און פיינער.

פיר אַזייגער פאַרטאָג איז שוין דער טאַטע געשטאַנען ביי דער אַרבעט. ווען אבא יודל פלעגט קומען זוי אַ כלל ניט פריער ווי צען אינדערפרי, האָט שוין דער טאַטע אָנגעהויבן דעם צווייטן טאָג אַרבעט.

אבא יודל האָט זיך קיינמאָל ניט געאיילט; רואיק, לאַנגזאַם פלעגט ער אויסטאָן דאָס רעקל און זיך שטעלן „שניידן". אַ „שניידער איז ער געווען אַ שלעכטער. אַ בעל דעה איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער.

ביי זיין אַרבעט פלעגט אבא יודל שטיין אַ שעה אָדער צוויי. ער איז געווען דער געשעפט־מענטש. ער האָט איינגעקויפט די „שילדער" און איז אויך אַרויס זיך דורכרעדן מיט סוחרים (קאָמישאָנערן ווי זיי האָבן געהייסן) וועלכע פלעגן קומען פון וואַרשע איינקויפן פאַרטיקע לעדער פאַר קאָמאַשן און שטיוול.

לאַנג האָט די שותפות ניט געדויערט. די מאַמע האָט געאַרבעט מעשים עס בטל צו מאַכן, אַרויסגעהאָלפן האָט איר די באָבע ריווע. פאַרקערט דער זיידע יאַנקל בונים האָט געזוכט דער מאַמען איינשטילן.

סוף כל סוף איז אבא יודלען נימאוס געוואָרן די גאַנצע מעשה. קיין געלט האָט ער ניט אַריינגעלייגט, די געשעפטן זיינען כסדר געגאַנגען אַרונטער. וואָס האָט אים געאַרט?

אַן לאָזן וויסן, איז אבא יודל ניט געקומען אין פאַבריקל.

דער טאַטע האָט זיך מצער געווען; אפשר איז אבא יודל קראַנק? אפשר איז עפּעס אַן אומגליק חס וחלילה געשען אין שטוב ביי אים.

דער טאַטע האָט זיך ניט פאַרגונען אָפּנעמען די האַלבע שעה צייט פון דער אַרבעט, און ער האָט מיך געשיקט זיך דערקונדיקן וואָס ס׳איז געשען מיט אבא יודלען.

אויף אַ רואיקן, באַזאָכטן שטייגער האָט אבא יודל געהייסן איבערגעבן דעם טאַטן אַז ער קומט ניט מער.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מען דערגאַנגען אַז די גאַנצע צייט וואָס אבא יודל איז געווען אַ שותף האָט ער פאַרלייגט אַן אייגענע פאַבריקל ביי זיך אויפן בוידעם. די סוחרים וואָס ער האָט געדאַרפט פירן צום שותפות׳דיקן געשעפט האָט ער געבראַכט צו זיך. ווען ער האָט געזען אַז זיין פאַבריקל איז שוין גוט איינגעשטעלט, האָט ער אויפגעלייזט די שותפות.

די מאַמע איז געלאָפן צום זיידן יאַנקל בונים — „ער האָט דאָך אונז אומגליקלעך געמאַכט, האָט זי געקלאָגט. אַלע סוחרים האָט ער אַוועקגענומען!". דער זיידע האָט פאַרזיכערט, אַז ער אַליין האָט פון גאָר ניט געוואוסט.

אבא יודל האָט גענומען איינפעסטיקן זיין פאַבריקל. ער האָט איינגעשטעלט אַ גוטן קרעדיט אויף לעדער און אויף „דעגרע" („גריס" אויף ווייכן פעל). שטילערהייט האָט ער אַלץ אויספאַרקויפט. אַן לאָזן אימעצן וויסן איז ער אַוועקגעפאָרן. געזאָגט האָט מען אַז ער איז געפאָרן קיין ביאַליסטאָק צוליב געשעפט. ערשט אַז ער איז אַריבער דעם גרענעץ האָט מען אויסגעזאָגט דעם סוד: אבא יודל איז אַוועק צוריק קיין אַמעריקע.

דער טאַטע האָט זיך אויך גענומען רייסן צוריקפאָרן קיין אַמעריקע. די באָבע ריווע אויב זי, פאַרשטייט זיך אויך די מאַמע, האָבן זיך איינגעשטעלט און געלאָזן אים וויסן אַז זיי וועלן עס ניט דערלאָזן.

כדי דעם טאַטן איינהאַלטן אין קריניק, האָט די באָבע ריווע אים גענומען פאַר׳שדכנ׳ען אַ נייעם שותף — דעם זיידן חיים אשר׳ס אַ קרוב.

דעם זיידנס אַ שוועסטער קינד אייזיק קרושעגאַנער האָט זיך גענומען אַן איידים פון שישלעוויטש. דער יונגערמאַן חיים הערשל, האָט ווייזט אויס זיך ניט געקענט צושלאָגן צו אַן אַרבעט. קיין גאַרבער איז ער ניט געווען, ער האָט געפּרובירט מסחר. עס איז אָבער ניט געגאַנגען.

חיים הערשל׳ס שווער אייזיק, איז געווען פון די ערשטע לעדער פאַבריקאַנטן אין קריניק. אַ איד אַ גרויסער באַלעבאָס, האָט ער כל ימיו געוואוינט אין דאָרף קרושעגאַן. געפירט האָט ער גרויסע וואַלד און תבואה געשעפטן. זיין טאָכטער רחל וואָס ער האָט פאַר׳קנס׳ט צום חיים הערשלען, האָט ער שטאַרק האָלט געהאַט, און ער האָט געטאָן אַלץ צו זען אַז דער איידים זאָל זיך צו עפּעס צושלאָגן.

די באָבע ריווע האָט דעם טאַטן און חיים הערשלען צונויפגעבראַכט און אַ נײַי שותפות איז געמאַכט געוואָרן.

חיים הערשל האָט צוגעטראָגן עטלעכע הונדערט רובל און אין צוגאָב האָט ער געגעבן די פאַבריקל וואָס איז געווען צוגעבויט צו זײַן שטוב; דער נדן פון שווער. דער טאַטע האָט געדאַרפט חיים הערשלען אויסלערנען די מלאכה פון „פאַלצן״.

די פאַבריק איז געווען ווײַט אַוועק פון שטאָט־צענטער. מיר האָבן זיך דאָרט אַריבערגעצויגן און געוואוינט בשכנות מיט חיים הערשלען.

די גאַרבאַרניע איז געווען באַקוועם; אַ סך פענצטער; געראַם און לופטיק. קיין גרויסער באַלמעלאָכע איז חיים הערשל ניט געוואָרן, ער איז אָבער געווען אַרבעטסזאַם.

פון אָנהויב איז די שותפות געווען אַן איינגעגעבענע. אַ סך סוחרים זײַנען געקומען קויפן. די אַרבעט האָט געקראָגן אַ גוטן נאָמען. אַרבעטער האָבן גוט פאַרדינט, אַלע זײַנען שטענדיק געווען גוט אויפגעלייגט. אַ גאַנצן טאָג איז די פאַבריק געווען אָנגעפילט מיט געזאַנג און געלעכטער. חברה באַלמעלאָכעס האָבן געטריבן שפּאַס. זיי פלעגן אויסקלײַבן אַ קרבן און פון הינטן צו זײַן פאַרטוך צוטשעפּען אויף אַ ריטל פון בעזעם אַ שטיקל פּאַפּיר און עס אונטערצינדן. דער קרבן פלעגט אַרומגענומען ווערן פון פלאַמען און ווען ער איז אַ דערשראָקענער געלאָפן זיך לעשן, פלעגן די אַרבעטער פאַר־גיין זיך אין געלעכטער.

פלוצים איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן אויף געל־זוכט. וואָס מען האָט געטאָן האָט ניט געהאָלפן. פאַרשיידענע עצות האָט מען אים געגעבן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער חלאת.

איין עצה איז געווען ער זאָל קוקן אין אַ גרויסער מעשענער שיסל („מעדניצע״ האָט מען עס גערופן) די עצה געבער האָבן פאַרזיכערט אַז ווען די געלקייט פון פנים וועט זיך אָפּשפּיגלען אין דער געלקייט פון מעש, וועט די פנים געלקייט פאַרגיין.

צום סוף האָט דער טאַטע געמוזט אַוועקפאָרן קיין וואַרשע צו אַ דאָקטאָר. דער געשעפט איז אינגאַנצן באַטריבן געוואָרן פון חיים הערשלען.

חיים הערשלען האָב איך פײַנט געהאַט מיט אַ בייזער שנאה. איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן זײַן געלן אויסזען, די צעשויבערט שפּיזיק־געלע האָר און די קליינע אויגן פון וועלכע עס האָט שטענדיק געגלאַנצט כיטראַסט.

צוויי חדשים האָט זיך דער טאַטע געהיילט אין וואַרשע. ווען ער איז אַ היים געקומען, האָט חיים הערשל פלוצים גענומען צושטיין מען זאָל דורכ־קוקן די ביכער כדי אויסצוגעפינען ווי דאָס געשעפט האַלט.

אַזוי ווי מיר האָבן געוואוינט אַ טיר אין אַ טיר, בין איך כסדר אַרײַנגע־קומען אין חיים הערשל׳ס שטוב.

ביידע שותפים זיינען געזעסן איבער די ביכער. דער טאַטע איז געווען דערשלאָגן און אָנגעשטערנגט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַריינלויפן צו אונז אין שטוב, האָט עפּעס געזאָגט דער מאַמען און איז ווידער אַריין צו חיים הערשלען.

אין שטוב האָט די מאַמע קיין אָרט זיך ניט געפונען. זי איז אַרומגעגאַנגען האָט געבראָכן מיט די הענט און געוויינט — „ווײ, ווײ, האָט זי געקלאָגט, די ביכער ווייזן אַז מיר דאַרפן חיים הערשלען אַרויסצאָלן אַ סך געלט. ווײ, ער וועט אַלץ צונעמען ביי אונז, אַפילו דאָס בעטגעוואַנט!".

עטלעכע טעג און נעכט האָט עס אָנגעהאַלטן. דער פלאַנטער איז געוואָרן פאַרדרייטער. דער טאַטע האָט געזען אַז קיין טאָלק וועט ער ניט דערגיין האָט ער געבעטן דעם „שניידער" דוד „רב פּאפּא" ער זאָל אַרויסהעלפן.

דער דוד „רב פּאפּא", איז געווען אַ „שניידער" אין פאַבריק. דעם נאָמען „רב פּאפּא" האָט ער געקראָגן דערפאַר וואָס ער האָט פאַרלאָזן די קרינקער ישיבה און איז געוואָרן „אַ בונדישער" אַגיטאַטאָר. די אַרבעטער האָבן געהאַט פאַר אים אָפּשיי, און מיט זיין וואָרט האָט מען זיך שטענדיק גערעכנט. סיי דער טאַטע און סיי חיים הערשל האָבן געהאַט צו אים אַ סך צוטרוי.

דוד האָט אַנטדעקט דאָס פאַר דער צייט וואָס דער טאַטע איז ניט געווען, האָט חיים הערשל געענדערט די ציפערן; די הוצאה האָט ער פאַרגרעסערט און די הכנסה האָט ער פאַרקלענערט. ווען דוד האָט דאָס אויפגעוויזן, איז דער טאַטע אַרונטערגעפאַלן פון בענקל אַ גע'חלש'טער.

גלייך נאָך דער מעשה האָבן די שותפים אויפגעגעבן די פאַבריקל. וויזט אָבער אויס אַז דער טאַטע און חיים הערשל האָבן זיך נאָך געדאַרפט צורעכענען, און זיי האָבן אָנגענומען אין שותפות קאָנטראַקט אַרבעט ביי פאַבריקאַנטן אויפן פאַבריק.

ישראל הערצקע, נחום אַנשל'ס שוואָגער, מיט וועמען מיר האָבן געלעבט בשלום און פלעגן גיין אין גאַסט איינער צום צווייטן, האָט דעם טאַטן געגעבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַרבעט ביי אים.

איינמאָל אויפן וועג פון חדר, בין איך אַריין אין ישראל הערצקע'ס גאַרבאַרניע געוואויר ווערן וועגן דעם טאַטן. ווען איך האָב געזען ווי חיים הערשל שטייט אַ רואיקער ווי עס וואָלט גאָר ניט געשען קיין מעשה מיט צוגעשטעלטע ציפערן, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בייזע פיינטשאַפט צו אים. אַ געוואָגטער אינגל בין איך געווען, האָב איך געזוכט אים אויפצורייצן.

איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטן און אים געפרעגט ווי קומט עס וואָס ער האַלט נאָך אָן אַ שותפות מיט אַ שווינדלער.

אַז חיים הערשל האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן, ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך מיר — „עה, דו, מאַלקי סאָס! סמאַרקאַטש! דו חצוף! דו! איך וועל דיר דאָס לייב צופּאַסן!"

חיים הערשל האָט מיך גענומען יאָגן. איך בין ווי אַ קאַץ אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ באַרג פּעל, האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ פּעל און גענומען פּאַכען מיט איר. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן, ער איז גלייך געגאַנגען אויף מיר. מיט ביידע הענט האָב איך צוגעהאַלטן די פּעל און אים גענומען קאַטעווען. די קלעפּ זיינען געפאַלן אויפן פּנים; אויף די הענט; אויף די אַקסלען; אויפן בויך. פּאַסן הויט זיינען אַרונטערגעהאַנגען פון פּנים.

עטלעכע וואָכן האָט חיים הערשל נאָך דעם געקרענקט. אָבער ניט ער און ניט זיין ווייב האָבן זיך נאָכדעם געטשעפּעט צו מיר. נישט לאַנג נאָך דער געשעעניש האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן פון חיים הערשל׳ס דירה.

נאָכן אויפגעבן די שותפות מיט חיים הערשלען, האָט דער טאַטע זיך מערער ניט געקענט צושלאָגן צו עפּעס. די לאַגע אין שטוב איז געוואָרן שווער. די הויזגעזינד איז שוין געווען פאַרגרעסערט מיט נאָך צוויי נפשות.

איינמאָל פאַר אַלעמאָל, האָט דער טאַטע געזאָגט, ער פאָרט קיין אַמעריקע און קיינער וועט אים ניט קענען אָפּהאַלטן. דאָס מאָל איז ער טאַקע געוואָרן איינגעשפּאַרט. עס האָבן שוין ניט געהאָלפן דער באָבע ריווע׳ס שטערונגען. אַ זונטיק פרי, האָבן מיר דעם טאַטן פונקט ווי מיר האָבן אים פריער באַגעגנט, אַרויסגעפירט צו סאָקאָלקער גאַס, אַרויסגעפירט צום וועג וואָס וועט אים צוריק ברענגען אין לאַנד — אין וויטן פרעמדן לאַנד — אָפּגעשיידט פון אונז מיט געהיימניספולע און בייזע ימ׳ן.

צום דריטן מאָל בין איך געבליבן אָן אַ טאַטן; איצט זיינען געווען נאָך פיר קינדער צו מיר.

פרייטיק צו נאַכט נאָכן דאַווענען, האָט די מאַמע געזאָגט — „דו יאָסל ביסט דער עלטסטער — מאַך קידוש!״.

# דער חלום — אַמעריקע

שטענדיק ווען מיר זיינען געווען אַן טאַטן, האָבן מיר געוואוינט מיט דער באָבע ריווע. דאָס מאָל נאָכן טאַטנס אַוועקפאָרן האָבן מיר גענומען אַ דירה פאַר זיך.

די מאַמע האָט טאַקע ניט געוואָלט וואוינען באַזונדער, אָבער די באָבע איז שוין געווען אין אויבער־שטיבל וואָס זי האָט אויפגעבויט איבערן איידים דאָדיעס הויז. אַחוץ דעם איז די הויזגעזינד גרעסער געוואָרן. געזען האָט נאָר די מאַמע אַז אונזער וואוינונג זאָל זיין נאָענט פון דער באָבען.

וואוינען באַזונדער האָט ניט געמיינט אַז די באָבע ריווע האָט אָפּגעטאָן איר וואַכזאַמקייט. נאָך איידער דער שלאָף האָט זיך ווי געהעריק אָפּגעטאָן פון אונז, איז שוין די הויז געוואָרן אָנגעפילט מיט ריווע׳ס הויכע געשטאַלט. זי איז ניט געווען קיין הויך־רעדנערין, דאָס קול אירס אָבער האָט זיך געהערט אין יעדן ווינקל פון שטוב. זי האָט געהאָלפן דער מאַמען אַרום די קלענערע קינדער. אַ באַזונדער ליבשאַפט האָט זי געהאַט צום איינציק מיידעלע פון הויזגעזינט.

די שוועסטערל איז פשוט געווען אַן „אויסגעוויינטע״, ווי די ווייבער פלעגן זאָגן. פיר אינגלעך האָט די מאַמע געהאַט, און אַלע האָבן געבענקט נאָך אַ מיידעלע.

די שוועסטער פערל, איז געבאָרן געוואָרן אַ שוואַכע. די אינגלעך זיינען געווען אַקטיווע און אומרואיקע, פון מיר איז דאָך אָפּגערעדט. נאָר אַפילו דער אינגערער פון מיר — מאיר, וועלכער איז געווען דער שטילסטער און אויפמערקזאַמסטער פון אַלע קינדער, איז געווען גאָר אַן אַקטיווער אינגל.

דאָס שוועסטערל האָט מען איבערגעפירט און „פאַרפּיעסטשעט״. מען האָט איר פשוט פאַרפיניקט מיט איבער־צערטלעכקייט. אַ סך האָט אין דעם געהאָלפן די באָבע ריווע. „אַ שטויבעלע האָט זי אויף איר ניט געלאָזן פאַלן״. די מיידעלע איז געווען אַזוי פאַרצערטלט, אַז אויב מען האָט איר ניט נאָכגע־געבן וואָס זי האָט געוואָלט — האָט זי גע׳חלש׳ט.

איך האָב דאָס שוועסטערל זייער ליב געהאַט, און פלעג אַ סך מאָל אַכטונג געבן אויף איר.

איינמאָל איז די מאַמע אַוועק איינקויפן. איך בין מיט דער שוועסטערל געווען אַליין אין הויז. זי האָט עפּעס פאַרלאַנגט און איך האָב איר אַזוי גיך ניט געגעבן. געזען אַז זי קען אויף דער מינוט ניט אויספירן וואָס זי וויל, האָט זי אַוועקגע׳חלש׳ט.

פונקט אין דער סעקונדע איז אָנגעקומען די באָבע. אַז ריווע האָט דער־זען איר „אויג אין קאָפּ״, דאָס באַליבטסט אייניקל איז „פּאַרביי״, האָט זי איר גענומען מינטערן און טרייסלען, מיך האָט זי פּשוט געוואָלט אומ־ברענגען. איך האָב געזען אַז עס האַלט שלעכט, איך וועל זיך פון איר ניט אויסדרייען, האָב איך אין לעצט ברירה — אַרויסגעשפּרונגען פון אַ פענצטער.

ריוועס וואַכזאַמקייט אויף אונזער הויזגעזינט איז געוואָרן שטאַרקער. זי האָט מורא געהאַט דאָס די טאַכטער וועט איר אַפּטאָן און אַוועקפאָרן צום מאַן אין וויטן לאַנד.

אַלץ האָט זי געטאָן אָפּצורעדן דער מאַמען זי זאָל זיך אין זין ניט אַריינגעמען — פאָרן קיין אַמעריקע. די מאַמע האָט זיך צו איר צוגעהערט און האָט אָנגעגעבן דעם טאַטן פאַרשיידענע תירוצים פאַר וואָס זי קען ניט קומען צו אים. ביי ריווען איז רעכט געווען דער טאַטע זאָל ווידער קומען אין שטעטל.

שטילערהייט אָן דער מאַמעס וויסן פלעג איך אין בריוו איבערגעבן דעם טאַטן וועגן דעם. עס איז ניט נויטיק געווען איבערטרייבן, דער טאַטע האָט גוט געוואוסט ווי די באָבע באַהערשט אירע קינדער.

איך האָב אויף דער באָבע ריווע געטראָגן אַ שטאַרקן כעס פאַר שטערן און אָפּרעדן דער מאַמען פון פאָרן. איך האָב זיך איר גענומען קעגנשטעלן און אָפּענטפערן. אַזאַ עזות האָט זי ניט געקענט פאַרליידן. סיי ווי איר אַמאָליקע ליבשאַפט צו מיר איז געווען אינגאַנצן אויסגעוועפּט. זי האָט מיך פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן. דער מאַמען האָט זי גענומען אָנרעדן זי זאָל זיך פון מיר מיאש זיין. — „לאָז אים אויף הפקר, פלעגט זי זאָגן, פון אים וועסטו קיין לייט שוין ניט מאַכן!״.

די מאַמע פאַרקערט, האָט גראַדע געוואָלט מאַכן פון מיר „אַ לייט״. זי האָט געוואָלט איך זאָל זיך אויפפירן מערער באַלעבאַטיש און אויך שטייגן אין לערנען.

ווען אין שטעטל האָט זיך געעפנט אַ „גאָראָדסקאָי אוטשילעשטשע״, וואָס איז געווען במקום אַ גימנאַזיע, האָט די מאַמע געדונגעןביילקע, אַלטער דער דאַמען־שניידערס טאָכטער, וועלכע איז געווען אַ גענענדיקטע פון גראָדנער גימנאַזיע, אַז זי זאָל מיך „פּריגאָטאָווען״ (צוגרייטן) פאַר דער „אוטשילישטשע״.

ביילקע האָט פאַר אַן „אוראָק״ גענומען אַ רובל. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן דער מאַמען צו פאַרזאָרגן אַז איך זאָל נעמען צוויי „אוראָקן״ אַ וואָך. דאָס געלט איז אָבער געווען אַרויסגעוואָרפן, געוואָלט האָב איך טאַקע אָנקומען אין „גאָראָדסקאָי אוטשילעשטשע״, נאָר ניט צוליבן לערנען — נאָר צום בלויען מונדיר מיט דער גלאַנציקער „קאָקאַרדע״ (געריב) אויפן היטל האָב איך געהאַט חשק. איך בין פּשוט אויסגעגאַנגען צו קענען זיך אויס־פּוצן אין די רעש׳יקע מלבושים.

אפשר וואָלט איך דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. נאָר די באָבע ריווע האָט זיך אַריינגעמישט. זי האָט דער מאַמען געגומען אויפוּוייזן אַז פון מיין לערנען וועט זיך גאָר ניט אויסלאָזן.

ווייזט אויס אַז די לערערין ביילקע אַליין האָט דאָס מסתמא אויך איינגעזען. זי האָט דער מאַמען געלאָזן וויסן אַז זי זאָל זיך אָנגורטן אויב זי באַשטייט גראָדע אַז איך זאָל אַריין אין „גאָראָדסקאָי אוטשילישטשע".

בכלל האָב איך שוין דעמאָלט זיך ניט געוואָלט לערנען. איך האָב זיך אַריינגענומען אין קאָפּ — פאָרן קיין אַמעריקע. וויפל די מאַמע האָט זיך ניט געוועדט קעגן דעם, האָט זי סוף כל סוף איינגעזען אַז פאַר אונזביידן וועט זיין בעסער מיך אָוועקצושיקן צום טאַטן.

סיבות זיינען געווען וויכטיקע פאַר וואָס די מאַמע האָט מיך געדאַרפט לאָזן פאָרן. ניט נאָר האָב איך שוין ניט געהאַט קיין חשק זיך גרייטן פאַר דער „גאָראָדסקאָי אוטשילישטשע", נאָר איך האָב אויך פאַרלאָרן דעם גלוסט צו גיין אין חדר.

לאָזן אַזאַ ווילדן אינגל ווי איך בין געווען, אַרומגיין פוסט און פּאַס איז געווען אַ סכנה. איך האָב זיך שוין טאַקע גע'חבר'ט מיט דערוואַקסענע בחורים, אָבער אין הויז האָב איך אָנגעטאָן צרות. איך האָב פאַרלאָרן די מורא פאַר באַשטראָפט ווערן, און האָב אויך אָנגעהויבן ווידערשפּעניקן דער באָבע ריווע און דעם זיידן יאַנקל בונים.

די מאַמע האָט זיך געשראָקן אַז אַזאַ אויפפירונג קען מאַכן פון מיר אַ הפקר־מענטש.

אין צוגאָב האָב איך זיך אָנגעזעצט אויפן ברודערל — וועלוול, דער דריטער פון מיר. איך פלעג אים פּייניקן אָן רחמנות. פאַר יעדן קלייניקייט האָב איך אים געשלאָגן מכת־רצח. איך האָב אים פּשוט אַריינגעשלאָגן אין דער — „דער".

וועלוול איז געווען אַ טשיקאַווער אינגל. ער איז אויך געווען אַן אומרואיקער און קאָכיקער, אינגאַנצן אַנדערש פון צווייטן ברודער מאיר, וואָס איז געווען שטיל, פאָלגעריש און האָט זייער ליב געהאַט לערנען. פאַר אים האָבן זיך מלמדים פּשוט „געשלאָגן". מען האָט אים געוואָלט האַלטן אין חדרים אָן שכר־לימוד, נאָר ווי אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע קינדער. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן גוטן קאָפּ, און פאַר זיין באַשיידנקייט און שטילקייט האָבן אים אַלע האָלט געהאַט.

וועלוול האָט צום לערנען נישט געהאַט קיין גרויסן חשק. ער האָט זיך כסדר פאַרטאָן אין שפּיל, אָבער אַזוי ווילד ווי איך, איז ער ניט געווען. ער האָט נאָר ליב געהאַט שפּילן — „סוחרים און קונים". קיין אַנדערע קינדערשע שפּילן זיינען אים ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך ניט געיאָגט שפּילן „טשאָרט", אָדער זיך שליטלען ווינטער, ער האָט נאָר געוואָלט האָבן „אַ קרעמל".

פון ליים פלעגט ער אויסקנעטן פאַרשיידענע פאָרמען פון סחורות. האָט עס אויסגעלייגט אויף אַ קעסטל און געהאַנדלט מיט דעם. די קעשענעס זיינען אים שטענדיק געווען אָנגעשטאָפּט מיט פאַרצעליי — זיין געלט צייכן.

ווי קליין װעלוול איז געווען, האָט ער פאַרשטאַנען אַז אַ סוחר מוז זיין אָנגעטאָן מיט פוץ און זויבער, ער פלעגט אויף זיך אַרויפשלעפּן אפשר צען שניפּסן, אַ צווייַ דריי העמדער און פונקט אַזויפיל קראַגנס. איך האָב עס פּשוט ניט געקענט פאַרליידן.

איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן אָנגעשטייפּטקייט און זאָרגפעלטיקע זויבערקייט. װעלוול פלעגט כסדר זיך האַלטן אין פּוצן און בערשטלען די קליידער. ווען איך האָב עס געזען, בין איך ווילד געוואָרן. אין אים האָב איך געזען וואַקסן און זיך געשטאַלטיקן דעם גביר און תקיף, מיט איין וואָרט — „דעם בורזשוי" (איצט איז װעלוול אַ גרויסער סוחר אין נואַרק, ניו־דזשוירזי).

מיין כסדר שלאָגן װעלוולען, האָט דער מאַמען אָנגעפילט מיט זאָרג. זי האָט דערפאַר געגומען שיקן תחנונים צום טאַטן ער זאָל מיך וואָס שנעלער אַריבערנעמען ווען ניט וועל איך דעם — „אינגל פּשוט דערשלאָגן צום טויט".

אַ געפאַר איז אויך געוואָרן מיין חבר'ן זיך מיט דערוואַקסענע בחורים. די מאַמע האָט מורא געהאַט אַז איך וועל זיך פאַרפלאָנטערן מיט די — „אַכאַריסטן און ציציליסטן" ווי זי פלעגט זיי אין שפּאַס אָנרופן. אין אונזער משפחה איז עס שוין געשען — יונגע אינגלעך האָבן זיך פאַרנומען מיט די „ברודער און שוועסטער" קרייזן. בכלל האָבן קרינקער אינגלעך אָנגעהויבן זייער רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן אין אַ גאָר פריער יוגנט.

די סאַמע וויכטיקסטע סיבה איז געווען דאָס וואָס די מאַמע האָט געוואוסט אַז אויב איך וועל זיין אין אַמעריקע, וועט איר זיין גרינגער זיך אָפּרייסן פון איר מאַמען.

אין בריוו־אויסטויש איז דער טאַטע וואָס האָט גראָדע ניט געהאַט קיין פעסטן כאַראַקטער, באַשטאַנען נאָר אַז די מאַמע זאָל קומען צו אים. ער האָט באַשטימט געלאָזן וויסן אַז אין קרינקיק וועט ער זיך ניט צוריקקערן.

אַ גרויסן חלק אין אָנהאַלטן אָט דעם פעסטן באַשלוס, האָט געהאַט דער זיידע יאַנקל בונים. ער האָט דעם טאַטן גע'עצה'ט זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון סענטימענטן און פון דער באָבע ריווע'ס שטערונגען. דער זייער קלוגער זיידע יאַנקל בונים האָט געוואוסט, אַז אויב דער טאַטע וועט זיך האַלטן איינגעשפּאַרט וועט ער אויספירן.

ווייזט אויס אַז דער טאַטע אַליין האָט מסתמא אויך געטראַכט אַז אויב איך וועל זיין מיט אים וועט אָנקומען גרינגער אַריבערברענגען דער מאַמען.

גלייך נאָך פּסח, איז אין אַ פאַררעגיסטרירטן בריוו אָנגעקומען פאַר מיר אַ האַלבע שיף־קאַרט.



יאָסל 10 יאָר אַלט פֿאַרן פֿאָרן קיין אַמעריקע

# ערנסטע חברים

די עטלעכע מאָנאַטן פאַרן פאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך געברענט מיט אומגעדולד. עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט אַז די צייט גייט ניט אַוועק גיך גענוג. איך האָב געוואונטשן אַז אַ טאָג זאָל ניט געדויערן. אין פרימאָרגן פלעג איך שוין וואַרטן אויף דער נאַכט.

אין די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן בין איך רואיקער און געלאַסענער געוואָרן. די דערנענטערונג פון דער גרויסער איבעראַנדערשונג אין מיין לעבן, האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַ גרויסן ערנסט.

איך האָב אויפגעהערט אָפּצוטאָן שפּיצלעך און ווילדע קאַפּויערדיקע מעשים, וואָס האָבן געבראַכט שרעק און עגמת נפש מענטשן, און האָב פון זיי קיין גרויסן חן ניט געוואונען.

אָנמאַכן אַ סומאַטאָכע און איבערשרעקן האָב איך ליב געהאַט די מיידלעך אין פּינקע דעם שמש'ס שטוב.

פּינקע דעם שמש'ס טעכטער — איטקע און מאַשע, האָבן געהאַט אַ קליינע שניידער מייסטערסקיי. מיין מומע שרה האָט זיך ביי זיי געלערנט די מלאכה.

ווען איך פלעג זען די מיידלעך פאַרטאָן אין זייער אַרבעט, בין איך מיט ווילדקייט, שטורעם, צעשויבערט און כלומרשט אַ פאַרסאָפּעטער, אַריינגעלאָפן מיט אַ געשריי — „עס ברענט!" — די מיידלעך פלעגן זיך אַ ריס טאָן פון דער אַרבעט און איבערגעשראָקענע נעמען לויפן צום טיר — „וואו ברענט? וואו?!" — „יאַמפּעלע ברענט!" פלעג איך אויספּלאַצן.

— „גיי צו אַלדי רוחות!" און זיי פלעגן זיך נאָך מיר אַ יאָג טאָן. און איך, מיט געלעכטער בין אַנטלאָפן.

מערקווירדיק, דעם שפּיצל האָב איך עטלעכע מאָל איבערגע'חזר'ט און יעדן מאָל האָבן זיך די מיידלעך איבערגעשראָקן.

אַריינגעפאָרענע אין שטעטל פלעג איך אָפט אָפּטאָן גאָר מאָדנע שטיק; בעלי עגלות האָבן פאַרשוינען אַראָפּגעלאָזן אין מאַרק. די פרעמדע זיינען געבליבן שטיין מיט די קלומעקלעך ווי אָפּגענאַרטע און אַרויסגעוואָרפענע. פאַרלוירענע פלעגן זיי זיך אַרומקוקן. אַז זיי האָבן ווי געהעריק געהאַט שוין אַרומגענומען דעם שטח, און שלום געמאַכט מיט דער געאָגראַפיע, האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט אויף די מענטשן צו וועמען זיי זיינען געקומען.

אַז איך פלעג שטיין דערביי, האָב איך די מענטשן אָנגעבאָטן צו ווייזן וואו זייער קרוב וואוינט. מיטן קלומיק האָבן זיי זיך מיר נאָכגעשלעפּט ביזן סוף שטעטל — דאָס הויז וואָס איך האָב אָנגעוויזן — איז געווען די שטעטלשע באָד.

אַ קורצע צייט פאַרן אָפּפאָרן האָב איך זיך אָפּגעפּרעמדט און אויפגעהערט באַגעגענען די קינדערשע חברים. נאָר מיט שלום שמחה דעם פעלדשערס האָב איך זיך געהאַלטן נאָענט. גע׳חבר׳ט האָב איך זיך מיט דערוואַקסענע בחורים וועלכע זיינען געווען אפשר מיט זעקס און אַכט יאָר עלטער פון מיר.

גאָר נאָענט בין איך געוואָרן מיט אַ בחור וואָס איז געווען אפשר אַכצן יאָר אַלט.

דער בחור אַ סאָקאָלקער, האָט אין קריניק געעפנט „אַ פאַבריקמאַכערסקיי״ אין האָטעל ביים ייִדן יאַנקל בונים׳ס שוועסטער קינד איטשע „ליא״. אין זיין „פאַבריקמאַכערסקיי״ האָבן זיך געשוירן און געגאָלט די אינטעליגענץ און די אַריסטאָקראַטיע פון שטעטל.

דער בחור האָט זיך געהאַלטן זויבער. יעדע זאַך איז ביי אים געווען איינגעשטעלט מיט אַ סדר. דעם צימער האָט ער געהאַלטן ציכטיק און לופטיק. עטלעכע מאָל אַ טאָג האָט ער מיט שמעקנדיקן־וואַסער אויסגעשפּריצט די „פאַבריקמאַכערסקיי״.

געווען איז ער אַ שיינער — נאָר מיט אַ מום: — די רעכטע פוס איז ביי אים געווען אין דער ברייט, און אין גאַנג פלעגט ער מיט דער לינקער געזונטער פוס איבערשפּרייזן די קאַליקע. עס איז אויסגעקומען ווי די געזונטע פוס וויל איבעריאָגן און אַנטלויפן פון דער קראַנקער.

באַקאַנט האָבן מיר זיך טאַקע אין איטשע „ליא׳ס״ הויז וואו איך פלעג זיין אַ בן־בית.

איטשקע דער קאַליקער האָט זיך געהאַלטן פאַר „אַ בונדאָוועץ״, אָבער אַרום פריסטאַוו וואָס איז געווען זיינער אַ קונה, פלעגט ער „אַרומפּאַדען״ מיט גרויסן הכנעה.

מיר איז געפעלן געוואָרן ווי איטשקע טוט זיין אַרבעט. איך האָב זיך געמאַכט ניצלעך, און אַ סך מאָל איינגעזייפּט מענטשן. און ער האָט מיר גע־נומען ווייזן ווי צו ראַזירן און שערן. איטשקע איז געווען זייער ערנסט צו זיין מלאכה. ווען ער האָט געגאָלן, איז ער אָפּגעטראָטן אַ קורצן שטח כדי דעם קונה ניט אַריינאָטעמען אין פּנים.

מענטשן אויף וועמען זיך צו לערנען ראַזירן, האָב איך אויפגעקליבן די משוגעים. נאָר זיי אָפּגאָלן האָב איך ניט באַוויזן. — דער ערשטער קרבן איז געווען מאָטקע, אין סאַמע ערשטן באַוועג איז דער גאָל־מעסער געבליבן אים שטעקן אין באַק; מאָטקע האָט זיך אַ הויב געטאָן מיט אַזאַ ווילדקייט

אַז ער האָט מיטגעשלעפּט דעם שטול מיט זיך. ווען איך אַנטלויף ניט, וואָלט געווען נאָך מיר.

איטשקע דער קאַליקער האָט זיך מיט אַלץ פאַרטרויט אין מיר. ער האָט מיך באַטראַכט ווי אַ חבר פון איין עלטער, און איך בין דערפאַר געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן צו אים.

איטשקע איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין אַ מיידל, מיט מיר האָט ער זיך געהאַלטן עצות ווי אַזוי און וואָס ער זאָל טאָן אויף דערנענטערן זיך צו איר.

דאָס מיידל גאָר אַ שיינע — אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקע איז געווען פון דערבייאיק שטעטל שישלאָוויטש. איר ברודער פישל געץ, האָט געאַרבעט ביי גאַרבעריי און ער האָט עס די גאַנצע משפחה אַריבערגעבראַכט אין קרינקי.

איטשקע האָט דאָס מיידל געטראָפן דורך איר ברודער פישל. וועלכער איז אויך געווען אַ „בונדאָוועץ". ער האָט מיר גלייך פאַרטרויט אַז דאָס מיידל איז אים געפעלן.

איך האָב אים געגעבן אַן עצה אָנשרייבן אַ בריוו. ער האָט געקויפט „אַ בריוונשטעלער" און איך פלעג דעם מיידל ברענגען „פייערדיקע ליבע־בריוו" פריש איבערגעשריבן פון „בריוונשטעלער". איך האָב שוין דעמאָלט געקענט פאַרפאַסן לידלעך, און האָב געשריבן גראַמען אָנגעפילט מיט ליבע. איטשקע האָט עס דורך מיר גלייך איבערגעשיקט צום מיידל.

איטשקע׳ס ליבע האָט מיך אַביסל אָנגעצונדן, און איך האָב אויך פאַר־פירט „אַ ראָמאַנס". וואָס עס קומט אַזוינס אַרויס פון דעם האָב איך נישט געוואוסט. איך האָב נאָר פאַרשטאַנען אַז „אַ ראָמאַנס" דאַרף געפירט ווערן צווישן אַ אינגל און אַ מיידל.

מיין „ראָמאַנס" איז אויפגעקומען אויף אַ מאָדנעם שטייגער; אַ ברודער און אַ שוועסטער — יתומים, זיינען געקומען פון ביאַליסטאָק בלייבן מיט זייערע קרובים — אָנגעזעענע „קאַפּיצעס" פון „זשאַבע" געסל.

דער אינגל איז געווען נאָך אַ גנב אין ביאַליסטאָק, און ער האָט זיך באַרימט אַז פון „מאַראַוויכערס" איז ער דער גרעסטער.

די מיידל פרומקע, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינע מיידל, עט־לעכע יאָר עלטער פון מיר.

ווי אַזוי איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט געדענק איך ניט. נאָר אין זכרון איז מיר געבליבן דער איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט ווען פרומקע האָט מיך — „געאירצט". זי איז געווען די סאַמע ערשטע וואָס האָט צו מיר גערעדט אויף — „איר". עס האָט אין מיר געמאַכט אַן אמת׳ע איבערקערעניש. איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפילט גרויס, אויסגע־וואַקסן, און גאָר וויכטיק.

איך האָב זיך טאַקע גע׳חבר׳ט מיט גרויסע, געוואוסט אָבער האָט איך

אַז איך בין נאָך אַ „יאַטל". אַ דערוואַקסענער האָט געהאַט גאָר באַזונדערע סימנים: איין סימן — ווען די עלטערע אינגלעך פּלעגן אַרויפקאַשערן די אַרבל פון אויבער־העמד און ווייזן די עטלעכע האָר אונטערן אָרעם. דער צווייטער סימן: ווען מען האָט „געאירצט".

פרומקע איז ביי מיר דערהויבן געוואָרן מיט דעם וואָס איך בין שוין ביי איר — אַן „איר".

פרומקע האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן. איך בין געוואָרן איר לערער.

מיר פלעגן אַוועקגיין אויפן פעלד. איך האָב געזונגען פאַר איר לידער און האָב איר אויך דערציילט אויסטערלישע מעשיות.

אַ באַזונדערע הנאה האָב איך געהאַט צו זען ווי זי וויינט ווען איך פלעג זינגען מאָריס ראָזענפעלד'ס — „איך האָב אַ קליינעם אינגעלע".

זי אַליין האָט געקענט אַ סך לידער וואָס די ביאַליסטאָקער ווארילע יונגען האָבן געזונגען. עטלעכע האָט זי גערן געזונגען פאַר מיר.

אַ באַליבט ליד אירס איז געווען אַ ציגיינער־ראָמאַנס. זי האָט אים געבראַכט אין קריניק און דורך איר איז דאָס לידל געוואָרן פּאָפּולער.

זי פלעגט עס זינגען מיט אַ באַזונדער טרויעריקן טאָן. דער ניגון און די ווערטער האָבן דערציילט פון אַ ציגיינערינס ליבע און בענקעניש.

דער פנים פלעגט ביי איר ווערן ערנסט און זי פלעגט זיך פאַרגיין:

„דער הימל אַ בלייכער אָן שטערן,
די זון איז פאַרגאַנגען נאָר וואָס;
עס הערט זיך אַ שטילע מעלאָדיע,
אַזוי ווי פאַרטרונקען אין גראָז.

„איך גיי נאָכן קלאַנג אין דעם וועלדל,
מיט צווייגן געדיכטע פאַרשטעלט,
דאָרט שטייט פון לייוונט אַ ווייסע —
אַ קליין ציגיינער געצעלט.

„עס איז קיינער ניטאָ אין דעם ביידל,
זיי זיינען צופאָרן זיך וואו,
דאָרט זיצט אַ ציגיינערין איינזאַם
און זינגט עפּעס טרויעריק צו".

„די האָר פאַרוואָרפן אויפן פּלייצע,
די קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ קוסט.
פון זון איז פאַרברענט איר פּנים
פון בענקשאַפט באַוועגט זיך איר ברוסט".

מיין מומע שרה וואס איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציאָנערקע און „בונדאָווקע" האָט ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס איך חבר זיך מיט אַ מיידעלע פון „זשאַבע געסל" אַ קרובה פון „קאפּיצעס". זי איז אַוועק פאַרשעמען דאָס מיידל פאַרוואָס זי האָט צו טאָן מיט „אַ אינגל וואָס איז נאָך פון דער ערד ניט אויפגעוואַקסן — אַ מאַלקי סאָס".

דעם זומער פאַרן פאָרן קיין אַמעריקע בין איך געוואָרן נאָענט מיט אברהם שמואל זוץ, דעם הויפּט אָנפירער פון „בונד".

אברהם שמואל, משה אהרן דעם קצב'ס זון, איז געווען אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט. אין זיין גאָר פריער יוגנט איז די ראיה ביי אים שוואַך געוואָרן. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט מען אים אַזוי שטאַרק געשלאָגן אין גראָדנער טורמע דאָס ער איז כמעט בלינד געוואָרן. ער פלעגט קוים זען. ביי אים האָט זיך געפונען די ביבליאָטעק פון שטעטל און אין דער באַוועגונג איז ער געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען — „נר תמיד". מיט ברוך וולאַדעק איז ער געווען נאָענטע חברים און ווען וולאַדעק איז אין יאָר 1936 געווען אויף אַ באַזוך אין אייראָפּע, איז ער און זיין ברודער דער פּאָעט דניאל טשאַרני, געפאָרן ספּעציעל אין קריניק אים באַזוכן.

אברהם שמואל האָט מיר צוגעשטעלט ביכער און איך פלעג אָפט קומען צו אים אַ היים אַרונטער שישלאָוויצער גאַס האַרט ביים בית עלמין. ער פלעגט מיך אַגיטירן און דערקלערן די באַדייטונג פון סאָציאַליזם און דעם ציל פון די אָרימע און אונטערדריקטע צו אויפשטעלן אַ וועלט וואו עס זאָל הערשן יושר און פרייד.

אברהם שמואל האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסע השפּעה. דורך אים בין איך צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיטן ממשות פון דעם וואָס עס איז אַזוינס סאָציאַליזם.

אין מיין קינדערש־ראָמאַנטישן דמיון איז דאָס אויפגעקומען ווי אַ לערע פון צדקות — אין פּראַזע זיינע איז געוואָרן איינגעוואָקסן אין מיר און איז געגאַנגען מיט מיר און געפירט שפּעטער מיינע טואונגען אין די אויפגע־וואַקסענע יאָרן; „ביי די פרומע כדי צו אָנקומען אין גן־עדן דאַרפסטו שטאַרבן, מיר ווילן אַ גן־עדן שאַפן פאַר די לעבעדיקע".

מיין שפּאַצירן אָפט מיט אברהם שמואל'ן האָט געשאַפן פאַר מיר חשיבות און אָנזען צווישן די אינגלעך וואָס זיינען געווען מיינע נעכטיקע חברים.

איינמאָל אַ באַנאַכט האָב איך מיט אברהם שמואל'ן שפּאַצירט אויפן מאַרק. צופעליק זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען נאָענט פון גאָלאַנד'ס ווייַן גע־שעפט. דאָרטן פלעגן אין די אונטן פאַרברענגען די „באַטשאַלסטוואָ" פון שטעטל.

איך האָב אברהם שמואל'ן געהאַלטן אונטערן אָרעם. מיטאַמאָל האָב איך דערזען ווי דער פּריסטאַוו לאָזט זיך אַרויס פון גאָלאַנד'ס געשעפט און דערנענטערט זיך האַסטיק צו אונז. ער האָט צום ערשטן מיך אַ כאַפּ געטאָן און אָפּגעשטויסן פון אברהם שמואל'ן. מיט אַ רציחה האָט ער זיך אַ נעם געטאָן אים באַטאַפּן די קעשענעס, ווען ער איז מיט אים פאַרטיק געוואָרן האָט ער מיך גענומען באַזוכן.

אָט די סצענע און דאָס באַזוכן, האָט מיך אַרומגענומען מיט אַ מאָדנע ווילדע פרייד; איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן דערהויבן און אין די אייגענע אויגן בין איך מיט אַמאָל אויסגעוואָקסן גרויס, אָנזעעוודיק און וויכטיק.

# אָן אַ זײַ־געזונט

עס האָט דער מאַמען ניט געאַרט וואָס איך האָב זיך אָנגעהויבן האַלטן ווי אַ דערוואַקסענער. פּאַרקערט, עס איז איר געפעלן געוואָרן וואָס איך בין געוואָרן שטיל און „סטאַטעטשנע". זי האָט נאָר געזאָרגט וואָס איך האָב זיך אָנגעהויבן חבר'ן מיט חייקל מוץ, מיין פעטער מאיר'ס חבר. די מאַמע האָט געהאַלטן אַז ער איז נישט קיין לייט.

די באָבע ריווע פלעגט אויפצאַרנען ווען מען האָט איר איבערגעגעבן אַז מען האָט מיך געזען צוזאַמען מיט חייקלען שפּאַצירן צו „פּראָפּיטקע".

צי די באָבע האָט דער מאַמען אויפגעהעצט, צי די מאַמע האָט עס אַליין באַשלאָסן צערייסן מיין חבר'ן זיך מיט חייקלען, ווייס איך ניט. אָן אָוונט ווען איך האָב אים געוואַרט אויף סאָקאָלקער גאַס, נעבן בריקל ביי די גוי'אישע הייזער, איז חייקל אָן רעדן אַ וואָרט צוגעקומען און אָנגעהויבן מיר פּראַסקען.

איך בין געוואָרן מבולבל ניט אַזוי פון די קלעפּ, ווי פון ווייַ וואָס חייקל וועמען איך האָב ליב, פּאַרער, און האָב דעם יראת־הכבוד ווי צו אַן עלטערן חבר — און מיין פעטער מאיר'ס חבר, זאָל אַן אַ פּאַרוואָס מיך שלאָגן.

געוואָלט האָב איך אים געבן צוריק. איך בין אָבער אַנטלאָפן.

די נאַכט בין איך געלעגן אַ צעטראָגענער און פול מיט ווייַ. איך בין איינגעשרומפּן און קליין געוואָרן ווי דער מינדסטער פינגער. מיין זיך האַלטן פאַר אַ גרויסן האָט געפּלאַצט. — איך בין נאָך אַלץ אַ אינגל — וואָלט חייקל מיך גערעכנט פאַר אַ דערוואַקסענעם וואָלט ער דאָך גערעדט צו מיר, ער וואָלט מיר דערקלערט, און געוואָלט איך זאָל זיך פאַרענטפערן.

דאָס וואָס עס איז געשען, האָט מיך אָנגעפילט מיט גרויסן טרויער. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרענדערט און גענומען דער מאַמען אונטעראיילן זי זאָל מיר וואָס גיכער אָוועקשיקן קיין אַמעריקע.

די מאַמע האָט מיך אַליין ניט געוואָלט לאָזן פאָרן. אַחוץ דעם האָב איך געהאַט ניט מערער ווי אַ האַלבע שיף־קאַרט. אָבער עס האָט זיך גראָדע געמאַכט אַז מיין מומע עטל האָט זיך געגרייט פאָרן קיין אַמעריקע, און זי האָט דער מאַמען צוגעזאָגט אַז זי וועט מיך מיטנעמען.

די מומע עטל, אַ ווילדע עגאָ־מאַניאַק, האָט פאַר איר פאַרגעניגן אַלע נאָענטע אויסגענוצט. זי איז געווען אַן איינזעעניש פאַר אירע עלטערן, קרובים, און אַפילו פאָרן מאַן און קינדער.

כדי האַלטן צוגעבונדן צו זיך, פלעגט זי זיך מאַכן קראַנק. וואָכן האָט זי געקענט אָפּליגן אין בעט און זיך לאָזן באַדינען. זי איז געווען פויל און האָט קיינמאָל ניט אויסגעוואַשן קיין געשיר, זי האָט זיך נאָר געשאָפּט מיט די וואָס זי האָט פאַרשקלאַפּט דורכן רחמנות צו אירע כלומרשטע קראַנקהייטן.

איר מאַן, דעם טאַטנס ברודער, אבא יודל, איז איר געווען איבערגעגעבן און זייער געטריי. זי האָט עס אויסגענוצט אויף צעשטערן יעדן ניצוץ פון זיין ווילן און זעלבסטשטענדיקייט.

ביידע משפחות האָבן זיך גוט געקענט אויף עטלען. אירע עלטערן וועלכע זיינען געווען פון די גאָר באַלעבאַטישע משפחות אין שטעטל, האָבן גע־האַלטן די „בראָם" („די בראָם" האָט געהייסן די קראָם וואָס האָט זיך גע־פונען אין „אַנעקס" אָדער דורכגאַנג פון איין זייט מאַרק צום צווייטן). איר פאָטער יאָסל איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם. סיי ער און זיין פרוי זיינען געווען זייער ענערגישע מענטשן.

געהאַט האָבן זיי דריי אָדער פיר טעכטער און איין זון. די טעכטער האָבן אַלע חתונה געהאַט פאַר „זיידענע" יונגעלייט.

איין איידים לעווין, האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן. ער איז געווען דער איינציקער אין שטעטל וואָס האָט פאַרקויפט שרייב־געצייג און ביכער. און האָט אויך געגעבן ביכער צו לייענען אויף „פּראָקאַט".

אַ צווייטער איידים, דער העברייאישער לערער איינשטיין, איז געווען דער הויפּט־אָנפירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין קריניק, און אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין שטאָט־ראַט פון דער קהילה.

דער מומע עטל'ס אַלע שוועסטער זיינען געווען אַרבעטסזאַמע און ענערגישע פרויען. קען זיין ווען עטל האָט אַ מאַן אַ מיט אַ שטאַרקערן כאַראַקטער ווי עס האָט געהאַט דער פעטער, וואָלט זי אפשר ניט פאַרזונקען אין אַזאַ פוילקייט און פאַרגליווערטקייט.

אין דער משפחה איז אַרומגעגאַנגען אַ וויץ וועגן דעם פעטער אבא יודל'ס אונטערטעניקייט צום ווייב. ער פלעגט פאַר איר ראַמען, קאָכן, און איינקויפן. אַזוי ווי זי איז שטענדיק געלעגן אין בעט, האָט ער געוואָלט וויזן זיין געטריישאַפט צו איר.

זי האָט כלומרשט געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסגיין פון בעט זיך צוגרייטן עסן. דער פעטער האָט אָבער ניט געוואָלט זי זאָל זיך מטריח זיין, האָט ער געזאָגט צו איר — „ליג עטעלע, איך וועל דיר מאַכן". ער האָט געמיינט מאַכן עסן. אָבער אין דער פאַמיליע איז דאָס געוואָרן אַ וויץ מיט אַ צווייד־יי־טיקער אָנצוהערעניש.

עטל'ס צוזאָג אַז זי וועט מיך מיטנעמען האָט ניט געהאַט קיין ווערט. דאָס האַרץ האָט איר ניט דערלאָזן צו טאָן אַ טובה.

פלוצים האָט זי געלאָזן וויסן אַז זי פאָרט. די הכנות פאַר מיין רייזע זיינען נאָך ניט געווען פאַרטיק און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט וואַרטן דאָס ביסל צייט ביז איך וועל זיין גרייט. זי האָט נאָר צוגעזאָגט אַז זי וועט אויף מיר וואַרטן אין אַנטווערפּן.

מיין נאַאיווע מאַמע. איך האָב דעמאָלט גע׳טענה׳ט צו איר אַז עטל וועט אויף מיר ניט וואַרטן אין אַנטווערפּן — אויב זי האָט אויף מיר ניט געוואַרט אין קריניק, האָב איך דער מאַמען אויפגעוויזן, וועט זי זיכער אויף מיר ניט וואַרטן אין דער פרעמד. די מאַמע האָט אָבער געהאַט בטחון.

הכנות פאַרן פאָרן האָט מען גענומען מאַכן האַסטיק. די מאַמע איז מיט מיר געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, זען זיך מיט אַ פּרוי אַגענטין וואָס וועט מיך אַריבערפירן דעם גרענעץ. און אויך זיך אונטערזוכן די אויגן ביים באַרימטן אויגן־דאָקטאָר פּינעס.

געזאָלט האָב איך נאָכדעם פאָרן קיין קריניק זיך געזעגענען מיט אַלע אייגענע, נאָענטע, חברים, פריינט, קרובים און די גאַסן פון דער וואונדער־לעכער שטעטל וואו איך האָב געלעבט, זיך דערצויגן און געווילדעוועט.

מיין מאַמעס שוועסטער יענטע, האָט געוואוינט אין אַ שטעטל ניט ווייט פון ביאַליסטאָק האָט די מאַמע מיך געהייסן פאָרן זיך געזעגענען מיט איר שוועסטער. זי אַליין איז צוריק געפאָרן קיין קריניק. אין ביאַליסטאָק האָט זי זיך ניט געקענט פאַרזאַמען. זי האָט איבערגעלאָזן קליינע קינדער אין דער היים.

אַן ערך אַ מעת לעת מיטן אַקס, און אָט זע איך ווידער מיין מומע יענטע. איך האָב זיך געהאַדעוועט מיט איר און זי איז ביי מיר ווי אַ שוועסטער.

דאָס שטעטל וואו יענטעס מאַן האָט איר געבראַכט נאָך דער חתונה, איז גראָ און בלאָטיק. די קרעמל וואָס איז פאַרבונדן מיט דער וואוינונג, שטייט אַ פאַרוויינטע און קוקט אַרויס צו די בלאָטעס וואָס ליגן אָנגעשוואָלן אויפן מאַרק.

אין בלאָטע ביים קרעמל שטייען איינגעזונקען רעדער פון אַ וואָגן אויף וועלכן עס ליגן אומגעהובלטע ברעטער. אַ איד מיט אַ קאָרטענע קאַפּאָטע שטייט אָנגעלענט אויף די ברעטער, קייט אַ שטרוי און קוקט אַ טעמפּער אין חלל אַריין.

דער מומע יענטע׳ס קרעמל בלאָזט מיט פראָסט און פוילקייט. פון אַלע ווינקלען, פון די זעק מעל און צוקער, און פון די האַלב ליידיקע פאַליצעס, שלאָגט פאַרמאַטערטקייט, נאַפט־גערוך און וויסטער אומעט. נאָר ווען דאָס גלעקל וואָס הענגט ביים אַריינגאַנג טיר פון קרעמל צעקלינגט זיך, ווערט אַביסל געריידט די פאַרזשאַווערטע פאַרגליווערונג.

דאָס טויבע טומל פון גלעקל האָט אַרויסגעשיקט דער מומע יענטע מיך מקבל פנים זיין.

זי האָט מיך געטראָגן אַנטקעגן אַ מעבורת׳ן בויך און פאַרשלאָפענע טריט.

איר איז ווינציק אָנגעגאַנגען וואָס איך בין געקומען און וואָס איך פאָר אַוועק ווייט איבער ימים. עפּעס האָבן מיר ווייזט אויסביידע ניט באַנומען אַז איך בין געקומען מיטנעמען מיט זיך יענטע׳ס געשטאַלט וואָס איך וועל שוין מערער קיין מאָל ניט זען.

ווי לאַנג איך בין געווען אין דאָזיקן שטעטל נאַרעווו, געדענק איך ניט. געבליבן איז מיר אָבער די פריידי וואָס איך האָב געהאַט ווען איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן פור וואָס האָט מיך געדאַרפט ברענגען צוריק קיין ביאַלי־סטאָק.

אין ביאַליסטאָק האָט געוואַרט אַ טעלעגראַמע — די מאַמע האָט מיר געלאָזן וויסן אַז איך זאָל קיין קריניק ניט קומען — זי קומט אין ביאַליסטאָק.

די מאַמע האָט געבראַכט די נייעס אַז עטל׳ס עלטערן האָבן פון איר דערהאַלטן אַ ידיעה אַז זי האָט זיך שוין געזעצט אויפן שיף. עטל האָט נאָך אַמל אָפּגענאַרט.

דאָס וואָס עטל איז אויפן וועג קיין אַמעריקע אָן מיר, האָט אינגאַנצן געביטן די הכנות פון מיין נסיעה. די מאַמע האָט פאַרגעלייגט איך זאָל פאָרן צוריק קיין קריניק און וואַרטן ביז מען וועט מיך קענען מיטשיקן מיט אימעצן וואָס פאָרט קיין אַמעריקע.

פאָרן אין קריניק האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט אַז די מאַמע וועט אָפּציען די רייזע. איך האָב איר געדראָט — אויב איך פאָר ניט גלייך, וועל איך אַנטלויפן זי וועט פון מיר קיינמאָל ניט הערן. — די מאַמע האָט געוואוסט אַז איך וועל עס טאָן.

איך בין געבליבן אין ביאַליסטאָק. מיט קיינעם אין קריניק האָב איך זיך ניט געזעגנט; איך האָב פאַרפעלט געבן אַ לעצטן קוק אויף אַלע מיינע אייגענע — מיינע זיידעס און באָבעס וועמען איך האָבן אָנגעטאָן אַזויפיל צער, צרות און עגמת־נפש. מיינע ברידערלעך און שוועסטערל; מיינע מומעס, פעטערס, שוועסטערקינדער; מיינע חברים מיט וועמען איך האָב זיך געשפּילט, גע־שטיפט און געשלאָגן; מיט די שטיינער פון ברוק — מיט אַלץ און אַלעמען נאָך וועמען איך בין שפּעטער פאַרגאַנגען אין ווייטיקדיקער בענקעניש.

די מאַמע האָט טעלעגראַפיש דעם טאַטן איבערגעגעבן פון דעם גאַנצן פּלאַנטער. ער האָט פאַרזאָרגט פאַר מיר אַ גאַנצע שיף־קאַרט און אָנגעזאָגט, אַז ער האָט מיך געמוזט פאַרשרייבן עלטער.

דאָס שטיקל צייט אין ביאַליסטאָק איז פאַר מיר און דער מאַמען געווען אַן אמת׳ע אָפּקומעניש.

זי האָט שוין געוואָלט איך זאָל וואָס גיכער פאָרן — די קינדער אין דער היים האָבן איר ניט געלאָזן רוען — זיי זיינען אַליין און איר האָט זיך גע־דוכט — אויף הפקר. אַחוץ דעם האָב איך איר כסדר געהאַלטן אין שרעק;

איך בין ניט איינגעזעסן — וואו אַ ווינקל אין ביאַליסטאָק בין איך געווען. זי האָט געציטערט טאָמער טרעפט אַן אומגליק מיט מיר.

דער לעצטער טאָג איז אָנגעקומען; באַנאַכט פאַר איך אָפּ קיין גראַיעווע, דאָרטן דאַרף מיך די אַגענטקע איבערנעמען אויף איבערפירן דעם גרענעץ.

איך גיי זיך געזעגענען מיט אַלע באַקאַנטע און קרובים אין ביאַליסטאָק. איך קום אין דער אכסניה וואו קרינקער פאַרפאָרן. דאָרטן טרעף איך חייקל מוץ. איך שטיי צו ער זאָל מיר זאָגן די סיבה פאַרוואָס ער האָט מיך גע־שלאָגן. ער האָט ניט קיין חשק — איך לאָז אים ניט אָפּ — ווערסט דאָך מיך שוין מערער ניט זען — איך וועל קיין מנוחה ניט האָבן אויב דו ווערסט מיר ניט זאָגן פאַר וואָס דו האָסט מיך געשלאָגן!

אַ ווײַלע האָט ער געצעגערט — ער האָט אויסגעזאָגט; די מאַמע איז געקומען אים שטראָפן פאַר וואָס ער חבר׳ט זיך מיט מיר; „ער איז אַ יאַט, האָט זי געזאָגט, ער וועט אַמאָל עפּעס אויספּלאַפּלען פאַר דער פּאָליציי!״

חייקל האָט באַשלאָסן פון מיר זיך אָפּטרייסלען. דער בעסטער אויסוועג איז געווען מיך אָנ׳הרג׳ענען. עס איז אַ גוטער מיטל זיך אָפּטשעפּען פון מיר.

ווען איך האָב זיך דאָס דערוואוסט בין איך שיעור דערשטיקט געוואָרן פון כעס אויף דער מאַמען. ווען איך האָב ביי זיך די פּאַפּירן וואָלט איך אַנטלאָפן און זיך אַפילו מיט איר ניט געזעגנט.

ווען איך האָב דער מאַמען געטראָפן, בין איך געווען אויפגערייצט, זי האָט ניט געקענט באַנעמען וואָס פאַר אַ רוח איז עס אַריין אין מיר.

ווען די דראָשקע איז געקומען אונז פירן צום וואקזאַל, האָב איך פאַר־לאַנגט זי זאָל ניט מיטפאָרן. מיט רוגזה האָט זי מיך אַריינגעשטויסן אין דראָשקע און מיט כוח צוגעהאַלטן — זי האָט מורא געהאַט אַז איך וועל אַראָפּשפּרינגען, און אַנטלויפן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן וואקזאַל, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דאָס קערבל און זיך געלאָזן לויפן צום „ראַגאַטקע״. אַ ווײַלע איז זי מיר נאָכגע־לאָפן. אַ שטיקל וועג אָבער פאַרן טויער וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם וואקזאַל פון די באַנען איז די מאַמע געבליבן שטיין.

מיט שטומקייט און פאַרלייגטע הענט האָט זי נאָכגעפאָלגט ווי איך האָב אַ ריס געטאָן די אייזערנע טיר פון דער „ראַגאַטקע״.

פאַר אַן אויגנבליק האָב איך זיך אַ קער געטאָן — די מאַמע איז גע־שטאַנען פאַרגליווערט מיט די אויגן צוגעשמידט צו מיין רוקן וואָס האָט גע־האַלטן זיך דערווייטערן, איינגעשלונגען צו ווערן פון דער נאַכט און פון רויך וואָס האָט געשלאָגן פון אינדזשין־קוימען.



די מוטער יענטע, דער פעטער אשר און זייערע קינדער

# צו דער ניי־פּרעמדער וועלט

אפילו אַ באַן קען רואיק ניט פאַרלאָזן דאָס אָרט וואו עס שטייט — ער מוז זיך מיט גוואַלט אַ ריס טאָן. אַפילו אַ באַן לאָזט מיט בענקעניש איבער די וואָס זיינען געקומען זיך זעגענען מיט אים. איך אָבער האָב זיך ניט אַ ריס געטאָן, איך בין עפּעס ווי אַ רויך צעגאַנגען.

אין ווי האָב איך נאָר איבערגעלאָזן דער מאַמען שטיין אויף יענער זייט „ראָגאָטקע״ פון ביאַליסטאָקער וואָקזאַל.

אַ לאַנגע צייט, האָט זי מיר שפּעטער דערציילט, איז זי געשטאַנען און געקוקט אין חלל; געשטאַנען אין פאַרווירונג און האָט ניט געקענט געפינען דעם פאָדים וואָס פאַרבינדט מיך מיט איר.

זי האָט געזוכט אַן ענלעכקייט צו מיר אין יעדן איינעם פון איר משפחה. און האָט קיין געשטאַלט ניט געקענט נאָענט מאַכן מיט מיר. — „נאָר אַנגע־רייצטע הינט רייסן זיין לייב״, איז געווען דער שלוס אירער.

דער ווי וואָס אַ קינד, פאַקטיש אַ קינד, לאָזט זיך איינער אַליין אַוועק אין דער וועלט אַריין אַן זועלכע עס איז השגחה, האָט דער מאַמען ניט גע־פייניקט.

זי האָט ניט געוויינט דערפאַר וואָס אירס אַ קינד פאַרלאָזט איר. דאָס געוויין איז געווען פון צער צו זיך — פאַרוואָס איר איז פונקט געקומען די שטראָף פון האָבן אַזאַ קינד.

מיך האָט אויך ניט געאַרט וואָס די מאַמע איז געבליבן שטיין אַ צע־בראָכענע און צעטומלטע ביים ביאַליסטאָקער וואָקזאַל. אַנשטאָט צער און ווי, בענקעניש און ליבשאַפט האָט אין מיר געברענט אַ צאָרן אויף איר פאַרוואָס זי האָט אַנגערעדט חייקל מוצ׳ן קעגן מיר.

די אָרעמע מאַמע מיינע, זי האָט מיך געוואָלט באַשיצן; זי האָט געוואָלט איך זאָל זיך פאַרנעמען אויף די וועגן וואָס פאַסן אַ באַלעבאַטיש אינגל. אַנשטאָט דעם האָט זי גאָר אויפגערייצט אין מיר אַ צאָרן און שנאה.

מיין מאַמע ע״ה, האָט געהאַט די גרויסע מעלה ניט אַריינצופאַלן אין היסטעריקע און אויסערלעך האָט זי געקענט זיך האַלטן רואיק און געלאַסן. זי איז געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי דער טאַטע ע״ה וועלכער איז געווען אַ היציקער און אַן אויפגעבראַוזטער. זי האָט געקענט זיך האַלטן רואיק ווען אַרום איז געווען צערודערונג, דער איינדרוק איז געווען — דאָס צוקאָכט־קייט און כעס אָרן איר ניט. ווען זי פלעגט זען אַז כעס צעוואַקסט זיך

און זי קען אים ניט איינשטילן, איז זי אָפּגעטראָטן און געלאָזן דעם כעס'ן זיך אַליין באַזינען און אָפּקילן.

אויפן וועג צום וואקזאַל האָט זי אינגאַנצן ניט געשענקט קיין שום אַכט צו מיין רציחה און אויפשטורעם. רואיק און געלאַסן האָט זי מיר אָנגע־זאָגט ווי איך זאָל זיך נוהג זיין מיט דער אַגענטקע אין גראַיעווע, רואיק האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ קעשענע דעם קאָנווערט מיט אַלע פּאַפּירן און אַן אָנזאָג וואו איך וועל דאַרפן זיך ווענדן פאַר מיין שיף־קאַרט אין אַנטווערפּן, ווי דער טאַטע האָט באַזאָרגט, ווייל צוליב דעם וואָס די מומע עטל איז אַוועק־געפאָרן אָן מיר האָט מען געדאַרפט די האַלבע שיף־קאַרט בייטן אויף אַ גאַנ־צער.

פאַרטאָג איז די באַן אָנגעקומען אין גראַיעווע. די שטאָט איז נאָך געלעגן אין שלאָף. די פּאַסאַזשירן צעקנייטשטע און אויסגעוואָלגערטע האָבן זיך שלומפּערדיק געשלעפּט מיט די טשעמאָדאַנעס אַרונטער די טרעפּלעך פון באַן. אין סעקונדן איז די מאַסע אויסגעגאַנגען — זי האָט זיך צעטיילט און איז געוואָרן ווי אָפּגעריסענע אברים פון אַ גוף. יעדן באַזונדער אבר האָבן איזוואָשטשיקעס געזוכט צו פאַרכאַפּן פאַר זיך.

מיין קלאַפּן אין טיר פון דער אַגענטקע האָט אויפגעריסן די שטילקייט אויף יענער זייט. עס האָבן זיך דערהערט טריט וואָס זיינען געגאַנגען איבער־גוואַלט און אַ צעשויבערט קול האָט מיט בייזקייט געוואָלט וויסן: „קטאָ טאַם ?!"

דער דערקען־צייכן איז געווען: „די אַרבולקע איז געפאַלן"! (אין אונזערע געגנטן האָט מען אַ האַרבאַטן גערופן אַרבול. „אַרבולקע" איז געווען לשון נקבה).

אַ בייזע און פאַרקרימטע אידענע האָט האַסטיק מיך אַריינגעשלעפּט אין הויז און אויף גיך פאַרריגלט די טיר. אַביסל אונטערשפּרינגנדיק האָט זי מיך געהייסן איר נאָכגיין.

אין דריטן צימער האָט זי אין אַ ווינקל אויפגעריסן אַ טיר וואָס איז גע־ווען איינגעבויט אין דיל און האָט מיך געהייסן אַרונטערגיין די טרעפּ. אַ שוואַכער פלאַם און עטלעכע צענדליק אויגן אָנגעשטרענגטע און דערשראָ־קענע האָבן מיך אויפגענומען.

דער קעלער איז געווען אַ פאַרזשאַווערטער און אומעטיקער, קיין שפּריץ שיין האָט דאָרטן קיינמאָל ניט געקענט אָנקומען. די עטלעכע אייזערנע שוואַרצע בעטלעך האָבן אויסגעזען ווי איבערגעבליבענע צעפוילטע ציין אין אַ ליידיקן מויל.

אויף די בעטלעך זיינען געלעגן עטלעכע וואַכע מענטשן מיט צעשראָקענע פּנים'ער און אויפגעריסענע אויגן. מיין קערבל אין האַנט האָט זיי באַרואיקט — דאָס איז געווען אַ פאַרזיכערונג אַז אַ נייער מיטוואוינער איז אָנגעקומען און ניט קיין זשאַנדאַר.

אין אַן ערך אַ שעה אַרום האָט אַ שלאָבערדיקע אידענע מיט אַ ריזיקן בויך וואָס האָט זיך געריסן פון איר קלייד ווי אויפגעיוירט טייג, אַריינגע־טראָגן אויף אַ ברודיקן טאַץ אַ בונקע אויפגעקאָכטע וואַסער מיט שוואַרץ ברויט. נאָך דעם פרישטיק האָט זי אַ דריי איינוואוינער פון קעלער זיך גע־הייסן אָנטאָן און מיטגיין מיט איר.

די אַגענטקע האָט ניט געשוואַרצט דעם גרענעץ צופוס. זי האָט אירע קונדן באַזאָרגט מיט פאַלשע פּאַספּאָרטן און מיטן באַן פלעגט זי זיי איבערפירן דעם קורצן שטח פון גראַיעווע צו פּראָסקין, וואָס איז שוין געווען אויף יענער זייט גרענעץ.

מיין נאָמען אויפן פּאַס האָט געדאַרפט זיין: „איטשקע לאַוועגדע". מיט גרויס עקשנות האָט מיך די אידענע געהייסן כסדר חזר'ן — „איטשקע לאַוועגדע, פאַרסט קיין דייטשלאַנד זיך קורירן. פאַרגעס ניט! פאַרגעס ניט! איטשקע לאַוועגדע! איטשקע לאַוועגדע! זאָלסט זיך ניט דערשרעקן, ענטפער גלייך — פאָרסט אין דייטשלאַנד זיך קורירן!".

אויפן דריטן פאַרטאָג, נאָכן פרישטיק פון הייסע וואַסער און שוואַרצע ברויט, האָט מיך די אידענע אַרויסגעפירט אין דרויסן.

איבער צוויי טעג האָב איך קיין טאָג ניט געזען. די פרימאָרגן ליכט האָט פאַרמאַכט די אויגן. די אַגענטקע האָט ניט דערלאָזן פאַרטרייבן די בלינדקייט, אין גרויס איילעניש האָט זי מיך געשטויסן איך זאָל גיין האַסטיקער.

אַ גאַנג פון עטלעכע מינוטן האָט אונז געבראַכט צו אַ זייטיק געסל וואו אַ קוטשער האָט מיט אַ צעפּאַכעטער האַנט געלאָזן וויסן אַז מיר זאָלן זיך צואיילן.

אין וואָקזאַל איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ גלייכע און רואיקע פרוי. זי איז געווען זויבער אָנגעטאָן און האָט זיך געהאַלטן ווירדיק און געלאַסן.

„דאָס איז דיין מאַמע, פאַרגעס ניט", האָט די אַגענטקע אָנגעזאָגט.

ווי אַ פייל פון בויגן זיינען אַפּגעלאָפן די מינוטן; „דו זעסט די ווייסע שטיינער, דאָס איז דער גרענעץ".

איבער די ווייסע שטיינער איז שוין אַן אַנדער וועלט. די עטלעכע ווייסע שטיינער האָבן עס אָפּגעשיידט צוויי וועלטן! נישט מערער ווי עטלעכע ווייסע שטיינער, און עס קומען דיר אַנטקעגן ציכטיקע הייזלעך מיט רויט און גרין אָפּגעפאַרבטע דעכער — און מענטשן — אַנדערע, אויסגעפוצטע, זיי באַוועגן זיך עפּעס גאָר אַנדערש — עטלעכע ווייסע שטיינדלעך — ניט מערער!

„די מאַמע מיינע" האָט מיך צוגעפירט צו אַ הויז גלייך אַרונטער פון באַן.

— „דאָ איז די באַד", האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ הילצערן געביידע.

„די באַד" ווי עס וואָלטן געווען סטאַדעס קרעציקע שאָף, מיט אַזאַ עקל און רציחה האָבן עס די מענטשן אויף דער זייט ווייסע שטיינער זיך פאַרנומען מיט די מענטשן פון יענער זייט ווייסע שטיינער.

די עטלעכע וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען מיט ווייסע רעקלעך, האָבן מיט שרעקלעכער רציחה געוואָרפן די איבערגעלאָפענע.

מיט יעדן באַוועג האָבן זיי שאַרף און ברוטאַל געלאָזן וויסן דאָס זיי עקלט און זיי מיאוס׳ן זיך פון די אַלע מענטשן. אָבער אַפילו מיט די הענטשקעס וואָס זיי האָבן געטראָגן האָבן זיי די מלבושים וואָס מען האָט געהייסן אויסטאָן, געשלעפּט מיט צוויי פינגער.

אין „באָד" האָט די קעלט געביסן די נאַקעטע גופים, די שטרענגקייט און דער ביטול האָט געיאָגט שרעק אין די אומגליקלעכע־גליקלעכע, וואָס זיינען גרייט געווען דורכצוטראָגן אַלע בושות, כדי זיך צו קענען טראָגן ווייטער איבער שטחים וואָס ליגן צעשיידטע און צעטיילטע מיט ווייסע שטיינער און מיט ברויזיקע כוואַליעס.

נאָכן דורכמאַכן די „באָד" האָבן דייטשן מיט גרויסע בייכער, בלויע מונדירן מיט רוישיק מעשענע קנעפּ, היטלען מיט צוויי דאַשיקעס און קיווערס און קליינע שווערדלעך ביי די זייטן, גענומען יאָגן אין די וואַגאָנען אַריין.

דאָס זיינען געווען „פּי טראַנספּאָרט וואַגאָנען". זיצן האָט מען געדאַרפט אויפן דיל; נאָענט צום דאַך איז געווען אַ קליינע עפענונג וואָס האָט געדינט ווי אַ מין ווענטילאַטאָר. אָנגעפּאַקט האָט מען אַזאַ וואַגאָן מיט עטלעכע און פופציק מענער און פרויען צוזאַמען מיט זייער באַגאַזש, קיין אָרט אַפילו אויף שטיין איז ניט געווען, מענטשן זיינען געלעגן אויפגעדרייט; אויסציען די פיס איז געווען אוממעגלעך.

וועמען האָט עס געאַרט די ענגשאַפט און אומבאַקוועמלעכקייט? קיינעם ניט! כמעט אַלע זיינען געווען יונגע בחורים און מיידלעך. די געזאַנגען און די געלעכטערס האָבן פאַרטויבט דעם גערודער פון די באַן־רעדער. אַלע זיינען זיך געוואָרן ליב און נאָענט. די פרייד האָט זיך געגאָסן פון איינעם צום צווייטן און האָט אומגעבראַכט די ענגשאַפט.

אויף אַ סטאַנציע איז מיר עפּעס אַריינגעפלויגן אין אַן אויג. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין בערלין, איז די אויג שוין געווען אינגאַנצן פאַרמאַכט. אין יסורים בין איך אין אַ בערלינער וואָקזאַל וואו מען האָט געוואַרט אויף די באַנען וואָס האָבן געדאַרפט פירן צו די פאַרשיידענע האַפן שטעט, אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַ שטאַרקער שטויס אין בויך האָט מיך אויפגעוועקט, איבער מיר איז געשטאַנען אַ ריזיקער דייטשער זשאַנדאַר און האָט געשטויסן מיטן שפּיץ פון זיין שטיוול אין די זייטן און אין בויך; „אוף דו קליינעס יודע" האָט ער אַריינגעשריען אויף מיין אויפגעקאַרטשעטן גוף. דייטשע מענער און פרויען זיינען געשטאַנען און געלאַכט.

דער דייטשער זשאַנדאַר האָט מיך מיט רציחה ביים קאָלנער אויפגעהויבן

און שטויסנדיק האָט ער מיך אַריינגעוואָרפֿן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע וואו אַ באַן איז געשטאַנען.

וואָס נענטער די באַן איז געקומען צו אַנטווערפּן אַלץ שטאַרקער האָט אין מיר געשטיקט די מורא דאָס מען וועט מיך צוליבן אויג ניט לאָזן פֿאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל און צעוויינט.

אַ בחור׳ל האָט אויף מיר רחמנות געקראָגן. ער האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל פֿון אויג און מיטן שפּיץ צונג האָט ער איר אויסגערייניקט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין אַנטווערפּן איז דאָס אויג שוין געווען כמעט געזונט.

ווי אַזוי מען האָט די אימיגראַנטן איינגעטיילט אין די אַנטווערפּענער האָטעלן ווייס איך ניט. איך געדענק נאָר ווי אַזוי מען האָט מיך מיט נאָך מענטשן געפֿירט איבער די גאַסן. אַלץ האָט זיך געדרייט און געמישט פֿאַר די אויגן; טומל, שטאַרקע באַלייכטונג און געבראַזג פֿון טראַמווייען.

יעדער איינער פֿון אונז איז געווען אויסגעמאַטערט און אויסגעשעפּט און יעדן האָט געצויגן צו רו.

מיר איז אָבער באַשערט געווען ניט צו האָבן קיין רו אַפֿילו אין דער פּרעמד־ווייטער שטאָט און אין אומבאַקאַנטן לאַנד.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין אַנטווערפּן האָט אונז איבערגענומען אַ צעקראָכן אידל מיט איין אויג. גערעדט האָט ער אַ מין אידיש־דייטש. זיין ערשטע עובדא איז געווען צו ווייזן די אימיגראַנטן דעם „אָפּטרעט״. כדי עס זאָל זיך איינקריצן אין זכרון אַז מען דאַרף דעם „אָפּטרעט״ האַלטן ריין און זיך ניט שטעלן מיט די פֿיס, האָט ער אילוסטרירט דורך דעם וואָס ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין היטל און אָפּגעווישט דעם זיץ מיט אים.

איך האָב דאָס היטל אַרויסגעריסן פֿון זיינע הענט און מיט אים גע־נומען פֿירן איבער זיין פּנים. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ רציחה, און האָט מיך גענומען שלאָגן. עס איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל, עטלעכע יונגע בחורים האָבן זיך אָנגענומען פֿאַר מיר און עס האָט געהאַלטן אַז די ערשטע נאַכט אין אַנטווערפּן זאָל זיך אויסלאָזן מיט געשלעגן. דער באַלעבאָס איז אָנגעלאָפֿן, דער טומל איז איינגעשטילט געוואָרן, נאָר די וואָך אין אַנטווערפּן האָט מיר קיין צרות ניט געפֿעלט.

וואָס איז צייט? ווען עפּעס איז איבעריק און שווער און מ׳וויל פֿון דעם אַנטלויפֿן ווערט צייט אַ גרויסער שטראָפֿער און פּייניקער.

די וואָך אין אַנטווערפּן האָט מיך געהאַלטן אין שרעק און אומגעדולד. אַ בחור׳ל וואָס איז שוין געווען אַ תושב אין דעם האָטעל ווייל מען האָט אים ניט אַרויפֿגעלאָזן אויפֿן שיף און ער האָט געמוזט קורירן זיין טראַכאָם אין אַנטווערפּן, האָט זיך מיט מיר אַרומגעפֿירט די וואָך. ער האָט מיך געפֿירט אין דער שיף קאָמפּאַניע צו קריגן מיין שיף־קאַרט און איז בכלל געווען מיין וועג־ווייזער.

מיך האָט אָבער אַנטוועדפן געשראָקן און געוואָרגן מיט מורא. די ריזיקע פערד, און הינטלעך איינגעשפּאַנט אין וועגעלעך האָט מיך רוען ניט געלאָזן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן ווען איך האָב דערזען אַ נעגער, האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין פּאַניקע.

אויף אַן אַנטוועדפענער גאַס האָט פּלוצים מיר אין פּנים אַ שלאָג געטאָן אַ שוואַרצע געשטאַלט. איך האָב זיך דערשראָקן — פּונקט אַנטקעגן מיר איז אָנגעקומען די שוואַרצע געשטאַלט, אין קאָנטראַסט צו דער שוואַרצקייט האָט געריסן זיך אַ ווייסע העמד; אַ ווייסער קאָלנער און אַ ווייסער שניפּס. איך האָב אַרויסגעלאָזן אַ געשריי. די געשטאַלט האָט זיך צעלאַכט און פון מויל אַרויס האָט געבלאַנקט ציין ווייס ווי צוקער.

אָנגעפּאַקט האָט זיך די שיף שבת פרי, מיט טומל, געוויין, ווייבער, קינדער, עלטערע און אַ רירעוודיקע יונגוואַרג. מיר האָבן געדירט די שיף מיט אונזער געזאַנג, פרייד און טומל. ערשט ווען דער ברעג איז שוין געווען אָפּגעשיידט פון אונז האָבן מיר גענומען זיך איינשטעלן אין דער שווימענדיקער וואוינונג.

די צווישנדעק פּאַסאַזשירן זיינען געווען צעטיילט אויף ביידע זייטן פון שיף. אויף איין זייט האָט מען איינגעקוואַרטירט די פרויען און זייערע קינדער און אין צווייטן זייט מענער. די ביידע צעטיילטע מחנות האָט מען ניט דערלויבט זיך צו באַגעגענען. אַז מען האָט געוואָלט איבערגיין צום זייט דעק וואו עס זיינען געווען די פרויען, האָט מען אָדער געדאַרפט אונטער־קויפן אַ מאַטראָז, אָדער מען האָט זיך געדאַרפט דורך גנב׳ענען.

איינגעקוואַרטירט זיינען די פּאַסאַזשירן פון אַ מין געווען אין איין קאַיוטע. — אַ ריזיק קעלער האַרט ביים קעלער וואו עס איז געלעגן די פראַכט.

די איינציקע מעבל אין דעם קעלער זיינען געווען אייזערנע בעטלעך צוגעשמידט אין דער לענג און אין דער הויך איינער צום צווייטן. די בעטלעך זיינען געשטאַנען דריי אין דער הויך די פּיאַיקערע און געשיקטערע האָבן פאַרכאַפּט די סאַמע אויבערשטע בעטלעך. זיי זיינען געווען אויסגעוויילטע דערפאַר וואָס די וואָס זיינען געלעגן אויף די אונטערשטע בעטלעך האָבן געליטן פון די אויבערשטע שכנים ווען ים־קראַנקהייט איז זיי באַפאַלן. דער שטיינערנער דיל האָט געפראָרן די פיס אַפילו דורך די שיך.

סיי דער קלאָזעט און סיי דאָס וואַסער איז געווען אויפן דעק און די קראַנקע פלעגן אָנפילן טשייניקעס וואַסער און עס האַלטן נעבן זיך.

עסן האָט מען געטיילט אויף אַ ריזיקן הילצערנעם טיש אַרום וועלכן עס זיינען געשטאַנען לאַנגע הילצערנע בענק צוגעשמידט צו אייזערנע רערן.

דערלאַנג האָט מען עסן פון אַ צעבער; אַזוי ווי פאַר בהמות.

אַ מאַטראָז האָט געבראַכט דעם צעבער און מיט אַ גרויסן הילצערנעם קאָך־לעפל פלעגט ער אַ וואָרף טאָן דאָס שפּייז. די שפּייז: יעדן טאָג דאָס

זעלבע: אַ שטיקל הערינג ברודיקע זופּ; צעקוועטשטע קאַרטאָפּל און אַמאָל אַ שטיקל שוואַרץ־פּליש, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען ווי מען וואָלט עס געוואַלגערט אין בלאָטע.

די מאַטראָזן זיינען געווען אמת׳ע רוצחים. זיי האָבן באַהאַנדלט די פּאַסאַזשירן זוי זיי וואָלטן געווען אַרעסטאַנטן אָדער געפאַנגענע פון אַ פיינטלעכער מדינה.

אַ מאַטראָז איז אויך באַגאַנגען אַ מאָרד. אַ וואַרשעווער ווייבל וועלכע איז מיט אירע צוויי קינדער געפאָרן צום מאַן אין ניו־יאָרק, איז קראַנק געוואָרן. זי האָט זיך געזעצט אויף די שטיגן וואָס פירן אַרונטער אין דער קאַיוטע, דער מאַטראָז איז אָנגעקומען און אָנשטאָט איר הייסן אים דורכלאָזן האָט ער איר אַ שטויס געטאָן מיטן פוס. זי איז געפאַלן און צעבראָכן דעם שאַרבן.

דער ים איז געווען איר קבר.

פון אַלע פּאַסאַזשירן בין איך געווען צווישן די ווינציקע וואָס האָבן ניט געליטן אויף ים־קראַנקהייט. איך בין אַרומגעגאַנגען די קראַנקע און האָב זיי באַדינט.

מיין גרייטקייט צו העלפן אַלעמען אין דער קאַיוטע האָט מיך נאָענט געמאַכט מיט אַן אָדעסער איד וואָס איז מיט זיינעם אַ אינגל געפאָרן צו קינדער. דער דאָזיקער איד איז געווען זייער אַ געוואַגטער און האָט זיך קעגנגעשטעלט עוולות. איינמאָל האָט ער זיך פאַר מיר אָנגענומען און האָט מיט דעם שיעור ניט געשאַפן אַ פּאַניקע.

איך האָב געבעטן אַ ביסל מערער שפּייז און דער מאַטראָז האָט אָנגענומען אַ פולע לעפל הייסע שפּייז און עס אַ גאָס געטאָן אויף מיר. איך האָב גענומען אויף אים וואַרפן די בלעכענע געשיר. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן מיך צו כאַפּן און דער אָדעסער איד האָט אים פאַרצאַמט. עס איז געוואָרן אַ געשלעג און אַ טומל. צום גליק איז אַן עלטסטער אָנגעלאָפן און פאַרשטילט דעם טומל.

דריי־און־צוואַנציק טעג האָבן די צווישנדעק פּאַסאַזשירן געליטן אויף דער תפיסה. די פרייד פון דערזען די ברעגן פון אַמעריקע איז ניט נאָר געווען די פרייד פון אָנקומען און דעם נייעם לאַנד, נאָר די פרייד פון וויסן אַז מען איז אויסגעלייזט פון דער שיף.

אַ טיפער ערנסט האָט אַרומגענומען יעדן איינעם. יעדער פאַר זיך איז געווען אַריינגעטאָן אין זיינע מחשבות. מען איז אָנגעקומען צו שטיין פאַרן בית־דין. וועט מען געפינען חן? וועט אַלץ גיין כשורה? יעדער האָט געוואוסט אַז דער „קעסל גאַרדן“ איז באַקאַנט ווי „דער אינזל פון טרערן“.

אין שווערער שטילקייט שלעפט זיך יעדער מיט זיין קלומיק אויף די אַלייען פון „קעסל גאַרדן". אָנגעשטעלטע שטייען רואיקע און גיבן באַפעלן אויף צענדליקער לשונות. מענטשן רוקן זיך אין אַ רייע איינער הינטערן צווייטן. מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן און רעקלעך פאַרקאַשערן אויגן דעקלעך און מאַכן מיט קרייד צייכנס אויף די רעקלעך פון די אָפּגע־פּאַרטיקטע.

איך גיי נאָך דעם אַדעסער אידן מיט זיין אינגל. איך זע ווי מען מאַכט אים אַ צייכן ער גיט אַ קוק פול מיט צער אויף מיר, איך וויל צולויפן צו אים. אַן אָנגעשטעלטער פאַרשטעלט מיין וועג און ווייזט מיר אָן צו גיין אַרויף. די טרעפּ פירן מיך אַריין אין אַ שטייג פון גראָבן דראָט. עס רוישט, געשרייען, געוויינען, קושרייען און געוואַלדן.

אַ דיקער מענטש מיט אַ גלאַנציקן פּנים האָט זיך איינגעגעסן אין אַ יונג מיידל און מאַטערט איר מיט פראַגן. זי ראַנגלט זיך מיט אים. ער זאָגט איר שאַרף — „דו זאָגסט ליגן".

אַ באַיאָרנטער, מידער מענטש מיט אַ גרויען פּנים, רופט אויס מיין נאָמען. ער פרעגט געלאַסן און איינגעמאַטערט, איך ענטפער האַסטיק און אימפּעדיק. „דיין טאַטן ווערסטו דערקאַנען?" — יאָ, אָט איז ער. אַנטקעגן, אויך פון אַ דראָטענעם שטייג דערזע איך דעם טאַטן. „גיי נעם זיך אַרום מיטן טאַטן". איך בויג זיך איין צום קערבל, די מיידל ראַנגלט זיך נאָך אַלץ מיטן דיקן מענטשן, מיט אַמאָל טרעט ער אָפּ פון איר, זי שטורעמט אַרויס מיט אַ געשריי טוט זיך אַ כאַפּ ביים קאָפּ און פאַלט אַוועק.

— „וואָס איז מיט איר?" „מען האָט איר פאַרהאַלטן, זי האָט געזאָגט ליגן" זאָגט אַזוי אגב אורחה דאָס אויסגעלאָשן קול פון איינגעמוטשעטן מענטשן.

דער טאַטע האַלט שוין אין האַנט מיין קערבל, ער פירט מיך צו די אַספאַלטענע שטעגן פון די אַלייען, עס יאָגט מיך דער געשריי פון מיידל, זי ליגט אויסגעצויגן, איר פּנים ווערט געלער און איינגעשרומפּענער.

אַרום מיר און נעבן מיר רוישט מיט פרייד, מענטשן האַלטן זיך אַרומגענומען, טוליען זיך. און רעדן מיט איינזעעניש און ליבשאַפט. די גע־בײדע פון וואַנען מיין טאַטע האָט מיך אַרויסגעפירט ווערט ווייטער און ווייטער אָפּגערוקט. — „דאָס שיפל זאָגט מיר דער טאַטע אָן, ברענגט אונז גלייך קיין ניו־יאָרק".

## אין צוגרייטונג דעם צווייטן טייל פון יאָסל קאָהנ׳ס אויטאָביאָגראַפיע

די וואָס ווילן מעגלעך מאַכן די אַרויסגעבונג פון דער וויכטיקער און אינטערעסאַנטער אַרבעט, קענען צושיקן זייער ביישטייערונג אָדער אַבאָנאַמענט צום מחבר:


**YOSL COHEN**
**2950 Ocean Avenue**
**Brooklyn 35, N. Y.**


●

## ביכער פון יאָסל קאָהן:

„שטאָט" (לידער), ניו־יאָרק, 1926

„פון יענער זייט ים" (לידער), מאָסקווע, 1931

„קרומע וועגן" (לידער), ניו־יאָרק, 1936

„דער מאָרגן איז אייביק" (לידער און פּאָעמען) ניו־יאָרק, 1948

---

גרייט צום דרוק:

צווייטער טייל אויטאָביאָגראַפישע אַרבעט.
באַנד לידער און פּאָעמען.

## עס קומט אויך אַ האַרציקן דאַנק דער גרופּע טרייד יוניאָן פירער וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט ארויסגעבן דאָס בוך:

טשאַרלעס קריינדלער, אברהם מילער, אברהם שניידער, מישאַ פאַליקמאַן, לואיס היימען, איזידאָר סאַרקין, דזשעק ספּיצער, מאַרטין ל. קאַהן, לואיס רים, דניאל ניסנעוויטש, לואיס דוואַרקין, חיים בעקער, הרב חיים יהודא האָראָוויץ, העראַלד ליפּעל, יוסף בעלסקי, גדליה לעדערמאַן, פּיליפּ באָרים, איזידאָר לעף, בעני לעווין, וויליאַם וואָלפּערט, מאָרים האָרן, נ. כאַנין, בנימין געבינער מאָרים גאָלדאָווסקי, מייק קופּערמאַן, מאָרי קאַלקער, לואיס לאַנגער, א. מענדעלסאָן, מאַקס גאָפּט, פּאָפּהאָוויץ, משה בלומענרייך, דזשאָו גאָלד, ה. בוראַקאָף, נייטען ערליך, הערים האָראָוויץ, הערים רובינסקי, סעם זעלדין, ראובן צוקערמאַן, סעם בוירגער, אברהם הערשקאָוויטש, סאָול זאַלער, דזשעק וויזעלבערג. די יחידים: בעני טראָי, לואיס גאָלדספּינער, בענדזשאַמין שילער, אייזיק העמלין, ישראל סטאָלאַרסקי, מר. און מרס. יוסף סעקס, לואיס שיין (לייבקע נאָסקעס), י. פּאָגעל, הערי מאָרגענשטערן.

# אינהאַלט:

## ערשטער טייל


מיין באָבע ריווע....................... 7
אַ פרעמדע אין שטעטל....................... 13
דער זיידע ווערט אַ שמש....................... 18
קרומע זווגים....................... 23
דאָדיע דער בעקער....................... 29
די פאַרליבטע....................... 35
געצוואונגענער שידוך....................... 40
באַהאַלטענע ליבעס....................... 45
דער סאָלדאַט....................... 50
לידער פון צער און בענקשאַפט....................... 56
אַ שבתביים זיידן....................... 62
דעם זיידנס זמירות....................... 67
צוויי זעלנער אויף אַ בילד....................... 72
דער ערשטער מלמד....................... 76
דעם זיידנס רייד....................... 81
דעם זיידנס בטחון....................... 85
„פּאַפּאַ" איז געקומען....................... 90
די אייניקלעך....................... 95
ריווע און דער זון מיישקע....................... 100
דער טאָכטער יענטעס שידוכים....................... 103
באָמבע שעדיקט מיישקען....................... 107


## צווייטער טייל


דער זיידע יאַנקל בונים....................... 115
איך דערקען דעם זיידן יאַנקל בונים....................... 119
יאַנקל בונים׳ס אָפּשטאַם....................... 124
פּוערים הרג׳ענען מאיר יונה׳ן....................... 129
די עלטער־באָבע ריינע גיטל....................... 134
דעם זיידנס קרובים....................... 140
יאַנקל בונים און די פאַבריקאַנטן....................... 145
ערשטע אַגיטאַטאָרן אין קריניק....................... 150
ערשטער גאַרבער סטרייק....................... 154
סטרייקער לאָזן ניט דאַווענען....................... 160
די גאַס „קאַווקאַז"....................... 165
מיין מומע שרה׳ס מעשיות....................... 171

## דריטער טייל


ק ר י נ י ק ........................ 179
פאַרשווינען און טשיקאַוויסטן ........................ 185
משוגעים און צעדרייטע ........................ 191
פאַרווײַלונגען און שפּילן ........................ 196
נחום אַנשל דער גרעסטער גביר ........................ 201
דער זיידע יאַנקל בונים אַרעסטירט ........................ 206
אַנאַרכיסטן אין קריניק ........................ 210
די גרויסע שׂרפה ........................ 214
דער טאַטע אַנטלויפט פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג ........................ 221
אַרבעטער רעגירן קריניק ........................ 226
סאָלדאַטן אין קריניק ........................ 232
דער פעטער מאיר ........................ 237
ניאַמקע — העלד פון רעוואָלוציע ........................ 242
מיינע מלמדים — איך רוף אַ סטרייק אין חדר ........................ 247
ווילדע מעשׂים ........................ 252
אָנהויב פון דערוואַקסנקייט ........................ 258
דער טאַטע קומט און פאָרט צוריק ........................ 264
דער חלום — אַמעריקע ........................ 271
ערנסטע חברים ........................ 276
אָן אַ זיי־געזונט ........................ 282
צו דער ניי־פרעמדער וועלט ........................ 288